STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06276

NIDHEY YISROEL

Itzhak Ben-Zvi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נדחי ישראל

די פֿאַרוואָגלטע און אויסגעלייזטע שבטים



יצחק בן־צבי

נדחי ישראל

די פאַרוואָגלטע און אויסגעלייזטע שבטים

העברעאישע איבערזעצונג פון

א. ראובני

בהוצאת האחים שולזינגער ניו יורק

תשכ״ג

NIDHEI YISRAEL

The Dispersed Remnants of Israel

by YITZHAK BEN-ZVI

Copyright 1962 *by*
SHULSINGER BROS., NEW YORK

הילע און שער פון פנחס שרון

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

אינהאַלט

אילוסטראַציעס • VII
אַ קאַרטע פון יידישע ישובים אין כעדזשאַז פאַר מוחמדן • X
פון די אַרויסגעבער • XI
אַ הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע • XIII
גלות ישמעאל און דער אויפבוי פון מדינת־ישראל • 1

ערשטער טייל

אַלטע קהילות אין מוסולמענישע לענדער

תימן • 21

באַגינען פון יידישע ישובים אין אַראַביע

פאָרוואָרט • 30

א) די זידלונג פון נבונאיד אין די אָאַזן פון כעדזשאַז • 31
ב) יידן אין אַראַביע פון דער צייט פון ערשטן בית־המקדש ביז דער צייט פון משניות • 32
ג) די טעאָפאָרישע נעמען פון די קעניגן אין דרום־אַראַביע • 34
ד) יידישע שבטים און מדינות אין אַראַביע • 35
ה) נאָכוואָרט • 37

צפון־אַפריקע • 39
די פאַרלוירענע אין לאַנד פון אשור • 48

די בערג־יידן פון קאַווקאַז
דאַגעסטאַן • 58
גרוזיע • 70

די יידן פון בוכאַראַ
א) זייער אָפּשטאַמונג: לעגענדע און געשיכטע • 80
ב) פון דעם נאָענטן עבר • 89
ג) די רעכט פון די בוכאַרער יידן אין איבערגאַנגס־צייט • 95
ד) נאָך דער רעוואָלוציע • 98
ה) דער קאַמף אינווייניק • 104
ו) די בוכאַרער אין ארץ־ישראל • 109

די קרימטשאַקעס: אַ גרויסער עבר און דער חורבן • 112

די גזירות אין פּערסיע
א) דער שמד אין יאָר תקצ"ט (1389) • 123
ב) דער שמד אין מעשהעד • 128
ג) גלות העראַט • 129
ד) די פּורעניות אין סאַלמאַס • 132

צווייטער טייל

סעקטעס

די סעקטע פון שבתי־צבי • 141
די קאַראַאימער:
זייער גורל אין גלות און זייער אומקער אין לאַנד • 149
די שומרונים • 161

דריטער טייל

יידישע טראַדיציעס ביי מוסולמענישע שבטים

די יידן פון חיבר (כייבאַר) • 173
דער לעצטער מאָהיקאַנער • 207

אַפגאַנישע שבטים
א) יידן אין אַפגאַניסטאַן • 212
ב) די טראַדיציעס פון די אַפגאַנישע שבטים; וועגן זייער אָפּשטאַמונג • 218
ג) לעבעדיקע עדות • 225
בני בנימין • 234
גלעד אין פּערסישן גלות • 243
כוואַרעזם און די כאַזאַרן • 250

פערטער טייל

נסיעות אין מזרח־לענדער

א נסיעה קיין פּערסיע • 265
א נסיעה קיין דמשק • 283
אין תימן מיט די עולים • 294
אין עדן • 300

פינפטער טייל

לא יסור שבט מיהודה

לא יסור שבט מישראל. 307
באַמערקונגען • 337

אילוסטראַציעס

טיפּן פון פאַרוואָרפענע יידישע שבטים

ת י מ ן

יידישע טיפּן פון תימן
תימנער תלמידים אין יפו
אַ תימנער טרעגער אין תל־אביב
תימנער גייען פון שול
אַ תימנער משפחה — געפלויגן מיטן „וואונדער־טעפּיך״
אַ תימנער רב
אַן עולה פון עדן (אַדען)
תימנערקעס
כאַבאַנער פליען קיין ארץ־ישראל
אַ תימנער מיידל
אַ תימנער באָבע
אַ תימנער מיידל ביים אויסנייען
אַ תימנער
אַ תימנער אַרבעטער
אַ יונגער ייד אין תימן טראָגט אַ שליסל איבערן אַקסל,
וועי אַ סימבאָל פון זיין אַדעליקן אָפּשטאַם
כאַבאַנער אויפן וועג קיין מדינת ישראל
אַ תימנער רב
אַ תימנער ערדאַרבעטער
כאַבאַנער יידן
אַ תימנער פאַמיליע אין דער היים
אַ תימנער מוטער מיט איר קינד
אַ תימנער פרוי
כאַבאַנער מיט זייער ספר־תורה
תימנער ווייבער
אַ תימנער לערנט זיך פלאַנצן אַ בוים
אַ תימנער חדר: דער רבי מיט זיינע תלמידים
אַ תימנער ייד אין ירושלים
אַ תימנער חתונה
אַ ייד פון חצרמות

אילוסטראַציעס

אַ תימנער
תימנער בלאָזן שופר

פּערסיע

דער קבר פון אסתר און מרדכי אין האַמאַדאַן
אַלטע יידישע אויפשריפטן אויף מצבות פון דעם בית־עולם אין פּערסישן „גלעד"
דער מחבר מיט אַ יידישן „רופא" (אַ הונדערטיעריקער זקן) אין דעמאַווענד
אַ יידישע פרוי פון פּערסיע
אַ פּערסישער ייד וועבט אַ טעפּיך
אַ פאַמיליע פון פּערסישע אנוסים

גרוזיע

אַ גרוזינישער ייד אין ירושלים

קאַווקאַז

אַ קאַווקאַזער ייד

צפון־אַפריקע

אַן אַלזשירער ייד
אַ טוניסער ייד
אַ רב אין מאַראָקאָ
יידישע פרויען פון לוב (טריפּאָליטאַניע)
אַ פרוי פון לוב וועבט אַ טעפּיך
אַ ייד פון לוב
עולים פון צפון־אַפריקע
אַ מאַראָקאַנער מוטער מיט קינדער
יידישע פרויען אין מאַראָקאָ
אַ מאַראָקאַנער ייד פון פּאַריז
אַ מאַראָקאַנער „חכם" (רב)
אַ מאַראָקאַנער ייד
אַ מאַראָקאַנער מיידל
אַ מאַראָקאַנער זיידע מיט אייניקלעך

א י ל וס ט ר אַ צ י ע ס

ב ו כ אַ ר אַ

אַ בוכאַרישע פרוי
אַ בוכאַרישער ייד
בוכאַרער חכמים
בוכאַרער לומדים
אַ בוכאַרער חתונה
בוכאַערער פרויען
בוכאַרישע פרויען ביי אַ שמחה

אַ פ ג אַ נ י ס ט אַ ן

אַן אַפגאַנער ייד
אַ יידישער האַרביים אַפגאַנישן כאַן

ק ו ר ד י ס ט אַ ן

אַ שמש אין סאַנדאָר (קורדיסטאַן)
אַ קורדישער ייד אין מבטחים (אַ מושב־עובדים)
קורדן (ניט־יידן) — בנימיניטן
אַ קורדישע פרוי
אַ קורדישער ייד
עולים פון קורדיסטאַן
ישמעאל אגא
אַ קורדישער ייד פלאַנצט אַ בוים אין די בערג פון ירושלים
אַ קורדישער ייד לאָזט זיך פאָטאָגראַפירן
אַ יידיש מיידעלע פון קורדיסטאַן
אַ קורדישער ייד
אַ קורדישער מיוחס
קורדישע יידן לערנען העברעאיש
קורדישע יידן — ערשט געקומען קיין מדינת ישראל
אַ קורדישע משפחה
קורדישע יידן גייען אַראָפּ פון עראָפּלאַנען אין מדינת ישראל



אַ קאַרטע פון אידישע ישובים (באַצייכנט מיט שטערנדלעך) אין כעדזשאַז פאַר מוחמדן

פון די אַרויסגעבער

מיט אַ געפיל פון אמתער יראת־הכבוד גיבן מיר איצט פאַרן לייענער דאָס ווערק פון נשיא יצחק בן־צבי „נדחי ישראל" אין אידיש (איבערגעזעצט פון עברית דורך דעם באַרימטן בעלעטריסט און פאָרשער א. ראובני — דער ברודער פונעם נשיא בן־צבי). מיר האַלטן פאַר גאָר אַ גרויסן זכות זיין דערלויבעניש פאַר אונזער פאַרלאַג אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן באַנד.

יצחק בן־צבי איז די באַליבטסטע פערזענלעכקייט אין מדינת־ישראל און געניסט אויך פון אַ סך ליבשאַפט אין דער אידישער וועלט בכלל. אָבער צוליב זיין גרויסן רום ווי דער פרעזידענט פון דער אידישער מדינה, ווערט אָפטמאָל פאַרגעסן זיין געשטאַלט ווי אַ גרויסער פאָרשער, וויסנשאַפטלער און ערנסטער שריפטשטעלער. דאָס אַרויסגעבן זיין וואונדערלעך ווערק דאַרף געבן דעם לייענער אין אידיש אַ באַגריף פון יצחק בן־צבי דעם גרויסן געלערנטן, דעם אחריות'דיקן זוכער פון יעדער אידישן ניצוץ אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט, במשך פון אַלע תקופות.

אין דער צייט פון קיבוץ־גלויות און דער אייגענער מדינה איז באַזונדערס וויכטיק צו באַקענען זיך מיט אַלע צווייגן און אָפּצווייגן פונעם אידישן לעבנס־בוים. פון דעם שטאַנדפּונקט איז דאָס ווערק פון אונזער נשיא־ישראל ממש אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון ידיעות, וויסנשאַפטלעכער אינפאָרמאַציע און — טיף־אידישער האַרציקייט און ליבשאַפט.

מיר ווילן דאָ אויך האַרציק דאַנקען אונזער חבר און פריינט ש. באַנטשעק פאַר זיין מי, וואָס ער האָט געבערענגט דעם כתב־יד פון ישראל און אונז פאַרבונדן צוליב דעם מיטן נשיא יצחק בן־צבי. ביי אים איז מקוים געוואָרן דער מגלגלין זכות על ידי זכאי. אונזער דאַנק אויך צום „אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד" פאַר זיין קאָאָפּעראַציע.

מיר דאַנקען פונעם טיפן האַרצן נשיא בן־צבי פאַרן דערמעגלעכן אונז דעם גרויסן זכות און פאַרן קענען פאַרשאַפן דעם אידיש־לייענער אַזויפיל וויסן און הנאה. מיר ווילן אים אונטערטראָגן די דאָזיקע באַשיידענע מתנה מיט אַלע געפילן פון דרך־ארץ און פאַרערונג. זאָל ער זוכה זיין, צוזאַמען מיט אונז, צו אַ צייט פון פולן קיבוץ־גלויות; ווען אַלע „נדחים" — די פאַר־שטויסענע אין אַלע עקן וועלט — וועלן זיך אומקערן צו דער אידישער שויס אין אונזער אייגענער מדינה.

האחים שולזינגר

אלול, תשכ״ב

אַ הקדמה
צו דער
צווייטער אויפלאַגע

דער אינטערעס צום גורל פון די יידישע שבטים אין פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון דער ערד, און צו זייער לעבנסשטייגער, איז נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך ניט נאָר ביי היסטאָריקער, נאָר ביי יעדן יידן. גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק, וועלכע זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייער לאַנד בעת׳ן חורבן פון בית שני, ווי אויך פאַר דעם, און פאַרפלאַנצט אין ווייטע לענדער, האָבן מיטגענומען און אָפּגעהיט אין אַ פרעמדער און פיינט־לעכער סביבה באַזונדערע לעבנספאָרמען, און ניט קוקנדיק אויף אַלע פרעמדע השפעות, מקיים געווען זייער אייגנאַרטיקייט; און עד היום זיינען זיי, אין אַ געוויסער מאָס, אַן אָפּשפּיגלונג פונעם לעבנסשטייגער פון די אבות אבותינו.

נדחי ישראל גיט זיך אָפּ מיט דריי ענינים: א) מיט די אַלטע יידישע

קהילות אין מוסולמענישע לענדער און הינטער דעם „איזערנעם פאַרהאַנג״, קהילות וואָס האָבן אויפגעהאַלטן באַזונדערע טראַדיציעס און לעבנסאַרט, און האָבן ניט געהאַט קיין נאָענטע באַציאונגען מיט יידן אין אַנדערע לענ־דער, ווי למשל די יידן אין תימן, אין קורדיסטאַן, אין בוכאַראַ; ב) מיט קליינע טיילן, וואָס זיינען פאַרשטויסן געוואָרן פון יידנטום און אַנגענומען אַנדערע קולטורן און גלויבונגען; און נאָר רעשטלעך פון זכרונות און מנהגים זיינען ביי זיי געבליבן. איך בין אויסן געוויסע שבטים אין די מדבריות פון אַראַביע, למשל אין חיבר, אין אַפגאַניסטאַן, אין קורדיסטאַן (בני בנימין), אין פרס; און אויך שבטים וואָס געדענקען שוין נישט מער ביי היינטיקן טאָג די יידישע טראַדיציעס פון זייערע אָבות, ווי למשל די כוזרים און די כאַרעזמער. ג) מיט באַזונדערע יידישע סעקטן — אויסערהאַלב דער יידישער געמיינדע — וואָס האַלטן עפּנטלעך זייער גלויבן, ווי די שומרונים און די קראים; און מיט סעקטן אין איסלאַם, וואָס היטן אָפּ יידישע מנהגים באַהאַל־טענערהייט — „דאָנמע״ (די סעקטע פון שבתי צבי) און „ג׳דיד אל־איסלאַם״ (די אנוסים פון משהעד) אין פרס א. ד. ג.

מיט דער גרינדונג פון מדינת ישראל זיינען מאַסן יידן פון די פאַר־וואָרפענע קהילות צוריקגעקומען אינעם לאַנד, פון וועלכן זייערע אָבות זיינען אָפּגעריסן געוואָרן אין אַלטע צייטן, און היינט מאַכן זיי אויס שוין מער ווי אַ העלפט פון די ניי־געקומענע (די צאָל פון די וואָס האָבן איינגעוואַנדערט זינט די מדינה באַשטייט איז איבער אַ מיליאָן פּערזאָנען). אין די לעצטע צוויי־דריי יאָר האָבן זיי אויסגעמאַכט 80־85 פּראָצענט פון אַלע ניי־געקומענע.

אין דעם בוך וועט דער לייענער געפינען בילדער און באַשרייבונגען פונעם כאַראַקטער און אויסזען פון יעדער גרופּע, וואָס שטאַמט פון די מזרח־לענדער און פון די ברעגן פונעם מיטללענדישן ים, זייערע געוואוינהייטן און מנהגים, ווי זיי זיינען באַשטאַנען איידער זיי זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן דורך דער ווירקונג פונעם צוזאַמענלעבן מיט די יידן פון אייראָפּע און אַמע־ריקע, די „אשכנזים״. די פאַרשונג פון די אַלע פאַרשידענע גרופּן העלפט צו פאַרשטיין זייערע גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן. אַזאַ אַרבעט קאָן מען ניט בויען בלויז אויף געשריבענעם מאַטעריאַל. מ׳דאַרף זיך צוקוקן צום לעבן פון די מענטשן; מ׳דאַרף מיטפילן מיט די דאָזיקע פאַרוואָגלטע ברי־דער, וואָס זייער גורל איז אונזער גורל, און אונזער צוקונפט איז זייער צוקונפט.

די מאמרים וואָס זיינען דאָ געזאַמלט זיינען די פּרוכט פון צענדליקער יאָרן פאָרשונגען. דער מחבר איז געשטאַנען אין נאָענטע באַציאונגען מיט די דאָזיקע קהילות און שבטים סיי דאָ, אין ארץ ישראל, סיי אין די לענדער פון וועלכע זיי זיינען געקומען. דורך דער פיליעריקער פאָרשונגס־אַרבעט אויף דעם געביט איז דער מחבר געקומען צום געדאַנק וועגן גרינדן אַן אַנשטאַלט וואָס זאָל זיך ספּעציעל אָפּגעבן מיט פאָרשן די יידישע קהילות אין מיטעלן מזרח. דער אַנשטאַלט (מכון בן־צבי) איז געגרינדעט געוואָרן און איז היינט אַן אָפּטיילונג פון דער אוניווערסיטעט אין ירושלים. אויך נאָכדעם ווי אויף דעם מחבר זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן די הויכע פונקציעס פון אַ פּרעזידענט פון דער מדינה, פירט ער ווייטער, אין אָט־דעם אַנשטאַלט, די אַרבעט פון פאָרשן די יידישע קהילות אין די לענדער פון איסלאַם, סיי פערזענלעך, סיי מיט דער הילף פון וויסנשאַפטלעכע ספּעציאַליסטן.

אין דער ערשטער אויפלאַגע זיינען די מאמרים פאַרעפנטלעכט געוואָרן אָן ענדערונגען; נאָר אין דעם סטאַטיסטישן מאַטעריאַל זיינען געמאַכט געוואָרן געוויסע פאַרריכטונגען. היינט, דורך דעם כסדר'דיקן פּראָגרעס פון מדינת ישראל, האָט זיך די לאַגע געענדערט; על כן האָט דער מחבר געפונען פאַר נויטיק מוסיף צו זיין, אין סוף פונעם ספר, טאַבעלן וואָס וועלן געבן אַ באַגריף וועגן דעם צוזאַמענזאַץ פון דער איינוואַנדערונג וואָס קומט פון גלות ישמעאל און וועגן דעם צוזאַמענזאַץ פון דער באַפעלקערונג אין מדינת ישראל. דער לייענער דאַרף האָבן אין זינען, אַז די צאָלן וועלן זיך ווייטער אויך ענדערן: אַזוי האָפן מיר און אויף דעם וואַרטן מיר. ס'איז נאָך דאָ צוגעקומען דער מאמר: לא יסור שבט מיהודה, וואו ס'ווערט באַטראַכט דער מערקווירדיקער פאַקט פון יידישע מלוכה־שאַפונגען אין גלות, אין פאַרשידענע היסטאָרישע עפּאָכן, און נאָך איניקע אַרטיקלען. אַגב, אין דער אַרבעט ווערן דערמאָנט אויך יידישע שבטים, מיט וועלכע איך האָב ניט באַוויזן אָפּצוגעבן זיך אַנדערשוואו אין בוך, ווי די פאַלאַשאַ פון אַביסיניע און די אַלטע יידישע קהילות אין אינדיע, און אַנדערע. אויך איז צוגעקומען, צום סוף פון בוך, אַ נאָמען־פאַרצייכעניש.

י. בן־צבי

נדחי ישראל / פֿאַרוואָגלטע און אויסגעלייזטע שבטים

גלות ישמעאל
און דער אויפבוי
פון מדינת־ישראל

דער חורבן פונעם יידנטום אין אייראָפּע האָט דערשיטערט אַלע יידן אויף דער וועלט, און באַזונדער טיף האָבן דערפילט די קאַטאַסטראָפע די ספרדים און מזרח־יידן, וואָס געפינען זיך אין גלות ישמעאל. אין דעם גורל פונעם יידנטום אין דער קריסטלעכער אייראָפּע האָבן זיי געזען דעם גורל וואָס זיי האָבן צו דערוואַרטן אין די לענדער פון איסלאַם. אַלע האָפענונגען, וואָס זיי האָבן געלייגט, אין די לעצטע צוויי־דריי דורות, אויף דער

אייראָפּעאישער קולטור, זיינען געוואָרן צו נישט. קיין אויסוועג האָט זיך ניט געזען; די אַלטע יסודות פון זייער לעבן האָבן זיך געשאָקלט, געהאַלטן ביי צעפאַלן ווערן; און פון דער אַנדערער זייט האָט זיי געפעלט די דער־ציאונג צו זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט, צום ציוניזם, צו „אויטאָעמאַנצי־פּאַציע", ווי די וואָס האָט זיך אַנטוויקלט, אין יענע דורות, ביי די אייראָ־פּעאישע יידן.

מיטאַמאָל איז געקומען די בשורה וועגן מדינת ישראל. פאַר די מזרח־יידן (אין די לענדער פון איסלאַם) איז דאָס געווען ווי אַ חלום; זיי זיינען געווען איבערראַשט און צערודערט. ס'איז אַזוי ווי דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן און דאָס בילד פון גאולה האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגן, די אויסלייזונג אויף וועלכער זיי האָבן געוואַרט דור־איין, דור־אויס — אַ חזיון פון משיח'ס צייטן וואָס איז אָנגעקומען „מיט די וואָלקן פון הימל".

און גראָד אין דעם מאָמענט, ווען פאַר די מזרח־יידן האָבן זיך אויפגע־מאַכט די טויערן פון הימל, האָט דאָס אָנגעהויבן צו דונערן און בליצן. אַלע אַראַבישע קעניגן, מיט זייערע אַרמייען, האָבן זיך פאַרזאַמלט און אָנגעפאַלן אויף דער יידישער מדינה אום זי צעשטערן און פאַרניכטן דעם יידישן ישוב. די מזרח־יידן זיינען געוואָרן ווי בני תערובות אין דער מיט פון צעיושעטע פיינטלעכע מאַסן, וואָס זיינען באַהערשט פון נקמה־געפילן.

פּלוצלונג איז אויסגעבראָכן אין מזרח־יידנטום אַ שטורעמדיקע באַוועגונג פון שיבת ציון און פון מאַכן אַן עק צום גלות־לעבן, פּטור־ווערן פון גלות־ישמעאל. די שטרעבונג צו ציון האָט געלעבט אין זיי תמיד; אָבער קיינמאָל אין די טויזנטער יאָרן פון גלות האָט זיך ניט דערוועקט אַזאַ מעכ־טיקע פאָלקס־באַוועגונג; און ס'איז טאַקע ניט געווען איר גלייכן אין אַנדערע גלות־לענדער. אַן אומגעהייערע משיחישע באַגייסטערונג האָט באַהערשט די יידישע גאַס אינעם מוסולמענישן מזרח. די „חיבת ציון"־באַוועגונג, און נאָך דעם דער פּאָליטישער ציוניזם, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין לעצטן פערטל פון פאַריקן יאָרהונדערט, זיינען אויסגעוואַקסן אין אייראָפּע און אין אַנדערע מערב־לענדער; און אין די געגנטן פון איסלאַם זיינען זיי כמעט ניט קאָנטיק געווען. דאָס מזרח־יידנטום איז געווען ווי פאַרגליווערט. אמת, איינצלנע האָבן זיך דערוועקט און אייפעריק געאַרבעט פאַר דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אָבער זיי זיינען געווען ווייניק, „אחד מעיר ושנים ממשפחה"; די מאַסן האָבן זיך ניט גערירט. זיי זיינען געווען ווייט און אָפּגעריסן פון די צענטערס פון

דער באַוועגונג אין אייראָפּע, אָרעם מאַטעריעל און גייסטיק, און קליין אין צאָל אין פאַרגלייך מיטן יידנטום אין די קריסטלעכע לענדער. אָבער ס׳איז געווען נאָך אַ סיבה, אַ הויפּט־פאַקטאָר, וואָס האָט זיי געמאַכט פּאַסיוו. דער גרעסטער טייל פון די מזרח־יידן האָט געוואוינט אין די גרענעצן פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, און אַן אַקטיווע ציוניסטישע באַוועגונג, אַזאַ וואָס טוט פון זיך אָפּ דעם שלייער פון רעליגיע, וואָלט מען זיכער אויסטייטשן ווי געווענדעט קעגן טערקיי, ווי אַ ווידערשפּעניקונג און אַ מרד במלכות. און די אָטאָמאַנישע יידן האָבן געזעען פון דער נאָענט דעם סוף פון די גריכן, די בולגאַרן און די סערבן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער אַלטער טערקיי, בעת זייערע ברידער זיינען אויפגעשטאַנען אין זייערע לענדער. די אָטאָמאַנישע יידן האָבן געקענט די לאַגע פון די אַרמענער, אין צייט פון דער ערשטער מלחמה, פון די קורדן און פון אַנדערע פעלקער אין אַנאַטאָליע, נאָך דעם ווי זיי האָבן געפּרואווט מורד זיין אָדער מ׳האָט חושד געווען אַז זיי פּלאַנעווען אַן אויפשטאַנד. די ציוניסטישע באַוועגונג איז געווען פאַר־דעכטיק אין די אויגן פון דער טערקישער רעגירונג, על כן האָבן זיך די יידן אָפּגערוקט פון איר און געהאַלטן זיך פון דער ווייטן. אַן אויסנאַם איז געווען דער ישוב אין ארץ ישראל; דאָ איז אָנגעגאַנגען אין דער שטיל אַ ציוניסטישע טעטיקייט, צייטנווייז אונטער דער שוץ פון קאָנסולן, פאַרטרע־טער פון פרעמדע רעגירונגען, וואָס האָבן באַשירעמט זייערע יידישע אונ־טערטאַנען.

די עליה קיין ארץ־ישראל, וואָס האָט פאַרגרעסערט דעם יידישן ישוב פון זיבן טויזנט, אין אָנהייב פון 19־טן יאָרהונדערט, ביז הונדערט טויזנט ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז געווען בעיקר אַן אשכנזישע און געשטאַמט פון אייראָפּע. אין אָנהייב פון די פערציקער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט זיינען די אשכנזים געווען מער נישט ווי אַ דריטל פונעם יידישן ישוב, און אין אָנהייב פונעם 20־טן יאָרהונדערט האָבן זיי שוין אויסגע־מאַכט כמעט 70 פּראָצענט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט זיך די באַוועגונג קיין ארץ־ישראל באַדייטנדיק געשטאַרקט און דער ישוב איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. אין דער צייט האָט זיך פאַרגרעסערט אויך דער אָנטייל פון די מזרח־יידן אין דער עליה. אין צאָל האָבן זיי זיך פאַר־מערט, אָבער אין פּראָצענט זיינען זיי אַראָפּ ביז 10־25 פּראָצענט פונעם

ישוב. דאָס איז געשען ווייל די איינוואַנדערונג איז געגאַנגען צו יענער צייט הויפּטזעכלעך פון פּוילן, און שפּעטער פון דייטשלאַנד און עסטרייך, פון רומעניע, אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע אשכנזישע צענטערס. די יידן פון רוסלאַנד האָבן שוין דאַן ניט געקאָנט אַנטייל־נעמען אין דער באַוועגונג מחמת דעם סאָוויעטישן רעזשים.

אַזוי איז געווען די לאַגע ביז די „פּאַראייניקטע נאַציעס" האָבן באַשטימט אויפצוריכטן אַ יידישע מדינה. דער דאָזיקער באַשלוס האָט פאַרענדיקט די מאַנדאַט־עפּאָכע און געעפנט אַ וועג פאַר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט; ער האָט געהייבן דעם מוט ביי די יידן אויף דער גאַנצער וועלט, און ווען ס'איז אָנגעקומען די בשורה אַז די מדינה האָט זיך געגרינדעט, איז דאָס געווען אַ סימן פאַר די יידן אין גאַנצן מזרח אַז די צייט פון אויסלייזונג איז געקומען. באַלד האָבן זיך די אַראַבישע מלוכות צוזאַמענגענומען און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מדינת ישראל. צוגלייך האָבן זיי גענומען מאַכן פּאָגראָמען און אָפיציעלע פאַרפאָלגונגען אויף די יידן אין זייערע לענדער. די שנאה צו יידן, וואָס זיי האָבן געטראָגן אין האַרצן פון אַלעמאָל, איז פאַרשאַרפט געוואָרן — אַ שנאה וואָס שטאַמט פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם, פון האַס צו אַנדערש־גלויביקע, וואָס ציט זיין חיונה און זיין כוח פון דער אומבאַהאָלפנקייט פון די יידן, וואָס זיינען אומעטום אַ שוואַכע מינדערהייט אין זייער מיט; די יידן זיינען טאָלערירט געוואָרן נאָר ווען אַזוי איז געווען דער ווילן פון די הערשער. און ווען די זיבן אַראַבישע מדינות האָבן אַטאַקירט די יידישע מדינה איז אָנגענומען געוואָרן אַ כלל ביי אַלע אַראַבער, אַז די יידן אין אַלע אַראַבישע לענדער זאָלן אָנגעזען ווערן ווי „אַ פינפטע קאָלאָנע", און ס'איז אַ מצוה יאָגן און פייניקן און באַרויבן זיי, און האַלטן זיי ווי בני תערובות. פון דעם פאַקט אַז די נאַציס האָבן געקאָנט מאָרדן אומבאַשטראָפט מיליאָנען יידן אין אייראָפּע, האָבן די ישמעאלים געלערנט אַז זיי קאָנען טאָן דאָס זעלביקע אויך אין אַזיע און אַפריקע, און די „אויפגעקלערטע" וועלט וועט ניט דערשיטערט ווערן און ניט איילן זיך צו ראַטעווען די פאַרפאָלגטע. די הריגה פון די אַרמענער אין טערקיי' אין די צייטן פון עבד אל־חמיד, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, און פון די קריסטלעכע אַשורים אין „מאָדערנעם" איראַק, האָט געשטאַרקט די אַראַבער אין זייער גלויבן, אַז זיי קאָנען טאָן מיט די יידן אין זייערע לענדער וואָס זיי ווילן, און ס'איז ניטאָ קיין סכנה אַז אייראָפּע אָדער אַמעריקע וועט זיך

אַריינמישן. און די יידן אין מזרח האָבן דערפילט, אַז זיי שטייען פאַר דער געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן, און קיין שוץ איז ניטאָ.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, ס׳איז דאָ אַן אונטערשיד אין דער באַציאונג צו יידן צווישן די אַראַבישע לענדער און די מוסולמענישע, ניט־אַראַבישע, וועלכע האָבן זיך ניט אידענטיפיצירט מיט די אַראַבער; ס׳איז אויך דאָ אַן אונטערשיד צווישן די אַראַבישע מדינות וואָס האָבן מלחמה געהאַלטן מיט מדינת ישראל און די וועלכע האָבן בלויז גערעדט פון מלחמה; אָבער זיי אַלע האָבן געמאַכט איין האַנט — אַלע זיינען געווען פאַראייניקט אין ווידער־שטאַנד צום באַשלוס פון די „פאַראייניקטע נאַציעס" צו אַנערקענען די יידישע מדינה. אויך אין ניט־אַראַבישע מוסולמענישע לענדער זיינען די יידן געווען אין אַ סכנה, אָבער ניט אַזוי ווי אין די אַראַבישע. ווייטער איז דאָ אַן אונטערשיד אין דער לאַגע פון די יידן אין די זעלבסטשטענדיקע אַראַ־בישע לענדער און אין די וואָס שטייען אונטער דער פאַרוואַלטונג פון קריסטלעכע רעגירונגען. דאָך הערשן אין די לעצטע די זעלביקע געפילן ווי אין די ערשטע, און זייער אַראַבישע באַפעלקערונג איז גרייט צו יעדער מינוט מאַכן פּאָגראָמען אויף די יידן, זייערע מיטבירגער פון אַלטע צייטן. די גרויס פון דער סכנה פאַר יידן אין די מזרח־לענדער קאָן מען איינטיילן אין דריי גראַדן:

א) פאַר די וואָס געפינען זיך אין די מדינות וועלכע האָבן געפירט מלחמה מיט מדינת ישראל;

ב) פאַר די וואָס לעבן אין די לענדער, וועלכע האָבן זיך אַקטיוו ניט באַטייליקט אין דער מלחמה;

ג) פאַר די וואָס וואוינען אין ניט־אַראַבישע מוסולמענישע לענדער, ווי אויך אין אַנדערע אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע לענדער, וואו ס׳זיינען דאָ אַ סך מאַכמעדאַנער און זיי האָבן אַ גרויסע השפעה.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די אונטערשידן זיינען גאַנץ רעלאַטיווע; צו יעדער צייט קאָן זיך דאָס פייער צעפלאַקערן און איבערטרעטן די גראַדירונגען און די גרענעצן פון מדינות, און ברענגען נייע חורבנות — ווער נאָך ווי דאָס יידישע פאָלק איז געפּרואווט געוואָרן מיט אַזעלכע צרות?

מער פון אַלע זיינען אויסגעשטעלט דער געפאַר פון אַ חורבן די יידן וואָס לעבן אין מיליטאַנטישע אַראַבישע לענדער. אין דער הינזיכט איז גאַר ניטאָ קיין אונטערשיד צווישן אַ „פּראָגרעסיוון" מצרים און אָפּגעשטאַ־

נענע געגנטן אין און אַרום דעם אַראַבישן האַלב־אינזל ; צווישן „ציוויליזירטע״ סיריע, לבנון, איראַק, און פּרימיטיווע סאַודיע און תימן, וואו שקלאַפֿן־האַנדל און קנעכטשאַפֿט זיינען אַ פֿאַרשפּרייטע און געזעצלעכע דערשיינונג. די לאַגע פֿון די יידן האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט דער סאָציאַלער אָרדענונג אין די דאָזיקע לענדער, נאָר מיט גאָר אַנדערע אומשטענדן : ס׳האָבן דאָ געווירקט אַזעלכע פֿאַקטאָרן ווי די השפּעה פֿון איינצלנע פּערזאָנען, יידן און ניט־יידן, די שוצלאָזיקייט פֿון די יידישע מאַסן, די שטעלונג פֿון די אויסלענדישע רעגירונגען און זייער איינפֿלוס. איך האָב זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף סאַודיע און עבר־הירדן — צום גליק איז אין די צוויי לענדער ניטאָ קיין יידישער ישוב און זיי האָבן ניט וועמען צו מאַכן פֿאַר אַ שעיר לעזאזל. פֿאַקטיש זיינען געשטאַנען אין דער גרעסטער געפֿאַר דווקא די יידן אין די „פּראָגרעסיווע״ אַראַבישע מדינות, וועלכע זיינען אויך חברות אין די „פֿאַראייניקטע נאַציעס״ — אין איראַק, אין סיריע, אין לבנון, אין מצרים — צוזאַמען איבער אַ פֿערטל מיליאָן יידן. און טאַקע אין אָט־די לענדער האָבן זיך אָנגעהויבן די ווילדעסטע פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון יידן, ווי נאָר ס׳איז אויסגעבראָכן דער קריג מיט מדינת ישראל, און נאָך פֿריער — באַלד ווי ס׳איז באַקאַנט געוואָרן דער באַשלוס פֿון די „פֿאַראייניקטע נאַציעס״ פֿון 29־טן נאָוועמבער 1947 : מאַסן־אַרעסטן אין סיריע און אין מצרים און אין איראַק — פּאָגראָמען, רויב, פּייניקונגען, תליות. מ׳קאָן זיך פֿאָרשטעלן ווי ס׳האָבן זיך געפֿילט די יידן אין די דאָזיקע לענדער. און דאָן איז געשען אַ גרויסער נס : דער גלענצנדיקער נצחון פֿון ישראל, און מיט דעם די פּאַניקע פֿון די אַראַבער און דאָס אַנטרינען פֿון אַ קנאַפּן האַלבן מיליאָן אַראַבער פֿון די גרענעצן פֿון מדינת ישראל (זיי גיבן אָן פֿאַלש — אַ מיליאָן). אָט־דער נצחון, און די איבערנאַטירלעכע אימה וואָס איז באַפֿאַלן די אַראַבער, האָבן איבערראַשט און צעטומלט זייערע אָנפֿירער, הערשער און קעניגן, אויף אַזוי פֿיל, אַז זיי האָבן שוין ניט געוואַגט אויסצופֿירן דעם פּלאַן פֿאַרניכטן די יידן אין זייערע לענדער לויטן שטייגער פֿון די דייטשע מערדער. נאָך אַנדערע שטאַרקע פֿאַקטאָרן האָבן געווירקט אין דער זעלבער ריכטונג ווי דער נצחון פֿון ישראל און געמאַכט צו־נישט דעם געדאַנק פֿון די אַראַבער וועגן אַן אַלגעמיינער, טאָטאַלער אַטאַקע אויף די יידן : ערשטנס, די שאַרפֿע פּאָליטישע קעגנזאַצן צווישן די פֿאַרשידענע אַראַבישע פֿעלקער, און בפֿרט צווישן זייערע הערשער ; צווייטנס, זייער אָנגעהעריקייט צו די

„פּאַראייניקטע נאַציעס" און פאַקטישע אָפּהענגיקייט פון זיי; און די רעדל־פירער פון די „פּאַראייניקטע נאַציעס" האָבן גראָד דאַן געהאַט אַן אינטע־רעס — פון טעמים אויף וועלכע מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן — מפסיק צו זיין די צוזאַמענשטויסן אין ארץ־ישראל. אַזוי אַרום האָט מען זיך דער־שלאָגן צו אַ וואָפנשטילשטאַנד, און די וואָס האָבן געוואָלט נאָכטאָן די נאַציס, ווי ס'האָבן געפּלאַנעוועט דער ירושלים'ער מופטי און זיין קליקע, האָבן פאַרשפּעטיקט די באַן — און די יידן אין די מאַכמעדאַנישע לענדער האָבן געקאָנט אָפּציען דעם אָטעם.

נאָכן וואָפנשטילשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע אויסוואַנדערונג פון די אַראַבישע לענדער, עפּנטלעך און באַהאַלטענערהייט: עפּנטלעך פון די לענדער, וועלכע האָבן אָפיציעל ניט מלחמה געהאַלטן מיט מדינת ישראל, ווי אויך פון די ניט־אַראַבישע מוסולמענישע לענדער, און שטילערהייט — פון די מיליטאַנטישע מדינות. אַן אויסנאַם איז געווען תימן, וואָס האָט ניט געשטערט די אויסוואַנדערונג פון די יידן, כאָטש זי האָט דערקלערט אַז זי שטייט אין קריג מיט מדינת ישראל, און אויך איראַק, וועלכע האָט זיך געקוואַפּעט אויפן רייכטום פון די באַגדאַדער יידישע גבירים. בדרך כלל האָבן די אַראַבער אָפּגע'ירש'נט דאָס פאַרמעגן פון די יידישע באַפעלקערונגען אין זייערע לענדער.

די עליה פון יענער צייט איז ניט געווען קיין נאָרמאַלע באַוועגונג, פאַרבאַרייטעט, קלאַסיפיצירט, רעגולירט, מיט באַצייטיקער איינטיילונג — ווער קומט פריער און ווער שפּעטער — ס'איז געווען אַ סטיכישע, כאַאָטישע און טאָטאַלע אויסוואַנדערונג, אַ מין „יציאת מצרים". די ערשטע וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין וועג זיינען געווען די יידן פון בולגאַריע. כאָטש בולגאַריע איז אַ קריסטלעכע מדינה, זיינען די דאָרטיקע יידן, נאָך אין פאַריקן דור, מייסטנס געווען טערקישע ספרדים לויט זייער אָפּשטאַמונג און לשון, און געשטאַנען אין נאָענטע באַציאונגען מיט דעם טערקישן יידנטום. 36,000 יידן בערך, 90 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, האָבן פאַרלאָזן בולגאַריע און געקומען קיין ארץ־ישראל. נאָך זיי האָבן זיך אַ ריר געטאָן די יידן פון טערקיי: פון 80,000 זיינען געקומען בערך 35,000, דאָס הייסט 43.5 פּראָצענט. דאַן 8,000 פון יוגאָסלאַוויע, אַ טייל פון זיי ספרדים, און 10,000 פון גריכנלאַנד.

אַ באַזונדערן אָרט אין אָט־דער מאַסן־באַוועגונג פאַרנעמט תימן, וואו

דער יידישער ישוב איז אַלט געווען צוויי מיט אַ האַלב טויזנט יאָר און האָט געציילט — צו דער צייט פון דער אויסוואַנדערונג — איבער 50.000 פּער־זאָנען. כמעט אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן מיטאַמאָל און פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון זייער דורות־לאַנגן גלות און געקומען קיין ארץ־ישראל. און היינט, צוזאַמען מיט די 35.000, וואָס האָבן געמאַכט דעם וועג אין די פריערדיקע יאָרן, און זייער צואוואוקס, איז זייער צאָל געשטיגן ביז אַרום 100.000. נאָך תימן קומט די גרויסע עליה פון צפון־אַפריקע — צוערשט, די גיכע און פולשטענדיקע אויסוואַנדערונג פון טריפּאָלי, לוב. די באַוועגונג פון צפון־אַפריקע גייט נאָך אַלץ ווייטער, מיט הפסקות. און דערווייל איז פאָר־געקומען יציאת איראַק — גלות בבל, וואָס האָט געציילט ביי 130.000 נפשות; און אויך פון פרס (וואו ס'איז געווען בערך 90.000 יידן) האָבן טויזנטער אַנטייל־גענומען אין דער עליה. צוגלייך האָבן גענומען צוריק־קערן די פאַרוואַגלטע יידן פון אַנדערע מזרח־געגנטן — די קליינע קהילה פון אַפגאַניסטאַן, און צענדליקער טויזנטער פון מצרים, פון אינדיע און פון ווייטן אָריענט. ס'איז צו דערוואַרטן, אַז דאָס גאַנצע יידנטום פון צפון־אַפריקע — נאָך היינט מער ווי אַ האַלבער מיליאָן — וועט קומען קיין ארץ־ישראל. מען קאָן זאָגן, אַז דאָס גאַנצע מזרח־יידנטום, וואָס זיצט אויף די בּרעגן פון מיטלמער, „פּאַקט זיך".

ס'איז קלאָר, אַז דאָס דאָזיקע יידנטום, וואָס מיר רופן, צוליב קורצקייט, מזרח־יידן, וועט פאַרנעמען, אין די נאָענטע יאָרן, דעם ערשטן אָרט אין דער עליה: זיי וועלן זיין די ערשטע, אָבער ניט די איינציקע. היינט מאַכן זיי אויס 55%—60% פון דער גאַנצער עליה. די איבעריקע 40%—45% קומען פון אייראָפּע, פון אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער, פון דרום־אַמעריקע א. אַ. וו. מיר וועלן זיך ניט אָפּגעבן דאָ מיט די פּרטים וועגן דער עליה פון די קריסטלעכע לענדער; מיר וועלן זיך אומקערן צו אונזער ענין — די מזרח־יידן. די וועלן קומען, זייער עליה וועט שטייגן — מיט אָדער אָן ציוניסטי־שער אַגיטאַציע; צי מיר וועלן זיך באַמיען זיי פאַרבאַרייטן צו דער עליה, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן אין די אייראָפּייאישע לענדער, צי מיר וועלן דאָס ניט טאָן. אָבער אונזער חוב איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַרבאַרייטן זיי, אַנטוויקלען בא זיי דעם גייסט פון מתנדבים און פּיאָנערן. מיר דאַרפן פאַרשטיין אַז אַ מיליאָן יידן פון גלות ישמעאל וועלן בילדן זייער אַ באַדייטנ־דיקע שיכט, אַ גרונד־שיכט, אין דער געביידע פון מדינת ישראל. אין צווייטן

מיליאָן פון דער יידישער באַפעלקערונג מאַכן אויס די מזרח־יידן אַ העלפט און אין דריטן מיליאָן וועלן זיי מסתמא זיין אַ מערהייט. די מזרח־יידן וועלן זיין אַ וויכטיקער שותף אין בויען דעם יסוד פאַר די קומענדיקע דורות. על כן גייט אונז זייער אָן, ווער און וואָס זיי זיינען — זייער עקאָנאָמי־שער און סאָציאַלער באַשטאַנד און גייסטיק וועזן. מיר טאָרן ניט זיין גלייכ־גילטיק צו דער פראַגע. דאָס איז אַ סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פראַגע, און זי איז זייער אַקטועל. ס׳איז אַ באַקאַנטע זאַך אַז די וואָס קומען צוערשט באַשטימען דעם כאַראַקטער פון אַ מדינה און פון איר שפּעטערדיקער באַ־פעלקערונג; און פונקט ווי די פינף מיליאָנען אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן גע־וואונען זייער פרייהייט און זעלבשטענדיקייט אין קאַמף מיט דער בריטישער קאָלאָניאַלער רעגירונג, האָבן באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דער איצטיקער 180־מיליאָניקער מדינה, אַזוי וועלן אונזערע צוויי ערשטע מיליאָנען, דער היינטיקער ישוב, זיין אַ פורעם פאַר די קומענדיקע דורות — זיי און דער מיליאָן וואָס וועט נאָך צוקומען פון די מזרח־לענדער, און די וויטערדיקע שטראָמען פון דער מערב־וועלט.

דערפאַר ליגט אויף אונז אַ חוב צו טאָן צוויי זאַכן: ערשטנס — און דאָס איז בעיקר צוליב אונז אַליין — דערקענען זיי גענוי, אַט־די ווייטע און פאַרוואָגלטע יידישע שבטים, וואָס וויזן זיך פונ׳ם חושך פון זייערע גלות־לענדער און טרעטן אַריין אין ליכט פון אונזער נייער געשיכטע; צווייטנס, דערציען און צוגרייטן זיי צום פּיאָנערן־לעבן, כדי זיי זאָלן פּייאיק זיין דערפילן די פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע וואָס שטייט זיי פאַר. מיר דאַרפן זען, ווי ווייט מעגלעך, זיי מקרב זיין און פאַרשמעלצן אין אונזער באַנייטן פאָלק. ניט נאָר מענטשלעכקייט און אהבת ישראל פאָדערן דאָס פון אונז, נאָר אויך די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, וואָס זיינען איינע און די זעלביקע באַ אונז און באַ זיי און באַ דער גאַנצער אומה.

מ׳קאָן ניט דערקענען מענטשן אָן ליבע און אַ גוטן ווילן, און אויב אַלע זיינען גליך פון באַשאַפנקייט, ווי ס׳גייט דאָס באַרימטע וואָרט פון אברהם לינקאָלן — אָן אויסטייטש פונ׳ם אַלטן תלמודישן שפּריכוואָרט: „ליב איז דער מענטש ווייל ער איז געשאַפן געוואָרן בצלם אלהים״ — מוזן מיר, קודם כל, אָננעמען דעם כלל, אַז אַלע יידן זיינען גלייך, און קיין אונטער־שיד דאַרף ניט צוגעלאָזן ווערן אויפן גרונד פון אָפּשטאַמונג, געבורטסלאַנד, שפּראַך און קולטור. אַלע יידן זיינען גלייך, אַלע שטאַמען פון איין מקור —

סיי די וואָס האָבן געלעבט צענדליקער דורות אין דער מיט פון די איירא־פּיאישע „קולטור־פעלקער״, סיי די וואָס זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן צווישן ווילדע נאָמאַדן אין אַראַביע, אין מיטל־אַזיע, אין בבל און פּרס, אין די בערג פון קורדיסטאַן. אין מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט אַ טייל יידן זוכה געווען צו באַקומען גלייכע רעכט, אַ טייל — ניט אַלע. אין אַזיע און אַפריקע האָט געהערשט אַ פינצטערער גלות, אַזוי ווי אין מיטלאַלטער. פילע זיינען אומגעקומען און נאָר ווייניקע — סיי אין גלות־אדום, סיי אין גלות־ישמעאל — זיינען ניצל געוואָרן פון די שייטערהויפן פון טאָרקוועמאַדאַ און פון היט־לער מיט זיינע בלוט־הינט.

קוקנדיק אויף צוריק קאָן מען זאָגן אַז באַם סוף פון 18טן יאָרהונדערט איז ניט געווען קיין קאָנטיקער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אונטערשיד צווישן די יידישע מאַסן אין די לענדער פון ישמעאל און אין די לענדער פון די סלאַוון און דייטשן; ערשט אין די לעצטע פינף־זעקס דורות האָט זיך ברייט געמאַכט דער אָפּגרונט; און דאָך, אויך היינט איז דאָס געמיינ־זאַמע צווישן די יידישע שבטים גרעסער און וויכטיקער ווי דאָס וואָס דער־ווייטערט זיי.

מ׳קאָן ניט וויסן וואָס וואָלט געשען ווען דער פּראָצעס פון דערווייטע־רונג וואָלט אָנגעגאַנגען ניט הונדערט און פופציק יאָר, נאָר אַסך, אַסך דורות. ס׳איז אָבער ניט אַזוי: צום גליק זיינען נאָך אַלץ דאָ די הויפּט־עלעמענטן פון אייניקייט — די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, די העברייאישע שפּראַך און קולטור, די האָפנונג אויף אַ צוזאַמענדיקע צוקונפט, דאָס באַוואוסטזיין פונ׳ם געמיינזאַמען יידישן גורל — דעם גורל וואָס האָט דערמאָנט אין אונזער צייט די־יעניקע, וועלכע האָבן דאָס געוואָלט פאַרגעסן, די געמיינזאַמע אָפּשטאַמונג און דאָס היסטאָרישע פאָטערלאַנד, וואָס די מערהייט יידן, צוזייט און צושפּרייט ווי זיי זיינען, האָבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו שטרעבן צוריקקומען.

אין די לאַנגע דורות פון גלות האָבן זיך טאַקע אויסגעבילדעט אין פאָלק ישראל נייע שבטים, וואָס זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן יעדערער פון זיין סביבה; און איצטער, ווען זיי טרעפן זיך ווידער צוזאַמען אין זייער פאָטער־לאַנד, פאַראייניקן זיי זיך און ווערן פון דאָס ניי איין אומה. אין דעם פּראָ־צעס מאַכן זיך בולט די געמיינזאַמע עלעמענטן, און די כוחות פון שאַפונג שטאַרקן זיך איבער די כוחות פון צעשטערונג.

פריער איז די העגעמאָניע אין ארץ־ישראל געווען אין די הענט פון די ספרדים; אָבער אויך זיי זיינען ניט געווען די ערשטע. דער קליינער ישוב, וואָס איז דאָ געווען פאַרן גירוש ספרד, און איידער טערקיי האָט איינגענומען דאָס לאַנד, איז באַשטאַנען מייסטנס פון „מוסתערבים", פון אַראַביזירטע יידן. זיי זיינען דעמאָלסט געווען די מערהייט און האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף די נייע, וואָס זיינען געקומען כסדר פון מזרח און מערב אין די צייטן פון דער איובישער דינאַסטיע און פון די ממלוכ׳ן. די שפּראַך פון די „מוסתערבים" איז געווען אַראַביש. אין 16טן יאָרהונדערט, מיטן שטראָם פון די ספרדישע יידן, וואָס האָבן גערעדט ספּאַניאָליש, איז די העגעמאָניע אַריבער צו זיי. די מוסתערבים האָבן זיך אַסימילירט מיט די ספרדים, און ספּאַניאָליש האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון אַראַביש ביי די היגע יידן און אַנגעהאַלטן דריי־פיר הונדערט יאָר. די ספרדים זיינען געקומען פון אַלע עקן פון דער אָטאָמאַנישער ממלכה און האָבן מיטגעבראַכט אַ שאַפונגסגייסט און אַן איניציאַטיוו. זיי האָבן אויך געפּרואווט נעמען זיך צו ערדאַרבעט. און אין אָנפאַנג פונם 19טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן די עליה פונ׳ם אשכנזישן שבט. די אשכנזים זיינען געקומען פון אַלע עקן פון איראָפּע, בעיקר פון מזרח־איראָפּע: פון פּוילן, פון ליטע, פון רוסלאַנד, פון גאַליציע, פון רומעניע. אין דער צווייטער העלפט פונ׳ם 19טן יאָרהונדערט, נאָך דער קרימער מלחמה, און באַזונדער נאָך דער באַלקאַנישער מלחמה, ווען טערקיי איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און די השפּעה פון די איראָפּייאישע רעגירונגען אין סטאַמבול איז געשטיגן, האָט זיך פאַרגרעסערט די עליה פון איראָפּע. אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן די עליה פון „חובבי ציון", פון די חלוצים פון „ביל״ו"; און דאָן, אין אָנפאַנג פונ׳ם 20טן יאָרהונדערט, די נייע עליות: די ערשטע, די צווייטע, די דריטע.

באַזונדער אַקטיוו אין דער דאָזיקער באַוועגונג איז דאַסמאָל געווען דער רוסיש־פּוילישער צווייג פונ׳ם אשכנזישן שבט. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַ שטיקל צייט נאָך דער מלחמה — ביז די יידן פון רוסלאַנד זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן פון די איבעריקע טיילן פון פאָלק דורך אויסערלעכע אומשטענדן. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די רוסישן יידן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָנטייל נעמען אין דער עליה. און אויך היינט, נאָך דעם ווי ס׳איז אויפגעקומען מדינת ישראל, איז דאָס רוסישע יידנטום איזאָלירט און אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט. צוויי מיט אַ

האלבן אָדער דריי מיליאָנען זיינען דאָרט געבליבן הינטערן „אייזערנעם פאָר־האַנג״, פון יענער זייט סמבטיון. דער קוואַל פונ׳ם רוסישן יידנטום איז צייטווייליק פאַרשטאָפּט, אָפּגעשניטן פון ציוניזם, אָן מעגלעכקייט צו נעמען אַנטייל אין אויפבויען די מדינה — לאָמיר האָפן אַז ניט אויף לאַנג.

ס׳איז געקומען די צייט פונ׳ם פוילישן יידנטום. פון פוילן האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע אימיגראַנטן־וואַנדערונג. אַרום 25% פונ׳ם היינטיקן ישוב שטאַמען פון פוילן. דער רוסישער צווייג האָט זיך פאַרמינערט, און קיין נייע זיינען ניט צוגעקומען. געוויס איז דאָס אַ פאַרלוסט סיי פאַר די רוסישע יידן, סיי פאַרן ישוב בכלל; אָבער פון אַ נאַציאָנאַלן און היסטאָרישן שטאַנדפּונקט קאָן מען דאָס אָנזען ווי אַ מין וואַכטן־אומבייט. די שבטים בייטן זיך, דאָס פאָלק בלייבט. די דייטשע יידן, וואָס זיינען די שטאַרקסטע קאָנקורענטן פון די מזרח־אייראָפּייאישע, האָבן געוואונען באַדייטנדיקע פּאָזיציעס אינעם ישוב; אָבער אין צאָל זיינען זיי געבליבן ווייט הינטער די פּוילישע. די און די זיינען דאָן שווער געטראָפן געוואָרן פונעם גורל און פאַרלאָרן דעם מקור פון זייערע כוחות. גרויסע רעזערוון געפינען זיך איצטער אין די ענגליש־שפּראַכיקע לענדער. קאָן זיין אַז די צוקונפט איז זייערע. ווען איך זאָג: די צוקונפט, בין איך אויסן ניט נאָר דעם המשך פון זייער עקזיסטענץ דאָרט וואו זיי זיינען, נאָר אויך זייער ראָלע אין מדינת ישראל, און קודם כל, אַז זיי זאָלן אַנטייל נעמען אין דער עליה ניט בלויז מיט געלט, נאָר מיט לייב און לעבן — זיי זאָלן קומען אין די צענדליקער און הונדערטער טויזנטער.

דאָן קומט דאָס מזרח־יידנטום. איך מיין ניט דעם ווייטן מזרח און ניט מזרח־אייראָפּע, נאָר דעם „מיטעלן מזרח״ — די יידן וועלכע שטאַמען פון גלות ישמעאל.

מען ציילט זיי ניט אין מיליאָנען און זיי שטייען ניט אויבן־אָן אויפן געביט פון אַלגעמיינער קולטור, אויך ניט פון יידישער קולטור, אָבער זיי זיי זיינען אויסגעוויקט אין יידישקייט, און טראָגן אין זיך פאַרבאָרגענע, דרימלענדיקע כוחות אונטער אַ שיכט פון איבערפלעכלעכער פּרימיטיווקייט און לעוואַנטיניזם, און האָבן הינטער זיך אַן עבר וואָס איז פול מיט מסירות־נפש און קרבנות.

יעדער שבט האָט זיינע טראַדיציעס און זיין גורל.

און די עליה פון איראַק און פּרס, דערמאָנט זי אונדז דען ניט שיבת בבל און די צייטן פון זרובבל, פון עזרא און נחמיה? עס לעבן אין זיי,

אין די דאָזיקע יידן, טראַדיציעס פון צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר, פון די צייטן פון יחזקאל הנביא, פון דניאל און יהושע בן יהוצדוק. ביז די לעצטע יאָרן — ווען זיי האָבן אַלע, אָדער כמעט אַלע, פאַרלאָזן גלות בבל — פלעגן זיי עולה־רגל זיין אין די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער צו זייערע קברים און מצבות אום דאָרט מתפלל זיין. אַזוי איז אויך אין פרס: דאָרט זיינען די יידן עולה־רגל צו די קברים פון אסתר המלכה און מרדכי, אין דער שטאָט האַמאַדאַן (אחמתא) — וועלכע זיי אידענטיפיצירן מיט שושן הבירה — און צום קבר פון נחום האלקושי, אין דער געגנט פון נינוה און אַשור.

די דאָזיקע שבי בבל — וועמענס אָבות האָבן אָפּגעהיט די יהדות־קייט במשך פון טויזנטער יאָרן, אָן אַ הפסק — געדענקען די טראַדיציעס פון סורא און פומבדיתא, די געבורט־ערטער פון תלמוד בבלי און די גאונים; דעם אָרעאַל פון די ראשי הגולה. אָט־די צענטערס אין בבל און פרס האָבן געזען אַ בליענדיק יידיש לעבן אין די צייטן פון די אַכעמענידן, פון די פּארטער און די סאסאנידן, ווי אויך פון די אַראַבישע חליפן — די עבאסידן. דער יידישער ישוב האָט דאָ געשלאָגן טיפערע וואָרצלען ווי אין אַנדערע גלות־לענדער; אויך אויפשטאַנדן האָבן ניט געפעלט. ס׳זיינען געווען מלחמות און געוואַגטע מעשים, ווי ס׳זאָגן דערויף עדות די נעמען פון מר זוטרא און בוסתנאי, און שפּעטער — דער נאָמען פון דוד אַלרואי. דערנאָך זיינען דאָרט אויפגעקומען גרויסע לומדים און משוררים, דענקער און פּראַקטישע טוער, וואָס האָבן פיל אויפגעטאָן אויפן עקאָנאָמישן געביט. זיי האָבן באַהערשט דעם מסחר אין צענטראַל־אַזיע און האָבן געהאַט האַנדלס־באַציאונגען מיט אינדיע און מיט די אַראַבישע לענדער.

טיילן פונעם פּערסישן און בבלישן יידנטום האָבן זיך באַזעצט אין בוכאַרע. אייניקע פון זיי האָבן געהאַלטן הויכע מלוכה־שטעלעס, געווען מיניסטאָרן ביי די מאָנגאָלישע קעניגן און געהאַט אַ באַדייטנדיקע השפּעה אינעם חצר פון גרויסן מאָגול אין אינדיע. אַנדערע האָבן דערגרייכט ביז כינע. אין אונזער יאָרהונדערט זיינען פון די דאָזיקע יידן אַרויסגעקומען אָנגעזעענע פּאָליטיקער און מיניסטאָרן אין ענגלאַנד. גלייכצייטיק איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקע עליה קיין ארץ־ישראל. און דאָ אין לאַנד האָבן זיי געגרינדעט לערן־אַנשטאַלטן, פאַרשטאַרקט דעם אַלטן ישוב אין ירושלים און אין חברון און זיי האָבן אַ חלק אינעם גרינדן פון מוצא, כפר יחזקאל, בית־ספר כדורי, און גאולת הארץ בכלל.

דאָס יידנטום פון פרס ומדי, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט ביז צו בוכאַראַ און אַפגאַניסטאַן און ביז צוביידע זייטן פונעם קאַספּישן ים, און וואָס דורך זיין השפּעה האָבן זיך מגייר געווען די כוזרישע מלכים; דאָס יידנטום וואָס האָט זיך מקריב געווען אויף קידוש השם אין דער צייט פון די גזירות פון עבאַס דעם צווייטן, אין איספּאַהאַן און אין שיראַז, האָט אונז באַרייכערט מיט פּאָעטישע און ליטעראַרישע שאַפונגען אין דער יידיש־פּערסישער שפּראַך. און די אַנוסים פון מעשהעד האָבן אָפּגעהיט באַהאַלטענערהייט זייער יידישקייט ניט ווייניקער ווי די אַנוסים פון היספּאַניע און פּאָרטוגאַל. זיי, די מעשהעדער, זיינען אויך געווען פון די ערשטע עולים אין דער צייט פון דער ערשטער עליה — אין אַנהויב פון די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט — און שוין דעמאָלט האָבן זיי געגרינדעט אַרבעטער־שכונות אין ירושלים, און אַ טייל פון זיי איז אויך געגאַנגען אין די קאָלאָניעס.

דאָ איז דער אָרט צו דערמאָנען נאָך אַ שבט, די קורדישע יידן, „די פאַרלוירענע אין לאַנד פון אַשור", די נאָכקומער און טרעגער פון די טראַ־דיציעס פונעם עלטסטן גלות, גלות שומרון — אַ קליינער יידישער צווייג, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט אין די בערג פון קורדיסטאַן, אָן קיין קאָנטאַקט מיט אַנדערע יידישע ישובים, און האָט באַנוצט אַ באַזונדערן לשון — ביז היינט ריידן זיי אין דער שפּראַך פון אַביי און רב אַשי און זייערע תלמידים, די אויסטייטשער פון תלמוד בבלי; אין אַ שפּראַך וואָס זיי רופן „תרגום־לשון". זיי זיינען דאָרפסלייט, ערד־אַרבעטער, און פילע פון זיי זיינען געווען אונטערדריקט און פאַרשקלאַפט ביי די קורדישע בעקן ביז ס'איז אויפגעקומען מדינת ישראל און ס'איז מקוים געוואָרן די נבואה: „לאמר לאסורים צאו ולאשר בחושך הגלו!" („זאָגן צו די געפאַנגענע: גייט אַרויס! און צו די וואָס זיינען אין פינצטערניש: באַווייזט זיך!"). נאָך פאַר דער מדינה זיינען טויזנטער קורדישע יידן געקומען קיין ארץ ישראל, און אייניקע פון זיי זיינען געווען פון די ערשטע יידישע אַרבעטער אין סג'רה. אָבער מייסטנס האָבן זיי זיך באַזעצט אין ירושלים, אין זיך די אָרעמסטע קוואַרטאַלן, און גע־אַרבעט ווי טרעגער, שטיין־טשעסער, בוי־אַרבעטער, געטאָן די שווערסטע אַרבעטן, און די ווייבער זיינען געווען דינסטן אין באַלעבאַטישע הייזער.

פון זיי און פון אַנדערע עולים פון מזרח איז באַשטאַנען דער אַרבעטער־קלאַס אין ירושלים, אין אַלטן ישוב, אַ ישוב וואָס האָט געלעבט הויפּטזעכלעך פון צדקה און זיך דערווייטערט פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. און אויב די

קורדישע יידן האָבן ניט מיטגעבראַכט קיין געלט און קיין קולטור־אוצרות, האָבן זיי דערפאַר מיטגעבראַכט פלייס און אַרבעטס־פיאיקייט. זייערע חלוצים האָבן געקעמפט אין די רייען פון צבא הגנה, און שפּעטער האָבן זיך פילע פון זיי באַזעצט אין די נייע ישובים, אין „ירושלימער קאָרידאָר" און אין אַנדערע ערטער.

די יידן פון צפון־אַפריקע — פון מאַראָקאָ, אַלזשיר, טוניס און ליביע, וואָס זייער גלות שטאַמט פון די צייטן פון בית־שני — האָבן זיך פאַרשפּרייט ביז אין די אָאַזן פון דער וויסטעניש און ביז אין די בערג פון אַטלאַס. ס'איז געווען אַ צייט ווען זייערע אָבות האָבן זיך געשטעלט בראש פון די בער־בערישע שבטים, אונטער דער פירונג פון דער יידישער קעניגין, דאהיה אל־כאהינה, אין קאַמף קעגן די מאַכמעדאַנער; און אַ צייט שפּעטער האָבן די יידן געגרינדעט אַ זעלבשטענדיקע רעפובליק אין וואַדי דרעה — ביז היינט לעבט דאָרט דער זכרון פון זייער גבורה אין דער מלחמה מיט די אַנגרייפער וואָס זיינען געקומען פון אַראַבישן מדבר. מער ווי זייערע מלחמות זיינען באַקאַנט זייערע ישיבות פון פעס און די נעמען פון רמב"ם און אַלפאַסי.

די יידן פון צפון־אַפריקע האָבן אַ גרויסן חלק אין דער עליה קיין ארץ־ישראל. דער אָנהויב איז געווען אין די צייטן פון די אַיוב'ישע און ממלוכ'ישע הערשער; און נאָך דעם גירוש ספרד איז דער שטראָם פיל געשטיגן. זינט דעם 19טן יאָרהונדערט האָבן די יידן פון צפון־אַפריקע זיך שטאַרק באַטייליקט אין אויפבוי פון ירושלים, יפו, חיפה, טבריה. זיי האָבן זיך גענומען צו ערד־אַרבעט פריער ווי די חובבי־ציון; אייניקע פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין די דערפער שפרעם און כפר יסיף און פאַרשטאַרקט דאָרט דעם יידישן עלעמענט. פון זיי האָבן מיר היינט סוחרים און כלל־טוער, מענטשן מיט העכערער בילדונג, חלוצים, דעפּוטאַטן און אַ מיניסטער. די עליה פון צפון־אַפריקע געפינט זיך נאָך אין די ערשטע שטופן. ס'זיינען דאָרטן דאָ נאָך ביי אַ האַלבן מיליאָן יידן. היינט זיינען די יידן פון מאַראָקאָ איינגעשלאָסן ווי אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער: די דאָרטיקע רעגירונג גיט אַכטונג אַז קיין ייד זאָל ניט קאָנען פאַרלאָזן דאָס לאַנד — טאָמער, חלילה, וועט ער פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָס יידנטום פון צפון־אַפריקע איז רייך מיט כוחות, וואָס זיינען אַזוי נויטיק פאַרן אויפבוי פון אונזער לאַנד. זיכער וועט די עליה פון דאָרטן ווייטער אָנגיין — קודם־כל פון אַלזשיר, וואו די יידן האָבן נאָך באַוועגונגס־פרייהייט; מסתמא אויך פון טוניס — אין לוב איז נאָר געבליבן

א רעשטל פון דער אַמאָליקער יידישער באַפעלקערונג; און אויך די פּאָנאַ־טישע הערשער פון מאַראָקאָ וועלן ניט קאָנען אייביק האַלטן פאַרשפּאַרט א פערטל מיליאָן יידן.

די יידן פון מצרים זיינען אונזערע נאָענטע שכנים. מיר ווייסן ווי גרויס עס איז געווען דער אַנטייל פון די יידן פון קאַיר און אַלעקסאַנדריע אינעם פּראָגרעס פון מצרים, בפרט אין מסחר, אין באַנק־וועזן און אין דער אינדוס־טריע. אונטער דעם היינטיקן יידן־פיינטלעכן רעזשים זיינען שוין מער ווי א העלפט יידן אַוועק פון מצרים. ביי 35,000 זיינען נאָך דאָרטן — ס'איז ניט גרינג אַרויסצורייסן זיך פונעם נאַסערישן „גן־עדן". אָבער אויך זיי וועלן סוף־כל־סוף אַרויסקומען און נעמען אַ טייל אין אויפבוי פון אונעזר פאָטער־לאַנד גלייך מיט אַלע שבטים.

א וויכטיקער עלעמענט אין אויפבוי זיינען די יידן פון טערקיי און פון די באַלקאַנישע לענדער, וואָס שטאַמען אָפּ פון די גולי־ספרד. אין די דורות פון נאָכן גירוש האָבן זיי אַרויסגעגעבן גאונים, געזעצגעבער און פוסקים ווי רבי יוסף קארו און הר"י בירב, גרויסע לערער אין נגלה און נסתר, פּאָעטן, בעלי מליצה, און אויך פּראַקטישע טוער, וועלכע האָבן אַ סך אויפ־געטאָן אין אויפבויען שטעט, אין אינדוסטריע, אין מלאכות, אויפן ים און אויף דער יבשה, באַזונדערס אין סאַלאָניקי. גרויסע פּאָליטיקער פון זיי, ווי יוסף הנשיא און דאָנאַ גראַציאַ, האָבן געלייגט כוחות אויף באַנייען דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, אויפבויען טבריה, באַפעסטיקן דעם ישוב אין צפת און אויפלעבן די ברעגן פון כנרת.

און צו לעצט — די יידן פון תימן, אָט־דער מערקווירדיקער שבט, וואָס האָט אויפגעהיט זיין גייסטיקע גאַנצקייט, זיינע טראַדיציעס פון צייט פון בית שני; טראַדיציעס פון גבורה, זכרונות פון דער יידישער מלוכה אין חמיר (כימיאַר); אַ ווייט־פאַרוואָגלטער שבט, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ פעלז אין ים פון שמד, וואָס האָט באַוועלטיקט אַלע לענדער וועלכע זיינען אַריינ־געפאַלן אין די הענט פון די מאַכמעדאַנער. אין אונזער צייט האָבן מיר זוכה געווען צו זעען ווי אָט־דער גאַנצער שבט האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב פון גלות און זיך צוריקגעקערט אין לאַנד פון די אָבות. ס'איז מקוים געוואָרן די ברכה פון משה רבינו, מיט וועלכער ער האָט געבענטשט דעם שבט יהודה: „שמע ה' קול יהודה ואל עמו תביאנו" (האָרך, גאָט, דעם קול פון יהודה און ברענג אים צו זיין פאָלק).

צום באַדויערן איז גלות־ישמעאל פּאַראַרעמט געוואָרן און איז אַראָפּ פון דער הויכער מדרגה אויף וועלכער ער איז געשטאַנען אין בבל און אין אַנדאַלוזיע. צום טייל איז פאַרגעקומען אַ דערוויטערונג פון די קוואַלן פון יהדות. עם־הארצות און ברעקלעך פון לעוואַנטינישער קולטור, מייסטנס נאָכ־געמאַכט פראַנצויזישע מוסטערן, פאַרנעמט דעם אָרט פון אייגענער ידישער קולטור. צום באַדויערן האָבן די מזרח־יידן ניט געגאַסן ביי אונז אַזאַ אויפ־מערקזאַמקייט ווי, למשל, די יידן פון פוילן. מען האָט זיך ניט אָפּגעגעבן ווי געהעריק מיט דערציען זיי אין אַ פּיאָנערן־גייסט און אַ פאַרשטאַנד און ליבע צום לעבן פון אַרבעט און שאַפן.

מען מוז זיך אָפּגעבן מיט זייער דערציאונג. ווי ווייט מעגלעך, דאַרף מען זעען אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן נאָך אין אויסלאַנד; און אויב ס'איז ניט מעג־לעך — באַלד ווי זיי קומען אָן. אָבער די דערציאונג דאַרף דורכגעפירט ווערן מיט אַ גוטן געמיט, ניט מיט האַרטקייט. בעיקר דאַרף מען אונטערשטרייכן דאָס געמיינזאַמע און ניט די אונטערשידן, וואָס דערוויטערן; ניט זוכן צו שאַפן נייע שטרעמונגען דאָרט וואו זיי זיינען ניטאָ, נאָר געבן אַן איינהייטלעכע דערציאונג, אין וועלכער די מדינה בויטיקט זיך. מיר דאַרפן אַנטוויקלען די שטרעבונג צו איין שפּראַך, צו קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, צו אַ שאַפנדיקער לאַנדווירטשאַפט, צו אַ פרייען דעמאָקראַטישן לעבן אין דער ידישער מדינה. נאָך מער: די דערציאונג דאַרף אויפוועקן אין זיי דעם געזעלשאַפטלעכן זין און מאַכן אַז פון זיי אויך זאָלן אַרויסקומען טוער און פירער. מיר דאַרפן אויפלעבן די פונקען וואָס זיינען ווי אויסגעלאָשן, פאַרעפנטלעכן דאָס וואָס איז געבליבן פון זייער גייסטיקער שאַפונג, ראַטעווען די ווערטן וואָס האָבן אַ באַדייטונג, און זיי באַקאַנט מאַכן. אויב מיר וועלן דאָס טאָן, האָבן מיר גוטע אויסזיכטן אַז אויך דאָס דאָזיקע יידנטום, דאָס יידנטום פון גלות־ישמעאל, וועט אויספירן זיין היסטאָרישע ראָלע אין אויפבוי פון מדינת ישראל. צוליב דעם דאַרפן מיר אויפהאַלטן און באַפעסטיקן די אַנטשטאַלטן וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער פאָרשונג פונעם מזרח־יידנטום, און קודם־כל דאַרפן מיר האָבן אין זינען די דערציאונג פון אונזערע מזרח־ברידער, זייער באַזעצונג און איינוואָרצלונג אינעם ישוב. עס וועט קומען אַ טאָג ווען זיי וועלן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע ידישע שבטים, פאַרן קיום און וואוילשטאַנד פון דער מדינה — ווייל אַלע שבטים זיינען גלייך, אַלע שטאַמען פון איין מקור. יעדע אָפּגעלאָזנקייט אין טאָן

אַט־דעם חוב אונזער מוז ברענגען שאָדן, אין דער צוקונפט, דער מדינה;
און די רעזולטאַטן פון די באַמיאונגען וואָס מיר טוען אַריין היינט אין אונזערע
פאַרלאָזענע ברידער, „האובדים בארץ אשור והנידחים בארץ מצרים״ —
וועלן זיך אַרויסווייזן אין דעם קומענדיקן דור, ווען די אונטערשידן צווישן
„לאַנדסמאַנשאַפט״ און „שבט״ וועלן פאַרגעסן ווערן און וועלן בלייבן אַ
ירושה פון ווייטן עבר.

ערשטער טייל

אַלטע קהילות
אין
מוסולמענישע
לענדער

תימן

מיר ווייסן ניט, ווען האָבן יידן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין אַראַבישן האַלבאינזל. וועגן דעם זיינען דאָ פאַרשידענע לעגענדעס אין די שריפטן פון די אַראַבישע היסטאָריקער פון פאַר טויזנט יאָר. זיי דערציילן, למשל, אַז אין די צייטן פון משה רבינו זיינען געקומען קיין אַראַביע די פאַרשטויסענע, די יעניקע וואָס האָבן ניט אויסגעפירט דעם געבאָט צו פאַרטיליקן אַלע עמלקים אָן אַן אויסנאַם. בעת נבוכדנאצר האָט חרוב געמאַכט דעם

בית המקדש איז געקומען אַ נייער שטראָם פון אויסוואַנדערער. ווײַטער זיינען אַ סך יידן אַנטרונען קיין אַראַביע בעת די פאַרפאָלגונגען פון די סעלדזשוקן.

דאָס אַלץ געהערט צום געביט פון לעגענדע. באַשטימט ווייס מען נאָר, אַז דער יידישער ישוב אין תימן איז אַנטשטאַנען צום סוף פון בית שני, ווען מאַסן יידן האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד מחמת דעם חורבן, און שפּעטער — ווען אַדריינוס האָט דאָס לאַנד ווידער פאַרוויסט. נאָך דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא האָבן פילע אויסגעוואַנדערט קיין תימן, אַ לאַנד וואָס איז דעמאָלט געווען באַרימט מיט טייערע בשמים. די יידן אין ארץ־ישראל, ווי אויך אין חוץ־לארץ, זיינען געווען באַהאַוונט אין די וועגן וואָס פירן קיין תימן, סיי מיט דער יבשה און סיי מיטן ים. ס׳איז באַוואוסט אַז אין דער רוימישער עקספּעדיציע קיין תימן, אונטער דער פירונג פון גאַיוס גאַלוס, האָט אַנטייל גענומען אַ יידישע אָפּטיילונג פון פינף הונדערט מאַן, געשיקט פון הורדוסן. די רוימישע אַרמיי איז אַריינגעדרונגען טיף אין תימן. און כאָטש קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן זיינען פון דער דאָזיקער עקספּעדיציע ניט געווען, האָט זי דאָך פאַרמערט די ידיעות וועגן יענעם ווייטן לאַנד. ס׳איז אַ סברא אַז ניט נאָר פון ארץ־ישראל און אירע אומגעבונגען האָבן יידן געוואַנדערט קיין תימן, נאָר אויך פון דער פּערסישער אימפּעריע, וואָס דער גרויסער בבלישער צענטער פון יידנטום איז דעמאָלט געווען אין אירע גרענעצן. פון פּרס און בבל פלעגן זיי פאָרן דורך באַחריין — אַ גרופּע פון קליינע אינזלען אין פּערסישן ים־בוזעם, לעבן דעם מזרח־ברעג פון אַראַביע. צווישן באַחריין און תימן האָבן עקזיסטירט נאָענטע באַציאונגען, און ס׳איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די יידן פון באַחריין האָבן געפירט אַ האַנדל מיט תימן, און אויך זיך דאָרט באַזעצט. אין חמיר (כימיאָר) — אַזוי האָט תימן דעמאָלט געהייסן — זיינען געווען גרויסע יידישע קהילות שוין אין צווייטן יאָרהונדערט נאָכן חורבן פון בית שני (דריטן יאָרהונדערט לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג). נייע באַווייזן האָט מען אַנטדעקט אין בית־שערים: בעת די אויסגראָבונגען אין צענטראַלן בית־עולם, וואו מ׳האָט מקבר געווען ביז אין אַנהויב פונעם פערטן קריסטלעכן יאָרהונדערט, האָט מען געפונען פיר צימערן, אין וועלכע ס׳זיינען געווען הילצערנע, שטיינערנע און בלייענע קאַסטנס מיט די ביינער פון מתים, וואָס מען האָט געבראַכט פון תימן. אַ גריכישע אויפשריפט אויפן וואַנט האָט געזאָגט בפירוש אַז זיי זיינען „פון מענטשן פון חמיר", דאָס הייסט

פון תימן. און אויף איינעם פון די קברים האָט זיך געפונען אַ מאָנאָגראַם אין דרום־אַראַבישע אותיות: „קול חמיר״, ד. ה. „אַ האָר פון חמיר״. ס׳איז קיין אונטערשיד ניט, אויב מ׳האָט געבראַכט די מתים דירעקט פון תימן (אַ מהלך פון 60־70 טעג פאַר אַ קעמלען־קאַראַוואַן) אָדער פון אַ תימנער האַנדלס־סטאַנציע אין צפון־אַראַביע אָדער אין ים־בוזעם פון אילת. דער פאַקט אַז יידן פון תימן האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרזאָרגן זיך מיט קברים אין בית־שערים איז אַ באַווייז פון דער גרויסקייט און וויכטיקייט פונעם דאָרטיקן ישוב, ווי אויך פון זיין צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל.

קריסטלעכע פראָפּאַגאַנדע האָט גענומען ווירקן אין תימן אין אנהויב פון פערטן יאָרהונדערט, און די קירכן־שרייבער זאָגן, אַז זי האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד די יידן, וואָס זיינען געווען גרויס אין צאָל און האָבן געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף דער באַפעלקערונג און אויף דעם קעניגלעכן הויף. און טאַקע, עס האָבן זיך אָפּגעזוכט אין תימן אויפשריפטן אויף שטיינער, וועלכע באַשטעטיקן אַז צו יענער צייט איז אָנגעגאַנגען אַ פּראָצעס פון מגייר זיין זיך אין דער קעניג־לעכער משפחה און אין די הערשנדיקע קרייזן פון דער מלוכה. אין אנהויב פון זעקסטן יאָרהונדערט זעען מיר אויפן טראָן פון תימן אַ יידישן מלך, יוסף ד׳ו־נואַס (יוסף אַ׳סאר). ער איז געפאַלן אין קריג מיט די קריסטלעכע אַבאַסיניער, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין זיין לאַנד. ניט קוקנדיק אויף די פאַרפאָלגונגען וואָס די יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די קריסטלעכע אָנ־גרייפער זיינען זיי נאָך אַלץ געווען אַ באַדייטנדיקער ישוב בעת דער איסלאַם האָט זיך פאַרשפּרייט אין תימן — און זיינען געבליבן געטריי זייער אמונה. דער איסלאַם האָט אָבער אָפּגעשטעלט די באַוועגונג פון מגייר זיין זיך און האָט אויך געמאַכט אַ סוף צו דער איינוואַנדערונג פון יידן קיין תימן. דער דאָרטיקער יידישער ישוב איז געבליבן געאָגראַפיש אָפּגעשניטן פון אַנדערע יידישע ישובים, און דאָך האָבן זיינע פאַרבינדונגען מיט כלל־ישראל ניט אויפגעהערט. די יידן פון תימן האָבן געהאַט באַציאונגען מיט ארץ־ישראל, מיט מצרים און בבל, און אַלע גייסטיקע שטרעמונגען, וועלכע זיינען אויפ־געקומען אין די דאָזיקע קהילות, האָבן זיי דערגרייכט און געהאַט זייער ווירקונג. די בענקשאַפט נאָך דער גאולה איז תמיד געווען שטאַרק ביי די יידן פון תימן, און נאָך צום סוף פונעם 19טן יאָרהונדערט האָבן דאָרט אויפ־געשלאָגן די לעצטע כוואַליעס פון אַ משיחישער באַוועגונג.

וויפל יידן זיינען געווען אין תימן? וואָס איז געווען זייער מקור? האָבן זיי געשטאַמט פון יידן, אָדער פון איינגעבוירענע וואָס האָבן זיך מגייר געווען?

קיין זיכערן ענטפער אויף די דאָזיקע שאלות קאָנען מיר ניט געבן, ווייל קיין דירעקטע באַווייזן זיינען ניטאָ — נאָר אומדירעקטע. כאָטש ס'איז קיין ספק ניט אַז די קריסטלעכע קירכן־שרייבער האָבן מגזם געווען די צאָל פון די יידן אין תימן און זייער השפעה, דאָך דאַרף מען געדענקען, אַז דווקא חמיר איז באַקאַנט געווען ווי אַ יידישע מדינה. דעם לעבנס־כוח פונעם יידישן ישוב זעען מיר פון זיין געשיכטע. דאָס וועט אונז נאָך קלאָרער ווערן ווען מיר פאַרגלייכן די געשיכטע פון די יידן אין תימן מיט דער געשיכטע פונעם קריסטנטום דאָרט. אַ געוויסע צייט זיינען אויך די קריסטן געווען אַ באַדייטנדיקע שיכט אין דער באַפעלקערונג פון חמיר, און דערצו האָבן זיי געהאַט די אונטערשטיצונג פון צוויי מעכטיקע קריסטלעכע מלוכות: ביזאַנ־טיע און אַבעסיניע. ניט קוקנדיק אויפן דרוק פון ביידע זייטן האָט דער יידישער ישוב אויסגעהאַלטן און עקזיסטירט אין תימן ביז אונזער צייט — בעת פון די קריסטן איז קיין סימן ניט געבליבן.

אין דעם דאָזיקן פאַרגלייך שטעקט אויך אַן ענטפער אויף דער צווייטער פראַגע. אין די שריפטן פון די אַלטע אַראַבישע געלערנטע שטייט געשריבן, אַז דאָס יידנטום איז געווען פאַרשפּרייט ביי די בעדואינער אין דרום־האַלב־אינזל, און אין די צייטן פונעם יידישן קעניג, יוסף ד'ו־נואַס, האָבן זיך מגייר געווען ברייטע קרייזן פון דער באַפעלקערונג; דעריבער האָט מען דערציילט אַז חמיר איז געוואָרן אַ יידיש לאַנד. די שמועה האָט דערגרייכט אַלע קריסטלעכע מדינות, און זי ווערט דערמאָנט פון רבי משה בן עזרא אין זיין ספר „שירת ישראל".

מען דאַרף באַמערקן, אַז די יידן וועלכע זיינען געקומען פון ארץ־ישראל, און מסתמא אויך די פון בבל, זיינען געווען ווי היְיון אינעם לעבן פון תימנער ישוב. זיי זיינען געווען ניט ווייניק אין צאָל, זייער געערט, און אין אַלע פראַגן האָט זייער מיינונג איבערגעוואויגן. אַזוי אַרום האָבן די תימנער יידן געפונען אין זיך דעם כוח בייצושטיין די רדיפות פון איסלאַם און זיינען געטריי געבליבן זייער אמונה.

דער גורל פון די יידן אין דרום פונעם האַלב־אינזל איז געווען אַנדערש ווי דער גורל פון זייערע ברידער אין צפון. דער נביא פון איסלאַם האָט געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן די „ניט־גלויביקע" אין תימן און אין אַנדערע

געגנטן פון אַראַביע: אין מדינה, אין חייבר און אין די פילע יידישע אָאזן אין צפון, האָט ער, און נאָך אים — זיינע יורשים, געהאַנדלט מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט און פאַרניכטעט אַלע יידישע ישובים; אָבער די שליחים וואָס מוכאַמעד האָט געשיקט קיין תימן האָט ער אָנגעזאָגט ניט צו צווינגען די יידן צו שמדן זיך, נאָר באַגנוגענען זיך מיט קאָפּ־שטייער, ווי ס'איז אָנגענומען געוואָרן אין איסלאַם וועגן „עמי הספר", די פעלקער וואָס האָבן פון הימל־געגעבענע געזעץ־ביכער, ד. ה. יידן און קריסטן. צו יענער צייט זיינען געקומען עטלעכע יידן פון תימן אין דער שטאָט מדינה און האָבן אָנגענומען דעם נייעם גלויבן. זיי האָבן געגאָסן אַ סך כבוד אין דער מוסול־מענישער חברה בזכות פון זייער בקיאות אין תנ"ך און אין יידישע פאָלקס־לעגענדן — מיט דער הילף פון די דאָזיקע קענטעניש האָבן זיי באַוויזן אויסצוטייטשן און קלאָר מאַכן געוויסע טונקעלע שטעלן אין דעם קוראַן. דורך די משומדים איז אַריינגעדרונגען אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור פון די מאַכמעדאַנער אַ מאַסע יידישע לעגענדן (אין אַראַביש הייסן זיי איסראַילי־את" — ישראליות). זיי גיבן אונז אַ באַגריף, ווי פאַרשפּרייט עס איז געווען דאָס לערנען ביי די יידן אין תימן צו יענער צייט.

אונטער דער הערשאַפט פון איסלאַם האָט דער אַראַבישער האַלב־אינזל פאַרלוירן זיין פּאָליטישע און מיליטערישע באַדייטונג, און פון תימן איז אַראָפּ די אַמאָליקע גדולה. תימן איז געוואָרן אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין דער אימפּעריע פון די כאַליפן. די ידיעות וועגן דעם וואָס איז דאָרט פאָר־געקומען אין די קומענדיקע פיר הונדערט יאָר זיינען זייער קאַרג, און פון די יידן הערן מיר כמעט גאָר ניט. נאָר אומדירעקט, פון די בריוו פון די בבלישע גאונים, ווייסן מיר אַז ס'זיינען געווען יידישע קהילות אין צעדה (צפון־תימן), אין צנעא (די הויפּט־שטאָט פון תימן) און אין נאָך עטלעכע ערטער.

די הערשאַפט איז דאַן געווען — און איז ביז היינט — אין די הענט פון דער סעקטע פון די זיידים, און דער טיטל פון דעם הערשער איז „אימאַם". די דאָזיקע סעקטע איז אַ כיתה פון די „שיעים", אַנהענגער פון די יורשים פון מוכאַמעד, אַ ריכטונג וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר פאַנאַטישער אומ־טאָלעראַנץ צו אַלע אַנדערש־גלויביקע. אין „איגרת תימן" פון רמב"ם (12טער יאָרהונדערט) הערן מיר אַן אָפּקלאַנג פון די פאַרפאָלגונגען און ליידן פון די יידן אין תימן. פון זיין ענטפער ווייסן מיר אַז די תימנער יידן האָבן דאַן געהאַט פאַרבינדונגען מיט דעם גרויסן יידישן צענטער אין מצרים, און אין

זייער שווערער נויט האָבן זיי געבעטן אַן עצה פון דעם גרויסן גייסטיקן פירער, וואָס זיין נאָמען איז דערגאַנגען צו זיי און איז געווען הויך געערט און געשעצט. דער רמב״ם האָט זיי ניט נאָר געטרייסט און געשטאַרקט — מיט זיין גאַנצער השפעה אין קאַאיר האָט ער זיך משתדל געווען מ׳זאָל דערלייכטערן זייער לאַגע.

אין „ספר המסעות״ פון ר׳ בנימין מטודילא (12טער יאָרהונדערט) ווערן דערמאָנט אויך די יידן פון תימן און עדן (אַדען). אַביסל ידיעות וועגן זיי געפינען מיר אַ סך שפּעטער (אין 15טן יאָרהונדערט) אין די בריוו פון ר׳ עובדיה מברטינורא פון ירושלים.

פון דעם 16טן יאָרהונדערט אָן הערן מיר מער פּרטים איבער דעם גורל פון די תימנער יידן, און דאָס הויפּטזעכלעך אַ דאַנק די חיבורים פון די חכמי תימן פון יענער צייט. אין די שריפטן פון איינעם פון די גרעסטע משוררים אין תימן, ר׳ שלום שבזי, הערן מיר אַ ווידערקול פון די רדיפות אויף יידן אין דער עפּאָכע פון דער טערקישער הערשאַפט דאָרטן (זינט 1546). ווען ס׳איז אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן די טערקן און די אָרטיקע הערשער, די אימאַמען, האָבן די יידן אַ סך געליטן פוןביידע זייטן. אין דער צווייטער העלפט פונעם 17טן יאָרהונדערט איז געלונגען די זיידישע אימאַמען אַראָפּצו־וואַרפן פון זיך דעם טערקישן יאָרך, און באַלד האָבן זיי באַשלאָסן, לכבוד דעם נצחון, אַרויסצוטרייבן די יידן פון צנעא, זייער הויפּט־שטאָט. מען האָט זיי פאַריאָגט צום ברעג ים, אין „תהאמה״, אַ געגנט מיט אַ שטיקנדיק־הייסן, אומגעזונטן קלימאַט, וואָס נאָר נעגער האָבן דאָרט געוואוינט. די אַראַבער פון צנעא האָבן דערוויילע געירשנט די הייזער פון די יידן און געראַבעוועט זייער האָב און גוטס. און ווען מ׳האָט שפּעטער געלאָזט די יידן צוריק־קומען קיין צנעא, האָט מען זיי די הייזער ניט אומגעקערט, און זיי האָבן געמוזט בויען פאַר זיך אַ נייע שכונה, אויסער דער שטאָט. די קינות, אין וועלכע ר׳ שלום שבזי און אַנדערע משוררים האָבן באַקלאָגט יענע גע־שעענישן, זיינען ביי אונז דאָ, און די תימנער יידן זינגען זיי ביזקל הייננטיקן טאָג. אַזוי איז געווען זייער צושטאַנד ביז דער גאולה פון אונזער צייט. אמת, פון צייט צו צייט האָט זיך געמאַכט אַז איינצלנע יידישע משפחות האָבן געפונען חן אין די אויגן פון די הערשער און געגאָסן אַ בעסערע באַהאַנדלונג, ווייל זיי האָבן געבראַכט נוצן דעם אימאַם דורך זייער קענטעניש אין גיסן מטבעות, פירן באַנק־געשעפטן און אין האַנדל מיט אויסלאַנד. ס׳איז אויך פאָרגעקומען,

אַז אַ דאַנק זייער השפעה האָבן צייטווייליק אויפגעהערט די פאַרפאָלגונגען. אָבער דאָס זיינען געווען בלויז קורצע הפסקות, און באַלד פלעגט קומען אַ נייע סדרה פון גזירות און רדיפות. מ׳האָט אויך שטאַרק געליטן פון אומ־גערעטעניש און הונגער — אַן אָפטע צרה אין תימן. די יידן, וואָס האָבן געלעבט פון פעדלעריי און מלאָכות, האָבן זיך געפּלאָגט מער ווי די איינגע־בוירענע, כאָטש די לאַגע פון יענע, אין די הונגער־יאָרן, איז אויך געווען ווייט פון גוט.

ס׳איז קיין וואונדער ניט אַז ביי אַזעלכע אומשטענדן האָט תמיד געלעבט אין די תימנער יידן אַ טיפער גלויבן אין ביאת המשיח, אַ געמיט וואָס האָט פון צייט צו צייט געפונען אַן אויסדרוק אין אַ משיחישער פאָלקס־באַוועגונג. אין „איגרת תימן״ פון רמב״ם ווערט דערמאָנט אַ „משיח״, וואָס האָט זיך באַוויזן אין תימן און געהאָט אַ סך אָנהענגער, און זיין דורכפאַל האָט געבראַכט אַ ביטערע אַנטוישונג דעם עולם. אויך צום סוף פון 17טן יאָרהונדערט האָט זיך געפונען אַ משיח, און אַ סך יידן האָבן אויף אים געלייגט האָפענונגען, גלויבנדיק אַז ער איז טאַקע דער משיח, אָדער, לכל הפחות, אַן אָנזאָגער פון משיח. אין מיטן פונעם 19טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ משיח איינער אַ יהודה בר־שלום, מיטן צונאָמען: שוכר כוחיל. וועגן דער גרויסער אויפרעגונג און דערשיטערונג, וואָס האָט דעמאָלט באַוועלטיקט דעם ישוב אין תימן, הערן מיר פון די יידישע רייזנדער וועלכע האָבן באַזוכט תימן אין יענע יאָרן, באַזונדערס פון ר׳ יעקב ספיר.

מיר האָבן געמאַכט אַ קורצן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון די תימנער יידן פון די ערשטע צייטן ביז אין אונזערע טעג. ס׳איז אָנצונעמען אַז פילע פון די חמירים (כימיאַרים), וואָס האָבן זיך מגייר געווען, האָבן ניט געקאָנט אויסהאַלטן די יסורים, וואָס זיינען געווען באַשערט די אַנדערש־גלויביקע אין אַ מוסולמענישן לאַנד, און זיינען אַריבער אין לאַגער פון די הערשער. אַזוי איז אויך געווען דער סוף פון די קאַזארישע גרים אין דער קאַספישער געגנט — נאָך דעם חורבן פון זייער מלוכה האָבן זיי זיך אַסימילירט מיט די פעלקער פון זייער אומגעבונג, צעגאַנגען אין זיי און אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ווייל דער יידישער עלעמענט איז דאָרטן ניט געווען גרויס. אָבער די יידן אין תימן זיינען געבליבן אַ לעבעדיקער טייל פון יידישן פאָלק, אַ צווייג וואָס האָט ניט פאַרדאַרט און איז ניט פאַרלאָזן געוואָרן אין פאַרלויף פון טויזנט און דריי הונדערט יאָר, פון מוכאַמעד ביז אין אונזער צייט.

דער שבט האָט קיינמאָל ניט פאַרציכטעט אויף זיין אינעווייניקסטער זעלבשטענדיקייט און אויף דער האָפענונג פון דערלייזונג. און איצטער, ווען ס'איז געקומען די צייט פאַר די פאַרשטויסענע צו זאַמלען זיך, איז ער געווען פון די ערשטע פאָלקאָם צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון זיין גלות און צוריקצוקערן אין זייער פאָטערלאַנד.

דורכאויס האָבן די תימנער יידן באַוואַרט זייער נאַציאָנאַלע רעליגיע און אייניקייט. אַ דאַנק זייער היסטאָרישער פּאָזיציע אין תימן פון איין זייט, און דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די אַראַבישע שבטים אין דרום־טייל פונעם האַלב־אינזל פון דער אַנדערער זייט, האָט געקאָנט באַשטיין זייער קהלשע אויטאָנאָמיע. אין זייער ביטערן גלות האָבן זיי מקיים געווען — אויב מיר ווילן איבערניצעווען דעם אויסדרוק פון אחד־העם און אים צופּאַסן צו אונזער ענין — אַ מין „פרייהייט אין קנעכטשאַפט".

באַזונדערס האָט זיך דאָס געמערקט אין דער דערציאונג פון די קינדער. די קינדער האָבן געלערנט תורה און תפילות און מצוות. קיין אַנדערע שולע, אויסער דעם „חדר", וואו ס'האָט געקנעלט מיט זיי דער „מאַרי" (דער רבי), האָבן זיי ניט געקענט. די ערשטע זאַך וואָס מען לערנט אין אַ תימנער „חדר" זיינען תפילות און תורה — אַלץ אויסנווייניק. ווען מען קומט צום לייענען, באַנוצט זיך אַ גאַנצע כיתה מיט איין ספר, און מען געוואוינט זיך צו לייענען אין דעם ספר אויך פון פאַרקערט אָדער פון דער זייט. דעם תנ"ך לייענען זיי פון קינדוויז אָן מיט דער באַזונדערער תימנישער אויסשפּראַך, מיט אַלע ניגונים און טעמים; אויסער דעם לערנען זיי אויף אויסנווייניק תרגום אונקלוס און דעם אַראַבישן תרגום פון רבינו סעדיה גאון.

זיי לערנען משניות און הלכה על־פּי „משנה תורה" פון רמב"ם, און אויך דעם „שולחן ערוך". אין די כתבי־יד פון די תימנער געפינען זיך שירים פון ספרדישע משוררים פון מיטלאַלטער (פון די „דיואַנען") און שירים פון זייערע אייגענע משוררים: ר' זכריה דאהרי, ר' שלום שבזי, ר' אברהם חלפון און אַנדערע. זיי האָבן זייערע באַזונדערע טענץ: צוויי אָדער דריי מענער טאַנצן אין דער מיט פון אַ קרייז, דער עולם שטייט אַרום און העלפט די טענצער מיטן צופּאַטשן מיט די הענט. די ווייבער זינגען תמיד באַזונדער.

דאָס זיינען בלויז איינצלנע שטריכן פונעם לעבנסשטייגער פון די תימנער יידן, אָבער אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ די איינהייטלעכקייט פון דעם דאָזיקן

שבט. אַ גרויסן זכות האָט ער געהאַט — דער גאַנצער שבט איז אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות.

די ערשטע שוואַלבן פון דער עליה פון תימן האָבן זיך באַוויזן אין די אַכציקער יאָרן פון פריערדיקן יאָרהונדערט, אין דער זעלבער צייט וואָס אין רוסלאַנד האָבן זיך דערוועקט די חובבי־ציון און די ביל״ויִם — אַזוי אַרום איז מקוים געוואָרן דאָס וואָרט: „עורי צפון ובואי תימן!״ די ערשטע עולים פון תימן האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים, געטאָן יעדע אַרבעט, געבויט אַ נייע שכונה ביי דעם קוואַל השילוח, מיט דער הילף פון דער חברה „עזרת נידחים״ — וועמען גרינדערס ס׳איז געווען י. ד. פרומקין — און האָבן געלערנט אַלערליי מלאָכות. די עליה פון תימן איז ווייטער געגאַנגען, צו ביסלעך, פינף און צוואַנציק יאָר, „אַזוי ווי די וואַסערן פון השילוח, וואָס גייען פּאַמעלעך״. דאָס איז געווען זייער ערשטע עליה. די צווייטע האָט זיך אויפגעהויבן אין זכות פון שמואל יבנאלי: ער האָט פאַרבראַכט אין תימן אַ פּאָר יאָר, — פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — און האָט געבראַכט די דאָרטיקע יידן די בשורה אַז ס׳איז צייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל כדי צו באַאַרבעטן איר ערד. טויזנ־טער האָבן זיך אָפּגערופן און געקומען — דאָס מאָל קיין יפו, קיין תל־אָביב און אין די קאָלאָניעס. די צווייטע עליה פון תימן האָט געלייגט אַ פעסטן באַזיס פאַר אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג. די צאָל פון די תימנער יידן איז געשטיגן ביז אַרום 35,000.

די לעצטע עליה פון תימן איז פאָרגעקומען אין די ערשטע יאָרן פון מדינת ישראל. ווען דער „דזשאָינט״ איז געקומען צו הילף, האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אמתער יציאת תימן. יעדע וואָך האָט אַ פליענדיקער „צויבער־טעפּיך״ געבראַכט הונדערטער עולים. היינט ציילט דער תימנער ישוב אין ארץ־ישראל מער ווי 100,000 נפשות, ד. ה. פיל מער ווי די גאַנצע יידישע באַפעלקערנג אין תימן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער דאָזיקער שבט האָט שוין געשלאָגן וואָרצלען אין לאַנד, און צוזאַמען מיט אַנדערע וועט ער אויפבויען דאָס באַנייטע יידישע לעבן אין מדינת ישראל.

באַגינען פון
יידישע ישובים
אין אַראַביע

פאָרוואָרט

פון מעסאָפּאָטאַמישע קוואַלן אין פלעקל־שריפט, וואָס זיינען אַנטדעקט געוואָרן אין 19טן יאָרהונדערט, ווייסן מיר אַז די מאַכט פון די קעניגן פון בבל האָט דערגרייכט טיף אין אַראַבישן מדבר. ווי ווייט זיי זיינען אַריינגעדרונגען באַווייזן אונז די סטעלעס (מצבות) פון נבונאיד און פון זיין מוטער אַדאַגופּי, וואָס מען האָט געפונען אין חרן, און פּראָפ. ק. דזש. געד האָט זיי פאַרעפנטלעכט. פון די איינשריפטן זעט מען אַז ס׳איז דאָ אַ צוזאַמענהאַנג צווישן

דער בבלישער איינגעמונג און דער ערשטער באַזעצונג פון יידישע גולים, וועלכע זיינען געקומען מיט די בבלים, אין די אָאַזן פון צפון־כעדזשאַז: אין תימא, דדן, פדק, חברא, ידהו און יתריב. פיל שפעטער געפינען מיר אין די דאָזיקע ערטער אַלט־איינגעזעצענע יידישע ישובים — אַ סימן פון שייכות צו די זידלונגען פון דער בבלישער עפּאָכע. אין איינער פון די מגילות פון ים המלח ווערט דערציילט פון אַ געשפּרעך וואָס נבונאיד האָט געהאַט מיט אַ יידישן וואַרזאָגער — זיכער שטעקט אין דער געשיכטע אַ זכר פון יענער ערשטער באַזעצונג. דער צוועק פון דעם אַרטיקל איז קלאָר צו מאַכן די היסטאָרישע פאַרבינדונג צווישן דעם ישוב פון 6טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג און דעם ישוב פון 6טן יאָרהונדערט אין דער קריסטלעכער צייט.

א.

די זידלונג פון נבונאיד אין די אָאַזן פון כעדזשאַז

פיר נייע איינשריפטן באַשטעטיקן אַז נבונאיד האָט איינגענומען דעם צפונדיקן און צענטראַלן טייל פון כעדזשאַז און געגרינדעט מיליטערישע קאָלאָניעס אין יענע פרוכטבאַרע אָאַזן אין אַן אומפאַנג פון 100X250 מייל. פון דעם אינהאַלט פון די קוועלן קאָן מען פאַרשטיין אַז יידן פון ארץ־ישראל זיינען געווען באַטייליקט אין דער אַרמיי און אין דער באַזעצונג, און דאָס זעט אויס ווי אַ באַשטעטיקונג פון דער טראַדיציע פון די תימנער יידן וועגן זייער אָפּשטאַמונג פון יהודה.

אין די איינשריפטן פון נבונאיד און זיין מוטער ווערט דערציילט ווי ער האָט באַשלאָסן צו רעסטאַווורירן דעם טעמפּל פון דער לבנה־געטין אין חרן, און ווי די באַפעלקערונג פון בבל האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, און ווי דער קעניג, אין זיין צאָרן, האָט פאַרלאָזן בבל און אַוועק קיין תימא און דאָרטן פאַרבליבן זיבן אָדער צען יאָר. פון תימא אויס האָט ער איינגענומען טיילן פון כעדזשאַז. צום סוף האָט ער זיך אומגעקערט קיין בבל און שלום געמאַכט מיט זיינע אונטערטאַנען.

תימאָ און דדן זיינען אונז באַקאַנט פון ישעיהו און ירמיהו. אין זייערע נבואות הערן זיך ווי אָפּקלאַנגען פון די דאָזיקע געשעענישן. וועגן פדק

ווייסן מיר אַז דאָרטן איז געווען אַ יידישער ישוב אין צייט פון מוכאַמעד. דעם נאָמען חברה שטעלט אַ יידישע טראַדיציע אין פאַרבינדונג מיט חבר דעם פאָטער פון שוכו און מיט חבר הקיני. יתריב (די שטאָט מדינה) איז געווען דער וויכטיקסטער יידישער צענטער אין מוכאַמעדס צייט, און דער לעצטער פונקט אין דרום פון גבונאידס איינגעמונגען. אין זיינע מיליטערישע זידלונגען האָט ער באַזעצט קאָלאָניסטן פון די באַהערשטע פעלקער, און דאָס הייסט אויך יידן. די איינזעצונג פון אַ יידישן גאַרניזאָן אין יב (עלעפאַנטינע), אין מצרים, איז פאַרגעקומען בערך אין דער זעלביקער צייט. ס׳קאָן זיין אַז ספר איוב, וואָס מאָלט אַ בילד פונעם לעבנסשטייגער אין מדבר, האָט אין זיך די באַזעצונג פון יידן אין כעדזשאַז.

ב.

יידן אין אַראַביע פון דער צייט פון ערשטן בית־המקדש ביז דער צייט פון משניות

דר. י. בן־זאב האָט געזאַמלט די קוועלן וועגן די „פאַרלוירענע יידן" — יידישע שבטים וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין אַראַבישן מדבר נאָך איידער דאָס פאָלק ישראל איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע איינהייט. עס זעט אויס אַז די באַוועגונג איז געגאַנגען פון דרום קיין צפון. אין דברי הימים ווערט בפירוש גערעדט וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון די שבטים ראובן און שמעון אין אַראַביע; און שמעון ווערט דערמאָנט אין צפון־מערב זייט בעת דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, ד. ה., צום סוף פון דער פּערסישער עפּאָכע. אין דברי הימים ווערט אויך דערציילט ווי די שבטים ראובן און גד און דער האַלבער שבט פון מנשה האָבן באַזיגט די הגריאים און זיך פאַרברייטערט ביזן טייך פרת. ס׳איז גאַנץ קלאָר אַז דאָרטן איז פאַרגעקומען אַ מישונג, און דאָס האָט זיכער געפירט צו דער פאַרשפּרייטונג פון מאָנאָטעאיזם צווישן די מדבר־שבטים. שפּעטער זיינען דורך די חשמונאים נתגייר געוואָרן די אדומים און די יתורים. אויך אין אַדיאַבענע (חדייב אין מעסאָפּאָטאַמיע) האָט זיך פאַרשפּרייט דאָס יידנטום. און ס׳זיינען דאָ באַווייזן וועגן גרים צווישן די נבטים. פון חגרה, אַ נבטישער ישוב אין צפון־כעדזשאַז, ווערט גערעדט אין

מסכת גטין ווי פון אַ יידישן צענטער; אויך רקם (פּעטראַ) ווערט דאָרטן דער־מאָנט. שמועל בן־עדיה, דער יידיש־אַראַבישער פּאָעט, איז געווען אַן אומאָפּ־הענגיקער הערשער אין תימא. און דאָס וואָס דער פּאָעט אמרו־אלקיס, דער זון פון דעם לעצטן מלך פונעם אַראַבישן שבט כנדה, האָט געזוכט ביי אים הילף, ווייזט אויף באַציאונגען צו יידן: די מלוכה פון כנדה האָט געהאַט פאַרבינדונ־גען מיט חמיר (תימן) און איז געווען באַאיינפלוסט פון חמיר אין דריטן און פערטן יאָרהונדערט נאָך דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. ס'איז אַ סברא אַז דאָס יידנטום האָט געשלאָגן וואָרצלען אויך ביי די מדינים און אַנדערע מדבר־שבטים אַ דאַנק דעם האַנדל וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן צור און אַנדערע פעניקישע שטעט און שבא אין דרום־האַלבאינזל, אַ האַנדל פון וועלכן ס'איז אָפּט די רייד אין תנ"ך (יחזקאל, ישעיהו, יואל). פון דעם אַלעם איז געדרונגען: 1) דער אויסגאַנגס־פּונקט פון דער יידישער זידלונג אין כעדזשאַז איז געווען אין צפון; 2) יידישע איינוואַנדערער האָבן מיטגעבראַכט דאָס יידנטום — דאָס באַשטעטיקן אַראַבישע איינשריפטן, וואָס זייער ריכטונג איז פון דרום־כעדזשאַז קיין שבא, תימן און חצרמות; 3) יידנטום האָט עקזיס־טירט אין די דאָזיקע געגנטן אַ לאַנגע צייט פאַר קריסטנטום.

פון דעם וואָס רבי יהודה הנשיא האָט פאַרוואָרפן די אַראַמעאישע ווערסיע פון ספר איוב איז נאָך קיין ראיה ניט, אַז דער אָריגינעל פון איוב איז געווען געשריבן אין אַראַמעאיש; די אַראַמעאישע און אַראַבישע אויסדרוקן, וואָס געפינען זיך אין דעם בוך, באַווייזן נאָר אַז ס'איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אַן אַראַמעאישער און אַראַבישער סביבה און באַאיינפלוסט געוואָרן פון די דאָר־טיקע אומגאַנגס־שפּראַכן. דאָס לעבן, ווי ס'איז געשילדערט אין איוב (באַ־זונדער אין ערשטן קאַפּיטל), איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע געגנטן, די אַזן פון מדין און אדום — אין תנ"ך ווערן דערמאָנט „די קאַראַוואַנען פון תימא" און „די סוחרים פון שבא". אויך די נעמען פון די פערזאָנען אין איוב ווייזן אין יענער ריכטונג. אין איכה און אין ירמיהו איז די רייד פון אדום און עוץ. ס'לייגט זיך אויפן שכל אַז איוב, בעת ער האָט אויסגערופן (י"ט, 24): אָ, ווען מיינע ווערטער... „זאָלן אויסגעהאַקט (אָדער אויסגע־קריצט) ווערן אויף אייביק מיט אַ פען פון אייזן און בליי!" — האָט אין זינען געהאַט די איינשריפטן, אויסגעקריצט אויף פעלזן, וועלכע מ'געפינט אין די טויזנטער אין צפון־אַראַביע, און וועלכע שטאַמען פון דער זעלביקער צייט ווי דאָס בוך איוב. ס'איז דאָ אַ סברא אַז איוב איז געווען אַ גר.

די עפּאָכע, ווען די מלכים און האַרן פון חמיר האָבן זיך מגייר געווען, האָט געדויערט פון דריטן ביזקל זעקסטן יאָרהונדערט; ס׳איז אָבער מעגלעך אַז דער אָנהויב איז געווען נאָך פאַר דער קריסטלעכע צייט. די קברים פון די „נגידים" פון חמיר, וועלכע מען האָט געפונען אין בית־שערים, שטאַמען פון סוף פונעם צווייטן קריסטלעכן יאָרהונדערט אָדער פון אָנהויב פונעם דריטן. אין זיי האָבן מיר אַ באַווייז אַז דעמאָלט זיינען שוין געווען אין דרום פון האַלבאינזל אומאָפּהענגיקע יידישע הערשער. די מיינונג אַז מען האָט געבראַכט די מתים צו קבורה אין ארץ־ישראל פון נעענטערע יידישע ישובים, איז גאַנץ אומבאַגרינדעט.

ג.

די טעאָפאָרישע נעמען פון די קעניגן אין דרום־אַראַביע

די מערהייט פון די פירער אין די אויבנדערמאָנטע שבטים האָבן אין זייערע נעמען — גלייך ווי די מלכים פון יהודה און ישראל — די עלעמענטן יהו אל, שדי, א. אַ. ו. צוערשט האָבן די מלכים פון יהודה און ישראל גענומען ביילייגן צו זייערע נעמען דעם עלעמענט יהו; אין פאָלק זיינען אַזעלכע נעמען אויך געווען אָנגענומען. אין די בריוו פון לכיש קומט יהו שטענדיק צום סוף. ראַטיענס, מאַרדטמאַן און ריקמאַנס האָבן געזאַמלט טויזנטער פון אַזעלכע טעאָפאָרישע נעמען אין דרום־אַראַביע — אַ ראיה אַז דאָרטן זיינען געווען אַ סך יידן און גרים, און אַז פילע פון די הערשער אין חמיר, שבא, רידאַן, מעין און קתבאַן, האָבן זיך מגייר געווען. מ׳דאַרף אונטערשיידן צווישן די נעמען מיט יהו און די נעמען וואָס ענדיקן זיך מיט אל — די לעצטע זיינען ניט קיין באַוויז פון שייכות צו יידנטום. לויט זשאַקלין פירען האָבן די די־נאַסטיעס פון שבא און כרב געהערשט ניט פריער ווי אין פינפטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, און זייער הערשאַפט האָט געדויערט ביי אַ הונדערט יאָר. איך האַלט אַז די יידישע טעאָפאָרישע נעמען שטאַמען פון דער צייט פון יענע דינאַסטיעס. דאָ האָבן מיר אַ שורה פון חמירער קעניגן, וואָס האָבן זיך מגייר געווען צווישן דעם דריטן און זעקסטן יאָר־הונדערט נאָך דער קריס. רעכ. איינער פון די דאָזיקע קעניגן, יסר יהנעם, האָט

זיך מגייר געווען אין 270 קריס. רעכ. (געשטאָרבן 275). אין יענער צייט איז דאָס יידנטום געווען פאַרשפּרייט פון ביידע זייטן פון ים סוף, ד. ה. אין אַבי־סיניע און אַראַביע, אַרום די וועגן פונעם בשמים־האַנדל, וועלכע האָבן געפירט אין דרום קיין תימן און נג׳ראַן, און אין צפון אין געביט פון די נבטים. יסר יהנעם האָט געהערשט איבער מערב־אַראַביע, און נאָך דעם ווי ער האָט זיך מגייר געווען האָט ער געשלאָסן אַ בונד מיט די יידן קעגן רוים, און אין 270 אַטאַקירט אכסום (אַביסיניע).

דער פאַקט אַז מען געפינט טעאָפאָרישע מאָנאָטעאיסטישע נעמען פון פאַר דער איסלאַמישער צייט, ווי אויך אַביסל אַזעלכע נעמען פון פאַר דער קריסטלעכער צייט, פאַרלאַנגט ווייטערע פאָרשונגען. פּראָפ. ח. רבין מיינט אַז יה קאָן זיין אַ גראַמאַטישע פאָרם אין דרום־אַראַבישע דיאַלעקטן. אָבער ווען יה דינט ניט ווי אַ פּרעפיקס צו בילדן די צוקונפט פון הפעיל, איז דאָס, לויט מיין מיינונג, אַ טעאָפאָרישער עסעמענט. ווייטער שטעלט זיך אַרויס אַז יה איז געקומען קיין שבא פון די מעונים (מעינים) — אַ דרום־אַראַביש פאָלק, וואָס האָט געהאַט זידלונגען אין צפון.

ד.

יידישע שבטים און מדינות אין אַראַביע

די יידישע ישובים אין אַראַבישן האַלבאינזל דאַרף מען איינטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: אין צפון זיינען דאָס געווען מייסטנס ערד־אַרבעטער און האַלב־נאָמאַדן; אין דרום — אַ שטאָטישע באַפעלקערונג. די צפונדיקע זיינען געווען צעטיילט אין אָפּגעזונדערטע שבטים, וועלכע פלעגן צייטנווייז פירן אַ קריג איינע מיט די אַנדערע; די דרומדיקע זיינען געווען אַ פאַר־אייניקטע קהילה. מוסולמענישע און אייראָפּעאישע געלערנטע האָבן זיך באַמיט צו געפינען אַ שייכות פון די דאָזיקע ישובים מיט יציאַת מצרים אָדער מיט דעם וויזיט פון מלכת שבא צו שלמה המלך אָדער מיטן חורבן פון בית־המקדש דורך נבוכדנאצר. די אַלע סברות זיינען אומבאַגרינדעט. דער ערשטער ראַיעלער באַווייז איז די איינשריפט $H2$, וואָס פּראָפ. געד האָט פאַרעפנט־לעכט. פון תנ״ך ווייסן מיר אַז יידישע שבטים זיינען אַריינגעדרונגען אין

צפון־כעדזשאַז נאָך אין די עלטסטע צייטן, און אַז האַנדלס־באַציאונגען מיט שבא און אַנדערע דרום־אַראַבישע פעלקער זיינען אָנגעגאַנגען שוין אין די טעג פון שלמה און יהושפט; אויבן האָבן מיר דערמאָנט דעם אָנטייל פון יידן אין די זידלונגען וואָס די בבלים האָבן געגרינדעט אין אַראַביע.

אויב אַפילו די טראַדיציע פון די תימנער יידן, אַז עזרא האָט זיי באַזוכט אין תימן, איז אַ לעגענדע — באַוויזט זי דאָך אַז אין פינפטן יאָרהונדערט פאַר דער קריס. רעכ. איז שוין דאָרטן געווען אַ יידישע קהילה, און אַז דער אויסגאַנגס־פונקט פון דער יידישער וואַנדערונג אין יענער ריכטונג איז געלעגן אין צפון; און ס'איז מעגלעך אַז דעם שטויס צו דער באַוועגונג האָבן געגעבן די מלחות פון נבוכדנאצר אָדער פון נבונאיד. אויסער די ראיות אין איוב דאַרף מען געדענקען די באַציאונגען פון די חשמונאים מיט די נבטים, דעם נאָמען פון ר' יהודה בן תימא, פון די ערשטע תנאים, דעם פאַקט אַז אדום און יטור האָבן זיך מגייר געווען אין צווייטן פאַר־קריסטלעכן יאָרהונדערט — דאָס אַלץ זיינען באַווייזן פון אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט אַראַבישע און אַנדערע שבטים אין צפון פון האַלבאינזל. אין דער רוימישער עפּאָכע האָבן עקזיס־טירט יידישע ישובים אויף די ברעגן פון ים סוף און אין מדין; די יידישע וואַנדערונג קיין דרום־אַראַביע איז אויך אָנגעגאַנגען, אין מזרח, דורך דעם פּערסישן ים־בוזעם.

אַ יידישע באַפעלקערונג אין אַביסיניע ווערט דערמאָנט צום ערשטן מאָל אין דער צייט פונעם פּערסישן קעניג ארתחששתא ב (404—385 פאַר דער קריס. רעכ.). דער חורבן פון דעם יידישן ישוב אין יב (עלעפאַנטינע), אין פינפטן יאָרהונדערט פאַר דער קריס. רעכ., איז מסתמא אויך געווען אַ פאַק־טאָר אין וואַנדערונג קיין אַביסיניע — צו דעם זע אויך ישעיהו, י"ח. ס'איז אָנצונעמען אַז דער יידישער ישוב אין חמיר האָט געשטאַמט פון דריי קוואַלן: דירעקט פון ארץ־ישראל און די אָאַזן אין מערב־אַראַביע פון פרס און בבל דורך דעם פּערסישן ים־בוזעם און די מזרח־ און דרום־ברעגן פונעם האַלב־אינזל, און פון די יידישע מיליטערישע קאָלאָניעס אין מצרים — ס'איז מעגלעך אַז יענע קאָלאָניעס האָבן געגעבן נבונאידן דעם געדאַנק צו גרינדן יידישע מיליטער־קאָלאָניעס אויך אין אַראַביע. שוין אין צווייטן יאָרהונדערט קריס. רעכ. איז אין קעניגלעכן הויף פון חמיר אָנגעגאַנגען אַ באַוועגונג פון

מגייר זיין זיך, און אַזוי ביז אין זעקסטן יאָרהונדערט. כתבא דחמיר באַשטעטיקט די באַציאונגען צווישן די יידן אין דרום־אַראַביע און ארץ־ישראל אין דער תלמודישער עפּאָכע.

דער יידישער ישוב אין צפון איז אַנטשטאַנען פריער ווי אין דרום. אין דרום האָבן זיך געגרינדעט מלוכות שוין צום סוף פונעם צווייטן יאָרטויזנט פאַר דער קריס. רעכ. אָדער אין אָנהויב פונעם ערשטן, בעת אין צפון האָט וויטער געהערשט די סיסטעם פון נאָמאַדישע און האַלב־נאָמאַדישע שבטים, וואָס האָבן געלעבט פון פּי־צוכט, און אויסער דעם געפירט אַ האַנדל אָדער געמאַכט איבערפאַלן איינע אויף די אַנדערע אָדער אויף פאַרבייגייענדיקע קאַראַוואַנען. כאָטש די יידישע שבטים האָבן אויפגענומען אַראַבישע און אַנדערע גרים, זיינען זיי באַשטאַנען, ווי ס'ווייזט אויס, מייסטנס פון דירעקטע יורשים פון בני־ישראל. אין דרום זיינען זיי געווען רואיקע שטאָטישע איינוואוינער, סוחרים און בעלי־מלאָכות, און האָבן געהאַט אַ שטאַרקע גייסטיקע השפעה אויף דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אונטער זייער איינפלוס האָבן זיך מגייר געווען צוערשט די העכערע קלאַסן און דאַן אויך אַ טייל פון פּראָסטן פאָלק. קיין רעליגיעזע קאָנפליקטן זיינען דאָרטן ניט פאָרגעקומען ביזן פינפטן יאָרהונדערט, ווען דאָס קריסטנטום האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען פון אַכּסום און פון די דרומדיקע טיילן פון דער ביזאַנטינישער אימפעריע, ווי אויך פון פּערסיע. די קריסטן זיינען געווען אַגרעסיוו און געהאַט די אונטערשטיצונג פון מעכטיקע מלוכות. ווען ס'איז אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן חמיר און אַכּסום וועגן האַנדלס־אינטערעסן האָט די סאַסאַנידישע פּערסיע געהאַלטן מיט חמיר, און ביזאַנטיע איז געשטאַנען אויף דער זייט פון אַביסיניע.

נאָכוואָרט

פון די איינשריפטן ווייסן מיר וועגן יידישע הערשער־דינאַסטיעס אין אַראַבישן האַלבאינזל, און בפרט אין תימן און אין אַנדערע טיילן פון דרום, צווישן דעם צווייטן און זעקסטן יאָרהונדערט קריס. רעכ. אַ סך פון די איינשריפטן זיינען נאָך ניט אויפגעקלערט. יידן זיינען געקומען אין יענע געגנטן פיל פריער ווי די דאָרטיקע קעניגן האָבן זיך מגייר געווען. די צייט פון

ייִדישע הערשער דאַרף מען איינטיילן אין צוויי פעריאָדן: אין דעם ערשט האָט זיך דאָס ייִדנטום פאַרשפּרייט פון כעדזשאַז אין דרום זייט; אין דעם צווייטן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ראַנגלעניש מיטן קריסטנטום. די פאָרשונג פון די טעאָפּאָרישע נעמען פון די דינאַסטיעס וועלכע האָבן זיך מגייר געווען איז ווייט פון פולקאָם. אָבער, קענענדיק די אַלטע און באַשטענדיקע באַציאונגען צווישן די ייִדן פון צפון־אַראַביע און פון דרום, דאַרפן מיר אָננעמען אַז די ערשטע ייִדישע קעניגלעכע הייזער זיינען אויפגעקומען פריער ווי אונ־זערע היינטיקע ידיעות גרייכן.

דער נצחון פון די קריסטן אין אָנהויב פונעם זעקסטן יאָרהונדערט איז געוואָרן צו נישט דורך דעם נצחון פון פּערסיע אין 575; און אין דער צווישן־צייט, ביז דער איסלאַם האָט באַהערשט דעם גאַנצן האַלבאינזל, זיינען ווידער אַנטשטאַנען, אין פאַרשידענע פונקטן, ייִדישע פּאָלישע קערפּערשאַפטן.

צפון־אַפריקע

אין אונזער העברעאישער ליטעראַטור רופט מען צפון־אַפריקע „מערב״, ווייל זי ליגט אין מערב־זייט פון ארץ־ישראל; אויך אין אַראַביש הייסט זי אַזוי: „מע׳רב״ (די אויסשפּראַך איז: מוגרבּ, און די איינוואוינער הייסן מוגרבּער). ווען די אַראַבער האָבן איינגענומען צפון־אַפריקע איז דאָס געווען בעיקר אַ מיליטערישער אַקט. נאָך דעם זיינען די אויבערשטע קלאַסן געווען, אָדער געוואָרן, אַראַביש; אָבער די מאַסן פון דער באַפעלקערונג

זיינען געבליבן בערבערן אָדער נעגער — די אוראַלטע ראַסן פון יענע געגנטן. פעניקער פון צידון און צור האָבן זיך באַזעצט דאָרטן אין די עלט־סטע צייטן; פאָרנדיק מיט זייערע זעגל־שיפן אַרום די ברעגן פון מיטללענדישן ים האָבן זיי „אַנטדעקט" די לענדער פון צפון־אַפריקע נאָך אין די טעג פון אַחאָב מלך ישראל און געגרינדעט ישובים, וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן מער ווי טויזנט יאָר. שפּעטער איז צוגעקומען אַ נייער עלעמענט צום דאָרטיקן באַפעלקערונגס־געמיש — די גריכן. אַ צייט לאַנג נאָך זיי האָבן געפונען אַהין דעם וועג די רוימער. די לעצטע אַריינדרינגער זיינען געווען די אַראַבער. אַ יידישער ישוב האָט עקזיסטירט אין צפון־אַפריקע שוין אין דער צייט פון די פעניקער און איז געבליבן ביזקל היינטיקן טאָג. די אַראַבישע הערשאַפט האָט זיך געשטיצט אויף געוואַלט און אויף דער איסלאַמיזירונג פון דער באַפעלקערונג.

די שפּראַך פון די פעניקער האָט געהערט צו דער משפּחה פון די העב־רעאישע שפּראַכן; אַזוי אויך די „פונישע" און די „ניי־פונישע" שפּראַך פון קרתחדשת (קאַרטאַגאַ אויף לאַטייניש, קאַרכעדאָן אויף גריכיש) — די אַפרי־קאַנישע יורשים פון פעניקיש. ניי־פוניש איז געווען פאַרשפּרייט און אָנגע־נומען ביי די איינוואוינער פון די ברעגן ביז די אַראַבער זיינען געקומען, אין אַכטן יאָרהונדערט, און באַוועלטיקט צפון־אַפריקע. די איינשריפטן אויף די מצבות און דענקמעלער פון פאַר דער אַראַבישער צייט זיינען געשריבן מיט אַ פעניקישן קורסיוו. מיטן קומען פון איסלאַם האָט אַראַביש געטרשנט דעם אָרט פון פוניש־העברעאיש.

היינט געהערן די לענדער פון „מוגרב", לויט זייער רעליגיע און לשון, צו דער אַראַבישער וועלט. דאָך לעבן ווייטער, צוגלייך מיט אַראַביש, פילע בערבערישע דיאַלעקטן. אין מאַראָקאָ, למשל, רעדט מען בערבעריש מער ווי אַראַביש; און אין ליביע איז דער פּראָצענט פון די בערבעריש־רײדנדיקע נאָך גרעסער (מער ווי 80%). אויך לויט דער ראַסע איז די מערהייט פון דער צפון־אַפריקאַנישער באַפעלקערונג בערבעריש.

דער יידישער ישוב אין צפון אַפריקע איז אַלט מער ווי צוויי טויזנט יאָר. מיט דער הילף פון פאַרשידענע קוועלן קאָנען מיר קריגן אַ שטיקל באַגריף פון זייער געשיכטע. די קוועלן זיינען: אויסגראָבונגען, יידישע ספרים, באַ־מערקונגען פון רוימישע שרייבער, קריסטלעכע קירכן־ליטעראַטור א. אַ. וו. לויט די טראַדיציעס פון די יידישע קהילות — ס'איז ניט קלאָר ווי ווייט מען

קאָן זיך פאַרלאָזן אויף זייער אויטענטישקייט — שטאַמט דער ישוב אין צפון־אַפריקע פון פאַר דעם חורבן פונעם ערשטן בית־המקדש. דאָך זיינען דאָ אַביסל ידיעות אין אונזערע עלטסטע קוועלן, וואָס האַרמאָנירן מיט יענע טראַדיציעס.

די טראַדיציעס וועגן דער אַלטקייט פון דעם יידישן ישוב אין צפון־אַפריקע האָבן אַ געוויסן גרונד אין תנ״ך. ס׳זיינען דאָ ערטער פון וועלכע מ׳קען פאַרשטיין אַז אייניקע יידישע שבטים, וואָס זיינען געזעסן נאָענט צום ים, ווי למשל דער שבט זבולון, האָבן זיך באַטייליקט אין די ים־עקספּעדיציעס פון די פעניקער. און ס׳לייגט זיך אויפן שכל אַז זינט די פעניקער האָבן גע־גרינדעט האַנדלס־פּונקטן אין שטעט אויף די ברעגן פון צפון־אַפריקע — קרתחדשת (קאַרתאַגאַ, עית, און אַנדערע) — האָבן זיך דאָרט באַזעצט אויך מענטשן פון ישראל. ס׳איז קיין ספק ניט אַז יידישע ישובים האָבן עקזיסטירט אין דער פּונישער אַפריקע פריער ווי די רוימער זיינען אַהין געקומען.

אַ צווייטער מקור פון יידישן ישוב אין ליביע, און דאַן ווייטער אין מערב־זייט — זיינען געוועזן די גרויסע מאַסן יידן, וואָס תלמי א (לאַגאָס, אַנהויב פון דריטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער רעכענונג) האָט אַריינגעבראַכט קיין מצרים, וואו זיי זיינען פאַרבליבן, און פון וואַנען זיי האָבן זיך אויס־געשפּרייט אויך אין אַנדערע לענדער פון מערב־אַפריקע. ווי גרויס און שטאַרק עס איז געוועזן דער יידישער ישוב אין קירינאַיקע (ליביע), אין דער צייט פון דעם קיסר טריינוס, אַ יאָר 45 נאָך דעם חורבן פון צווייטן בית־המקדש, קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן פון דעם פאַרנעם און כוח פונעם יידישן אויפשטאַנד אין קירינע, אין 117. דער אויפשטאַנד איז אונטערדריקט גע־וואָרן מיט פייער און שווערד; דער ישוב איז צום גרעסטן טייל פאַרניכטעט געוואָרן. און דאָך איז איבערגעבליבן אַ רעשט וואָס האָט זיך שפּעטער ווידער אויפגעריכט. אַ טייל פון די קירינאַאיקער יידן האָבן זיך געראַטעוועט דורך אַנטרינען אין מערב־זייט, אין לענדער וועלכע זיינען נאָך געוועזן פריי פון רוימישן יאָך. אין תלמוד, ווי אויך אין עוואַנגעליום, געפינען זיך זכרונות פון יענער עפּאָכע. זייער כאַראַקטעריסטיש איז די באַמערקונג, וואָס ווערט געבראַכט אין נאָמען פון רב חסדא אָדער פון רב: „פון צור ביז קרטיגני (קאַרתאַגאַ, קרתחדשת) איז באַקאַנט ישראל און זייער פאָטער אין הימל״ (מנחות ק״י, ע״א).

פון זינט דאָס קריסטנטום האָט געוואונען די אויבערהאַנט אין דער

רוימישער אימפעריע האָט זיך געעפנט אַן עפּאָכע פון יידן־פאַרפאָלגונגען. די יידישע ישובים האָבן געליטן, אָבער דאָך איבערגעלעבט די קריסטלעכע הערשאַפט. די יידן האָבן געהאַט אַ השפּעה אויף די בערבערישע שבטים; אַ סך בערבערן האָבן זיך גענייגט צום יידישן גלויבן און האָבן זיך מגייר געווען. ווען די אַראַבער זיינען אַריינגעדרונגען אין צפון־אַפריקע האָבן יידישע הערשער פאַראייניקט אַ טייל פון די בערבערישע שבטים און מלחמה געהאַלטן מיט די אָנגרייפער. באַקאַנט איז דער נאָמען פון דער יידיש־בערבערישער קעניגין, דאהיה (אָדער דאסיה) אל־כאהינה (ד. ה. די נביאה), וואָס האָט געוועקט און באַגייסטערט די בערבערן פון די אַטלאַס־בערג צום קאַמף מיט די מאַכמעדאַנער, און איז געפאַלן אין שלאַכט, אין יאָר 707.

אין די אויגן פון די קריסטן זיינען די דאָזיקע גרים געווען אַ מין „יידישע סעקטאַנטן״; אָבער אויך אין די אויגן פון די יידן זיינען זיי ניט געווען גאָר „כשר״. אַזוי ווי, למשל, זינוביה, די קעניגין פון תדמור, וועלכע האָט געוועלטיקט צו יענער צייט (אין דריטן יאָרהונדערט) ווייט אין מזרח־זייט. אויך די מוסולמענישע היסטאָריקער באַשטעטיקן אַז אין דער צייט פון דער אַראַבישער איינגעמונג (זיבעטער און אַכטער יאָרהונדערט) האָט אַ טייל פון די בערבערישע שבטים געהאַלטן פון תורת משה און זיך אַנט־קעגנשטעלט די אַראַבישע אָנגרייפער. פּראָפ. נחום סלושץ, דער פאָרשער פון צפון־אַפריקע, וויזט אָן אין זיינע ביכער איבער דעם יידנטום צווישן די בערבערן, אַז אויך אין דער געגנט פון פעס זיינען געווען בערבערישע שבטים וואָס האָבן זיך מגייר געווען; אָבער זיי האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די אַראַבער און געהאָלפן איינעמען מאַוריטאַניע (מאַראָקאָ), און נאָך דעם געגאַנגען מיט זיי קיין היספּאַניע, וואו די יידן זיינען אויסגעשטאַנען שווערע פאַרפאָלגונגען פון די וויזיגאָטן.

ניט אויף לאַנג האָט זיך פאַרבעסערט די לאַגע פון די יידן אין היספּאַניע אונטער די אַראַבער. אין דעם לאַנגן און ביטערן געראַנגל צווישן איסלאַם און קריסטנטום האָבן די יידן ניט ווייניק געליטן פון ביידע זייטן. די קריסטן זיינען געווען די הויפּט־שונאים פאַר די מוסולמענער; ווען די לעצטע האָבן איינגענומען צפון־אַפריקע האָבן זיי אויסגעראָטן דאָס קריסטנטום, אַז קיין זכר איז דערפון ניט געבליבן. צוגלייך אָבער האָבן זיי געמאַכט שווערע גזירות אויף יידן, געדריקט זיי מיט צינזן און אָפּצאָלן און איינגעפירט צייכנס וואָס זאָלן אונטערשיידן צווישן זיי און די מוסולמענער. אין דעם האָט אויך גע־

שטעקט אַ כוונה אָפּצושטעלן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון יידנטום צווישן די בער־בערן.

צום סוף פֿונעם אַכטן יאָרהונדערט האָט אַ מיטגליד פֿון דער משפחה פֿון עלי (מוכאַמעדס איידעם), מיטן נאָמען אידריס, אָפּגעריסן צפֿון־אַפֿריקע פֿון דער אימפּעריע פֿון די באַגדאַדער חליפֿן, די עבאַסידן, געוואָרן אַ זעלבשטענ־דיקער הערשער און געמאַכט פֿעס פֿאַר זיין הויפּט־שטאָט. די יידן האָבן זיך געשפּאָלטן אין צוויי מחנות: אַ טייל האָט געהאַלטן מיט די עבאַסידן און אַ טייל מיט אידריסן. נאָך דעם ווי אידריס האָט געזיגט האָט ער זיך שווער נוקם געווען אין די יידן וואָס האָבן באַוויזן אַ נייגונג צו די עבאַסידן: ער האָט זיי געדריקט מיט קאָפּשטייער און געצוואונגען צושטעלן אין זיין האַרעם, יעדן יאָר, פֿיר און צוואַנציק בתולות. די לאַגע פֿון די יידן איז צייטווייליק לייכטער געוואָרן אונטער זיינע נאָכפֿאָלגער; אָבער נאָך דעם טויט פֿון דעם לעצטן קעניג פֿון אידריסעס הויז (אין 1032) האָט איינגענומען די שטאָט פֿעס אַן אַמיר פֿונעם שבט בני אפֿראן. ער האָט דערהרגעט זעקס טויזנט יידן און געריבעט פֿון די איבעריקע זייערע פֿרויען און זייער האָב און גוטס. פֿעס האָט אויפֿ־געהערט צו זיין אַ וויכטיקער יידישער צענטער.

אין עלפֿטן יאָרהונדערט האָט עקזיסטירט אַ יידישע מלוכה אין וואַדי־דרעה. זי האָט אָנגעהאַלטן מער ווי הונדערט יאָר. פֿון אירע יידישע קעניגן זיינען אונז באַקאַנט די נעמען פֿון דריי: אַבו־יעקב יוסף, יעקב און זיין זון שמואל.

די הערשאַפֿט פֿון די מוראַביטן (אַ בונד פֿון מוסולמענישע נזירים, וואָס האָבן געגרינדעט אַ מלוכה — 1061 ביז 1146 — און געבויט די שטאָט מאַ־ראַקעש) איז ניט געווען אַזוי שלעכט צו יידן, ווי ס'איז אָנגענומען צו זאָגן. יידן האָבן פֿאַרנומען הויכע שטעלעס אין זייער רעגירונג. אָבער ווען די מאַכט איז אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די פֿאַנאַטישע „מוואַחדין" (אַ סעקטע וואָס האָט געזען איר אויפֿגאַבע אין פֿאַרניכטן אַלע „ניט־גלויביקע") האָבן די יידן געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות. די מאַכט פֿון די מוואַחדין האָט אָנ־געהאַלטן קרוב צו 140 יאָר (1130—1269). זיי האָבן געגעבן אַלע ניט־גלויביקע" אַ ברירה: אָננעמען דעם איסלאַם אָדער פֿאַרלאָזן די גרענעצן פֿון זייער אימפּעריע (זיי האָבן באַוועלטיקט גאַנץ צפֿון־אַפֿריקע, ביז בצרים, ווי אויך דעם מאַורישן טייל פֿון היספּאַניע. צו יענער צייט האָט דער רמב"ם געשריבן זיין באַרימטע „איגרת השמד". אויך די אַנוסים, וועלכע זיינען

לפנים געוואָרן מוסולמענער, האָט מען געצוואונגען צו טראָגן באַזונדערע קליידער: אַ שוואַרצן מאַנטל און אַ געלן הוט. די פאַרפאָלגונגען האָבן געדויערט ביי אַ הונדערט יאָר, דער סם פון שנאה און פאַראַכטונג צו יידן ווירקט נאָך ביז היינט.

פאַר אָט־דער עפּאָכע פון גזירת השמד, ווען דאָס לעבן איז געווען עט־וואָס רואיקער האָט זיך אַנגעהויבן אַ גייסטיק־רעליגיעזע בליאונג. די ישיבות פון קיירואַן (אין דער צייט פון אלדד הדני) און פון פעס זיינען געוואָרן צענטערס פון תורה און תלמוד. נאָך דער ירידה פון בבל איז גרעסער געוואָרן די באַדייטונג פון די יידישע צענטערס אין צפון־אַפריקע. צוגלייך האָט מען זיך אָפּגעגעבן אויך מיט וועלטלעכער חכמה. אין צפון־אַפריקע איז אויסגע־וואַקסן אַ שיכט פון יידישע געלערנטע: אינזשענירן, אַסטראָנאָמען און קענער פון נאַטור־וויסנשאַפטן. אַנדערע האָבן זיך אַריינגעטאָן אין פאָרשן די העב־רעאישע שפּראַך און איר גראַמאַטיק און אין באַקעמפן די קראָים — אַ נאַטירלעכער המשך פון דער טעטיקייט פון די ישיבות פון טבריה אין דער צייט פון די גאונים. ס'איז גענוג אָנצורופן די נעמען פון יהודה בן־קורייש (800—870), דונש בן־לברט און רבי יצחק אלפאסי (1013—1103) — וואָס איז געווען פון די זיילן פון הלכה, אַ פאָרגענגער פון רמב"ם.

כוואַליעס פון ספרדים, פאַרטריבענע פון היספּאַניע, זיינען געקומען אויך קיין צפון־אַפריקע און זיך באַזעצט אין די ים־שטעט. אין אָנהויב פון 16טן יאָרהונדערט האָט טערקיי באַוועלטיקט אַלע לענדער פון צפון־אַפריקע, אויסער מאַראָקאָ, אָבער איר הערשאַפט איז ניט געווען פעסט און ביישטענדיק. ניט זעלטן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אָרטיקע תקיפים און האָבן זיך געפירט ווי זעלבשטענדיקע הערשער. אָפט איז די לאַגע פון די יידן געווען אָפּהענגיק פון געלט־בייטל. די קהילות, וועלכע האָבן געקאָנט באַצאָלן דעם הערשער וויפל ער האָט פאַרלאַנגט, זיינען געווען רעלאַטיוו באַוואָרנט — מען האָט זיי מער־ווייניקער געלאָזן צורו. פאַרשטייט זיך, מען האָט אַכטונג געגעבן אַז די יידן זאָלן געענוי מקיים זיין די גזירות פון עומר: אָנטאָן באַזונדערע קליידער; ניט רייטן אויף קיין פערד; ניט פאַררייסן דעם קאָפּ ווען זיי געפינען זיך אין אַ ניט־יידישער געגנט; טראָגן שיך אָן קנאָפּל און זומער גיין אָן זאָקן; וואוינען אין באַזונדערע קוואַרטאַלן (זיי הייסן „חארה" אין ליביע און אין אַלזשיר, „מלאח" אין מאַראָקאָ). אָבער די רייכע יידישע סוחרים, וואָס זיינען געקומען פון היספּאַניע, און אין 17טן יאָרהונדערט אויך פון איטאַליע

(פון ליוואָרנאָ), האָבן געהאַט פּריווילעגיעס. אין 17טן און אין 18טן יאָר־הונדערט האָבן די הערשער פון מאַראָקאָ געוואוסט אויסצונוצן די האַנדלס־פאַרבינדונגען און קענטענישן פון די יידישע סוחרים און זיי געמאַכט פאַר זייערע דיפּלאָמאַטישע און קאָנסולאַרע פאַרשטייער אין האָלאַנד, ענגלאַנד, איטאַליע און טערקיי. אָבער די פּריווילעגיעס פון די ווייניקע האָבן ניט געלינדערט די לאַגע פון די יידישע מאַסן; און די גבירים, וואָס זיינען געווען מקורב צו מלכות און צו די שרים, האָבן ניט געקאָנט משפּיע זיין צו ענדערן די באַציאונגען צו די איינוואוינער פון די געטאָס.

דאָס איז געווען איינע פון די סיבות וואָס האָבן געטריבן אַ סך יידן צו פאַרלאָזן צפון־אַפריקע און פאָרן קיין ארץ־ישראל. יידישע עולים פון צפון־אַפריקע ווערן דערמאָנט נאָך אין די צייטן פון צלאַח אַ־דין, אין יאָר 1187 (אַלחריזי). פון אַלחאַריזי וויסן מיר אַז שוין דעמאָלט איז געווען אין ירושלים אַ קהילה פון מערב־אַפריקאַנישע יידן. די דאָזיקע באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען כסדר אויך אין די צייטן פון דער ממלוכישער און דער טערקי־שער הערשאַפט. ביזן גירוש ספרד איז די יידישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל באַשטאַנען מייסטנס פון צפון־אַפריקאַנישע עולים, באַזונדערס פון מאַראָקאָ. זיי, בעיקר, האָבן פאַרשטאַרקט און באַפעסטיקט דעם יידישן ישוב אין ירושלים און אין צפת, און שפּעטער אויך אין חיפה, אין טבריה און אין יפו. אייניקע פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַנדערע ערטער — אין חברון, אין שפרעם, אין צור און אין צידון; אויך אין בירות, אין דיר אל־קמר, אין חצביה.

ווען פראַנקרייך האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף אַ סך לענדער אין צפון־אַפריקע — צוערשט אויף אַלזשיר, דערנאָך אויף טוניס, דערנאָך אויף מאַראָקאָ — האָט זיך די לאַגע פון די יידן דאָרט גענומען ביסלעכוויז פאַרבעסערן. „אַליאַנס״ האָט אַריינגעבראַכט אַביסל בילדונג אין דער יידישער גאַס. דאָך מוז מען זאָגן אַז די ריכטונג פון „אַליאַנס״־דערציאונג האָט אויך געטאָן שאָדן: זי האָט געפלאַנצט אין דער יוגנט אַ לעוואַנטינישע אויבער־פלעכלעכקייט און געזוכט צו פאַרווישן די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייט פון דעם יידישן וועזן. פון דעם האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייגונג צו אַסימילאַציע און אַ געפיל פון געפאַלנקייט; ווייל דער וואָס זוכט צו פאַרלייקענען זיין איך מוז אַראָפּפאַלן סיי ביי זיך אין די אויגן, סיי ביי יענעם.

די יידן פון צפון־אפריקע קאָן מען איינטיילן אין פיר גרונט־קאַטעגאָריעס:

א) יידן פון די בערבערישע געגנטן — זיי האָבן זייער באַזונדערן בער־בערישן דיאַלעקט וואָס הייסט „שילחי״;

ב) יידן וואָס ריידן אַראַביש — צו זיי געהערן אויך די וואָס שטאַמען פון דעם טייל היספּאַניע, וועלכע איז געווען אונטער מוסולמענישער הער־שאַפט;

ג) ספרדים זיינען געקומען פון דער קריסטלעכער היספּאַניע און האָבן זיך באַזעצט אין די פּאָרט־שטעט. זייער שפּראַך איז „לאַדינאָ״;

ד) נייע איינוואַנדערער, די וועלכע זיינען געקומען אין 19טן און 20טן יאָרהונדערט.

דעריבער קאָן מען ניט זאָגן אויף די יידן פון צפון־אַפריקע אַז זיי זיינען אַן איינהייטלעכע גרופּע אַזוי ווי, למשל, די יידן פון תימן. זיי זיינען אויך ניט געווען דערווייטערט און אָפּגעריסן פון אַנדערע יידישע צענטערס אויף אַזוי פיל אַז ס׳זאָל זיך דאָרט אויסאַרבעטן אַן אייגנטימלעכער, אייגנ־אַרטיקער, אין איין פורעם געגאָסענער טיפּ, ווי ביי יענע אין תימן. מיר האָבן שוין דערמאָנט די באַרימטע צענטערס פון תורה און חכמה, וואָס האָבן גע־בליט, אַ געוויסע צייט, אין צפון־אַפריקע (קיירואַן, פעס, מאַקני, מאַראָקעש און אַנדערע) און געהאַט אַ השפעה אויף יידישע קהילות אין אַנדערע לענדער — און אויך געווען באַאיינפלוסט פון זיי. אָבער דורך דעם, פון איין זייט, וואָס זיי זיינען געווען געדריקט און געפּלאָגט פון די מוסולמענישע הערשער, און האָבן, פון דער אַנדערער זייט, איינגעזאַפּט אַ כלומרשט־פראַנצויזישן גייסט, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין די גרויסע פּאָרט־שטעט, איז געמינערט געוואָרן די גייסטיקע זעלבשטענדיקייט פון דעם דאָזיקן יידנטום. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון היסטאָרישע אומשטענדן. אויף דעם באַדן האָבן זיך אַנט־וויקלט געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, וועלכע פאָדערן אויפמערקזאַמקייט און אַ תיקון.

דער גרעסטער יידישער ישוב אין צפון־אַפריקע איז קאָנצענטרירט אין מאַראָקאָ. בעתן שרייבן פון אַט דעם בוך איז די צאָל פון די יידן אין די לענדער פון נאָרד־אַפריקע געווען, בערך, אַזוי: אין מאַראָקאָ ביי 286.000, אין אַלזשיר ביי 130.000, אין טוניס — 70.000, אין ליביע — 30.000. כמעט ניין צענטל פון די ליביער יידן זיינען שוין אין ארץ־ישראל. זינט ס׳איז ווידער אויפגעריכט געוואָרן די יידישע מדינה אינעם לאַנד פון אונזערע אָבות

זיינען געקומען פון גאַנץ צפון־אַפריקע — מאַראָקאָ, אַלזשיר, טוניס, ליביע — איבער 200.000 און די וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן וואו זיי זיינען זעען דאָרטן ניט קיין צוקונפט פאַר זיך. אין די לאַנגע דורות פון גלות האָבן זיי ניט פאַרגעסן דאָס היימלאַנד פון זייער פאָלק און האָבן ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך דעם; און זינט דער ווידערגעבורט פון מדינת ישראל האָט זיך געשטאַרקט אין זיי דער ווילן אויסגעלייזט צו ווערן פון דעם ערגסטן פון אַלע גלותן — גלות ישמעאל. צו דעם זיינען צגעקומען צווינגענדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַקטאָרן, וועלכע מאַכן יציאַת הגולה -אַ דרינגנדיקע אויפ־גאַבע. די עליה קיין ארץ־ישראל וואַקסט. פון ליביע זיינען אַרויס כמעט אַלע יידן — אויך די וואָס האָבן געוואוינט מער ווי צוויי טויזנט יאָר אין אונטער־ערדישע מערות. און די צייט פון טוניס, מאַראָקאָ און אַלזשיר איז נאָענט, גאָר נאָענט. מיר זיינען זיכער אַז אין גיכן וועלן מיר זוכה זיין זעען דעם גרעסטן טייל פון צפון־אַפריקאַנישן יידנטום ביי אונז, אין די רייען פון די בויער פון מדינת ישראל.

די פֿאַרלוירענע
אין לאַנד
פֿון אשור

והיה ביום ההוא . . . ואתם תלקטו לאחד אחד
בני ישראל. והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול
ובאו האובדים בארץ אַשור והנדחים בארץ
מצרים והשתחוו להי בהר הקדש בירושלם.

(ישעיהו כ״ז, יב־יג)

א.

אַיצטער, ווען ס׳איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן די נבואה וועגן אַ ייִדישער מדינה, שטייען מיר פֿאַר דער רעאַליזירונג פֿון דער צווייטער נבואה — וועגן קיבוץ גלויות, זאַמלונג פֿון די צעזייטע און צעשפּרייטע גלידער פֿון אונזער פֿאָלק פֿון די פֿיר עקן פֿון דער וועלט.

„און ס׳וועלן קומען די פֿאַרלוירענע אין לאַנד פֿון אַשור״ — דאָס זיינען די קינדס־קינדער פֿון יענעם ייִדישן שבט, וועלכער איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן

אין די בערג פון קורדיסטאַן, אין לאַנד פון אַררט. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון גלות — די פאַרטרייבונג פון שומרון; שפּעטער זיינען צוגעקומען די פאַרטריבענע פון ירושלים, וואָס נבוכדנאצר, דער מלך פון בבל, האָט אַוועק־געפירט אין דער פרעמד — פון יענע צייטן שטאַמט דער יידישער ישוב אין יענע געגנטן.

די אָפּשטאַמונג פון די קורדישע יידן איז אָנגעדייטעט אין תנ״ך. עס שטייט געשריבן אַז די פאַרטריבענע זיינען געבראַכט געוואָרן קיין חלח און חבור און אין די שטעט פון מדי (צפון־מערב־טייל פון דער היינטיקער פּערסי־שער מלוכה). סיי די לעבעדיקע טראַדיציעס פון די דאָרטיקע יידן, סיי פון זייערע שכנים, די „אשורים" (נעסטאָריאַנער) און די אַרמענער באַשטעטיקן דאָס. נאָך אַ לעבעדיקער עדות איז די אַראַמעאישע שפּראַך. זייער אומגאַנגס־שפּראַך ביז היינטיקן טאָג, איז דער תרגום לשון, וואָס איז געווען אָנגענומען ביי יידן אין דער צייט פון די גאונים, פון תלמוד, פון בית שני, און געווען באַקאַנט זיי אַפילו שוין אונטער דער פּערסישער הערשאַפט און נאָך פריער — באַזונדערס די, וועמען די קעניגן פון בבל און אשור האָבן אַוועקגעפירט אין גלות. די קורדישע יידן זיינען דער איינציקער יידישער שבט, וואָס האָט אַ טראַדיציע פון 2700 יאָר — אַ זכר פון דער עלטסטער שיכט אין אונזער נאַציאָנאַלער געשיכטע, אַ ווייטע אָפּשפּיגלונג פונעם וועזן פון אונזער פאָלק אין מיטעלן פּעריאָד פון דעם ערשטן בית־המקדש.

דער ערשטער יידישער רייזנדער פון מערב, וועלכער האָט באַזוכט די יידן פון קורדיסטאַן מיט 800 יאָר צוריק, ר׳ בנימין פון טודעלאַ, האָט פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך: „אין די בערג פון ניסבור זיינען דאָ פיר שבטים פון ישראל: דער שבט דן און דער שבט זבולון און דער שבט אָשר און דער שבט נפתלי, פון דעם ערשטן גלות, פאַרוואָגלט פון שלמנאסר, דעם מלך פון אַשור". פון ר׳ בנימין האָבן מיר די ערשטע ידיעה וועגן אָט־די שבטים. ער זאָגט אַז זיי זיינען קריגעריש און פריי פונעם יאָך פון די גויים: „ס׳איז ניטאָ קיין גויאישער קעניג אָדער האַר איבער זיי, נאָר אַ יידישער האַר". עטלעכע משפחות פון שבט נפתלי, אין לאַנד פון מדי, ווערן דערמאָנט אין דער צייט פון בית שני (ווי למשל אין דער אַפּאָקריפישער ליטעראַטור, אין אָנהויב פונעם בוך „טוביה").

דער אויפשטאַנד פון דוד אלראָי, וועלכער האָט געשטרעבט צו באַפרייען די יידן מיטן שווערד פון גויאישן יאָך, איז פאַרגעקומען אַ קורצע צייט פאַר

דעם באַזוך פון רבי בנימין אין עמדיה, קורדיסטאַן, וואו ער האָט געפונען אַ יידישע קהילה פון בערך 2000 נפשות. דוד אַלראָי איז געפאַלן אין קאַמף מיט די פּערסישע הערשער און דער אויפשטאַנד איז אונטערדריקט געוואָרן. אָבער דער פאַקט אַז די יידן האָבן זיך אויפגעהויבן און מלחמה געהאַלטן מיט דער הערשנדיקער מאַכט, איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פון די שפּעטערדיקע דורות, און ניט נאָר אין קורדיסטאַן און אין פּערסיע; ער איז איינגעשריבן אין דער יידישער געשיכטע ווי אַ פּלוצעמדיקע אַנטפּלעקונג פון יידישער גבורה אינעם חושך פון גלות. בנימין ד׳איזראַעלי האָט געווידמעט דעם אויפשטאַנד פון אַלראָי זיין באַרימטן היסטאָרישן ראָמאַן.

קיין זיכערע היסטאָרישע קוועלן איבער דעם גורל פון די פאַרוואַגלטע אין מדי און אין קורדיסטאַן האָבן מיר ניט — נאָר איינצלנע און זעלטענע ידיעות פון יידישע רייזנדע, ווי ר׳ יהודה אלחריזי, און שפּעטער — יחיה אלדאהרי און שליחים פון ארץ־ישראל, מענטשן וואָס האָבן זיך ניט אָפּגע־שראָקן פאַר מי און ליידן און סכנות פון וואַנדערן איבער די וויסטע קורדישע בערג, צווישן די ווילדע קורדישע שבטים, כדי צו ברענגען זייערע פאַר־וואַגלטע ברידער אַ גרוס פון פאָטערלאַנד און טרייסטן זיי מיט דער בשורה, אַז די גאולה — כאָטש זי האָט זיך פאַרשפּעטיקט — וועט דאָך קומען. און אַביסל מאָגערע ידיעות געפינען מיר אין די שאלות־ותשובות פון נאָכן גירוש ספרד. פון זיי לערנען מיר, אַז יענע פאַרוואָרפענע קהילות האָבן אָפּגעהיט זייער יידישקייט אין דעם פעאָדאַלן רעזשים, וואָס האָט זיי פאַרקנעכט און דערנידעריקט; אַז אין דעם ביטערסטן פון די גלותן פון ישמעאל איז דאָס ליכט פון ישראל ניט אויסגעלאָשן געוואָרן.

אין די לעצטע הונדערט יאָר, נאָך דעם ווי דאָס פאַרן אין יענע לענדער איז געוואָרן זיכערער און גרינגער, האָבן אייראָפּעאישע טוריסטן, און באַ־זונדערס יידן, דערגרייכט ביז די בערג פון קורדיסטאַן און באַשריבן גאַנץ גענוי די לאַגע פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. ס׳איז אונז גענוג צו דערמאָנען דאָ די נעמען פון דריי יידישע רייזנדער אין 19טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן פאַרעפנטלעכט זייערע איינדרוקן און ידיעות: ר׳ דוד דבית הלל (פון ירושלים), ישראל בנימין און אפרים ניימאַרק.

מיט דער באַוועגונג פון חובבי־ציון איז דער געדאַנק פון שיבת־ציון דערגאַנגען, מיט פאַרשטעלטע און וואונדערלעכע וועגן, ביז אין די בערג פון

קורדיסטאַן, און שוין בעת דער ערשטער עליה פון מזרח־אייראָפּע — און אַפילו עטוואָס פריער — געפינען מיר אַביסל קורדישע יידן אין ארץ־ישראל. מייסטנס האָבן זיי זיך באַזעצט אין ירושלים, געוואָרן טרעגער און געטאָן אַלע שווערע אַרבעטן, ווי האַקן און טשעשען שטיינער, בויען הייזער א. אַ. וו. האַרעפּאַשניקעס פון קינדוויַיז אָן, האָבן זיי זיך לייכט צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען אין אונזער לאַנד, און האָבן געבויט זייערע אייגענע שכונות. אַ סך פון זיי זיינען געבליבן אין ירושלים, אַנדערע זיינען אַריבער אין די איבעריקע שטעט — אין יפו (איידער ס׳איז געווען תל־אָביב), אין טבריה, אין צפת, אין בית־שאָן. אַ טייל איז אַוועק אין די קאָלאָניעס כדי צו אַקערן די ערד און פלאַנצן פּרוכט־גאָרטנס. אַרבעטן מיט ווּעלכע זיי זיינען געוואוינט נאָך פון דער היים. קורדיסטאַן איז כמעט דאָס איינציקע גלות־לאַנד וואו ס׳איז פאַרבליבן ביז אונזער צייט אַ יידישער אַגראַר־עלעמענט, און אַפילו גאַנצע יידישע דערפער, וואָס זייער באַזיס איז געווען ערד־אַרבעט, ווי, למשל, סינדור, עקראַ, ביתנורא און אַנד.

מיט אַ יאָר פופציק צוריק האָט מען געמאַכט דעם ערשטן פאַרזוך צו דערנעענטערן יידן פון קורדיסטאַן צו ערד־אַרבעט אין ארץ־ישראל — יק״א האָט באַזעצט עטלעכע קורדישע משפחות אין סג׳רה (סעדזשעראַ). אַ טייל פון זיי האָט געוואוינט אין פעלאַכישע הייזלעך, אין דעם אַראַבישן דאָרף סג׳רה, לעבן דער יידישער קאָלאָניע, געאַקערט די ערד און געשטאַנען אויף דער וואַך צוזאַמען מיט די ערשטע חברים פון „השומר״. שפּעטער האָבן זיך קורדישע יידן באַזעצט אין כפר ברוך; און אַפילו אַ דאָרף וואָס איז כולו פון קורדישע יידן איז ביי אונז פאַראַן און ער טראָגט דעם נאָמען פון דעם יידישן גיבור פון עמדיה — דוד אלראָי. נאָך דעם ווי מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען האָבן קורדישע יידן פון ירושלים געגרינדעט כפר עוריה, לעבן משמר אילון (אויפן וועג פון ירושלים קיין תל־אָביב), און נאָך עטלעכע דערפער.

ווי נאָר איראַק איז געוואָרן זעלבשטענדיק האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַראַביש־נאַציאָנאַליסטישע העצעריי קעגן די מינדערהייטן. די מוסולמענער — קורדן און אַראַבער — האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אויף די קריסטלעכע „אַשורים״, און אייראָפּע האָט געשוויגן. דאַן האָבן די אַראַבער גענומען באַפאַלן די קורדן. דאָ אָבער האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ האַרטן נוס און זיי זיינען געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן. דאָס אַלץ האָט ניט אָנגעזאָגט

קיין גוטס די יידן. אמת, קיין פּאָגראָמען אויף יידן, ווי שפּעטער אין באַגדאַד, האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געמאַכט, אָבער רציחות פון איינצלנע יידן זיינען געווען אַן אָפטע דערשיינונג. די יידן אין די בערג פון קורדיסטאַן האָבן געפילט וואָס עס קומט אָן. די עליה קיין ארץ־ישראל האָט גענומען שטייגן, און שוין אין יאָר תרצ״ה (1935) איז די צאָל פון די געקומענע געווען 2500, און צוזאַמען מיט די פריערדיק — מער ווי 8000.

ווען די אויסוואַנדערונג פון די יידן איז געשטיגן, און דער ענין פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים איז געוואָרן מער באַקאַנט און קאָנקרעט, איז איראַק פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ פאַנאַטישער שנאה צום ציוניזם, און צו די יידן בכלל. און נאָך דעם ווי ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע מדינה איז דאָס לעבן אין קורדיסטאַן, ווי אין גאַנץ איראַק, געווען אין דער גרעסטער סכנה. די ידיעות פון ארץ־ישראל האָבן באַגייסטערט די קורדישע יידן און געשטאַרקט אין זיי דעם גלויבן אַז ס׳איז געקומען די צייט פון אויסליזונג פון זייער טויזנט־יעריקן גלות. צו לעצט האָבן זיי באַשלאָסן צוריקקערן זיך אין לאַנד פון זייערע אָבות, אַזוי ווי זייערע ברידער פון תימן און בולגאַריע און מזרח־אייראָפּע האָבן געטאָן, און זיי האָבן זייער באַשלוס דורכגעפירט. אַזוי־אַרום איז געוואָרן אַ סוף צום גלות קורדיסטאַן.

ב.

פון אַלעמאָל האָט זיך געפירט אַ קריג צווישן די קורדן און די טערקיש־מאָנגאָלישע שבטים, וועלכע פלעגן אָנקומען פון מזרח און אַריינרייסן זיך אין קאַווקאַז און אין די אַרומיקע לענדער. די קורדן זיינען קיינמאָל ניט געווען פאַראייניקט אין אַן אייגענער, זעלבשטענדיקער מדינה; דעריבער האָבן זיי ניט געקאָנט ווידערשטיין די אָנגרייפער פון מזרח — יענע האָבן סוף־כל־סוף איינגענומען די לענדער פון די קורדן און איינגעטיילט זיך מיט זיי פּאָליטיש און קולטורעל.

צייטנווייז האָבן איינצלנע קורדן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון מיטעלן מזרח, סיי אין קריגס־צייט סיי אין פרידנס־צייט. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען די נעמען פון צוויי באַקאַנטע קורדן: פון דעם סולטאַן נור אַ־דין, און באַזונדער פון זיין זון צלאח אַ־דין האַיובי, וועלכער איז באַרימט געוואָרן אין דער געשיכטע דורך זיין נצחון איבער די קרייצפירער

אין דער שלאַכט ביי חטין (ניט ווייט פון טבריה) — מיט דעם נצחון האָט ער געמאַכט אַן עק צו דער הערשאַפט פון די קרייצפירער אין ארץ־ישראל. אָבער אַזעלכע קורדן האָבן זיך אויסגעצייכנט ניט ווי פירער פון זייער פאָלק, נאָר ווי פאַרשטייער פון איסלאַם, אַנפירער פון אַראַבער און טערקן. די קורדן האָבן קיינמאָל ניט באַוויזן צו שאַפן אַן אייגענע קורדישע „ציוויליזאַציע" און אַ קורדישע מלוכה.

די אָטאָמאַנישע אימפּעריע האָט איינגעגלידערט דעם גרעסטן טייל פון קורדיסטאַן, און פון דעמאָלט אָן איז דאָס געבליבן אין דער לאַגע פון אַ „פּראָווינץ". אין אָט־דער פּראָווינץ האָבן זיך געראַנגלט פאַרשידענע פעל־קערשאַפטן און רעליגיעס: מאַכמעדאַנישע (שיעים, סונים און אַנדערע סעקטן), קריסטלעכע (אַרמענער, גרוזינער, נעסטאַריאַנער און אַנד.) און די פאַרוואָגלטע יידן. טערקיי און פּערסיע האָבן זיך געקריגט און געפאָכטן איבער די בערג פון קורדיסטאַן און צעריסן דאָס לאַנד אין צווייען: פּערסישע קורדיסטאַן ליגט אין מזרח־זייט און טערקישע אין מערב־זייט. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מ'האָט געמאַכט פון איראַק אַן אַראַבישע מלוכה, איז דער גרעס־טער טייל פון טערקישן קורדיסטאַן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון איראַ־קישע אַראַבער, און דער מזרח־טייל איז געבליבן ביי די פּערסיאַנער.

די דאָזיקע פּאָליטישע ענדערונגען האָבן פולקאָם געענדערט די לאַגע פון די יידן אין קורדיסטאַן. די מערהייט איז געבליבן אין איראַק, אַ קלענער טייל אין פּערסיע, און אַביסל אויך אין טערקישן קורדיסטאַן.

אויבן האָבן מיר שוין געזאָגט אַ פּאָר ווערטער איבער דער לאַגע פון די יידן אין די קורדישע בערג: זיי זיינען געווען פאַרקנעכט מיטן לייב און מיטן האָב־און־גוטס צו די קורדישע פעאָדאַלן, די „בעקן", און אויך גע־שטאַנען אין שוץ פון זייערע האַרן קעגן אַנדערע בעקן און רויבער. די קורדן, ווי געזאָגט, האָבן ניט געהאַט קיין פּאָליטישע איניקייט, און אויך ניט קיין איינהייטלעכע פּאָליטיק קעגן די יידן. אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן דורות־לאַנג. אונטער דער אַראַבישער הערשאַפט האָט זיך באַלד געענדערט דער גורל פון די דאָרטיקע יידן. דער פאַנאַטיזם פון די אַראַבער, זייער שנאה צו מינ־דערהייטן בכלל, זייער תאווה צו אונטערדריקן און באַרויבן די אומבאַשיצטע, האָט געמאַכט כמעט אוממעגלעך די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון יידן אין איראַקישן קורדיסטאַן, ווי אויך אין גאַנץ איראַק.

ביי די יידן האָט זיך געשטאַרקט די נטיה צו פאַרלאָזן זייער גלות און גיין

קיין ארץ־ישראל. דעם אַנהויב האָבן געמאַכט די קורדישע יידן. פאַר דעם איז זייער צאָל געווען 16־18 טויזנט נפשות. צוערשט האָבן גענומען דעם וואַנדערשטעקן די יידן פון די גרויסע שטעט, פון שטעט מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג, ווי, למשל, מוצול (מאסול) — די דאָרטיקע יידן האַלטן מוצול פאַר דער שטאָט „אַשור״; און דאַן — פון די פּאַרוואָרפענע ווינקלעך, ווי די היסטאָרישע עמדיה, זאכו, סינדור (געווען אַ ריין־יידישער דאָרף), עקרא, דאהוק, ביתנורא און אַנדערע. פילע האָבן פאַרקויפט זייערע פעלדער און הייזער פאַר האַלב־אומזיסט, ליקווידירט זייערע געשעפטן און אַוועק אין די גרויסע שטעט — אין מוצול, אין באַגדאַד — צו וואַרטן ביז ס׳וועט קומען זייער שעה צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַנדערע זיינען געגאַנגען, אַן וועג און שטעג, קיין פערסיע און דאָרטן געוואַלגערט זיך אין די הקדשים, אין שולן, אויף בית־עולמס, אָן אַ דאַך איבער קאָפּ, מיט איין געדאַנק און האָפענונג — דערשלאָגן זיך קיין ארץ־ישראל. מ׳קאָן ניט וויסן וויפל פון זיי זיינען אומגעקומען אין וועג און אין די שרעקלעכע באַדינגונגען פון וואַלגערן זיך אין פערסיע. און דאָך, די וועלכע האָבן דאָס אַלץ אויסגעהאַלטן, האָבן זיך דערשלאָגן; די יידן פון קורדיסטאַן זיינען היינט אין מדינת ישראל.

די וויכטיקסטע יידישע ישובים אין איראַקישן קורדיסטאַן זיינען געווען: אין מוצול (די שטאָט איז ניט אַשור, זי איז נאָענט צו די חורבות פון נינוה) — אַ יידישע באַפעלקערונג פון 7000 נפשות, אין אַרבאַל — 2000־2500 נפשות; קערקוק — ביי 330 משפחות. לעבן אַרבאַל געפינט זיך אַ קבר, וועלכן די היגע טראַדיציע האַלט פאַרן קבר פון יונה הנביא. אין זאכו האָט מען געציילט ביי 5000 נפשות (די יידן פון זאכו זיינען געווען די ערשטע פון די קורדישע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים און דאָ געבויט זייערע שכונות). אויך אין תל־כבר, לעבן זאכו, זיינען געזעצן עטלעכע משפחות פון יידישע ערד־אַרבעטער. אין עמדיה — 400 נפשות בערך; אין דעם שטעטל איז געווען אַן אוראַלטע שול, און אין דער נאָענטער סביבה האָבן זיך געפונען דערפער מיט אַ יידישער באַפעלקערונג — אַ טייל פון זיי ריין־יידישע און אַ טייל געמישטע. די צאָל פון די יידן אין יענע דערפער איז געווען בערך אַזוי: אין באראזאני 200 נפשות, אין עקרא, 250 משפחות, אין דאהוק 100־140 משפחות, אין סינדור (לעבן דאהוק — געווען אַ ריין־יידישער דאָרף) 100 משפחות. יידישע ערד־אַרבעטער האָבן זיך

געפונען אויך אין אַנדערע ערטער: אין רוונדוז, אין ביתנורא, אין שנדוכא — 70 משפחות, קוי־סאַנדשאַק, גירזענגאַל, מיראווא. קליינע יידישע דאָרפישע ישובים זיינען געווען אויך לעבן שאַקלאַווא און לעבן כּאַראַדאַ. די יידישע פּויערים האָבן געזייט ווייץ און גערשטן, רייז לינזן, טאַבאַק; אייניקע האָבן געפלאַנצט וויינגערטנער און אַלערליי פּרוכטביימער; אויך זיינען געווען פון זיי וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פּיצוכט*).

וועגן דער שול אין עמדיה האָב איך געהערט פון מיין פריינט, ר׳ עלון אַבידני, אַ קורדישער חכם אין ירושלים. די שול איז געווען פון די עלטסטע שולן אין לאַנד. מען האָט זי געבויט אין 1249, אויפן נאָמען פון יחזקאל הנביא, לויט זיין פּלאַן פון בית־המקדש, מיט זיילן און פאָרהויפן. דערציילנדיק האָט חכם אַבידני באַמערקט טרויעריק: „בעת די גאַנצע קהילה פון מעדיה האָט זיך געקליבן פאָרן קיין ארץ־ישראל האָבן די יידן אַליין אָראָפּגעריסן אונזער קליינעם בית־המקדש אַזוי אַז ס׳איז, דאַכט זיך, ניט געבליבן פון אים אַ שטיין אויף אַ שטיין. דאָס האַרץ טוט מיר ווי ווען איך דערמאָן זיך אַז די אַלטע שול איז חרב, און ס׳זיינען ניט געווען דאָרטן ביי אונז קיין אַרכיטעקטן וואָס זאָלן פאַרצייכענען דעם פּלאַן פון דער געביידע כדי מען זאָל קאָנען באַנוצן זיך מיט אים צום בויען פון בית־המקדש אויפן באַרג מוריה, במהרה בימינו״.

אין איראַקישן קורדיסטאַן, ווי בכלל אין איראַק, האָבן די יידן אָפּגעהיט אַלטע טראַדיציעס וועגן הייליקע קברים. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען ניט קיין היסטאָרישע קוועלן, נאָר אַלטע פאָלקס־גלויבנס, פון די ערשטע צייטן פון איסלאַם, און אפשר נאָך פריער. ביז אין אונזער צייט — ווי אין די טעג פון ר׳ בנימין פון טודעלאַ און ר׳ פּתחיה פון רעגענשבורג — פלעגן די יידן פון קורדיסטאַן באַווייזן די קברים פון נחום הנביא אין אלקוש (אַ קורדישער דאָרף, ניט ווייט פון מוצול), פון יונה בן אמתי אין קערקוק, פון דניאל, חנניה, מישאל און עזריה אין נינוה (לעבן מוצול). יעדן יאָר, אין אַ באַשטימטער צייט, פלעגן מאַסן יידן זיך פאַרזאַמלען ביי די הייליקע קברים און פראַווען „זיארה׳ס״ אַזוי ווי אין מירון, ביים קבר פון רבי שמעון בן־יוחאי; און

*) אַ פולן איבערבליק איבער דעם יידישן ישוב אין קורדיסטאַן, זיין געשיכטע, לעבנסשטייגער, גייסטיקע און מאַטעריעלע אומשטענדן, קאָן דער לעזער געפינען היינט אינעם בוך פון אברהם בן־יעקב „קהילות יהודי כורדיסתאן״ (העברעאיש), ניט לאַנג אַרויסגעגעבן פון מכון בן־צבי, ירושלים.

דאָס זעלביקע טוען די מוסולמענער, ווייל אויך זיי פאַרערן די דאָזיקע קברים.

אין איראַקישן קורדיסטאַן זיינען געווען, ווי געזאָגט, ביי אַ 16־18 טויזנט יידן. אין טערקישן קורדיסטאַן (אָפיציעל נוצט מען ניט אין טערקיי, מחמת פּאָליטישע טעמים, דעם נאָמען קורדיסטאַן) זיינען דאָ אַביסל יידן אין עטלעכע שטעט (אין דיאַרבכר, אורפאַ, סעווערעק, דזשאַרמוק). און אויך די קליינע קהילות ווערן תמיד קלענער; אַ טייל פון די יידן זיינען אַוועק קיין ארץ־ישראל, אַ טייל זיינען אַריבערגעפאָרן אין אַנדערע שטעט אין טערקיי.

מער, און גענויערע, ידיעות האָבן מיר וועגן די יידן אין פּערסישן קור־דיסטאַן, כאָטש ס׳איז ווייטער פון ארץ־ישראל, און מער אָפּגעזונדערט, ווי דער איראַקישער טייל. די יידן פון יענער איראַנישער געגנט האָבן זיך אויך געריררט פון זייערע פּלעצער. איינער פון זיי, שלום כמאני, — ער האָט אָרגאַניזירט און פאַרוואַלטעט די זאַמל־פּונקטן פון די יידישע אויסוואַנדערער אין טעהעראַן — האָט צוגעשטעלט דער „יידישער אַגענטור" אין ירושלים אַ גענויעם ליסט פון די יידישע קהילות אין איראַנישן קורידסטאַן און פון די דאָרטיקע יידן וואָס זיינען דאַן געווען אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, אָדער זיינען שוין אָנגעקומען. מיט דער דערלויבעניש פון דער עליה־אָפּטיילונג פון דער יידישער אַגענטור ברענג איך דאָ זיינע צאָלן:

אין סאקיז זיינען געווען 1350 יידן; צום גרעסטן טייל זיינען זיי שוין אין מדינת ישראל.

אין באנא — 350; אַלע זיינען שוין אין מדינת ישראל.

אין בוקאן — 400; ביז 1953 זיינען 240 געקומען קיין מדינת ישראל.

אין סענענדאגג (סענע) — 4000; ביז 1952 זיינען טויזנט פון זיי גע־קומען קיין מדינת ישראל.

אין שאהין דאג — 360; אַלע זיינען שוין אין אונזער לאַנד.

אין בידזשאר — 650; אַלע שוין אין מדינת ישראל.

אין תיקאב — 800; דער גרעסטער טייל איז שוין אין מדינת ישראל.

אין ריזאַיה (אורמיה) — 800; אַלע יידן פון אורמיה זיינען היינט אין מדינת ישראל.

אין נאקאדע — 150; אַלע היינט אין מדינת ישראל.

אין אשנו — 100; אַלע היינט אין מדינת ישראל.

אין האבאד — 320; אַלע שוין אין מדינת ישראל.

אין דזשעוואנראָד — 250; אַלע אין מדינת ישראל.

אין קאַמיאַנדואַב — 700; מייסטנס שוין אין מדינת ישראל.

בסך־הכל האָט מען געציילט אין פּערסישן קורדיסטאַן, פאַר דער אויס־וואַנדערונג קיין ארץ־ישראל, 10.330 יידן; צוויי דריטל פון זיי זיינען שוין דאָ אין לאַנד.

שלום כמאַני ענדיקט זיין מעמאָראַנדום מיט די ווערטער: „איצטער געפינען זיך אין קורדיסטאַן (אין 1952) 4130 נפשות; און אין צוויי לאַגערן אין טעהעראַן זיצן 2565 נפשות — זיי קוקן אויס און וואַרטן אויף בנין אַריאל; דאָרטן זיינען זייערע אויגן און זייער האַרץ; און זיי האָפן זוכה צו זיין אין גיכן צו קושן די ערד פון זייער היימלאַנד".

און צום סוף זאָגט ער: „און ס'איז באַקאַנט אַז די יידן אין קורדיסטאַן זיינען געזעצן אין דערפער און זייער אַרבעט איז געווען מייסטנס ערד־אַרבעט — אַקערן און זייען און א. וו.; און זיי — באַלד צו בויען זייער היימלאַנד שטרעבן זיי, און זייערע אויגן גייען אויס..."

די יידן פון קורדיסטאַן זיינען דער איינציקער יידישער שבט וואָס האָט דערהאַלטן ביז היינט באַדייטנדיקע אַגראַרישע עלעמענטן. דערמיט אונטער־שיידן זיי זיך פון אַלע אַנדערע יידן אין די גלות־לענדער, אויך פון אַנדערע איראַקער יידן (די פון באַגדאַד, פון בצרה א. אַ. וו.) — יענע האָבן זיך אָפּגעריסן פון באָדן מיט אַ סך דורות צוריק. אָבער די קורדישע יידן זיינען געבליבן נאָענט צו ערד־אַרבעט, און זייענדיק געוואוינט צו פּרימיטיווער לאַנדווירטשאַפט, צו האָרעווען אין פעלד און גאָרטן, זיינען זיי פעאיקער ווי יידן פון אַנדערע לענדער צופּאַסן זיך צו דער פאַרפּולקאָמטער לאַנדווירט־שאַפט אין מדינת ישראל, און דעריבער דאַרפן זיי זיין בילכער ביים באַזעצן אויפן לאַנד. ס'איז ניטאָ קיין גרונט און קיין באַרעכטיקונג צו האַלטן זיי אין ציטווייליקע לאַגערן אָדער אין איבערגאַנגס־פּונקטן בעת די פאַרוואָר־לאָזטע בערג פון מערב־גליל וואַרטן מיט אומגעדולד אויף געטרייע אַרבע־טער און היטער, און די ברייטע סטעפּן פון נגב נויטיקן זיך אין פלייסיקע הענט. מ'דאַרף זעען אַז אַזוינע אַרבעטס־עלעמענטן זאָלן געבראַכט ווערן אין די פאַרלאָזענע דערפער באַלד ווי זיי קומען אָן. און מ'דאַרף זיי באַוואָרענען מיט גוטע, געניטע איבערגעגעבענע אינסטרוקטאָרן, וועלכע וועלן איינפירן די דאָזיקע איינפאַכע אַרבעטס־מענטשן אין דער אַרבעט, באַקענען זיי מיט די נייע מעטאָדן און קאָמפּליצירטע מאַשינען, און מאַכן זיי פעאיק צו בויען דאָס היימלאַנד אויפן באַזיס פון פרייהייט און גלייכהייט.

די בערג־יידן פון קאַווקאַז:

דאַגעסטאַן

א.

וואָס איז די לאַגע פון אונזערע ברידער, די קאַווקאַזער בערג־יידן, אין סאָוויעט־רוסלאַנד? אין דער אמתן האָבן מיר קיין באַגריף ניט פון דעם לעבנסשטייגער און גייסטיקן צושטאַנד פון די צוויי מיט אַ האַלבן, אָדער מער, מיליאָנען יידן, וועלכע געפינען זיך הייַנט אין דער סאָוויעטן־מדינה; פון די שטימונגען פונעם יונגן דור; און ווי אונזערע אָפּגעצוימטע ברידער באַציִען זיך צום ציוניזם און צו דער ווידער־אויפשטייאונג פון אַ יידישער

מדינה. אַפילו די עלעמענטאַרסטע סטאַטיסטישע דאַטן איבער דער יידישער באַפעלקערונג אין די סאָוויעטישע לענדער — די צאָלן מיט וועלכע מיר באַנוצן זיך — זיינען ווייט פון זיכער. און ס׳פאַרשטייט זיך אַז מיר האָבן גאָר קיינע ידיעות ניט וועגן דער איינטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט געשלעכט, עלטער, געמישטע חתונות א. אַ. וו. דאָס אַלץ איז ווי אַ פאַרחתמעט בוך. ניט אָפט דערגרייכט אונז אַביסל נייעס, מייסטנס צופעליקע און מאָגערע, פון די שבטים, וועלכע זיינען פאַרוואָרפן העט־וואו אין טורקעסטאַן, אין קאַזאַכסטאַן, אין גרוזיע, אין צפון־קאַווקאַז. די דאָזיקע „עקזאָטישע" יידן (וואָס זיינען זוכה דערמאָנט צו ווערן אין דער רוסישער פאָרשונגס־ליטעראַטור) געהערן — צופעליק אָדער ניט צופעליק — צו די צווייגן פון יידישן פאָלק, וועלכע קענען ניט דאָס יידיש פון די אַשכנזים און האָבן, אַנשטאָט דעם, זייערע באַזונדערע שפּראַכן: אין בוכאַראַ און דאַגעסטאַן פּערסישע דיאַלעקטן, אין קרים — אַ טערקיש־טאַטערישן, אין גרוזיע — אַ גרוזינישן. ס׳איז מעגלעך אַז גראָד דער פאַקט וואָס זיי האָבן באַזונדערע שפּראַכן האָט דערוועקט אַן אינטערעס ביי די סאָוויעטישע פאָרשער און האָט געפירט צו אַ ספּעציעלער באַהאַנדלונג אין דער סאָוויעטישער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור. אָבער מ׳דאַרף באַמערקן, אַז זיי גיבן זיך אָפּ נאָר מיט דער געשיכטע פון די קאַווקאַזער יידן, מיט דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, און קיינמאָל ניט מיט דעם היינט.

אין דעם קאַפּיטל וועט זיין די רייד וועגן די יידן פון דאַגעסטאַן, וואָס זיי זיינען געווידמעט עטלעכע שורות אין איינעם פון די עטנאָגראַפישע זאַמלביכער פון דער סאָוויעטישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע *).

דער שרייבער פונעם אַרטיקל, י. מ. שילינג, אַ מיטאַרבעטער פון דער פאָרשונגס־עקספּעדיציע אין דאַגעסטאַן, האָט איינגעטיילט די איינוואוינער פון די געפאָרשטע געגנטן אין געאָגראַפישע און עטנאָגראַפישע קאַטעגאָריעס. ריידנדיק וועגן די אַנדן, אַוואַרן און ציזן, דערציילט ער אַז די טראַדיציעס פון די אַנדן **) ווייזן אַן אויף יידישע און אַרמענישע עלעמענטן אין זייער אָפּשטאַמונג.

*) די עקספּעדיציע אין דאַגעסטאַן אין 1946, פון י. מ. שילינג, אין פערטן זאַמלבוך „קאַראַטקיאַ סאָאָבשטשעניא", 1948, ז. 34, א. וו.

**) אַנדן אין ענגן זין פון וואָרט איז דער נאָמען פון איין פעלקערשאַפט; אין ברייטן זין רופט מען מיט דעם נאָמען אַכט נאָענטע פעלקערשאַפטן (באַמערקונג פון שילינג).

ווייטער זאָגט ער: „עטנאָגראַפּישע פאָרשונגען באַווייזן אַז די יידן, וועלכע מ׳רופט אויף זייער שפּראַך ׳טאַטן׳, זיינען אַמאָל געווען אַ גרעסער פאָלק און זיינען געזעסן ניט נאָר לעבן קאַספּישן ים, נאָר אויך אין די בערג, ביז אין דער מערבדיקער העלפט פון דאַגעסטאַן. למשל, אין אַווארן־לאַנד האָבן מיר געלערנט פון די פאָלקס־טראַדיציעס און פון די רעשטן פון אַלטע מצבות וועגן יידישע עלעמענטן, וואָס זיינען דאָ געווען אין פאַרשידענע ערטער: אין ארקאַני, אין שוטוטא — אַ שכונה אין כונזאַך, אין רוגודזשאַ, אין קאַראַדאַ, אין סעלטאַ. אַ בליק אויף דער מאַפּע ווייזט אונז אַז די דערמאָנטע ערטער זיינען ניט קיין צופעליקע פונקטן, אָן אַ שייכות איינע צו די אַנדערע. אדרבה, זיי זעען אויס ווי אַ שורה פון יידישע ישובים, ווי אַ צוויקל וואָס איז אַריינגעזעצט געוואָרן, אין אַלטע צייטן, פון מזרח־זייט צו מערב־זייט, פונעם פלאַכלאַנד וואָס ביי דעם ים ביז טיף אין די בערג, אַ פּאַס וואָס האָט דורכגעשניטן דעם מזרח־טייל און דעם צענטער פון אווארן־לאַנד; דער לעצטער יידישער ישוב אין מערב־זייט איז געווען אין דעם אַנדישן דאָרף — מוני. נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, לייגט זיך אויפן שכל די אַנדישע טראַדיציע וועגן מוני, אַז פון גרונט־אויס איז דער דאָרף געווען אַ יידישע זידלונג, און אַז פון דאָרט זיינען יידישע עלעמענטן אַריינגעדרונגען ווייטער אין צפון־זייט. די איינוואוינער פון מוני האַלטן אַז די דריי עלטסטע דערפער אין דאַגעסטאַן — צוויי פון זיי (מוני און קאַראַדאַ) זיינען געוויס גלידער פון דער יידישער קייט אָדער, ווי געזאָגט, אַ יידישער צוויקל — אַט־די אָנגענומענע מיינונג באַשטעטיקט די אַלטקייט פונעם פּראָצעס וואָס האָט געבראַכט צו דער אַסימילאַציע פון יענעם צוויקל מיט דער אַוואַריש־אַנדישער אומגעבונג״.

ביים רעזומירן זיין מאַטעריאַל פּירט דער מחבר אויס, אַז אין דער היינטיקער דאַגעסטאַנער באַפעלקערונג זיינען דאָ זייער אַלטע בערג־עלעמענטן: זיי האָבן זיך געפונען צוערשט אין דעם דרום־טייל פון דער אַנדישער געגנט, דערנאָך האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט אויך אין צפון־זייט, און צום סוף אַסימילירט זיך און צעגאַנגען געוואָרן אין דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

די אויבנדערמאָנטע דעה איז וויכטיק, און, אָן ספק — ריכטיק. אויך די יידישע קוועלן באַשטעטיקן זי; שילינגס שטאַנדפּונק האָט זיך אויף וואָס צו שטיצן. פון דעם פאַרשטאָרבענעם רב פון דערבענד, ר׳ יעקב יצחקי, האָב איך געהערט אַז נאָך היינט זיינען פאַראַן אין קאַווקאַז, אין די בערג,

מוסולמענישע אַאולן (דערפער) וואָס האָבן אַן אַלטע טראַדיציע, פון דור צו דור, אַז זיי שטאַמען פון יידן, און אַז זייערע אַמאָליקע אָבות האָבן אָנגענומען איסלאַם אונטערן שאַרף פון שווערד. דאָס איז געוויס אַ היסטאָרישע טראַדיציע. העברעאישע איינשריפטן אויף מצבות אין די אַלטע בתי־קברות, אַרום די דערמאָנטע מוסולמענישע דערפער, באַשטעטיקן זי.

אויך מיר האָבן אַן אינטערעס צו געשיכטע, און ווייסן ווי צו שעצן אַרכעאָלאָגיע, אָבער קודם־כל ווילן מיר וויסן, וואָס טוט זיך היינט מיט די קאַווקאַזער יידן.

אונז אינטערעסירן די לעבעדיקע יידן פון דאַגעסטאַן, די וועלכע האָבן איבערגעלעבט די רעוואָלוציע און די אַסימילאַציע, און זיינען געבליבן געטריי זייער פאָלק און די טראַדיציעס פון זייערע אָבות.

די דייטשע היטלער־באַנדעס האָבן פאַרניכטעט זעקס מיליאָנען יידן, אין דעם אויך די יידן פון קרים, אָבער ביי די בערג פון קאַווקאַז זיינען זיי געבליבן שטיין: די העלדישע פאַרטיידיקונג פון די סאָוויעטישע פעלקער האָט זיי צוריקגעשטויסן, און די כוונה פון די מערדער צו פאַרניכטן אויך די יידן פון קאַווקאַז, איז זיי ניט געלונגען. מיר האָבן אויך ניט געהערט וועגן פאָגראָמען אויף די דאָרטיקע יידן, ווי די וואָס מען האָט געמאַכט אין אוקראַינע און אין קרים. מ׳קאָן אָננעמען אַז די קאַווקאַזער יידן זיינען געבליבן אויפן אָרט — טאָ פאַרוואָס־זשע געפינען מיר ניט קיין זכר פון די לעבעדיקע יידן ניט אין דעם ציטירטן אַרטיקל און ניט אין קיין אַנדערער סאָוויעטישער פאַרשונגס־אַרבעט? צום שבח פון די פאָרשער דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי גיבן זיך אָפּ גאָר שטאַרק מיט די קלענערע, און גאָר קליינע, שבטים אין אַלע עקן פון סאָוויעטן־לאַנד, און דאָס לאַנד פאַרנעמט אַ זעקסט־חלק פונעם באַוואוינטן ערד־קוגל; מיט אַלע — נאָר ניט מיט יידן. וויזט אויס אַז אויך ביי די סאָוויעטישע עטנאָגראַפן הערשט דער כלל: אויסער יידן!

אין 1912 האָט דער פאַרשטאָרבענער דר. אהרן בנימיני, אַ געבוירענער דאַגעסטאַנער (שטודירט מעדיצין אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און נאָכן ענדיקן געקומען קיין ארץ־ישראל) פאַרעפנטלעכט אַן אויספירלעכן אַרטיקל איבער זיין שבט, די קאַווקאַזער בערג־יידן. ער האָט געגעבן אַ קלאָרן און אמתדיקן בילד פון זייער לעבן אין אַלע זייערע ישובים, אין דאָרף און אין שטאָט. דער מאַמר (געדרוקט צוערשט אין „אַחדות״, נומ. 38־48, תרע״ב) באַשרייבט די צושטאַנדן, ווי זיי האָבן עקזיסטירט אַ קורצע צייט פאַר דער ערשטער

וועלט־מלחמה. די צאָל פון די בערג־יידן איז דעמאָלט געווען מער ווי פינף־און־צוואַנציק טויזנט — מייסטנס האָבן זיי געוואוינט אין די שטעט און שטעטלעך, און אַ קליינער טייל איז געווען צעזייט אין די אַאולן. אַ סך פון די דאָרפישער יידן זיינען געווען ערד־אַרבעטער, געזייט תבואות און גרינציייג און געפלאַנצט ביימער. אין דער שטאָט דערבענד האָט מען געציילט ביי אַ 6000 יידן, אין דער שטאָט קובא (באַקוער גובערניע) — 10,000. די איבעריקע זיינען געווען פאַרשפּרייט אין פאַרשידענע דערפער און קליינע שטעטלעך: אין קובאנער באַצירק — הונדערט משפּחות (500 נפשות בערך), דאָס רוב ערד־אַרבעטער (אין דאָרף דזשיגאַנסק); אין האטארי — 2500; אין דאַגעסט־טאַנער באַצירק — 1845; אינעם באַצירק פון קאַי־טאַג — טאַוסיד — ביי אַ טויזנט נפשות; אַ הונדערט פון זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ערד־אַרבעט (אין דאָרף מונטיר). אין דעם באַצירק קירוני זיינען געווען מער ווי צען יידישע דערפער — ביי 4000 נפשות; איינער פון די דערפער (אגלבי) איז געווען כולו יידן. בסך־הכל זיינען דעמאָלט געווען, נאָך די ציפערן פון א. בנימיני, ביי אַ זעקס און צוואַנציק טויזנט בערג־יידן.

אַזוי איז געווען די לאַגע אַ פּאָר יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון דעמאָלט האָט זיך דער ישוב מסתמא פאַרגרעסערט. אונזערע קאַווקאַזישע ברידער זיינען ניט קיין רווקים, און זיי האַלטן ניט פון באַגרענעצן דעם נאַטירלעכן צוואוואַקס. פון קיין באַדייטנדיקער יידישער אויסוואַנדערונג פון קאַווקאַז האָבן מיר ניט געהערט. אמת, אין אָנהויב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זיינען געקומען צו אונז אַביסל חלוצים און עולים פון קאַווקאַז, ווי אויך זקנים, וואָס זיינען געפאָרן אויף דער עלטער קיין ירושלים, און דאָ געבויט זייער שכונה (צו יענער צייט איז געקומען אויך דער רב פון דער־בענד, ר׳ יעקב יצחקי ז״ל, אַ גדול בתורה; ער האָט געגרינדעט די קאָלאָניע וועלכע טראָגט זיין נאָמען: באר־יעקב). די אָנגעקומענע יונגעלייט האָבן געשטרעבט צו זיין אַרבעטער אָדער וועכטער (אַזוי, למשל, די ברידער ניסאנוב, יחזקאל ז״ל, צבי, יהודה, יוסף בנימיני ז״ל און אַנד.). אָבער, אין אַלגעמיין, איז די עליה פון קאַווקאַז געווען גאַנץ קליין. די מערהייט פון די בערג־יידן זיינען געבליבן אויף זייערע ערטער, און מען דאַרף אָננעמען אַז פון דאַן איז זייער צאָל היפּש געוואַקסן.

און ס׳שטעלט זיך אַ פראַגע: ווי גייט דאָס היינט, אונטער דעם סאָוויעטישן רעזשים, אָט־דעם יידישן שבט, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ ווינקל

פון קאַווקאַז און האָט אָפּגעהיט, טויזנטער יאָרן, זיין נאַציאָנאַלן יחוד? וואָס איז געוואָרן פון די יעניקע, וועלכע זיינען געזעצן דורות־לאַנג אין דערפער און באַאַרבעט די ערד און געווען באַרימט מיט זייער גבורה?

אייניקע פון זיי האָבן מיר דערקענט דאָ אין לאַנד — אַרבעטער, קאָלאָניסטן, קעמפער — נאָך בעת דער גרינדונג פון מחניים און באר־יעקב (1905), און פון „השומר". וואָס מאַכן די קאַווקאַזער בערג־יידן היינט? האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט צו דער נייער אָרדענונג, ווי זייערע מוסולמענישע שכנים? זיינען זיי געבליבן געטריי אין האַרצן זייער היסטאָרישן פאָטערלאַנד און די אידעאַלן פון זייערע אָבות? לעבן זיי איבער מיט אונז, פון דער ווייטן, פון הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג, דעם קאַמף פון אונזער יונגער מדינה פאַר איר עקזיסטענץ און צוקונפט, און פאַר קיבוץ־גלויות?

אייניקע וויכטיקע היסטאָרישע ידיעות וועגן די קאַווקאַזער בערג־יידן געפינען זיך אין אַן אַלטן אַרטיקל פונעם אַמאָליקן רב פון דערבענד, ר' יעקב יצחקי ז"ל. דער דאָזיקער אַרטיקל איז געווען געשריבן כמעט מיט הונדערט יאָר צוריק.

לויט די טראַדיציעס פון די דאַגעסטאַנער יידן, זיינען פאַרצייטן געווען אין זייער געגנט דריי יידישע ישובים. דער עלטסטער פון די דריי האָט געהייסן קאַלקאַט. ער איז געלעגן לעבן דעם טייך קאַדיאַל, אַנדערהאַלבן ווערסט פון דער שטאָט קובא אין מערב־זייט. קאַלקאַט האָט עקזיסטירט קרוב צו טויזנט יאָר. דער ישוב איז חרוב געוואָרן אין צייט פון דער מלחמה פונעם פערסישן קעניג נאַדיר־שאַך מיט די קאַווקאַזער כאַנעס, אין יאָר התקצ"א (1731). די פּערסן האָבן צעשטערט און פאַרטיליקט דעם ישוב פון קאַלקאַט. דאָס רעשט פון זיינע איינוואוינער זיינען אַנטלאָפן אין דער שטאָט קובא און דאָרט זיינען זיי פאַרבליבן. אויך פון אַנדערע ערטער — פון קאַלאַ־דזשאַראַק, קוסאר און נאָך — זיינען יידישע פּליטים געקומען קיין קובא.

דער צווייטער פון די אַלטע יידישע ישובים איז געווען אבאַסאַווא, זיבן ווערסט בערך אין דרום־מזרח־זייט פון דערבענד. דאָס דאָרף איז געלעגן אויף אַ הויכן בערג־פּלאַטאָ, אַרומגערינגלט פון מאַסיווע, אוראַלטע פעלזן (אויף אַ סך מצבות פון זיין בית־עולם געפינט מען אויסגעקריצט דעם פּסוק: „ורבים מישני אדמת עפר יקיצו"). אין יאָר תקנ"ז (1797), בעת סוכאַב־כאַן, דער פירער פון די קומיקעס (אַ טאָטערישע פעלקערשאַפט), האָט מלחמה געהאַלטן מיט עלי־כאַן, דעם הערשער פון דערבענד, איז די קומיקישע האַרדע

באַפאַלן דעם יידישן דאָרף אַבאַ־סאַוואַ. אין יענער שלאַכט זיינען געפאַלן פון דער יידישער זייט 157 נפשות. די איבעריקע האָבן זיך געראַטעוועט קיין דערבענד. דאָס איז געווען דער סוף פון אַבאַ־סאַוואַ.

דעם דרומדיקן טייל פון דערבענד האָבן די מאַכמעדאַנער גערופן „די מוסולמענישע זייט", און דעם צפונדיקן טייל — „כפאַרי־זייט" (דער טייל פון די כופרים, די אומגלויביקע), לזכר פון די כאַזאַרן, וואָס זייער מלוכה האָט זיך פאַרשפרייט פון קאַספּישן ים ביזן שוואַרצן ים און פונעם טייך איטיל (וואָלגאַ) ביז אין צפון פון דערבענד. פון יענער זייט, אויסער דער שטאָט־וואַנט, שטרעקט זיך אויס אַ פעלד אויף אַ ווערסט בערך. אויף אָט־דעם פעלד זעט מען — צעזייט און צעשפּרייט — אַ סך אַלטע קברים. אַלטע לייט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג זאָגן, אַז דאָס זיינען קברים פון יידן וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף מיט דעם פערסישן קעניג.

דער דריטער יידישער ישוב איז געווען קאַטדאַ, אין צפון־מערב־זייט פון דערבענד. ער האָט געהאַט דריי טיילן (אָדער ווי דער רב יצחקי זאָגט: „דריי שטעט"): 1. חבראַיי, ד. ה. אַ „שטאָט פון תלמידי־חכמים"; 2. חקלאַיי פּוערים, גערטנער; 3. זאַוואַרי — די אויבערשטע „שטאָט" (מסתמא אויף טאַטיש). ווילדע שבטים פון די בערג זיינען באַפאַלן די דריי „שטעט" פון קאַטדאַ און צעשטערט און פאַרוויסט די געגנט. דאָס איז געשען אין יאָר הת"ק (1740) בערך.

די באַפעלקערונג אין די דריי אַלטע ישובים איז געווען אין גאַנצן אַ יידישע. פון זיי שטאַמען אַלע בערג־יידן, וואָס זייער לשון איז טאַטיש. נאָך די חורבנות, האָבן זיך די פּליטים פון די דאָזיקע ישובים באַזעצט אין פאַר־שידענע ערטער אין דאַגעסטאַן. היינט (ד. ה., ווען דער אַרטיקל איז געווען געשריבן) געפינען זיי זיך אין דערבענד און אין צפון פון דערבענד — אין אַכצן שטעט און דערפער.

די טאַטישע שפּראַך (זאָגט ר' יעקב יצחקי) איז ניט פערסיש. ס'קען זיין אַז זי איז אַ צווייג פון יענער שפּראַכן־פאַמיליע, צו וועלכער ס'געהערן אויך פערסיש און קורדיש.

ב.

אין אַ רוסיש ביכל, וואָס איז אַרויס מיט עטלעכע יאָר שפּעטער (אין 1880), האָבן מיר זייער אינטערעסאַנטע איינדרוקן פון אַ באַרימטן אין זיין

צייט רוסישן שרייבער און זשורנאַליסט, וו. אי. נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ. דאָס ביכל הייסט „וואָאינסטוואָוויושטשי איזראַאיל״ (מיליטאַנטישער ישראל). נ.־ד. האָט פאַרבראַכט אַ וואָך צייט אין דער סביבה פון יענע יידישע דערפער אין דאַגעסטאַן און ער גיט אונז לעבעדיקע בילדער פון דעם וואָס זיינע אויגן האָבן געזען און זיינע אויערן האָבן געהערט.

די בערג־יידן האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער רעדט מיט התפעלות פון זייער גבורה, פון זייער גאַסטפריינטלעכקייט און פרייהייטס־גייסט. ווייזט אויס, אַז זיי רופן זיך, בדרך־כלל, מיט תנ״כישע נעמען. נ.־ד. האָט פאַרצייכנט עטלעכע נעמען. פון מענער: ממרא, גמליאל, עמינדב, נחשון, אלדד, בניהו (ער שרייבט: בעניאַגו), יפתח (ביי אים: אופתח); פון פרויען: אַביגיל, שולמית (זיין נוסח תונמית; און אפשר הערט זיך אַזוי דער נאָמען אין זייער אויסשפּראַך), ימימה, יעל, אַבישג, מחלת (ביי אים: מחלס).

נ.־ד. האָט זיך געטראָפן מיט אַ יידישן יעגער. די שכנים, מוסולמענער, האָבן דערציילט וואונדער פון זיין גבורה און הצלחה אין געיעג — וויפל בערן, לעאָפּאַרדן און אַנדערע ווילדע חיות ער האָט אָוועקגעלייגט. און עס זיינען געווען נאָך אַזעלכע יידישע יעגער; ער איז ניט דער איינציקער (ז. 7־36). ווען „בעניאַגו״ איז אַריין אין שטוב האָט ער געהאַט אַ ביקס הינטער די פּלייצעס, און אַ קינזשאַל האָט געשטעקט ביי אים הינטערן גאַרטל. אויך אַנדערע זיינען אומגעגאַנגען אַזוי באַוואָפנט. דער רוסישער שרייבער האָט געהערט דערציילונגען — פון יידן און ניט־יידן — ווי די פאָטערס פון די דאָזיקע בערג־יידן האָבן זיך באַטייליקט, צוזאַמען מיט די מוסולמענער, אונטער דער אָנפירונג פון דעם באַרימטן שאַמיל, אין דעם פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר פרייהייט, קעגן די רוסישע אַגרעסאָרס, וועלכע זיינען באַפאַלן זייער לאַנד; און וויפל פון זיי זיינען באַקאַנט געוואָרן מיט זייערע העלדישע מעשים. די יידן לעבן אין פרידן און פריינטשאַפט מיט דער אַרומיקער מוסולמענישער באַפעלקערונג, און זיי האָבן פיינט די רוסן אַזויווי די מוסולמענער האָבן זיי פיינט (ז. 49).

דער שרייבער האָט פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג אין אַ גרויסן יידישן דאָרף (דעם נאָמען פונעם דאָרף דערמאָנט ער ניט). די איינוואוינער זיינען ערד־אַרבעטער; זיי האָבן פעלדער אַרום דאָרף און ווייַנגאָרטנס, און גיבן זיך אָפּ מיט פּי־צוכט. ער שרייבט: די בערג־יידן „זייען מארענא־גראָז (פון די וואָרצלען פון דעם גראָז קריגט מען אַרויס אַ רויטע פאַרב: madder);

זיי האָבן פּרוכטגאָרטנס און ווייּנגאָרטנס; זיי באַגענוגענען זיך ניט מיט זייער ערד; זיי פאַרגרעסערן זייער ווירטשאַפט און אַרענדירן באָדן פון די שכנים. זיי זייען אַ נידעריקן סאָרט טאַבאַק; זיי מאַכן אויסגעצייכנטע געווער. אין דער לעצטער צייט האָבן זיי זיך גענומען עוסקן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב מיט שאָף־צוכט... דער קאַווקאַזער ייד טוט אַלץ אַליין, ער אַרבעט מיט דעם זאַסטופ, מיטן שאָפל, מיט דער לאָפּעטע. דערפאַר זיינען זיי חברה־לייט, שיינע בחורים. די אַרומיקע מאַכמעדאַנישע באַפעלקערונג האָט פאַר זיי דרך־ארץ...״

דער רוסישער „ליבעראַלער״ זשורנאַליסט מאַכט אַ גרויסן אונטערשיד צווישן זיי און די „דעגענערירטע״, „פּאַראַזיטישע״ יידן פון רוסלאַנד. דערביי זאָגט ער אויך מוסר זיין אייגענעם פאָלק: „אַזאַ איז ער (דער ייד) נאָר דאָרטן וואו מ׳האָט אים געפּייניקט יאָרהונדערטער־לאַנג מיט אָפּפרעמדונג, געדריקט מיט פאַראַכטונג, קינסטלעך קאָנצענטרירט אין אים אַ מוראַדיקן כוח פון ראַסן־עגאָאיזם און דערצויגן די קהלשע גוטע מעלות״. דאָס לעצטע איז געמיינט איראָניש: די רוסן, סיי ליבעראַלן, סיי רעאַקציאָנערן, האָבן זיך אויסגעטראַכט אַ באַגריף פון „קהל״ (קאַגאַל״, אין זייער מויל) — ד. ה. די יידישע קהילה מיט אירע גבאים און פרנסים — ווי פון אַ נעסט פון שווינדלער און פאַרברעכער. די יידישע משכילים פון יענער צייט האָבן דערצו צוגעהאָלפן. אָבער, געוויינטלעך, ניט זיי זיינען געווען די פּוסקים: די רוסן האָבן גענומען פון זיי וואָס זיי האָבן געדאַרפט און וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט, און האָבן צוגעלייגט כהנה וכהנה. נ.־ד. ענדיקט זיין מוסר־השכל אַזוי צו זאָגן: „דאָרט וואו די יידן האָבן געלעבט אין אַנדערע באַדינגונגען, ווי, למשל, אין קאַווקאַז, זיינען זיי ערלעכע און נוצלעכע מענטשן. דאָס גאַנצע פאָלק קען ניט זיין שלעכט; נאָר שלעכטע מענטשן קענען וואַרפן אַ שאָטן אויף די מאַסן.

„די יידישע שולעס הויזן אין סאַקליעס (שטיינערנע הייזלעך פון די בערג־איינוואוינער אין קאַווקאַז. דאָס וואָרט שטאַמט פון גרוזיניש: „סאַכלי״), לעבן בית־המדרש. כאָטש די צאָל פון די תלמידים איז קליין (אויף 200 הייזער 15 יינגלעך), איז די סאַקליע ענג און שמוציק. דער רב (געמיינט, דער מלמד, דער ׳רבי׳) זיצט אויף דער ערד, אויף אַ טעפּיך, און אַלע יינגלעך אַרום אים. צוזאַמען מיט זייער לערער שאָקלען זיי מיטן קאָפּ, זאָגנדיק די תפילות אָדער תורה. זעלטן האָבן זיי אַ געדרוקטן העברעאישן אַלף־בית; על פּי רוב מאָלן די מלמדים אויס די אותיות פון אַלף־בית אויף טאָוולען, און די קינדער לערנען פון זיי לייענען און שרייבן. זיי אַלע שרייבן אויף

די קני, אַזויווי די מוסולמענער; און זיי זיינען אַזוי געוואוינט צו דעם, אַז ס'איז זיי שווער און ניט באַקוועם צו אַרבעטן אויף אַ טיש. די גרעסטע שולע איז אין דערבענד; זי איז ריין און גרויס. די וואָס ענדיקן יענע שולע קריגן סמיכות אויף רבנות (מסתמא — מלמדות) אָדער אויף שחיטה. אַנדערע שולעס — אין (די שטעט) גראָזני, כאַסאַוו־יורטאַ, טעמיר־כאַן־שוראַ, און אין די דערפער — זעען אויס עלנט" (ז. 1־50).

אַ דאָרף אין קאַווקאַז רופן די רוסן אַאול (דאָס וואָרט שטאַמט פון טערקיש); די בערג־יידן רופן זייערע דערפער טשול (קען זיין ס'איז אַ טאַטיש וואָרט) (ז. 82).

נ.־ד. גיט אונז אַ לעבעדיק בילד פון אַ גרויסן יידישן דאָרף, ווי ער האָט עס געזען ביים אָנקומען:

„די זייט פון באַרג אַנטקעגן איז אין גאַנצן באַדעקט מיט הויפנס פון סאַקליעס. צווישן זיי — קיין אַפּענער פּלאַץ, קיין שטיקל גאָרטן. נאָר ענגע געסלעך פלעכטן זיך צוזאַמען און לויפן זיך פאַנאַנדער און פאַרלירן זיך אין הייפלעך פון סאַקליעס, וועלכע זיינען צעוואָרפן אָן אַ שום פּלאַן. אונטן רינגלען אַרום דעם אַאול, ווי מיט אַ ראַם, גאָרטנס און גוט־באַאַרבעטע פעלדער. דאָס אויג האָט ניט געוואוסט אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן. דאָס בערגל האָט זיך ניט אַרויסגעזען פון אונטער דעם נעסט פון מוראַשקעס, וואָס האָט געזשומעט מיט טויזנטער לעבנס און האָט אונז באַטויבט מיט אַ מעכטיקן ליאַרם פון הויכע קולות. גאָר אַנדערש איז אין די טאַטערישע אַאולן. דאָרטן קומסטו — אַ מין שטילקייט] און דאָ זעט עס אויס אַזויווי יעדער איינוואוינער פון אָט־די הייזלעך האָלט אַז ער מוז רייסן דעם האַלז אויף דער גאַנצער גרינער רחבות.

„ווי גאָלדענע פאַסיקלעך האָבן אויסגעזען — אונטער די לעצטע שטראַלן פון דער זון — די פלאַטשיקע דעכער פון די סאַקליעס, געבויט פון שטיינער, באַפּעסטיקט מיט בלאָטע און ליים אָנשטאָט צעמענט. אַזויווי לעכער האָבן געשוואַרצט אין די דאַזיקע הייזער פענצטער — אָן ראַמען און אָן שויבן; נאָר וואו־ניט־וואו איז געהאָנגען אַ לאַד אויף איין זאַווּעסע... הרודעס שטיינער האָבן געקלעטערט די אויף די... די סקאַליעס זעען אויס ווי זיי וואָלטן געקראָכן איינע איבער די אַנדערע. אָט שטייען עטלעכע הייזלעך ווי אַ לייטער — קלענערע אויף גרעסערע, און אויבן גאָר פיצלעך. וואָס אונטן איז, כאַפּט ניט דאָס אויג — אַ מין קאַשע אויסגעמישט מיט אַ לעפל. אַ ים פון פלאַטשיקע דעכער. און אַלץ איז פול מיט מענטשן. אַ פּילפאַרביקער המון לויפט

אַרום אין די געסלעך; גרופּעס פון ווייבער זיצן אויף די דעכער. רויטע אָפּ־גלאַנצונגען פון דער אונטערגייענדיקער זון באַגיסן מיט פּורפּור און גאָלד דאָס שוימען פון מענטשן־פּולן אַאול, און גיבן אים צו נאָך מער לעבן און שיינקייט. און דאָרט ווייטער, נאָכן אַאול, ציט זיך, ווי אַ וואַלדיקער טומאַן, אַ נידעריקע גרינקייט; און ווי אַ ראַזעווע שלאַנג שלענגלט זיך אַ שמאָל טייכל, בליאַסקענדיק, ביים פאַרקערעווען זיך, מיט זיין געשמאָלצענעם גאָלד, און ווערט פאַרפאַלן דאָרט וואו אַפילו די וועלדער זעען אויס ווי גרויע וואָלקנס...

„— וואָס איז דאָס? סיידן מאַכמעדאַנער זיינען דאָ אויך דאָ! — האָב איך באַוויזן, אַנטוישט, אויף אַ מינאַרעט פון אַ מאָסק, באַדעקט מיט געלע און העל־בלויע קאַכל.

„— ניין. דאָס איז זייער מאָסק, פון די יידן.

„— אַ שול?

„ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די בערג־יידן בויען אַזוי אַלע זייער שולן. פון ווייטן קען מען זיי ניט אונטערשיידן פון מאַכמעדאַנישע מאָסקן. פאַראַן פון זיי וועלכע זיינען אויך באַמאָלן אין אַ טאָטערישן סטיל.

„דער יידישער אַאול, וואו מיר זיינען אַזוי פייערלעך אַריינגעפאָרן, האָט נאָך ניט לאַנג צוריק באַלאַנגט צו די „ניט־פרידלעכע״. ער האָט געהאַלטן מיט שאַמילן, און צווישן די „מיורידן״ (פאַנאַטישע קעמפער) פון יענעם הערשער פון די קאַווקאַזער בערג, זיינען געווען ניט ווייניק העלדן פון דאַנען.

„ס׳האָבן זיך דערהערט באַגריסונגען צו מחמד־אַגלו (דעם שרייבערס באַגלייטער און וועג־וויזער). דער מאַכמעדאַנער, וואָס קוקט מיט פאַראַכטונג אויף דעם שטאָטישן יידן, און מיט שנאה אויף דעם רוס, באַציט זיך מיט אמתן כבוד צו די בערג־יידן. בדרך־כלל מאַכט ניט די אַרומיקע באַפעלקערונג קיין אונטערשייד צווישן זיך און זיי״ (ז. 4־92).

ב.־ד. האָט אויך געהערט פון די בערג־יידן זכרונות און לעגענדעס וועגן נאַדיר־שאַך — ווי ער האָט צעשטערט און פאַרוויסט יידישע דערפער. די פערסן האָבן אַרויסגעוויזן אַ האַס צו יידן, אַפילו ניט געגומען זיי געפאַנגען, נאָר אַלעמען אויסגעהרגעט (ז. 99).

ווייטער באַשרייבט ער דאָס אויסזען פון אַ יידישער שטוב פון אינעווייניק:

„די עפענונג פון קאַמין איז געבויט פון רויע שטיינער; דער ליימענער קוימען דערגרייכט ביזן דאַך. מ׳דעקט עס צו מיט אַ ברעט און מ׳קוועטשט צו די ברעט מיט אַ שטיין. אין זאַך איז ניט באַקוועם אין די דאַזיקע סאַק־

ליעס: מ׳גייט ניט אַריין אין אַ סאַקליע — מ׳דאַרף אַריינקריכן. די טיר איז נידעריק. און פון איין צימער אין צווייטן איז נאָך ערגער: מיני לעכער, באַהעלטענישן פון חיות. אָבער — ריין. ווייזט אויס אַז מ׳קאַלכט זיי גאַנץ אָפט. דער ליימענער דיל איז פעסט איינגעטראָטן, ניטאָ קיין סימן פון שמוץ. אויף די פּאַליצעס גלענצן אַלערליי כלים; אין די ווינקעלעך — הויכע, פיין־געשניצטע קריגלעך. פאַראַן אויך זילבערנע געשיר; די שטעלן זיך אַרויס און פיינען זיך אויס צוזאַמען מיט ריזיקע טאַצן — אויף יעדן טאַץ וואָלט זיך געקענט פּאַמעשטשען איינע פון די פעטע בהמות, וועלכע פרעה האָט געזען אין זיין חלום. אויך שפּיגלען זיינען פאַראַן, אָבער אַזעלכע ווי ביי אונז אין די דערפער: מ׳זעט אין זיי צוויי נעזער אַנשטאָט איינעם, אַן איי פון אַ שטרויס אַנשטאָט אַן אויג, און אַ מין יאָזש (העדזש־האָג) אַנ־שטאָט דעם צעשויבערטן קאָפּ פונעם בעל־הבית. אַרום דעם שפּיגל — שווערדן, פּיסטאָלעטן, ביקסן, קינזשאַלן, אַפילו צוויי טערקישע יאַטאַגאַנעס (קרומע קינזשאַלן). די פּיסטאָלעטן זיינען איינגעפּאַסט אין זילבערנע פּאַסונגען, מיט אַ שוואַרצונג; די ביקסן זיינען באַצירט מיט זילבערנע קריצונגען. די בעטן, מיט זייער בעטגעוואַנט וואָס גרייכט ביז צו דער סטעליע, און די קאַסטנס, וואָס שטייען איינע אויף די אַנדערע, פאַרענדיקן די איינריכטונג פון צימער. אַ היל־צערנער סלופּ, וואָס זעט אויס ווי אַ ניט זייער עלעגאַנטע קאָלאָנע, שטיצט דעם דאַך. דער סלופּ איז באַהאַנגען מיט געווען. אַ גאַנצער אַרסענאַל. די בערג־יידן שטאַלצירן מיט די דאָזיקע טויטלעכע כלים פּונקט ווי טשעטשענער און לעזגינער (קאַווקאַזישע בערג־פעלקער). אַן אָפּגעריסענער יונג פון אָט־דעם קריגערישן שבט פון ישראל, וואָס זיינע שמאַטעס מאַכן אייך שטוינען, אַנטבלויזנדיק דעם צוּבער פון זיין שטאַרקן, אויב אַפילו ניט זייער שיינעם לייב, וועט זיכער גרויסן זיך מיט אַ פּאָר פּיסטאָלעטן, די קעפּלעך געשמידט אין זילבער, אָדער מיט אַ פּרעכטיקן קינזשאַל, וואָס זיין הענטל איז באַזאַטן מיט טורקיזן.

„דאָ, אין גאַסט־צימער, קען מען זאָגן, איז געווען זייער שיין. דאָס ליכט פון העלן טאָג האָט געשלאָגן גלייך אין די אָפענע פענצטער און אַרויסגעריסן פון דער טונקלקייט די בונטע קוויטן פון די זיידענע טיכער וואָס זיינען געווען אויסגעהאַנגען אויף די ווענט, די פּורפּורנע ציכלעך פון די ציליגדער־דיק־קיילעכדיקע קישנס, די העל־גרינע קאָלדרעס, און צעשיטן זיך אין טויזנ־טער פונקען, גליטשנדיק זיך איבער דעם גאַנצן אוצר פון געווער״ (ז. 7־106).

גרוזיע

הושע ה׳ את עמך את שארית ישראל. הנני
מביא אותם מארץ צפון וקבצתים מירכתי ארץ.
(ירמיהו, ל״א, ו־ז)

א.

ביי די קאַווקאַזער יידן לעבט אַ טראַדיציע, אַז זיי שטאַמען פון די עשרת השבטים, וועלכע שלמנאסר, דער קעניג פון אַשור, האָט אַוועקגעפירט „קיין חלח און חבור און דעם טייך גוזן און אין די שטעט פון מדי״ (לויט אַן אַנדער נוסח: און „אין די בערג פון מדי״). די טראַדיציע איז אָנגענומען סיי ביי די יידן פון דאַגעסטאַן און אַזאַרביידזשאַן, סיי ביי די יידן פון גרוזיע און אַרמעניע, כאָטש די צוויי גרופן אונטערשיידן זיך אין שפּראַך, אין אויס־

זען און לעבנסשטייגער. די מייסטע פאַרשער האַלטן, אַז ס׳איז דאָ אַ היסטאָ־ רישן קערן אין דער דאָזיקער טראַדיציע. אַ סברא אַז די גולים פון שומרון האָבן זיך פאַרשפּרייט, אין פאַרשידענע עפּאָכן, פון מדי אויס אין דער געגנט פון אַררט, אין די בערג פון קאַווקאַז, אין אַזאַרביידזשאַן און דאַגעסטאַן. שפּעטער, נאָכן חורבן פון דעם ערשטן בית־המקדש, זיינען צוגעקומען די פאַרוואָגלטע פון יהודה; און אין דער צייט פון בית שני — אויסוואַנדערער פון פּרס און מדי, פון קורדיסטאַן און פון דער ידישער מלוכה אין אַדיאַבענע. אַזוי צי אַזוי, די דערמאַנטע טראַדיציע איז זייער אַלט, און אַ ראיה לאָזט זיך ברענגען אויך פון תרגום יונתן בן־עוזיאל: די ווערטער פון עמוס ד׳, ג: „והשלכתנה הארמונה״ טייטשט ער אויס: און זיי זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן ווייטער פון די בערג פון הרמיני״ (אַרמעניע); און די ווערטער פון ירמיהו (נ״א, כ״ז): „אַררט מני ואשכנז״ — „דאָס לאַנד קרדו (קורדיסטאַן) משירית הורמיניה (אַרמעניע) און חדייב״ (אַדיאַבענע). דער פּירוש אַליין איז אַ באַוויז אַז אין דער צייט פון יונתן (צום סוף פון דעם ערשטן יאָר־ הונדערט פאַר דער קריסטלעכער רעכענונג) זיינען געווען ידישע ישובים אין דרום־קאַווקאַז, אין אַרמעניע און „ווייטער פון די בערג פון מדי״ — אין גרוזיע און אין אַזאַרביידזשאַן. אין תלמוד געפינען מיר אַז ר׳ נחמן ברענגט אַ הלכה אין נאָמען פון ר׳ יעקב מארמיניה (ירושלמי, גיטין, פּרק ה, הלכה ז).

פון דעם וואָס יוסף בן־מתתיהו ברענגט וועגן טיגראַנעס (פון די קינדער פון הורדוס), אַ קעניג פון אַרמעניע (מיט אַ יאָר 70 פאַרן חורבן), ווייסן מיר אַז מיט אים זיינען געקומען אַהין אַ סך ידן, מיליטערלייט און בירגער. מיט דער צייט האָט זיך די ידישע באַפעלקערונג דאָרטן זייער פאַרגרעסערט, און אין די טעג פון שבור, דעם קעניג פון פּרס (310—380 קריס. רעכענונג) האָט דער ידישער ישוב אין יענער געגנט געציילט הונדערטער טויזנטער נפשות. ס׳איז באַקאַנט אַז שבור־מלכא האָט אומגעקערט פון קאַווקאַז קיין פּערסיע מער ווי פופציק טויזנט ידן. מסתמא זיינען נאָך דעם אויך געבליבן ניט ווייניק ידן אין די בערג פון קאַווקאַז. אַ טייל האָט זיך געוויס אויסגעמישט מיט די אַרמענער און גרוזינער — ביי די דאָזיקע פעלקער זיינען פאַראַן אַ סך משפּחות וועלכע זיינען שטאָלץ אויף זייער ידישער אָפּשטאַמונג — אָבער אַ באַדייטנדיקער ידישער עלעמענט האָט זיך דער־

האַלטן אין די קאַווקאַזער בערג און איז געטריי זיין פאָלק און דעם גלויבן פון זיינע אָבות ביזן היינטיקן טאָג.

אין גרוזיע געפינען זיך זייער אַלטע מצבות, וועלכע באַשטעטיקן די עקזיסטענץ פון אַ יידישן ישוב אין מיטלאַלטער (ווי, למשל, די איינשריפט פון מצבעט (היינט איז זי אין טיפליס, אין יידישן מוזעאום). אויך אין פאַרשידענע ספרים וואַרפן זיך דורך ידיעות וועגן דעם יידישן ישוב אין 10טן יאָרהונ־דערט (למשל, וועגן די קאַראַאימער אין טיפליס). פון דעם ישוב אין גרוזיע דערציילן ר׳ פתחיה פון רעגענשבורג און ר׳ בנימין פון טודעלאַ. ר׳ בנימין רופט דאָס דאָרטיקע פאָלק „גורגאַן״, גורגאַנער״ אָדער „גרגשים״. די יידן פון גרוזיע האָבן אָנערקענט די אויטאָריטעט פון דעם ראש הגולה, וואָס זיין רעזידענץ איז געווען אין באַגדאַד, די הויפּט־שטאָט פון די עבאַסישע חליפן אין יענע צייטן.

ר׳ בנימין זאָגט: „און דאָס גאַנצע לאַנד פון די תוגרמים... און דאָס לאַנד גורגאַן; זיי (די איינוואוינער) הייסן גורגאַנין; זיי וואוינען לעבן דעם טייך גיחון. זיי זיינען דאָס די גרגשים און נאָך זייער גלויבן — קריסטן. און דער ראש הגולה באַשטעטיקט די פירונג פון יעדער קהילה — פון די טויערן פון סאַמאַרקאַנד ביז טיבעט און ביז דאָס לאַנד פון אינדיע — און זיי קומען צו אים נעמען סמיכה און רשות, און ברענגען אים געשענקן און מתנות פון עק וועלט״.

אַ מערקווירדיקע ידיעה פון 17טן יאָרהונדערט דערציילט, אַז איינער אַ שפּאַניער, דאָן כואַן פון סעגלאַס, האָט זיך געווענדעט צו דער טערקישער רע־גירונג מיט אַ פאָרשלאַג צו גרינדן אַ יידישע מדינה אין דרום־קאַווקאַז, אין דער געגנט וואָס איז באַזעצט פון יידן.

ס׳איז דאָ גענוג ראיות אַז די כאַזאַרן האָבן זיך מגייר געווען (צוערשט דער קעניג בולאַן און זיין הויז, דערנאָך די גאַנצע אויבערשטע שיכט פונעם פאָלק) אונטער דעם איינפלוס פון פערסישע יידן, וועלכע זיינען געקומען צו זיי דורך קאַווקאַז. פון דעם אַליין קאָן מען זען ווי גרויס ס׳איז געווען דאָרטן די השפעה פון די יידן נאָך אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון איסלאַם. אָבער די אַלע זעלטענע ידיעות זיינען ניט מער ווי אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פון דער אַמאָליקער גרויסקייט. קיין אויספירלעכן היסטאָרישן ווערק איבער יענער עפּאָכע האָבן מיר ניט, און אַפילו ניט קיין כסדרדיקע כראָניק. דאָך איז גאָר קיין ספק ניטאָ אַז אַ יידישער ישוב האָט עקזיסטירט אין קאַווקאַז,

סיי אין מזרח־זייט און סיי אין מערב־זייט, פון גאַר אַלטע צייטן, פון די טעג פון בית שני, אויב ניט פון נאָך פריער.

ב.

דאָ קאָנען מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע אויפן אונטערשיד צווישן פאַרשידענע יידישע שבטים, באַזונדער צווישן די בערג־יידן אין מזרח־קאַווקאַז און די יידן פון גרוזיע, אין מערב־זייט.

די שפּראַך פון די גרוזינישע יידן איז אַנדערש ווי די טאַטיש־פּערסישע שפּראַך פון די בערג־יידן; זיי ריידן גרוזיניש אַזוי ווי די אַרומיקע באַפעלקע־רונג. אַ מאָדנער פאַקט אין זייער לעבן איז וואָס זיי שרייבן זיך איבער צווישן זיך מיט דער גרוזינישער שריפט, פון לינקס אויף רעכטס. אַלע אַנדערע יידישע שבטים, אין מזרח ווי אין מערב, באַנוצן זיך מיט העברע־אישע אותיות אויך ווען זיי שרייבן אין זייער טאָג־טעגלעכן, ניט העברעאישן, לשון (אַזוי, למשל, האָבן זיך געפירט די יידן אין די אַראַבישע לענדער — געשריבן אַראַביש מיטן העברעאישן אלף־בית; אַזוי האָבן די ספרדים גע־שריבן ספּאַניאָליש; די אשכנזים — יידיש; די פּערסישע יידן — פּערסיש; די קרימטשאַקעס — טאַטעריש, א. אַ. וו.). אין דעם פּרט זיינען די יידן פון גרוזיע אַן אויסנאַם. אויך טראָגן זיי אָפט די זעלביקע פאַמיליען־נעמען ווי זייערע קריסטלעכע שכנים. די דאָזיקע סימנים פון שפּראַכלעכער און קולטור־רעלער אַסימילאַציע זיינען אַ באַווייז פון דער אַלטקייט און טיפער איינגע־וואָרצלטקייט פון דעם יידישן ישוב אין גרוזיע. אָבער דאָס זיינען נאָר אויי־סערלעכע סימנים. די גרוזינישע יידן זיינען טיף־פרום און צוגעבונדן צו די טראַדיציעס פון זייער פאָלק. אויך דאָס לערנען פון לשון־קודש האָבן זיי ניט פאַרלאָזן.

אַמאָליקע צייטן פלעגן קומען צו זיי שליחים פון מזרח, בפרט פון פּרס. פון זינט די רוסן האָבן איינגענומען גרוזיע, האָבן זיך באַוויזן ביי זיי אשכנ־זישע שליחים (פון ליטע און פון פּוילן). על־פּי־רוב פלעגן זיי פאַרברענגען דאָרטן אַ קורצע צייט. אָבער ניט זעלטן האָט מען זיי געבעטן פאַרבלייבן אין יענע קהילות ווי רבנים, שוחטים אָדער מוהלים, און אַ טייל פון זיי

פלעגן בלייבן. זיי האָבן פאַרשפּרייט תורה און לשון־קודש און באַפעסטיקט די טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג.

קיין שריפטלעכע געשיכטע, און בכלל קיין ליטעראַרישע ווערק, האָבן ניט די גרוזינישע יידן. אָבער זייערע טראַדיציעס בעל־פה זאָגן בפירוש אַז זיי שטאַמען פונעם עלטסטן גלות — גלות שומרון. מיט דער צייט זיינען צוגעקומען צו זיי אויך די פאַרוואָגלטע פון יהודה. מ׳קאָן אָננעמען אַז דער יידישער ישוב אין די בערג פון גרוזיע און אַרמעניע שטאַמט בעיקר פון דער פּאַרתישער עפּאָכע, פון דער יידישער מלוכה אין חדייב (אַדיאַבענע); די קעניגן פון חדייב האָבן זיך מגייר געווען אין דער צייט פון בית שני (מאָנבאַז און זיין פרוי העלענע). ווייטער זיינען געקומען קיין גרוזיע, ווי געזאָגט, אַ סך יידן אין די טעג פון טיגראַנעס.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן אַז אייניקע קריסטלעכע גרוזינישע דערפער האַלטן אויך אַז זיי שטאַמען פון יידן, וועלכע האָבן זיך דאָרט באַזעצט אין גאָר אַלטע צייטן. אַזוי, למשל, די איינוואוינער פונעם דאָרף קאַרטעלי שטאַמען, לויט פּראָפּ. לעווע, פון דאָרף טילאבי, און טילאבי איז תל־אָביב פון יחזקאל הנביא (ג, ט״ו).

די יידן פון גרוזיע, אין אונטערשיד פון די בערג־יידן, וואָס אַ סך פון זיי האָבן געוואוינט אין דערפער און באַאַרבעט די ערד, זיינען מייסטנס געווען שטאָט־מענטשן און האָבן זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל. אַ פאָלקס־ווערטל זאָגט: „אַ יידיש קינד ווערט געבוירן מיט אַ מאָס אין האַנט". די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אונטערגעגראָבן דעם באַזיס פון זייער עקזיסטענץ: די סוחרים און פעדלער זיינען געווען די ערשטע קרבנות פונעם נייעם רעזשים, וואָס האָט גערודפט אַלע „בורזשואַזע עלעמענטן". ס׳איז געוואָרן אַ בהלה און אַן אַנטלויפעניש. אַ סך יידן האָבן באַוויזן זיך אַריבער־צוכאַפּן באַצייטנס איבערן גרענעץ, קיין טערקיי — אַזוי אַרום איז אויסגע־וואַקסן אַ גאַנצע „קאָלאָניע" פון גרוזינישע יידן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אָבער מיט אַ פּאָר דורות פריער זיינען נאָך געווען יידישע ערד־אַרבעטער אין גרוזיע, און אויך די שטאָטישע האָבן געהאַט גערטנער פון גרינסן און פרוכט־ביימער. אין אייניקע דערפער, ווי למשל אין קארילאַ, האָבן יידן געפּאַשעט שאָף, און אין דעם דאָרף שינוואלי זיינען געווען יידן גרויסע גוטבאַזיצער.

די גרוזינישע יידן זיינען בדרך־כלל הויך־געוואַקסן און האָבן ברייטע פּלייצעס. קיין גרויסע למדנים זיינען זיי ניט. דאָך האָבן זיי רבנים און תלמידי־

חכמים, וואָס האָבן געלערנט אין ישיבות אין תחום־המושב. זיי האָבן אויפֿגעשטעלט תלמידים, מענטשן וואָס שטייען היינט בראש פֿון זייערע קהילות אין קאַווקאַז.

ג.

נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר געזעען אונזערע גרוזינישע ברידער אין ירושלים. זיי האָבן אָנגעהויבן צו קומען נאָך איידער ס'איז אַנטשטאַנען די חיבת־ציון־באַוועגונג אין רוסלאַנד. די ערשטע גרוזינישע יידן (דאָ האָט מען זיי גערופֿן „גורדזשים") זיינען אָנגעקומען מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, און אין 1863 האָט זיך געגרינדעט די ערשטע גרוזינישע קהילה אין ירושלים. מיכאל לוי איז געקומען אין 1872 און האָט זיך באַזעצט אין דער „אַלטער שטאָט". דאָרטן האָט מען געבויט אַ שול אויף זיין נאָמען — „מיכאלאַשווילי" — לעבן דער ישיבה „תורת חיים". די שול האָט עקזיסטירט ביז דעם ערשטן פּאָגראָם (1920). אין דער שול „תפארת ירושלים", אויף דער „חפץ חיים" גאַס, האָט זיך אויפֿגעהאַלטן די גרוזינישע ישיבה („מקור חיים") פֿון דעם רב אפרימאַשווילי (זיין ברודער איז דער רב פֿון סוכום אין גרוזיע). בסך־הכל זיינען געווען אין ירושלים זעקס גרוזינישע שולן, און אַ תלמוד־תורה מיטן נאָמען „שארית ישראל". אין דער תלמוד־תורה האָט מען געלערנט עברית בעברית.

אין 1879 האָבן די עולים פֿון גרוזיע געגרינדעט אַ נייע שכונה אין ירושלים, לעבן דעם שכמער טויער.

ס'זיינען אויך געווען גרוזינישע פֿאַמיליעס וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין די קאָלאָניעס, און אייניקע פֿון זיי האָבן זיך גענומען צו ערד־אַרבעט.

פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די צאָל פֿון די גרוזינישע יידן אין לאַנד געווען ביי 500 נפשות. די מלחמה האָט געבראַכט אַ חורבן אויף זייער קהילה: די מענער, זייענדיק רוסישע אונטערטאַנען, האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. זיי זיינען מייסטנס אַרויסגעפֿאָרן קיין מצרים, און אייניקע זיינען געווען געצוואונגען, אונטערן דרוק פֿון רוסישן קאָנסול, צו פֿאָרן פֿון דאָרט קיין רוסלאַנד; אַ טייל פֿון זיי האָבן זיך אומגעקערט נאָך דער מלחמה. אין לאַנד איז דעמאָלט געבליבן נאָר אַ קליינע צאָל מענער, די וועלכע האָבן זיך אָטאָמאַניזירט, און אויסער זיי אַלטע לייט, קראַנקע, אַרעמעלייט, אַלמנות,

אומבאַהאָלפענע מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע ברויט־געבער. זיי האָבן געליטן הונגער, און די קהילה איז איינגעפאַלן.

נאָך דער מלחמה האָט ווידער אויפגעלעבט אין דרום־קאַווקאַז, אַזוי ווי אין אַנדערע לענדער, די עליה פון יידן קיין ארץ־ישראל, און באַלד האָט זייער צאָל דערגרייכט, לויטן חשבון פון „התאחדות הספרדים״, ביז 1700 נפשות. זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אין ירושלים, און נאָר איינצלנע זיינען אַריבער קיין תל־אביב, קיין פתח־תקוה און אין אַנדערע ערטער. בעת די פּאָגראָמען פון 1920־22 אין ירושלים האָט די גרוזינישע שכונה שטאַרק געליטן, און אין דעם פּאָגראָם פון 1929 — אין גאַנצן חרב געוואָרן. די שולן זיינען געבליבן שטיין ליידיק און פאַרשלאָסן און די איינוואוינער האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין אַנדערע שכונות אָדער זיינען אַוועק אין אַנדערע שטעט און אין די קאָלאָניעס. צוריק אין זייער שכונה האָבן זיי זיך ניט אומגעקערט.

דערווײַלע זיינען אין רוסלאַנד פאָרגעקומען גרויסע איבערקערענישן: די ערשטע רעוואָלוציע, אַ סאָציאַליסטישע אין איר וועזן, און דאַן די צווייטע — די באָלשעוויסטישע. נאָך דעם אויפקומען פון דעם סאָוויעטן־רעזשים האָבן זיך אָפּגעהאַקט די פאַרבינדונגען מיט קאַווקאַז, און די עליה פון דאָרטן האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון צייט צו צייט האָבן מיר דערהאַלטן אַביסל ידיעות פון דאָרט, בעיקר דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ס׳זיינען אויך אָנגעקומען איינצלנע נומערן פון אַ דאָרטיקער יידישער צייטונג, אין רוסיש. מעשה נסים: די צייטונג האָט געזשיפּעט און אָנגעהאַלטן ביז אַ פּאָר יאָר נאָך דעם ווי מען האָט פאַרשטאָפּט אין רוסלאַנד אַלע קוואַלן פון יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן. ס׳ווייזט אויס אַז די אַנטי־ציוניסטישע ריכטונג איז אָנגע־קומען אין קאַווקאַז מיט אַ פאַרשפּעטיקונג; אָבער סוף־כל־סוף איז זי אָנ־געקומען. מיט דער הילף פון די יעווסעקעס האָט מען געמאַכט אַן עק צו אַלע ציוניסטישע אויסגאַבן. נאָך דעם ווי ס׳האָבן אויפגעהערט די פאַרבינדונגען מיט גרוזיע און אַרמעניע, האָט זיך אָפּגעשטעלט די עליה פון דאָרטן.

פון דאַן אָן האָבן מיר ניט קיין ריכטיקע ידיעות וועגן אונזערע ברידער אין קאַווקאַז, אויסער דער „אינפאָרמאַציע״ פון די אָפיציעלע קוואַלן. אָבער די נייע הערשער און זייערע יעווסעקישע דינער איז ניט געלונגען אָפּצומעקן דעם רייכן עבר, פון וועלכן ס׳דערציילן אונזערע און פרעמדע קוועלן, און אויס־וואָרצלען פון דער יידישער נשמה די שטרעבונג צו דער גאולה אין ארץ־ישראל.

ד.

וועגן דער לאַגע פון די יידן אין גרוזיע אין אונזער צייט ווייסן מיר גאַנץ ווייניק. די לעצטע ידיעה, וועלכע מיר האָבן געפונען אין סאָוויעטישע קוועלן, איז פון יאָר 1926. דעמאָלט האָט מען געציילט אין קאַווקאַז 20,105 גרוזינישע יידן. פון יענער צייט האָבן זיי זיך מסתמא פאַרמערט, אויב ס'האָבן זיי ניט געטראָפן אומגעריכטע פורעניות, ווי למשל אַ דעפּאָרטאַציע פון קאַווקאַז אין „ווייטע מקומות".

אַביסל ידיעות געפינען מיר אין אַ רוסישן אַרטיקל אין „סאָוויעטסקאַיאַ עטנאָגראַפיאַ" (דריטער באַנד, 1940, ז. 216). דער מחבר, קריכלי, ברענגט די נעמען פון יידן און ניט־יידן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פאָרשן דאָס וועזן פון די גרוזישע יידן. פון יידישע פאָרשער ווערן דערמאָנט: טשאָרני, כשדאי, וויסבערג, און פון די אַנדערע — נ. י. מאַר („דער עטנישער באַ־שטאַנד פון דער קאַווקאַזער באַפעלקערונג"), כאַכאַנאָוו, טשינאַדזע, דער עט־נאָגראַף כיזאַנישווילי, די שרייבער א. פורצלאַדזע, י. טשאַבטשאַדזע, א. צע־רעטעלי, י. גוגבאַשווילי, נ. ניקאָלאַאידזע און אַנדערע. קריכלי דערמאָנט אויך גרוזינישע צייטונגען, וועלכע האָבן פאַרעפנטלעכט אינטערעסאַנטן מאַ־טעריאַל איבער די גרוזינישע יידן, און גיט אָן די נעמען פון די מחברים (קוואלי, דרויבא, איבעריא, צנאבים, פורנעלי און אַנד.) — קיין יידן זיינען צווישן זיי ניטאָ.

אין 1933 האָט מען געגרינדעט אין טביליסי (טיפליס) אַ היסטאָריש־עטנאָגראַפישן מוזעאום מיט דער אויפגאַבע צו פאָרשן דעם יידישן ישוב אין גרוזיע, און אין אַ נומער פון דער „סאָוויעטישער עטנאָגראַפיע" (4טע העפט, 1946, ז. 219) איז געדרוקט אַ באַריכט פון א. קריכלי, דעם דירעקטאָר פון מוזעאום. אין מוזעאום געפינט זיך אַ גרויסע זאַמלונג פון היסטאָרישן, עטנאָגראַפישן און אַרכעאָלאָגישן מאַטעריאַל. די פאַרוואַלטונג האָט אַרויס־געגעבן אַ גרויס זאַמלבוך אין דריי בענדער, 53 דרוק־בויגן, וואָס הייסט: „טרודי מוזעאַ" („די אַרבעטן פונעם מוזעאום"). אין דעם זאַמלבוך זיינען פאַראַן אַ סך וויכטיקע אַרטיקלען איבער דער לאַגע און געשיכטע פון די יידן אין גרוזיע, ווי למשל „די געשיכטע פון די גרוזינישע יידן" פון א. באַ־ראַדזאַנישווילי; „אַרמענאַ־העבראַאיקאַ" פון פּראָפ' מעליקסאַט־בעק; „היס־טאָרישע קוועלן פון דעם אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט" פון פּראָפ. י.

טשכעטיאַ; „צו דער האַנדלס־געשיכטע פון די גרוזינישע יידן" פון י. פּפּיסי־מעדאַוו; „די רעכטלעכע לאַגע פון די גרוזינישע יידן" פון מ. שוקיאַן; „די טערמינען: העברעער און ייד" פון מ. מאַמיסטוואַלישווילי; „די מצבה פון מצכעט מיט דער „העברעאישער איינשריפט" פון א. קריכלי. אין אַרכיוו פון דעם מוזעאום איז דאַ אַ זאַמלונג פון אַ 7000 דאָקומענטן, ווי אויך זעל־טענע ספרים און האַנטשריפטן. אָבער אַלע אונזערע באַמיאונגען צו קריגן דאָס זאַמלבוך זיינען געווען אומזיסט; קיין פאָרשער האָט דערווײַלע קיין שום נוצן ניט פון דעם גאַנצן מאַטעריאַל וואָס מ׳האָט דאָרטן אָנגעקליבן.

קריכלי דערציילט וויאַזוי מען האָט געפּרוווט אָרגאַניזירן וויסנשאַפט־לעכע פאָרשונגען פון דער לאַגע און לעבנסשטייגער פון די גרוזינישע יידן. ס׳ווייזט אויס אַז די רעזולטאַטן זיינען געווען גאַנץ קנאַפּע, ווייל די יידן האָבן חושד געווען די דאָזיקע פאָרשער, אַז זייער אמתע כוונה איז אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע. דער חשד איז מסתמא ניט געווען אָן אַ גרונט. די עקספּעדיציע האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו פאָרשן די גרוזינישע ווייבער מחמת דער באַזונדערער לאַגע פון דער פרוי אין אַ גרוזינישער פאַמיליע. דאָך איז זיי געלונגען, זאָגט דער מחבר, מיט דער הילף פון די פּאַרטיי־אַנשטאַלטן און דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע („קאָמסאָמאָל"), צו זאַמלען וויכטיקן מאַטעריאַל וועגן דער מאַטעריעלער קולטור און געזעלשאַפטלעכן באַשטאַנד פון די גרוזינישע יידן און וועגן די דערשיינונגען „וואָס קומען אַרויס דערפון" (ד. ה. גייסטיקע דערשיינונגען). צוריקקומענדיק האָט די עקספּעדיציע געמאַכט אַן אויסשטעלונג, וואָס האָט געזאָלט אילוסטרירן דעם יידישן לעבנסשטייגער אין גרוזיע, אין זיינע אַלטע און נייע פאָרמען. קריכלי דערמאָנט דעם נייעם לעבנסאָרט אין אַ יידישן סאָציאַליסטישן דאָרף, אין טאָל פון קאָלכידאַ, און דערציילט אַז די אָרגאַניזאַטאָרן (יידישע יעווּ־סעקעס) גיבן זיך פיל אָפּ מיט פּראָפּאַגאַנדע קעגן רעליגיע. דאָס דערוועקט ביי דעם אומפּאַרטייאישן לייענער אַ שטאַרקן ספק, אויב די עקספּעדיציע איז באמת געווען אויסן אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג אָדער גאָר אַ פּאָליטישע און אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע, דיקטירט פון די הערשער; אַ פּראָפּאַגאַנדע וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די באַדערפעֶנישן און פאָדערונגען פון די מענטשן, פון וועלכע די „וויסנשאַפטלעכע" עקספּעדיציע פון די יעווסעקעס האָט געזוכט צו מאַכן פאַר זיך אַן עסק.

דער מחבר זאָגט אָן, אַז די מיטאַרבעטער פון מוזעאום זיינען באַשעפטיקט

מיט צוגרייטן אַ סעריע אַרטיקלען אויף די פאָלגנדיקע טעמעס: „רעשטן פון מאַטריאַרכאַט ביי די גרוזינישע יידן", „חתונה און גט ביי די גרוזינישע יידן", „די קליידער ביי די יידן פון אַכאַלצאַך", „אַנטיסעמיטיזם אין גרוזיע אין דער צייט פון די קיסרים", „דער מקור פון פערזענלעכע נעמען און פון פאַמיליען־נעמען ביי די גרוזיינשע יידן", „די יידן אין דער פעאָדאַלער גרוזיע", „די צייט פון דער אַלטער מצבה אין מצכעט", „קולטור־בוי ביי די גרוזינישע יידן נאָך דער רעוואָלוציע", „יידישע קאָלכאָזן", „די סאָציאַליסטישע קאָלאָניע אויפן נאָמען פון בעריע". זיי זיינען אויך מודיע אַז אַן אַנטי־רעליגיעזע וואַנדער־אויסשטעלונג קלייבט זיך צו ווירקן אין די יידישע קאָלכאָזן, און בכלל אויפקלערן די מאַסן. די חברה פון מוזעאום האָט נאָך אַ סך אַנדערע פּלענער. וואָס וועט אַרויסקומען פון די „גרויסע פּלענער" ווייסן מיר ניט. איין זאַך איז קלאָר: אויב אַפילו זיי וועלן דערגרייכן וואָס־ניט־איז אויפן געביט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, וועט דאָס בלייבן ליגן ווי אַ שטיין — ניט די דרויסנדיקע וועלט, און ניט דער סאָוויעטישער עולם, וועלן פון דעם האָבן אַ נוצן; און די גרוזינישע יידן אוודאי ניט.

די יידן פון מערב־קאַווקאַז, ווי מיר זעען, געפינען זיך אין דער זעלביקער לאַגע ווי די בערג־יידן פון מזרח־קאַווקאַז.

ס'איז כדאי צו ענדיקן מיט אַ פּאָר קופּלעטן פון אַ רוסיש ליד, וואָס איז געווידמעט די יידן פון קאַווקאַז. דאָס ליד איז פון לאַווראָוו, אַ רוסישער פּאָעט און רעוואָלוציאָנער אין די 70ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט:

„...דער פאַרוואָגלטער וואַנדערער האָט ניט פאַרגעסן
דאָס היימלאַנד וואָס איז אים פאַרבאַקן אין האַרצן,
דאָס ליבע, דאָס טייערע לאַנד פון די אָבות".

און כאָטש ער האָט —

„זיין שפּראַך פאַרביטן אויף אַ פרעמדן לשון,
און פרעמדע קליידער אָנגעטאָן
און האַרציק זיך געבונדן
צום שיינעם, חמדיקן גאַסט־לאַנד; —
דאָך לעבט אין אים דער אַלטער גלויבן,
ער בוקט זיך ניט צום גאָלדן־קאַלב.
דער גייסט פון היימלאַנד פאַכט אין ברוסט
פון ציונס וויט־פאַריאָגטע קינדער".

די אידן פון בוכאַראַ

א.

זייער אָפּשטאַמונג — לעגענדע און געשיכטע

די יידן פון בוכאַראַ געהערן צו דעם צווייג פון מזרח־יידנטום, וואָס זייער שפּראַך איז פון אַלטע צייטן פּערסיש. דער קערן פון דעם צווייג זיינען קודם־כל די יידן פון פּערסיע: פאַר דער עליה קיין ארץ־ישראל, אין דער נייער צייט, איז זייער צאָל געווען מער ווי הונדערט טויזנט. פּערסיש ריידן אויך די יידן פון אַפגאַניסטאַן — זעקס ביז אַכט טויזנט נפשות. אין בוכאַראַ און טורקעסטאַן האָט מען געציילט — פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — ביי זעכציק טויזנט יידן. אויב מיר וועלן מוסיף זיין צו דער גרופּע די

יידן פון דאַגעסטאַן, וואָס זייער לשון, טאַט, איז אויך אַ שטיקל קרוב צו דער פּערסישער שפּראַך, האָבן מיר אַ קיימא־לן פון צוויי הונדערט טויזנט יידן וועלכע באַדינען זיך מיט פּערסיש, ניט רעכענענדיק די וועלכע זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל אין דער צייט פון ענגלישן מאַנדאַט אָדער נאָך פריער, און זייער צאָל איז ביי פופצן טויזנט נפשות.

לויט דער טראַדיציע פון די בוכאַרער יידן שטאַמען זיי פון די עשרת השבטים. מ׳קאָן ניט אָננעמען די דאָזיקע טראַדיציע פאַר אַ היסטאָרישן פאַקט, אָבער אַ געוויסן גרונד האָט זי: זייערע אָבות זיינען געקומען קיין בוכאַראַ פון פרס און מדי, די לענדער אין וועלכע די קעניגן פון אַשור האָבן אַוועקגעפירט די געפאַנגענע פון שומרון. נאָר וועגן דעם שפּעטער. צו־ערשט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַן אַנדער טראַדיציע, וועלכע שליסט ניט אויס די אויבן־דערמאָנטע, דהיינו, אַז יידן זיינען געקומען קיין בוכאַראַ פון פרס און בבל. זי שטיצט זיך, ערשטנס, אויף דער שפּראַך: זיי ריידן פּערסיש — אין בוכאַראַ הייסט זי טאַדזשיקיש — ווי די יידן אין פּערסיע; צווייטנס, זיי האָבן די זעלביקע מנהגים און דעם זעלביקן נוסח פון תפילות — אין גרונט גענומען איז דאָס טאַקע דער פּערסישער און בבלישער נוסח, נאָר אין אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע איז ער באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם ספרדישן נוסח און האָט זיך דערנעענטערט צו אים [1].

די בוכאַרער יידן, אַזוי ווי די פּערסישע, באַנוצן זיך ניט, אין פּראַק־טישן לעבן, מיט דעם פּערסיש־אַראַבישן אַלף־בית, נאָר זיי שרייבן מיט העברעאישע אותיות, אין דרוק־פאָרם אָדער אין כתב־רש״י. גלייך ווי די אַשכנזים אין זייערע לענדער האָבן צוגעפּאַסט דעם העברעאישן אַלף־בית צו זייער יידיש, און די ספרדים צו זייער ספּאַניאָליש, די יידן אין די אַראַבישע לענדער צו אַראַביש, אַזוי האָבן די פּערסישע און בוכאַרישע יידן צוגעפּאַסט דעם העברעאישן כתב צו זייער פּערסיש, און האָבן אַפילו געמאַכט ספּעציעלע

1) אין א. נ. אַדלערס זאַמלונג פון בוכאַרישע האַנטשריפטן און ספרים געפינט זיך אַ געשריבענער סידור, נוסח פרס. זע „ספרי יהודי בוכארה״ פון אַברהם יערי, מבוא, קרית־ספר, 18טער יאָרגאַנג, ז. 283.

אויך פון די בוכאַרער אין ארץ־ישראל וויסן מיר אַז זיי האָבן אַ נוסח פון „קדיש״, ווי מ׳פלעגט זאָגן אין יאָרציטן, און אין דעם שטייען די ווערטער: „בחייכון וביומיכון ובחיי ריש גלותא״ — אַן אויסדרוק וואָס קאָן נאָר אויסן זיין דעם ראש הגולה פון בבל. ווייטער באַשטעטיקן זייער אָפּשטאַמונג שטיקלעך ידיעות, וואָס מ׳געפינט אין די שריפטן פון מוסולמענישע מחברים.

דיאַקטרישע סימנים כדי אויסדריקן געגוי, מיט העברעאישע אותיות, די באַזונדערע קלאַנגען פון דער פערסישער שפּראַך [2]).

די יידיש־פּערסישע ליטעראַטור, בפרט פון ליטורגישן פיוט, תפסירים (פּירושים), מדרשים, קאַפּיטס פון פערסישע ליטעראַרישע ווערק אין דער העבּ־רעאישער שריפט, זיינען געווען זייער פאַרשפּרייט ביי די בוכאַרער יידן, באַ־זונדער ביים עלטערן דור. די וויכטיקסטע יידישע רעליגיעז־פּאָעטישע שאַפונג אין פערסישער שפּראַך, שאהין־תורה, דאָס ווערק פון שאהין השיראזי (1319), איז געדרוקט דווקא אין ירושלים — אַ היגער בוכאַרער למדן, שמעון חכם, האָט דאָס צוגעגרייט צום דרוק און אַרויסגעגעבן אין דער שפּראַך פון אָריגינאַל. דאָס בוך איז אַ זאַמלונג פון אַגדות און מדרשים, געשריבן אין דער פאָרם פון אַ פּאָעמע; און צו דעם איז צוגעגעבן מוסא־נאמע, אַ פּירוש אויף דער תורה אין פערסיש. שאהין־תורה איז געווען זייער אָנגענומען און פאַרשפּרייט אין בוכאַרא, און האָט געדינט ווי אַ גייסטיקע שפּייז, צום לייענען און לערנען, סיי די בוכאַרער יידן און סיי די פערסישע, אין ארץ־ישראל ווי אין גלות.

פערסיע און בוכאַרא האָבן געהאַט ענגע פאַרבינדונגען פון דער צייט פון דער פערסישער אַכעמענישער דינאַסטיע (געגרינדעט פון כורש), וועלכע האָט געהערשט אויך איבער בוכאַרא, און מסתמא נאָך פריער. די באַפעלקע־רונג פון בוכאַרא איז אַ געמיש פון איראַנישע און מאָנגאָלישע ראַסן, און די אומגאַנגס־שפּראַכן זיינען צוויי: טערקיש־אוזבעקיש און פערסיש־טאַד־זשיקיש. דורות־לאַנג איז טאַדזשיקיש געווען די הויפּט־שפּראַך פון דער מדינה, די שפּראַך פון דער הערשנדיקער שיכט און פון די שטאָט־לייט, ווי אויך פון די יידן; אָבער די דאָרפישע באַפעלקערונג און די נאָמאַדישע שבטים ריידן אַ טערקיש־אוזבעקישן דיאַלעקט. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך אַז די יידן, זייענדיק שטאָט־איינוואוינער און האָבנדיק געשעפטן מיט פערסיש־ריידנדיקע עלעמענטן, האָבן דערהאַלטן די שפּראַך, וועלכע זייערע אָבות האָבן מיטגעבראַכט פון פערסיע און האָבן זיך באַדינט מיט איר אויך אין זייער גייסטיקן לעבן. אין לערנען תורה און אין די תפילות האָבן זיי זיך באַנוצט מיט לשון־קודש אַזוי ווי די פערסישע יידן. צוגלייך האָבן זיי געקענט אויך דאָס טערקיש פון פּראָסטן פאָלק — זיי האָבן דאָס נויטיק

2) ג (מיט אַ פּינטעלע פון אונטן) מיינט דש ; ג (מיט אַ סגול פון אונטן) — טש ; ג (מיט אַ סגול פון אויבן) — זש.

געהאַט אין האַנדלען מיט די דאָרפסלייט און די אוזבעקישע און אַנדערע נאָמאַדן, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַט באַציאונגען ווי סוחרים און פּעדלער אין די דערפער און אין די סטעפּן.

פון ווען זיינען די ערשטע ידיעות וועגן יידן אין באַקטריא־טראַנס־אָקסאַניאַ (מיטל־אַזיע)?

מ׳קאָן ניט פעסטשטעלן גענוי די צייט. מיר וויסן נאָר דאָס, אַז די צוויי גלותן פון אַשור און פון בבל — זיינען צום סוף געקומען אונטער דער הערשאַפט פון פערסיע, און פערסיע האָט באַוועלטיקט די לענדער פון באַקטריא און כאָרזעם (כיוואַ)[3], בוכאַראַ און אַפגאַניסטאַן; על־כן דאַרף מען אָננעמען אַז די פאַרטריבענע פון ישראל און יהודה האָבן זיך פאַרשפּרייט אין אַלע עקן פון דער פערסישער אימפּעריע. און אַזוי שטייט טאַקע בפירוש אין מגילת אסתר, וואָס שטאַמט פון דער צייט פון די אַכעמענישע קיסרים (559 — 331 פאַר דער קריס. רעכענונג). אין דער מגילה ווערן דערמאָנט עטלעכע מאָל בריוו וואָס אסתר המלכה און מרדכי האָבן געשיקט אין אַלע לענדער פון דער פערסישער הערשאַפט. „און מ׳האָט גערופן די שרייבער פון דעם קעניג... און מ׳האָט געשריבן אַלץ ווי מרדכי האָט געהייסן — צו די יידן און צו די סאַטראַפּן און פּאַשאַס און צו די האַרן פון די לענדער, פון אינדיע ביז כוש (נוביע), הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות; אין יעדער מדינה מיט איר כתב, און צו יעדן פאָלק אין זיין לשון; און צו די יידן מיט זייער כתב און אין זייער לשון" (אסתר ח, ט). און אין נעקסטן קאַפּיטל שטייט: „צו אַלע יידן, אין אַלע לענדער פון דעם קעניג אַחשורוש, די נאָענטע און די ווייטע" (ט, כ). און ווייטער (פסוק ל): „און ער האָט געשיקט בריוו צו אַלע יידן, אין הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות —

3) אַן אַלטע פערסישע טראַדיציע (געבראַכט ביי גריי און ביי אינאָסטראַנצעוו) זאָגט אַז כאָרעזם (כיוואַ) איז געגרינדעט געוואָרן פון נאַרסאַ, אַ זון פון אַ יידישער קעניגין — היסטאָריקער אידענטיפיצירן זי, על־פי־רוב, מיט שושאַנדאָכט, דאָס ווייב פון יעזדיגערד א׳ (399—420). זי איז געווען אַ טאָכטער פון ראש הגולה (מר כהנא אָדער מר יימר אָדער מר זוטרא) — איר שרייבט מען צו די גרינדונג פון איספּאַהאַן, „די שטאָט פון די יידן", און פון דעם „קבר אסתר" אין האַמאַדאַן. אַזוי צי אַזוי, די טראַדיציע אַז אַ זון פון אַ יידישער מלכה האָט געגרינדעט די שטאָט כאָרזעם איז אַ באַווייז אַז אין 5טן יאָרהונדערט איז שוין דאָרט געווען אַן איינפלוסרייכע יידישע קהילה. זע ק. אינאָסטראַנצעוו: „אַ דאָמוסולמאַנסקאַי קולטורע כיווינסקאָוואָ אָאַזיסאַ", זשורנאַל מיניסטערסטוואַ נאַראָדנאָוואָ פראָסוועשטשעניאַ, 1911, ז. 4־293; און גריי: The Jews in Pahlavi Literature. די גרויסע השפּעה פון די יידן זעט מען אויך פון די פאַר־איסלאַמישע מטבעות פון כאָרעזם. און זע ס. אי. טאָלסטאָי: „מאַנעטי שאַכאָוו דרעווגעוואָ כאָרעזמאַ", וועסטניק דרעווגעי איסטאָריאי, 1938.

דאָס קעניגרייך פון אַחשורוש — ווערטער פון אמת און שלום". דאָס ווערט באַשטעטיקט אויך אין די שריפטן פון יוסף בן־מתתיהו.

פון דעם וואָס די מגילה דערמאָנט עטלעכע מאָל אַז די יידן געפינען זיך אין אַלע 127 מדינות פון אחשורוש, איז קלאָר אַז זיי זיינען דעמאָלט שוין געווען פאַרשפּרייט אין אַלע טיילן פון דער פּערסישער מלוכה, ביז צו אירע ווייטסטע גרענעצן, און ד. ה. אויך אין בוכאַראַ. צווייטנס, לערנען מיר דאָ, אַז אין די ערשטע צייטן פון בית שני, אין די טעג פון דער אַכע־מענישער דינאַסטיע, האָבן זיך די יידן שוין באַנוצט מיט זייער שריפט און מיט זייער לשון, ד. ה., מיט העברעאיש אָדער אַראַמעאיש. אַראַמעאיש איז געווען די אומגאַנגס־שפּראַך ביי די יידן פון אַשור און בבל, און שפּעטער אויך פון פּערסיע, און האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז דער עפּאָכע פון די גאונים. געוויסע יידישע ישובים, ווי למשל אין קורדיסטאַן, ריידן ביז היינט אַראַמעאיש.

לויט דער טראַדיציע פון די בוכאַרער יידן זיינען זיי געקומען פון פּערסיע דורך מערוו, און אויך פון כיוואַ. צום טייל זיינען זיי געגאַנגען ווייטער אין מזרח־זייט, און ס'איז דאָ אַ באַגרינדעטע מיינונג אַז די כינעזישע יידן פון קאַי־פענג־פו שטאַמען פון בוכאַרער יידן, וועלכע האָבן געהאַט האַנדלס־באַציאונגען אין גאַנץ אַזיע, פון דעם נאָענטן אָריענט ביז כינע.

די רדיפות אויף יידן האָבן זיך פאַרשפּרייט אין דער צייט פון די סאַסאַנישע קעניגן (227 — 651 קריס. רעכענונג), למשל, אין די טעג פון יעזדיגערד און פון פּירוז הרשע, באַזונדערס אין פינפטן יאָרהונדערט, און דאָס האָט געצוואונגען אַ סך יידן צו אַנטלויפן וואו מ'האָט געקאָנט. דער פאַנאַטיזם פון די מאַגן איז זייער געשטיגן אַ קורצע צייט פאַרן אָנקומען פון איסלאַם, און פילע יידן האָבן זיך געזוכט צו ראַטעווען אין די ווייטסטע ווינ־קעלעך פון דער מלוכה, וואו די האַנט פון די פאַנאַטיקער האָט ניט דער־גרייכט. דעמאָלט האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל פון די פּערסישע און בבלישע יידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן קיין מיטל־אַזיע, און ד. ה. אויך קיין בוכאַראַ.

פון די פאַקטן לאָזט זיך דרינגען אַז די יידן פון בוכאַראַ, על־כל־פנים אַ טייל פון זיי, שטאַמען פון די עשרת השבטים. די זעלביקע טראַדיציעס געפינען מיר אויך ביי איניקע טורקמענישע (מוסולמענישע) שבטים. אָבער דאָס איז אַן ענין פאַר זיך. דאָ ווילן מיר נאָר באַמערקן אַז לויט דער אָנגענומענער טראַדיציע איז דאָס פּערסישע יידנטום אַ פּראָדוקט פון ביידע

ערשטע גלותן: גלות שומרון און גלות יהודה און בנימין; און דאָס איז, אָן ספק, אויך דער מקור פון בוכאַרער יידנטום.

וועגן דעם יידישן ישוב אין כיווא, בוכאַרא און אַפגאַניסטאַן, נאָך דעם ווי דער איסלאַם האָט באַוועלטיקט די דאָזיקע לענדער, געפינען מיר אַן אָנדייטונג אין ספר הכוזרי פון רבי יהודה הלוי. אין אָנהויב פון צווייטן מאמר דערמאָנט ער „אַז גאָטס געבאָט זאָל ער זוכן אין די בערג פון כאַראסאַן... און זיי זיינען געקומען ביינאַכט צו דער מערה, וואו יידן האָבן געפּראַוועט יעדן שבת...”

פון דער פּאָלעמיק פון רבי סעדיה גאון קעגן חיווי פון באַלאַך, וועלכער האָט געלעבט מיט אַ דור אָדער מיט צוויי פאַר אים (אין ניינטן יאָרהונדערט), לערנען מיר אַז דעמאָלט זיינען געווען יידן אין דער אַפגאַניסטאַנער שטאָט באַלאַך. נאָך דעם הערן מיר מער גאָרנישט פון דער דאָרטיקער קהילה — ווייזט אויס אַז זי איז חרוב געוואָרן.

רבי בנימין פון טודעלאַ זאָגט, אַז אין זיין צייט זיינען געווען אין גיבא (כיווא, כאָרזעם) 8000 יידן, און אין סאַמאַרקאַנד 50 טויזנט, צווישן זיי גרויסע לומדים און גבירים; און זיי האָבן געהאַט אַ נשיא מיטן נאָמען ר׳ עובדיה און געהערט צום פּערסישן קעניגרייך [4].

דעמאָלט זיינען דאָס געווען בליענדיקע לענדער. אַדאַנק דער איריגאַציע־סיסטעם, וואָס האָט געשטאַמט נאָך פון די אַלטע צייטן, האָט זיך גוט אַנטוויקלט די לאַנדווירטשאַפט, און מיטל־מזרח איז באַקאַנט געוואָרן אויף דער וועלט ווי אַ הויך־קולטורעלער געביט. האַנדל און אינדוסטריע האָבן געבליט; די לענדער זיינען געווען אַ בריק צווישן מזרח און מערב — דורך מיטל־אַזיע האָבן זיך געצויגן די הויפּט־אָדערן פון מסחר, אידער מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צו באַדינען מיט די ים־וועגן. אין יענער צייט האָבן דאָרט געפונען אַ צופלוכטס־אָרט צענדליקער טויזנטער, און אפשר הונדערטער טויזנטער, יידן,

4) ר׳ בנימין שרייבט אַזוי (זע די אויסגאַבע פון מ. מרגלין): „...און פון דאָרטן איז זיבן טעג ביז גיבא (כיווא), די גרויסע שטאָט ביים טייך גוזן, און דאָרטן זיינען דאָ אַכט טויזנט יידן, און יענע שטאָט איז אַ האַנדל־שטאָט, און ס׳קומען אַהין מיט סחורה (מענטשן) פון אַלע שפּראַכן און פון אַלע פעלקער, און ס׳איז אַ רחבותדיק לאַנד. און פון דאָרטן (גייט מען) פינף טעג ביז סמרכנט (סאַמאַרקאַנד), די גרויסע שטאָט, סאַמע אין עק פון דער מלוכה, און דאָרטן זיינען דאָ ביי אַ פופציק טויזנט יידן, און ר׳ עובדיה, דער נשיא, איז איבער זיי, און ס׳זיינען דאָ ביי זיי גרויסע חכמים און גבירים; און פון דאָרטן איז פיר טעג ביז טובות”... (טיבעט).

און זיי האָבן גענומען אַ באַדייטנדיקן אָנטייל אין דעם לאַנד ווירטשאַפטלעכן און קאָמערציאַלן פּראָגרעס פון די לענדער. אָבער די אינוואַזיע פון די טערקישע און מאָנגאָלישע האָרדעס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער אַנטוויקלונג. די איינגעדרונגענע נאָמאַדן האָבן צעשטערט די באַזיסן פון קולטור אין מיטל־אַזיע. זיי האָבן חרוב געמאַכט די איריגאַציע־סיסטעם, און די לאַנד־ווירטשאַפט איז איינגעפאַלן; אינדוסטריע און מסחר זיינען רואינירט געוואָרן.

די מחנות פון טשינגיז־כאַן האָבן באַרויבט דאָס רוב שטעט און אויסגעהרגעט, אָדער פאַרקויפט ווי קנעכט, זייערע איינוואוינער. די צענטערס פון קולטור אין כאָרעזם (כיווא) און סאַמאַרקאַנד (אין בוכאַראַ) זיינען חרוב געוואָרן און מער קיינמאָל ניט דערגרייכט זייער אַמאָליקע מדרגה[5]). דאָס אַריינדרינגען פון די מאָנגאָלן איז געווען אַן עפּאָכע פון פולקאָמענעם חורבן פאַרן יידנטום אין מיטל־אַזיע און אין מזרח פון רוסלאַנד. די היסטאָריקער האָבן נאָך ניט איינגעזעען ווי גרויס עס איז געווען דער חורבן. די טערקיש־מאָנגאָלישע האָרדעס האָבן אויך צעשטערט די יידיש־כוזרישע מלוכה, וואָס האָט באַהערשט דעם געביט פונעם טייך וואָלגאַ — אירע רעשטן האָבן זיך געהאַלטן אַ געוויסע צייט אין קרים, און אויך אין דאַגעסטאַן, למשל אין דערבענד, „די פעסטונג פון די יידן".

טשינגיז־כאַן, אַ לאַמאַאיסט (אַ מין בודאַאיזם) לויט זיין גלויבן, האָט פאַרפלייצט די וועלט מיט בלוט; און אַזוי האָבן זיך געפירט זיינע יורשים, די אָנפירער פון די טאָטערן, אויך נאָך דעם ווי זיי זיינען געוואָרן מאַכמעדאַנער. טימור־לענק (טאַמערלאַן), דער מוסולמענער, האָט צעשטערט די איינגענומענע לענדער און געצוואונגען די איינוואוינער, יידן און געצנדינער, מיטן שווערד אָנצונעמען זיין גלויבן; און די וועלכע האָבן ניט געוואָלט, האָט מען געטויט אָדער פאַרקויפט אין קנעכטשאַפט. טימור־לענקס הויפּט־שטאָט איז געווען אין סאַמאַרקאַנד, און זיין מאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ מיטל־אַזיע און איבער אַלע לענדער פון דער פערסישער מלוכה. אין זיין צייט זיינען חרוב געוואָרן די רעשטן פון די יידישע קהילות.

אין אַ בריוו פון בוכאַראַ (1914) צום פאַרשטאָרבענעם שרייבער א. דרו־

5) די שטאָט בוכאַראַ ווערט דערמאָנט צוערשט אין יאָר 820. טשינגיז־כאַן האָט זי צעשטערט אין 1220. שפּעטער אַ ווײַלע האָט זי זיך באַנייט. נאָך דעם חורבן פון סאַמאַרקאַנד איז דער צענטער אַריבער קיין בוכאַראַ, און זי איז געוואָרן דער מיטל־פּונקט פון קולטור, און דער וויכטיקסטער ביכער־מאַרק, אין מיטל־אַזיע.

יאַנאָוו האָט דער רב שמואל קאַמיסאַראָוו דערציילט אַ לעגענדע, וועלכע ער האָט געהערט דאָרטן פון אַלטע יידן:

„זיי האָבן אַ טראַדיציע פון אַלטע צייטן, אַז מיט אַ יאָר 1500 צוריק איז געווען אין בוכאַראַ אַ גרויסער כאַן, וועלכער האָט געהערשט איבער אַ סך קליינע מדינות. איינמאָל, ווען ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט ער געזאָגט צו זיינע האַרן: ׳מיין לאַנד איז גרויס און ברייט, קיין זאַך פעלט מיר ניט — נאָר יידן; טאָ לאָמיר שיקן אַ שליח קיין פערסיע און ברענגען פון דאָרט צען יידן. און אַזוי האָט ער געטאָן. די געקומענע צען יידן האָט ער באַזעצט אין זיינע הייזער, ניט ווייט פון דעם קעניגלעכן הויף; און ער האָט שטרענג אָנגעזאָגט דעם גאַנצן פאָלק, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן זיי צו טשעפּען. די גאַס, וואו זיי האָבן זיך באַזעצט, הייסט נאָך היינט „די יידישע גאַס״, כאָטש איצטער איז דאָרטן ניטאָ קיין איין ייד. לאַנגע יאָרן האָבן די יידן געלעבט רואיק און געהאַט גלייכע רעכט מיט אַלע איינוואוינער. אָבער מיט אַ יאָר 500 צוריק האָט מען אויפגעהעצט דעם דעמאָלטיקן כאַן קעגן די יידן און ער האָט געהייסן באַגרענעצן זייערע רעכט, און האָט געמאַכט פאַרשידענע גזירות, ווי למשל: פאַרבאָטן די יידן אָנצוטאָן אַ טשאַלמאַ (אַ קאָפּ־טוך, וואָס דינט די מוסולמענער אָנשטאָט אַ היטל), גע־צוואונגען זיי צו גאַרטלען דעם מאַנטל מיט אַ שטריק אַרום די לענדן, פאַרווערט צו רייטן אויף אַ פערד אָדער אויף אַן אייזל, א. אַ. וו.״

אַן אַנדער יידישע טראַדיציע אין בוכאַראַ זאָגט, אַז נאָך דעם טויט פון טימור־לענק, און נאָך דעם ווי זיין קעניגרייך איז צעפאַלן געוואָרן, האָבן זיך די עמירן, די יורשים פון טימור, געסטאַרעט צו ברענגען יידן אין זייערע לענדער — „אָבער די יידן האָבן ניט געוואָלט גיין אַהין ביז איינער פון די קעניגן אָדער פון די עמירן האָט גענומען אויף זיך די אַחריות פאַר דעם עמיר פון בוכאַראַ, אַז פון יענעם טאָג אָן וועט זיי קיין שלעכטס ניט געשען. נאָך דעם האָבן די יידן אָנגעהויבן צו קומען ביסלעכווייז, אין קליינע צאָלן״ (זאוראָוו). דער יידישער ישוב אין בוכאַראַ האָט זיך באַנייט מיט אַ יאָר 600—500 צוריק. די איינוואָנדערער האָבן געשטאַמט פון בבל און פון פערסיע, און האָבן מיטגעבראַכט די שפּראַך און די מנהגים פון די פערסישע יידן.

דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ דערשיינונג, וועלכע איז כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער יידישער געשיכטע אין גלות. נאָך יעדן חורבן באַווייזן זיך אויפן אָרט נייע שפּראָצן און די רואינירטע קהילות הויבן אָן ווידער אויפ־

צולעבן. די רעשטן פון דעם פריערדיקן ישוב זאַמלען זיך און ריכטן זיך אויף פון דאָס ניי. קיין זיכערקייט איז ניטאָ: צו יעדער צייט האָט געקאָנט קומען אַ נייער חורבן און פאַרניכטן די נייע קהילה; און ווידער האָט זיך געקאָנט מאַכן אַז זי זאָל זיך ראַטעווען פון אַ חורבן אין צייט פון אַן אַלגע־מיינער קאַטאַסטראָפע. אַזוי פלעגט דאָס פאָרקומען אויך אין די לענדער פון מיטל־אַזיע. קיין קלאָרן באַגריף איבער דער עפּאָכע פון די מאָנגאָלישע כאַנעס האָבן מיר ניט, אָבער פון די שטיקלעך ידיעות וואָס זיינען יאָ דאָ, ווייסן מיר, אַז יידישע עלעמענטן זיינען נאָך אַלץ געבליבן דאָרטן. און זיכער איז, אַז ווי נאָר ס׳איז אַריינגעטראָטן אַ דערלייכטערונג, האָט זיך דער יידישער ישוב באַנייט.

אין טראַדיציע זאָגט אַז די יידן זיינען געקומען קיין בוכאַראָ פון סאַוו־סאַוואַר, צוויי טעג גאַנג פון מעשהעד, אַ שטאָט פון וועלכער זיי זיינען אַרויס־געטריבן געוואָרן, אָדער אַנטלאָפן, אין די טעג פון טשינגיז־כאַן, און האָבן געפונען אַ צופלוכט אין באַלאַך און אין סאַמאַרקאַנד.

אַזוי אַרום ווייסן מיר אַז יידישע ישובים האָבן עקזיסטירט אין בוכאַראָ און אין אַפגאַניסטאַן ניט לאַנג נאָך דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע. ס׳איז אויך באַקאַנט אַז שפּעטער איז די סאַמאַרקאַנדער קהילה ווידער חרוב געוואָרן. דאָס איז געשען אין די טעג פון באַב מחמד כאַן: ער האָט באַזיגט דעם פּערסישן שאַך, אַבאַס א׳ (1598), און צעשטערט דעם ישוב; די יידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, זיינען אַנטרונען געוואָרן קיין בוכאַראָ, און אַזוי אַרום פאַר־גרעסערט און געשטאַרקט די קליינע קהילה, וועלכע איז דאָרטן געווען פריער.

דער יידישער ישוב אין בוכאַראָ און אין דער אומגעבונג האָט זיך באַנייט, ווי געזאָגט, אין 14טן יאָרהונדערט. ס׳זיינען דאָרטן אויפגעשטאַנען שרייבער און פּאָעטן, וואָס זייערע שאַפונגען, גאַנצע אָדער טיילן פון זיי, זיינען דער־האַלטן געוואָרן אין האַנטשריפטן. אין 1338 האָט שלמה בן־שמואל מחבר געווען, אין דער שטאָט גורגאַנג, ביי דער מערב־גרענעץ פון בוכאַראָ, אַ יידיש־פּערסישן ווערטערבוך.

אונז איז אויך באַקאַנט דער נאָמען משה בן־דוד — ער האָט פאַרפאַסט לידער אין העברעאיש און פּערסיש (1420). אַ פּאָר הונדערט יאָר נאָך אים האָט געלעבט אין בוכאַראָ אַ באַוואוסטער פּאָעט, יוסף יהודי, אָדער — יוסף שאעיר, און מיט זיין ריכטיקן נאָמען — יוסף בן־יצחק. צום סוף פון 17טן יאָרהונדערט און אין דער ערשטער העלפט פון 18טן (ער איז געשטאָרבן

אין 1755) איז ער באַרימט געוואָרן מיט דער פּאָעמע „זיבן ברידער" — די זין פון חנה. אויך זיינען באַקאַנט די נעמען פון זיינע ייִנגערע חברים: אוהבעק, אלישע ראגב שאעיר, דער מחבר פון „בן המלך והנזיר", און שלמה: זייערע שירים, געשריבן אין פּערסיש, זיינען געווען אָנגענומען סיי ביי ייִדן און סיי ביי מוסולמענער. מ׳דאַרף באַמערקן, אַז די דאָזיקע פּאָעטן האָבן זיך ניט באַגרענעצט מיט היסטאָרישע טעמעס פון תנ"ך אָדער פון מדרשים. זיי האָבן גענומען אויך פון דער פּערסישער און פון דער העברעאישער ארץ־ישראלדיקער ליטעראַטור, און איבערגעזעצט אין זייער פאָלקס־לשון. זיי האָבן אויך געמאַכט אייגענע שירים אויף נייע טעמעס און געשילדערט געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין זייער צייט אָדער ניט לאַנג פאַר דעם. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערן איבערזעצונגען פון ניזאם און פון חאפז — זייערע ווערק האָבן זיי איבערגעשריבן מיט העברעאישע אותיות, ווייל די ייִדן זיינען ניט געווען געוואוינט צו לייענען דעם אַראַבישן כתב פון די מוסולמענער. פון די העברעאישע פּאָעטן האָבן זיי אויסגעקליבן די שירים פון ר׳ ישראל נגארה. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן די גרויסע היסטאָרישע פּאָעמעס פון באַבאַי בן־לוטף דעם קאַשמירער: ער האָט באַשריבן די רדיפות אויף ייִדן אין שיראַז, קאַשאַן, איספאַהאַן און האַמאַדאַן, אין די טעג פון אַבאַס א׳ (געשטאָרבן אין 1629) און פון אַבאַס ב׳ (געשטאָרבן אין 1666); די פּאָעמעס פון באַבאַי בן־פאַרהאַד, און אַנדערע. די צוויי לעצטע האָבן געלעבט אין פּערסיע, אָבער זייערע ווערק זיינען געווען פאַרשפּרייט אין אַלע לענדער, וואו ייִדן האָבן גערעדט פּערסיש, און זיינען געוואָרן אַ גייסטיקע שפּייז אויך פאַר די בוכאַרער ייִדן. אין 19טן יאָרהונדערט איז באַקאַנט געוואָרן אין בוכאַראַ דער ייִדישער פּאָעט איבראַהים שאעה: ער האָט אָנגעשריבן אַ טרויער־ליד אויפן טויט פון נתנאל חודידאַד, וועלכער איז געפאַלן אויף קידוש השם, געטויט געוואָרן פון דעם בוכאַרישן עמיר מעצום.

ב.

פון דעם נאָענטן עבר

אַ נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן אין ייִדישן לעבן מיטן אָנקומען פון ר׳ יוסף ממאן פון טעטואַן (מאַראָקאָ) אין יאָר תקנ"ג (1793).

ר׳ יוסף ממאן איז געפאָרן פון צפת. ער איז געווען דער ערשטער שליח פון ארץ־ישראל וואָס איז אַריינגעדרונגען אַזוי טיף אין יענע לענדער און דערגאַנגען ביז בוכאַראַ. זעענדיק ווי ווייט עס האָט דערגרייכט דאָס עם־הארצות פון די דאָרטיקע יידן, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרבלייבן מיט זיי. ער איז טאַקע דאָרט געבליבן און איז געוואָרן דער גייסטיקער פירער פון בוכאַרער יידנטום. צענדליקער יאָרן האָט ער געווירקט צווישן די יידן פון בוכאַראַ, און ער האָט דאָרט געמאַכט אַן אמתע איבערקערעניש.

ביז זיין קומען האָבן זיי געדאַוונט נוסח פרס, לויט דעם סידור פון ר׳ סעדיה גאון; זיי האָבן אויך געהאַט אַן אַלטע טראַדיציע, אַז זיי שטאַמען פון די עשרת השבטים. ר׳ יוסף ממאן האָט זיי געזאָגט אַז זיי קומען אַרויס פון די פאַרטריבענע פון היספאַניע; און ער האָט ביי זיי איינגעפירט נוסח ספרד. ער האָט אויך געבראַכט פאַר זיי סידורים געדרוקטע אין ליוואָרנאָ. זיין כוונה דערביי איז געווען צו פאַרבינדן זיי מיט זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער און מאַכן אַ סוף צו זייער אָפּגעריסנקייט און איינזאַמקייט [6].

איך ברענג דאָ אייניקע ידיעות וועגן ר׳ יוסף ממאן, וועלכע דער מיסיאָנער יוסף וואָלף האָט געהערט אין בוכאַראַ (אין 1832) פון ממאנ׳ס איידעם, ר׳ פינחס בר׳ שלמה:

„די יידן פון בוכאַראַ און אירע אומגעבונגען... זיינען געווען טיף פאַרזונקען אין עם־הארצות... זיי האָבן פאַרגעסן זייערע מצוות און מנהגים און האָבן געגעסן (פלייש) פון מוסולמענישער שחיטה. זיי האָבן ניט געהאַט קיין רב וואָס זאָל זיי לערנען תורת־משה און די נביאים, און זיי קלאָר מאַכן דעם חילוק צווישן טמא און טהור — ביז ס׳איז געקומען קיין בוכאַראַ ... יוסף דער מאַראָקאַנער פון טעטואן... און ווען ער איז געקומען קיין בוכאַראַ האָט ער געדרשנט און געזאָגט: ׳ווייִ איז צו מיר וואָס איך זע אייך אַזוי. איר האָט פאַרגעסן די תורה פון משה און די נביאים, און די ווערטער פון אונזערע חכמים!׳ זעקס חדשים האָט ער ניט געגעסן פון זייער שחיטה. און די גאַנצע צייט האָט ער זיי געלערנט ווי מ׳שעכט על־פי דיני ישראל. ער האָט זיי געהייסן זיך טובל זיין אין אַ כשרער מקוה און האָט זיי אויפגעפאָדערט צו שיקן מענטשן קיין ווילנע, ליוואָרנאָ און קאָפּוסט, איינצוקויפן ספרים. ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ סופר סת״מ, און דער סופר האָט פאַר זיי אָנגעשריבן די

6) „שלוחי ארץ־ישראל" פון אַב. יערי, ירושלים, תשי״א, ז. 664.

תורה אויף פּאַרמעט. נאָך דעם האָט ער גענומען צו זיך עטלעכע יינגלעך און האָט מיט זיי געקנעלט. אַזוי אַרום האָט ער געמאַכט פון בוכאַראַ — ווי עס דריקן זיך אויס די דאָרטיקע יידן — אַ ירושלים בזעיר־אַנפּין. אין בוכאַראַ האָט ער גענומען אַ צווייטע פרוי. ...געלעבט האָט ער אין בוכאַראַ איין און זעכציק יאָר [7], און דערלעבט ביז דעם עלטער פון איין און אַכציק". ווען ער איז געשטאָרבן האָבן די בוכאַרער יידן אים באַקלאָגט; ביי זיי האָט ער געהייסן „אור ישראל"... ער האָט פאַרניכטעט די עוואַנגעליעס, וואָס מ'האָט אַהין געשיקט פון אָרענבורג. ער איז געווען באַהאַוונט אין מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. אין בוכאַראַ האָט ער געהאַט צוויי זין, אַברהם און יצחק, און אַ טאָכטער מיטן נאָמען מרים. אין די אויגן פון די בוכאַרער איז ער געווען אַ גרויסער „מולא" (האַר). ער האָט זיי דערוויזן אַז דאָס אָפּהיטן די מצוות פון דער תורה איז אַ געבאָט פון גאָט — דערמיט האָט ער געראַטעוועט די בוכאַרער יידן פון קענכטשאַפט" [8])

די ערשטע צוויי בוכאַרער יידן, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל (אין 1827), זיינען געווען פון זיינע תלמידים, אַ פאָטער מיט אַ זון. ר' דוד דבית הלל האָט זיך מיט זיי געטראָפן אין באַגדאַד, בעת זיי זיינען געווען אויפן וועג קיין ארץ־ישראל [9]).

פון דעמאָלט אָן האָבן זיך געפונען, אין יעדן דור, איינצלנע יידן, וואָס האָבן זיך דערוועקט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אין 1865־6 האָט רוסלאַנד איינגענומען טורקעסטאַן [10]). אין בוכאַראַ האָט די צאַרישע רעגירונג איבערגעלאָזן די אינעווייניקסטע פאַרוואַלטונג אין די הענט פון דעם עמיר. אין דער ערשטער צייט האָט מען ניט איינגעפירט די זעלביקע באַגרענעצונגען אויף יידן ווי אין רוסלאַנד, און די יידן פון בוכאַראַ האָבן געהאַט אַלע זייערע פריערדיקע רעכט.

„די יידן זיינען געווען דער הויפּט־פאַקטאָר אינעם פּראָגרעס פון רוסישן

7) י. וואָלפ'ס ידיעה אַז ר' יוסף ממאן האָט געלעבט אין בוכאַראַ 61 יאָר איז אַ טעות. וואָלף איז געווען אין בוכאַראַ אין 1832, און דאָס הייסט אַ יאָר 40 נאָך דעם קומען פון ר' יוסף ממאן אַהין.

8) „דרישת ציון", געדרוקט אין פראַנקפורט, אדר, תקס"ז לפ"ק (1807).

9) Joseph Wolf, *Researches and Missionary Labor*, London, 1835, pp. 142-200, און ביי יערי, אין דערמאָנטן בוך, ז. 566.

10) די רוסן האָבן אַנעקסירט בוכאַראַ אין 1866, און באַלאַגערט סאַמאַרקאַנד אין 1868 — דעמאָלט האָבן זיי איינגענומען דעם גרעסטן טייל פון בוכאַרער עמיראַט.

טורקעסטאַן. זיי האָבן אַנטוויקלט דעם האַנדל מיט פּראָדוקטן פון דער רוסישער אינדוסטריע, און געמאַכט גרויסע שטרעקעס לאַנד פּאַסיק פאַר קאַטן־פּלאַנטאַציעס. אַזוי אַרום האָבן זיי געעפנט פאַר רוסלאַנד, אין אירע גרענעצן, אַ נייעם מקור פון קאַטן און דערמיט געשאַפן די מעגלעכקייט אויפצובויען אין רוסלאַנד גופא אַ טעקסטיל־אינדוסטריע. אָבער אין אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט, אין די יאָרן 1900 — 1913, האָט מען גענומען איינפירן אויך אין בוכאַראַ, און אין גאַנץ מיטל־אַזיע, די סיסטעם פון באַגרענעצן די רעכט פון די יידן. מען האָט אָנגעהויבן אַרויסטרייבן די יידן פון די גרויסע שטעט — פון טאַשקענט, פון סאַמאַרקאַנד, פון קאָקאַנד, א. אַ. וו.; מען האָט פאַרבאָטן די בוכאַרער יידן צו וואוינען אין אַנדערע שטעט פון טורקעסטאַן, אויסער די גרענעצן פון בוכאַראַ; און נאָר אַ דאַנק דער שתדלנות פון דעם בוכאַרער עמיר האָט מען געלאָזן די בוכאַרער יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אויסער די גרענעצן פון דעם עמיראַט נאָך פאַר דער רוסישער אָקופּאַציע, צו פאַרבלייבן אויף זייערע ערטער״ [11]).

נאָך דער אַנעקסירונג פון טורקעסטאַן האָבן זיך פאַר די בוכאַרער יידן געעפנט די וועגן קיין רוסלאַנד און צום רוסישן יידנטום. שוין אין יאָר 1868 זעען מיר דעם ערשטן בוכאַרער ייד, יוסף בן בבאי, פאָרן קיין ארץ־ישראל דורך אָדעס. אין אָדעס האָט ער זיך געטראָפן מיט צעדערבוימען (אר״ז), דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ״. פון אים האָט אר״ז געהערט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין בוכאַראַ און האָט דאָס פאַרעפנטלעכט אין זיין צייטונג [12]). לויט בן־בבאי זיינען דעמאָלט געווען אין בוכאַראַ אַ 7000 יידן, מיינסטנס אין דער הויפּט־שטאָט. אָבער קלענערע קהילות זיינען אויך געווען אין די שטעט: קאַרשי, חיסאַסאַר, קאַרמין. די יידן זיינען געווען באַשעפטיקט בעיקר אין מסחר און אין דער זייד־אינדוסטריע. בנוגע שטייערן, זיינען זיי געווען איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס: אָרעמע האָבן געצאָלט דריי רובל אַ יאָר קאָפּשטייער, מיטעלע — זעקס רובל און רייכע — צוועלף רובל. ס׳איז אויך געווען אַ מנהג, אַז דער באַאַמטער — ביים אויפמאָנען דעם קאָפּשטייער — פלעגט געבן דעם יידן אַ פּאַטש אין פּנים. דער דעמאָלטיקער עמיר, מוזאפאַר אַ־דין, האָט פאַרבאָטן צו פאַרקויפן יידן אומבאַוועגלעכן אייגנטום. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן רוסלאַנד און בוכאַראַ (אין

11) יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ: בוכאַראַ.
12) „המליץ״, אָב, תרכ״ח, אָדעס.

1875) איז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר קוראָפּאַטקין, צוזאַמען מיט דעם גענעראַל סקאָבעלעוו, אַנטלאָפֿן אין דער שטאָט קודזשאַן. די קירגיזן האָבן זיי נאָכגעיאָגט כדי צו טויטן. ביי די יידן אין בוכאַראַ גייט אום אַ מעשה, אַז איינער אַ ייד האָט געראַטעוועט די צוויי גענעראַלן פֿון די הענט פֿון די קירגיזן, און זיי האָבן אים געשוואוירן, בכתיבה וחתימה, אַז מען וועט קיינ־מאָל ניט אָוועקנעמען ביי די בוכאַרער יידן זייערע רעכט, און מ׳וועט זיי ניט נעמען פֿאַר סאָלדאַטן.

דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט מער ווי אַ לעגענדע. דער פֿאַקט אָבער איז, אַז אַ לאַנגע צייט — ביז דער איבערקערעניש פֿון 1905 — האָבן די בוכאַרער יידן געניאָסן מער רעכט ווי די יידן אין רוסלאַנד, אין תחום־המושב. דאַן אָבער איז געקומען אויך זייער צייט.

אין 1911 האָט דער גענעראַל סאַמסאָנאָוו אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז אַלע בוכאַרער יידן וועלכע געפֿינען זיך אין די שטעט פֿון טורקעסטאַן — אויסער בוכאַראַ — זאָל מען זיי אַרויסטרייבן און זיי אומקערן אין די גרענעצן פֿון דעם עמיראַט. אין בוכאַראַ זיינען געווען רייכע יידן; זיי האָבן געהאַט געשעפֿטן נאָענט און ווייט; זייער האַנדלס־באַלאַנס האָט דערגרייכט פֿיר מיליאָן רובל אַ יאָר. ס׳האָט זיי געקאָסט ניט ווייניק שתדלנות ביז זיי האָבן באַקומען רשות צו וואוינען אין די שטעט סאַמאַרקאַנד, קאָקאַנד און מאַרגאַלאַן.

די שפּראַך פֿון די בוכאַרער יידן איז פּערסיש, פֿילע קענען טערקיש, און ס׳זיינען דאָ פֿון זיי וואָס ריידן אויך העברעאיש. דער גרעסטער טייל איז זייער פֿרום. ספרים פֿלעגן זיי באַקומען פֿון ליוואָרנאָ, ווין און אַמסטערדאַם.

צום סוף פֿון 19טן און אין אָנהויב פֿון 20טן יאָרהונדערט האָט זיך די מאַטעריעלע לאַגע פֿון די בוכאַרער יידן אַ סך פֿאַרבעסערט. פֿילע זיינען רייך געוואָרן. אָבער אויפֿן גייסטיקן געביט האָבן זיי ווייניק פּראָגרעסירט. על־פּי רוב האָבן די יינגלעך געלערנט אין „חדרים" ביי טראַדיציאָנעלע בוכאַרישע מלמדים, און פֿון די מיידלעך האָט נאָר אַ קליינע צאָל זוכה געווען אַפֿילו צו אַזאַ דערציאונג. דאָך זיינען געגרינדעט געוואָרן אויך אַביסל פּראָגרעסיווע שולעס, פֿון דעם סאָרט וואָס מען האָט גערופֿן „חדר מתוקן", מיט לערער, וועלכע מ׳האָט ספּעציעל געבראַכט פֿון ארץ־ישראל. די דאָזיקע שולעס האָבן טאַקע אַ סך אויפֿגעטאָן אין פֿאַרשפּרייטן העברעאיש.

ס׳איז כדאַי צו באַמערקן, אַז די ערשטע צייט נאָך דער באָלשעוויסטישער

רעוואָלוציע איז ווייטער אָנגעגאַנגען דאָס לערנען פון העברעאיש און דאָס פאַרטיפן פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. מ׳האָט געעפנט שולעס פאַר די יידן פון טורקעסטאַן, אין וועלכע די שפּראַך פון לערנען איז געווען העברעאיש. די יידישע פאָרשטייער האָבן געטענהט מיט רעכט, אַז „דער זשאַרגאָן פון די בוכאַרישע יידן (טאַדזשיקיש) איז ניט קיין קולטור־שפּראַך״, און אַז זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך איז העברעאיש. צוערשט האָט די סאָוויעטישע רעגירונג מסכים געווען אַז אין די יידישע שולעס זאָל מען לערנען העב־רעאיש. די אַדמיניסטראַציע האָט אַפילו אַליין אַרויסגעגעבן אַ לערנבוך פון אַלגעמיינער געאָגראַפיע אויף העברעאיש. אָבער אין 1921 האָט די האַנט פון די יעווסעקעס דערגרייכט ביזקל בוכאַראַ, און ס׳האָט זיך איבערגעחזרט די אַלטע געשיכטע, וועלכע איז אונז גוט באַקאַנט נאָך פון דער צאַרישער צייט: די גזירות, וואָס זיינען אַרויס אויף אַלע יידן אין רוסלאַנד, האָבן סוף־כל־סוף געטראָפן אויך די יידן פון טורקעסטאַן. דורך די באַמיאונגען פון די יעווסעקעס האָט מען איינגעפירט טאַדזשיקיש אין די יידישע שולעס, אָנשטאָט העברעאיש. דאַן איז מען געגאַנגען ווייטער: צוערשט האָט מען געשריבן טאַדזשיקיש מיט העברעאישע אותיות; דערנאָך, ווען מען האָט אָפיציעל איינגעפירט דעם רוסישן אַלף־בית פאַר די אַזיאַטישע פעלקער [13], האָט מען געצוואונגען אויך די יידן אָנצונעמען די „קיריליצע״ (רוסישן כתב). מ׳דאַרף וויסן, אַז אין דעם פרט איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן די מוסולמענער און די יידן: יענע האָבן זיך באַדינט מיטן אַראַבישן אַלף־בית — אַ שווערער און ניט־פולקאָמענער כתב, וואָס האָט דערוויטערט דאָס רוב פאָלק פון לערנען לייענען און שרייבן און פאַרמערט אומוויסנהייט — און די יידן האָבן געלערנט זייער לשון און שריפט פון קינדווייז אָן, דור־איין, דור־אויס, און דער כתב האָט קיינמאָל ניט געשטערט זייער בילדונג. די כוונה פון דעם אָפיציעלן צוואַנג איז, אָן ספק, אַן אַנדערע — מ׳זוכט צו דערווייטערן די יידן פון זייער נאַציאָנאַלן מקור. אין די רעגירונגס־שולעס זיינען די יידן געווען געצוואונגען נאָכצוגעבן, אָבער פריוואַט, שטילערהייט, האָבן זיי ווייטער געלערנט העברעאיש.

13) דעם רוסישן אַלף־בית האָט מען אַרויפגעצוואונגען, ראשית, אויף די פעלקער פון רוסישן אַזאַרביידזשאַן: די טאַדזשיקן (יידן פערסיש), די אוזבעקן, קאַזאַכן, טורק־מענער (טערקישע דיאַלעקטן); און דאַן אויף אַלע „אַנאַלפאַבעטישע״ פעלקער. זע־ סאָוויע־טישע ענציקלאָפּעדיע״, אַרטיקל: אַלף־בית.

נאָך דעם ווי די רוסן האָבן איינגענומען בוכאַראַ, האָבן די בוכאַרער יידן, ווי געזאָגט, אָנגעקניפּט נעענטערע באַציאונגען מיט ארץ־ישראל. די ערשטע עולים האָבן געגרינדעט אַ קליינע קהילה אין ירושלים און אַ שול פון מקובלים. אין יאָר תרנ״ב (1892) האָבן זיי געבויט אַן אייגענע שכונה (מיטן נאָמען רחובות) און אַ תלמוד־תורה. על־פּי־רוב זיינען זיי געקומען קיין ארץ־ישראל מיט געלט, אָבער נאָר איינצלנע האָבן געהאַט אין זינען דאָ צו מאַכן געשעפטן. די מערסטע פון זיי האָבן דאָ געבויט הייזער, פּאַרדונגען דירות, און אַליין צוריקגעפאָרן קיין בוכאַראַ אָדער קיין רוסלאַנד כדי צו פירן זייערע געשעפטן דאָרט. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זייער צאָל אין ארץ־ישראל געווען אַרום 1500 נפשות.

די בוכאַרער יידן האָבן געגרינדעט אין ירושלים אַ בית־דין פאַר זיך און אַ ועד הקהילה. דאָך זיינען זיי געווען ענג־פאַרבונדן מיט דעם ספרדישן ישוב, און זייערע ספרדישע מלמדים און חזנים האָבן איינגעפירט ביי זיי דעם נוסח ספרד אין דאַוונען און די ספרדישע אויסשפּראַך אין העברעאיש.

ג.

די רעכט פון די בוכאַרער יידן אין דער איבערגאַנגס־צייט

די רוסישע אָקופּאַציע האָט ניט געענדערט די יורידישע לאַגע פון די יידן אין בוכאַראַ און אין גאַנץ מיטל־אַזיע; די באַגרענעצונגען און דערניידעריקונגען פון די טעג פון בוכאַרישער זעלבשטענדיקייט האָבן אָנגעהאַלטן נאָך אַ לאַנגע צייט. די יידן זיינען געווען „דמי״, ניט־מוסולמענער, און דערפאַר — ווי אין אַלע מוסולמענישע לענדער — ניט קיין גלייך־באַרעכטיקטע בירגער. דאָך האָבן זיי געהאַט אַ געוויסע אויטאָנאָמיע אין זייערע אינעווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן.

זייענדיק אונטערטאַנען פון אַ צווייטער מדרגה האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין אַ סך דערנידעריקנדיקע געזעצן און גזירות. פאַר קיין סאַלדאַטן האָט מען זיי ניט גענומען; דערפאַר האָבן זיי געהאַט צו צאָלן קאָפּשטייער, אַ שטייער פון וועלכן די מוסולמענער זיינען געווען פריי. אָבער די אַלגעמיינע געזעצן האָבן באַשיצט זייער לעבן און פאַרמעגן.

כדאי צו פֿאַרצייכענען די ספּעציעלע גזירות אויף יידן אין דער אַמאָ־ליקער בוכאַראַ:

א) זיי האָבן געמוזט וואוינען אין באַזונדערע שכונות, און אויך אין זייער אייגענער שכונה זיינען זיי ניט אַלעמאָל געווען פֿריי צו בויען נייע הייזער, ווי זיי האָבן געוואָלט, אָדער אָפּצוקויפֿן ביי אַ מוסולמענער אַ הויז וואָס איז געשטאַנען אין זייער שכונה. מ׳דאַרף זאָגן, אַז ניט אַלעמאָל האָבן זיך די יידן קאָנצענטרירט אין אַ געטאָ געצוואונגענערהייט. אָפֿט האָבן זיי אַליין געזוכט צו זיין צוזאַמען, אין אַ באַזונדערער שכונה, וואו זיי האָבן זיך געפֿילט מער באַשיצט פֿון דעם מוסולמענישן פֿאַנאַטיזם און די ניט־זעלטענע אָנפֿאַלן פֿונעם המון. מיר האָבן געפֿונען ידיעות וועגן דעם ווי יידן האָבן זיך משתדל געווען ביים גרויסן עמיר, ער זאָל זיי דערלויבן בויען באַזונדערע שכונות.

ב) מ׳האָט זיי געצוואונגען צו טראָגן אַ באַזונדערן צייכן אויף די קליידער, ווי למשל, אַרומגאַרטלען דעם מאַנטל מיט אַ שטריק.

ג) מ׳האָט זיי ניט געלאָזן אַריינגיין אין שטאָט אַריין נאָכן זון־אונטער־גאַנג.

ד) זיי האָבן ניט געטאָרט רייטן אויף אַ פֿערד, און אָפֿט אויך ניט אויף אַן איזל, אויב ניט צוזאַמען מיט אַ מוסולמענער; און דאַן — הינטער אים.

ה) זיי האָבן ניט געטאָרט אָנטאָן אַ „טשאַלמאַ״, נאָר אַ היטל פֿון אַ באַזונדערן שטאָף און געמאַכט אין אַ באַזונדערער פֿאָרם.

ו) אויף זייערע הייזער האָבן זיי געמוזט אָנבינדן אַ שמאַטע, כדי ס׳זאָל זיין קאָנטיק אַז ס׳איז ניט קיין מוסולמעניש הויז.

ז) דאָס הויז פֿון אַ יידן האָט געמוזט זיין נידעריקער ווי דאָס הויז פֿון אַ מוסולמענער.

ח) צייטנווייז האָט מען זיי געצוואונגען צו טראָגן בלויז שוואַרצע קליידער.

ט) ביי זיך אין קראָם האָט דער ייד געמוזט זיצן נידעריק הינטער זיין קאָנטאָרקע, אַזוי אַז דער קויפֿער — אויב אַ מוסולמענער — זאָל זעען נאָר זיין קאָפּ.

י) די קראָם פֿון אַ יידן האָט געדאַרפֿט זיין מיט אַ טרעפּל נידעריקער ווי די קראָם פֿון אַ מוסולמענער.

יא) יעדער דערוואַקסענער ייד האָט געמוזט צאָלן אַ קאָפּשטייער.

יב) אַ ייד האָט ניט געקאָנט זיין קיין עדות אין אַ פּראָצעס, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט אַ מוסולמענער, אַפילו ווען זיין עדות איז געווען גוט פאַר דעם מוסולמענער.

יג) יידן האָבן געמעגט פאַרריכטן אַלטע שולן, אָבער ניט בויען קיין נייע.

קאָפּשטייער: אַן אָרעמער ייד האָט געצאָלט, אין בוכאַריש געלט, 12 „טאַנגאַס"; אַ מיטעלער — 24 „טאַנגאַס"; אַ רייכער — 48 „טאַנגאַס". כדי צו דערנידעריקן דעם יידן פלעגט דער באַאַמטער דערלאַנגען אים צוויי פּעטש. דער סך־הכל פון יידישן שטייער אין דער שטאָט בוכאַראַ האָט אויסגעמאַכט צוויי טויזנט „טילאַ" אַ יאָר (אַ „טילאַ" האָט געהאַט דעם ווערט פון דריי גילדערנע רובל). אין וואַמבערי'ס צייט האָט מען געציילט אין גאַנץ בוכאַראַ ביי אַ צען טויזנט יידן, די מערסטע בעלי־מלאכות. פריער זיינען די שעצער פון זייער מאַטעריעלער לאַגע געווען רעגירונגס־באַאַמטע, נאָר אין מיטן פון 19טן יאָרהונדערט האָט מען געלאָזט די יידן אויסקלייבן צוועלף אייגענע גבאים. די גבאים פלעגן אויפמאָנען די שטייערן יעדע דריי חדשים, אין שול, פאַר די אויגן פון „קוש־בעגי" (אַ רעגירונגס־באַאַמטער). קבצנים און יינגלעך אונטער דרייצן יאָר זיינען געווען פּטור פון דעם שטייער. צו די צוועלף גבאים פלעגן די בעלי־בתים אויסקלייבן אַן עלטסטן איבער זיי (אַ „קאַלאַנטאַר"). די רעזולטאַטן האָט מען מודיע געווען דעם קוש־בעגי און יענער האָט דאָס געמאָלדן דעם עמיר. די קהילה פלעגט אויסקלייבן אַ רב (צוערשט איז דער רב געווען אויך דער קאַלאַנטאַר, נאָר שפּעטער האָט מען דאָס פונאַנדערגעטיילט אין צוויי פונקציעס) און צו אים צוויי זקנים, „אַק־סאַקאַלי" (ווייס־בערדיקע), פאַרשטייער פון זייערע שכונות. פון דעם עמיר פלעגט קומען אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג (אַ „יאַרליק"). דער קאַלאַנטאַר פלעגט טראָגן דעם „יאַרליק" דריי טעג נאָכאַנאַנד אָנגעקלעפּט אויף זיין היטל, און זיינע פריינט פלעגן אים באַגריסן מיט „סימן טוב!"

לויט טשאַרני („הכרמל", תרכ"ד, נומ. 9־37) האָט אַ יידישער בית־דין געהאַט דאָס רעכט צו משפּטן יידן אין געלט־זאַכן, אין פאַמיליען־טענות און וועגן קליינע עבירות. אָבער קרימינעלע ענינים און משפּטים צווישן יידן און מוסולמענער האָבן געהערט צו רעגירונגס־געריכטן און געפירט זיך לויט „שריעת" (מוסולמענישע געזעצן). דער יידישער בית־דין האָט

געמשפט על־פי דיני־ישראל, און קעגן ווידערשפעניקע האָט מען געפונען הילף ביי דער אַדמיניסטראַציע.

דער רב און זיין בית־דין פלעגן פסקענען אַליין אין פאַמיליען־ענינים און אין ירושה־ענינים; אָבער אין וויכטיקע געלט־פּראָצעסן פלעגן זיי משתף זיין דעם קאַלאַנטאַר און איינעם פון די זקנים. דער קאַלאַנטאַר איז געווען געערט אַפילו פון דעם עמיר. אָבער דער כבוד האָט געקאָסט טייער, און די הוצאה איז סוף־כל־סוף געפאַלן אויף די פּלייצעס פון קהל. דער מי־סיאָנער וואָלף דערציילט, אַז דער עמיר נאַצר־אַללה (1826 — 1860) איז אָפט געקומען צו־גאַסט צום רב, און אַזוי ווי דער רב איז געווען דאַן אויך דער קאַלאַנטאַר, האָט דאָס זייער געהויבן דעם קאַלאַנטאַר אין די אויגן פון פאָלק. ווען אַ ייד האָט ניט געוואָלט מקיים זיין דעם פסק פון בית־דין, האָט מען אים געקאָנט אַריינזעצן אין תפיסה דורך דעם „קאַדי" (אַ מוסולמענער שופט). אָבער בדרך־כלל זיינען יידן בעסער געגאַנגען צום בית־דין ווי צום גויישן שופט. זיי האָבן דאָס געטאָן ווי יידן, און אויך וויל זיי האָבן ניט געקאָנט האָפן אויף גערעכטיקייט פון אַ מוסולמענישן געריכט.

די יידן האָבן זיך באַשעפטיקט ניט נאָר מיט האַנדל; ווי געזאָגט, זיינען דאָרט געווען אַ סך יידישע בעלי־מלאכות; לויט טשאַרני — אויך ערד־אַרבעטער. פון קיין חברות און אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר ניט געהערט — ווייזט אויס, אַז זיי זיינען ניט געווען. אַפילו פון צדקה־אַנשטאַלטן ווייסן מיר ניט. יעדע שול האָט געהאַט אַ גבאי; אָבער ער האָט זיך ניט געמישט אין קהלשע ענינים. צוויי מאָל אַ יאָר זיינען די גבאים געגאַנגען איבער די הייזער צו קלייבן געלט פאַר די אָרעמע: פאַר פסח — „מעות־חטים", און נאָך סוכות, כדי צו באַזאָרגן די נצרכים מיט ליכט און באַהייצונג אויף ווינטער.

ד.

נאָך דער רעוואָלוציע

כדי צו געבן אַ בעסער בילד פון דער ווירקונג פון דער רעוואָלוציע אויפן לעבן פון די בוכאַרער יידן, וועל איך זיך דאָ אָפּשטעלן בקיצור אויף אייניקע געשעענישן פון יענער צייט.

אין דער הויפּטשטאָט פון בוכאַראַ זיינען דעמאָלט געווען ביי אַ 15.000 יידן [14]). די פעברואַר־רעוואָלוציע (1917) האָט באַוואויגן דעם עמיר צו געבן זיין לאַנד אַ קאָנסטיטוציע. ביי דער געלעגנהייט האָט די פּאַרטיי פון די „ביינע" אָרגאַניזירט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע. די יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע, און די לאָזונגען אויף זייערע הויך־געהויבענע פלאַגן זיינען געווען אויף העברעאיש. בכלל האָבן די יידן סימפּאַטיזירט מיט די „יונגע בוכאַרער". די יידישע יוגנט האָט געזעען אין דער רעוואָלוציע אַן אָנהויב פון ישועה. די יונגעלייט האָבן זיך גע־איילט אַראָפּצואוואַרפן פון זיך דעם דערדריקנדיקן „גאַרטל־שטריק", אָבער די עלטערע האָבן געטענהט, אַז ס'איז נאָך ניט געקומען דערצו די צייט.

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט ביז די רעאַקציע איז געווען צוריק אין זאָטל. מ'האָט אָנגעהויבן רודפן די „ביינע"; אַ סך זיינען אַנטלאָפן, צווישן זיי אויך אַ צאָל יידן. אויך צווישן די, וואָס מ'האָט געכאַפּט און פאַרמשפּט צום טויט, זיינען געווען יידן (פון יונוסאָוו'ס פאַמיליע). די אונטערדריקונג פון די יידן האָט אָנגעהאַלטן ביז מ'האָט אַראָפּגעזעצט דעם עמיר (1920) און פּראָקלאַמירט אַ בוכאַרישע סאָוויעטן־רעפּובליק (ב.נ.ס.ר. — „בוכאַר־סקאַיאַ נאַראָדנאַיאַ סאָוויעטסקאַיאַ רוספּובליקאַ"). אויך אין דער יידישער קהילה זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען: אַנשטאָט דעם אַליין־הערשנדיקן קאַלאַנטאַר האָט מען אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פון זיבן, אין דעם אויך דער רב. ס'האָבן זיך געעפנט שולעס, קינדערגאַרטנס, קורסן פאַר לערער. תורה און מצוות און לשון־קודש זיינען געווען אין דער פּראָגראַם פון לערנען. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז 1925, ווען מ'האָט פאַראייניקט בוכאַראַ מיט דער אוזבעקישער רעפּובליק, און זי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מדינה פאַר זיך.

ביז דאַן האָט זיך די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה אין בוכאַראַ אָנגערופן ועד לאומי און איז באַשטאַנען פון אַ יושב־ראש, זיין סגן, דעם רב, דעם גבאי פון חברה קדישא, אַ סעקרעטאַר און אַ שומר (ער איז אויך געווען דער שמש). דער יושב־ראש, זיין סגן און דער רב זיינען געווען אויסגע־קליבענע פון דער קהילה; די איבעריקע האָט אָנגעשטעלט דער יושב־ראש. אין אַנדערע קהילות איז דער ועד באַשטאַנען פון בלויז דריי מיטגלידער (דער יושב־ראש, דער סגן און דער רב).

14) אין 18־1917, לויט אַמיתין־שפּירא אין זיין בוך: „אָטשערק פּראַוואָוואָ ביטאַ סרעדנעאַזיאַטסקיך יעווריעוו", טאַשקענט, 1931.

די ועדים האָבן געהאַט צו זאָרגן פאַר יידישע פאָלקס־שולעס, ביבליאָ־טעקן, טעאַטערס, שפּיטאָלן, א. אַ. וו.; קלייבן געלט פאַר די בתי־מדרשים און כלי־קודש; האָבן השגחה אויף סאָציאַלע הילף און אויף דער פירונג פון דער קבורה; פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער קהילה, באַזאָרגן אירע באַדערפעניש; אויפקלערן דעם פאָלק איבער די גוטע זייטן פון דער נייער אָרדענונג און די באַמיאונגען פון דער סאָוויעטישער רעגירונג צו פאַר־בעסערן די לעבנס־באַדינגונגען. דער ועד און זיינע אָפּטיילונגען האָבן באַ־קומען אַ חלק פון דעם אַלגעמיינעם בודזשעט פון דער רעפּובליק. דאָס געלט, וואָס דער ועד האָט געזאַמלט פאַר באַשטימטע צוועקן, האָט מען ניט גע־טאָרט אויסגעבן אויף קיינע אַנדערע זאַכן. דער יידישער ועד האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אָפּטיילונג פון אינלענדישן מיניסטעריום און איז גע־שטאַנען מיט אים אין דירעקטע פאַרבינדונגען. זיינע אָפּטיילונגען אין אַנדערע קהילות האָבן געהאַט באַציאונגען מיט די אָרטיקע „איספּאָלקאָמען" (סאָ־וויעטישע עקזעקוטיווס).

די ערשטע צייט זיינען ניט פיל יידן געווען מיטגלידער פון דער קאָ־מוניסטישער פאַרטיי. אָבער נאָך דעם ווי בוכאַרא איז געוואָרן אויס מדינה האָבן זיך די אומשטענדן שטאַרק געביטן. אין די דרייסיקער יאָרן איז דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער קהילה שוין געשטאַנען אונטער דעם אויפזיכט פון די קאָמוניסטישע פאַרטיי־אָרגאַנען. אַ „יידישער פאָלקס־געריכט" האָט געירשנט דעם אָרט פון דעם רב׳ס בית־דין (1928), און אין די פּראָצעדורן פון דעם געריכט האָט טאַדזשיקיש פאַרנומען דעם אָרט פון העברעאיש. אין אָרגאַניזירן פון די „קאָלכאָזן" און „אַרטעלן" (אונטערנעמע־רישע אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון) האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אַוו״ע (אַ חברה וואָס האָט געזאָלט זאָרגן פאַר דעם געזונט פון די יידן). טאַדזשיקיש איז געוואָרן די שפּראַך פון די תלמידים אין די שולעס, און די דערציאונג פון די קינדער איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון סאָוויעטישע לערער. דעם רב האָט מען געלאָזן נאָר שול־ענינים.

אַזוי איז געווען די לאַגע אויך אין דער גרויסער יידישער קהילה פון סאַמאַרקאַנד (12,000 נפשות), די הויפּט־שטאָט פון טורקעסטאַן. אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע (19917) האָט זיך דאָרט אָרגאַניזירט אַן „אַגודה פון אָרטיקע פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַרבעטער". די אַגודה האָט געציילט 600 חברים. כמעט אַלע זיינען געווען פריער רעכטע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן,

און דערנאָך אַריבער צום לינקן פליגל פון דער פּאַרטיי. שפּעטער האָבן זיי געמאַכט נאָך אַ שריט „לינק״. פון זיי איז אַרויסגעקומען די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען: „די פּערטע אָפּטיילונג פון דער סאַמאַרקאַנדער אָרגאַניזאַציע פון דער טורקעסטאַנישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי״. ס׳איז ביי זיי געשטאַנען אַ דרינגנדיקע פּראַקטישע פראַגע: ווער איז באַרעכטיקט צו זיין אַ מיטגליד אין זייער אַגודה? דער באַשלוס פון 5טן יוני, 1917, זאָגט: „אין דער אַגודה ווערן אויפגענומען שערער, שניידער, האַנדלס־באַהעלפער און קליינע סוחרים״. דער נוסח גיט אונז אַ שטיקל באַגריף וועגן די יידישע פּראָפעסיעס אין סאַמאַרקאַנד. בנוגע דער לעצטער קאַטעגאָריע האָט מען צוגעגעבן צום באַשלוס אַ כאַראַקטעריסטישע פאַר יענער צייט באַמערקונג: „מעל דאַרף מען זיי ניט געבן; זייערע פּאַרציעס דאַרף מען צעטיילן דער האַרעפּאַשנער באַפעלקערונג״.

דער מחבר פונעם דערמאָנטן בוך, אמיתין שפּירא, וואָס איז דערווײַלע געוואָרן אַן אָרטאָדאָקסישער קאָמוניסט, ווייזט איבער דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די מיטגלידער פון דער אַגודה: ניט האָבנדיק צעקייט ווי ס׳דאַרף צו זיין די קאָמוניסטישע תורה, זיינען זיי אין האַרצן געבליבן רעליגיעז, ניט אָפּגעשאָפן דעם רב, און אַפילו ניט דעם גבאי (דעם קאַלאַנטאַר), נאָר דעם ראַבינער. צום קאַלאַנטאַר האָט מען צוגעגעבן אַ סגן — אַ קאָמוניסט — דעם יושב־ראש פון דער אַגודה — און באַשטימט ער זאָל טאָן די אַרבעט „לשם־שמים״, אַן געהאַלט. די אַגודה האָט באַקומען אַ גרעסערע השפּעה אויף קהלשע ענינים. מ׳האָט געשאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט חברה קדישא, מיט בתי־מדרשים, כשרע פלייש, שולעס, עקאָנאָמישע באַדערפענישן, ווײַל „די מאַסן זיינען נאָך אַלץ געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו דער רעליגיע און אירע מנהגים, אַז זיי האָבן ניט געקאָנט איבעררייסן די באַציאונגען מיט זייער בורזשואַזיע, און האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך איר אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען״. די אַגודה האָט באַזאָרגט מצה־מעל פאַר אירע חברים; אירע פאַרשטייער אין דער פּאַרטיי „איתיפּאַקי־איסלאַם״ (די סאָלידאַריטעט פון איסלאַם), האָבן געקראָגן אָנווייזונגען, צו האַלטן מיטן רב אין אַלע רעליגיעזע פראַגן; „און אַפילו די מיטגלידער פון דער (קאָמוניסטישער) פּאַרטיי האָבן זיך געמישט אין אַלע רעליגיעזע ענינים״.

אויפן עקאָנאָמישן געביטן האָט די אַגודה אָרגאַניזירט אַן אַרטעל און

אַ קאָנסומער־קראָם; אָבער ניט האָבנדיק גענוג געלט צו פירן דאָס געשעפט, האָבן זיי געמאַכט שותפות מיט דער בורזשואַזער קאָנסומער־קראָם „ציון" און האָבן אַפילו אויסגעדריקט אַ דאַנק — אויף זייער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג — די עסקנים פון „ציון" פאַר זייער פריווילעגיער און ניט־באַצאָלטער מי לטובת הכלל. די אַגודה האָט אַרויסגעגעבן די פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אין טאַדזשיקיש, און געעפנט אַ שולע פאַר אירע מיטגלידער. די שולע איז אָבער — צום באַדויערן פון מחבר — ניט געווען אַנדערש ווי די בורזשואַזע שולעס: מ'האָט געגעבן די קינדער אַ רעליגיעזע דערציאונג, מ'האָט זיי געלערנט תורה און לשון־קודש.

דער „קלאַסן־קאַמף" פון דער אַגודה האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ באַשלוס אויסצושליסן פון דער שולע אַלע קינדער פון רייכע עלטערן און אַריינצונעמען אָרעמע קינדער. דער טעם דערפון איז אויך כאַראַקטעריסטיש: „וויסנשאַפט און תורה זיינען אַ מיטל צו פרנסה. די רייכע נויטיקן זיך ניט אין דעם ווייל זיי האָבן געלט; און די קינדער פון די אָרעמע, וואָס האָבן ניט קיין געלט, האָבן נויטיק דערציאונג און וויסנשאַפט, ווייל וויסנשאַפט גיט געלט".

די ערשטע צייט נאָך דער רעוואָלוציע האָט עקזיסטירט אין סאַמאַרקאַנד אַן „אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע". די אַגודה האָט מיט איר געקעמפט נאָך אין יאָר 1917, בעת די וואַלן צום שטאָט־סאָוויעט, אָבער „צום סוף איז זי אַליין אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון די ציוניסטן". און ווען זי האָט אַרויסגעריסן די שולעס פון די הענט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, האָט זי ניט געזוכט צו ענדערן זייער פּראָגראַם און האָט זיך באַגנוגנט מיט אַריינצונעמען אָרעמע קינדער. און נאָך אַ „חטא" איז זי באַגאַנגען: זי האָט פאַרלאַנגט אַז די שפּראַך פון לערנען אין די יידישע שולעס זאָל זיין העברעאיש, ניט טאַדזשיקיש.

אַפילו פון אַמיתי'ס טענדענציעז־יעווסעקישן נוסח זעען מיר אַז די אַגודה פון די יידישע אַרבעטער האָט געקעמפט פאַר יידישע ענינים; אָבער די הערשער זיינען געווען קעגן איר, און זי האָט פאַרלוירן. די מאַכט איז ביסלעכווייז אַריבער אין די הענט פון די קאָמוניסטן. אין 1920 האָט מען פאַרמאַכט די אַגודה, און אירע מיטגלידער האָבן זיך צעזייט אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. די רעליגיעזע ענינים האָט מען איבערגעלאָזט די בעלי־בתים. דעם אָרט פון דער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָבן פאַרנומען

פאַרשידענע קאָמיטעטן און אַנשטאַלטן. אין 1920 האָט מען געגרינדעט דעם „יעוואָבשטשיסקאָם" (יעווריעיסקי אָבשטשעסטוועני קאָמיטעט) און „קאָמסאָ־מאָל" (קאָמוניסטישע יוגנט). אַ סך יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאַמף פון דער רויטער אַרמיי מיט דער רעגירונג פון דעם בוכאַרער עמיר.

אַנדערש ווערט געשילדערט די לאַגע אין דעם מעמאָראַנדום וואָס יעקב פינחסי האָט צוגעשטעלט דעם אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס אין 1948 דורך דעם חבר אליהו לולו (כרמלי) ז"ל. ער דערציילט ווי מ'האָט איינגעפירט טאַדזשיקיש אין די יידישע שולעס, אין 1921, אַנשטאָט העב־רעאיש, אַ דאַנק די באַמיאונגען פון די יעווסעקעס אין מאָסקווע. דעם אינ־האַלט פון זיין מעמאָראַנדום האָב איך געבראַכט אויבן (קאַפּיטל 2: „פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט")[15].

אַמיתין קלייבט נחת פון דער אָרדענונג וואָס די יעווסעקעס האָבן געמאַכט אין יידישן לעבן אין בוכאַראַ און אין טורקעסטאַן, בפרט זינט 1927 (זיין בוך איז געשריבן אין 1930). ער זאָגט:

„אין בוכאַראַ און אין סאַמאַרקאַנד האָט מען צוגעפּאַסט די יידישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג צו דער סאָוויעטישער אָרדענונג אין ענין פון שפּראַך, די 'מוטערשפּראַך' פון די בוכאַרער יידן; דער שופט און דער קרימינעלפאַרשער זיינען געטרייע פאַרטרעטער פון די אַרבעטער־מאַסן (דאָס הייסט, אַז קיין יידישער בית־דין איז שוין ניטאָ). אויך די מיליציע, וואָס באַשטייט נאָר פון יידן, פירט זיך אויף „מאַמע־לשון", אויפן לשון וואָס דער המון פאַר־שטייט. דער ראש פון דער מיליציע האָט געירשנט דעם קאָלאָנטאַר און ער דערפילט זיינע פונקציעס. אויך דער „זאַגס" פירט זיך אין דער אומגאַנגס־שפּראַך און פאַרנעמט תמיד מער דעם אָרט פון דער רעליגיעזער חתונה. די יידן באַטייליקן זיך אויך אין דער פירונג פון דעם קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער

15) אייגנטלעך איז געשען אין מיטל־אַזיע, זינט 1921, דאָס וואָס האָט געמוזט געשען פריער אָדער שפּעטער, דאָס וואָס איז געשען אין סאָוויעט־רוסלאַנד מיט אַ פּאָר יאָר פריער. אין יוני, 1919, האָט דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון די יידישע סעקציעס און קאָמיסאַריאַטן באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם צענטער פון די יידישע קהילות און אַלע זיינע אָפּטיילונגען אין אַלע עקן פון דער סאָוויעטישער רעפּובליק, און האָט פאַרלאַנגט אַז די רעגירונג זאָל קאָנפיסקירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון די יידישע אַנשטאַלטן און איבערגעבן דאָס די יידישע קאָמיסאַריאַטן (זע ש. שוואַרץ, „די יידן אין סאָוויעטן־בונד", ז. 112; דער מקור איז איזוועס־טיאַ", 19 יוני, 1919). דער אונטערשיד איז, ווי געזאָגט, נאָר אין צייט: אין בוכאַראַ און אין גאַנץ מיטל אַזיע איז די ליקווידאַציע דורכגעפירט געוואָרן שפּעטער ווי אין רוסלאַנד און האָט געדויערט עטלעכע יאָר.

באַדינט די מזרח־שכונה פון דער שטאָט. דער „אזעט״[16]) פירט זיך אויך אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך, אַזוי ווי די גאַנצע קולטור־אַרבעט: די קלובן, די קינדערגאַרטנס, די שולעס.

אַזוי באַזינגט דער יעוּוסעקישער שרייבער דעם נצחון איבער העברעאיש און איבער דעם יידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, און די נאַציאָנאַלע אונ־טעדריקונג פון די יידן אין מיטל־אַזיע.

ה.

דער קאַמף אינעווייניק

אויבן האָב איך געבראַכט אַ יעוּוסעקישן, און דאָס הייסט — אַן אָפּי־ציעלן, נוסח.

אַן אַנדער בילד מאָלט אונז יצחק יודאָיוב (יהודאי), דער איידעם פון דעם פאַרשטאָרבענעם רב, ר׳ מאיר — ער איז געווען דעמאָלט פון די יונגע עסקנים אין טורקעסטאַן, אַ כלל־טוער פון דער „צוויטער״ שיכט.

צו דער ערשטער האָט געהערט צבי חפץ ז״ל, אַ מיטגליד פון אַן אַלטער בוכאַרישער משפחה אין ירושלים, איינער פון די ערשטע ציוניסטן אין דער טערקישער צייט. צבי חפץ איז געווען אַן אַקטיווער כלל־טוער, אַ פירער פון דער בוכאַרישער יוגנט, אַ מיטגליד פונעם קאָמיטעט פון „בית־העם״; ער האָט זיך באַטייליקט אין קאָמיטעט פון דער העברעאישער גימנאַזיע, וועלכע מיר האָבן געגרינדעט אין ירושלים אין 1909. חפץ האָט משפּיע געווען אויף עטלעכע בוכאַרישע פאַמיליעס זיי זאָלן אַריינגעבן זייערע קינדער אין דער העברעאישער גימנאַזיע, און זיין פאַרשטאָרבענע שוועסטער, שולמית, איז געווען פון די ערשטע תלמידות אין אונזער גימנאַזיע. ווען ס׳איז אויס־געבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט מען אַרויסגעטריבן פון לאַנד די בירגער פון די פיינטלעכע מדינות. אמת, מ׳האָט די יידן געגעבן אַ ברירה: אָטאָמאַניזירן זיך און בלייבן, אָדער פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אַ סך יידן האָבן אויסגעקליבן — צוליב פאַרשידענע טעמים — אַרויסצופאָרן. צבי חפץ איז אַוועק קיין בוכאַרע און האָט אויך געוווילט אין קאָקאַנד און אין סאַמאַרקאַנד

16) „אזעט״ און אַלע אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען ליקווידירט געוואָרן אין 1938.

(1916). דאָרט איז ער געווען פון די איניציאַטאָרן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין טורקעסטאַן. אין בוכאַראַ איז די באַוועגונג געווען אָפיציעל פאַרבאָטן, אָבער זי האָט זיך אָנגעפירט באַהאַלטענערהייט. מיט חפצן האָבן זיך באַטייליקט אין דער ציוניסטישער אַרבעט: משיח פוזאַילאָוו, אליהו יששכראָוו (דער ברודער פונעם פאַרשטאָרבענעם חי יששכראָוו, רוטנבערג׳ס סגן אין די עלעקטרישע ווערק אין ארץ־ישראל), האַרצפעלד און נאָך עטלעכע אַשכנזים [17]).

פאַרשטייט זיך אַז די באַוועגונג, וועלכע צבי חפץ האָט אויפגעוועקט, האָט געשעפּט איר חיונה — דורך אים — פון דעם נייעם ישוב אין ארץ־ישראל. די אַנדערע ציוניסטישע טוער, ווי למשל די פאַמיליעס יודאַיאָוו, יששכראָוו, בראַלאָוו, האָבן אויך געהאַט שוין פון פריער באַציאונגען מיט ארץ־ישראל, בפרט מיט ירושלים. מיט זיי האָבן געאַרבעט ציוניסטן פון רוסלאַנד. די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס און צו די אַלגעמיינע צוזאַמענפאָרן האָט מען אָרגאַניזירט מיט אַ גרויסער פּאָמפּע, מיט פאָנען און כאָרן און מיט אַ ברייטער פּראָפּאַגאַנדע.

דאָס האָט מען געקאָנט מאַכן נאָר אין די גרענעצן פון טורקעסטאַן: אין קאָקאַנד, אין סאַמאַרקאַנד, אין טאַשקענט. אין עמיראַט פון בוכאַראַ איז, ווי געזאָגט, דער ציוניזם געווען פאַרבאָטן. ס׳איז כדאי צו ברענגען דאָ דעם באַריכט פון יצחק יודאַיאָוו:

„אין טורקעסטאַן איז דאָס איבערקערעניש געשען אין ווינטער פון 1917־18. דעמאָלט האָבן מיר געגרינדעט אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „תרבות". זי האָט אונז געדינט צו פאַרמאַסקירן דעם המשך פון אונזער ציוניסטישער טעטיקייט אין מיטל־אַזיע. דער צענטער איז געווען אין טאַשקענט, און די אָפּטיילונגען אין קאָקאַנד, אין סאַמאַרקאַנד, אין מאַרגאַלאַן, אין אַנדידזשאַן, אין פאַנטשאַ־שאַנבאַ. ס׳איז אונז געלונגען צו פאַראייניקן די גאַנצע יוגנט אונטער דער פאָן פון ׳תרבות׳. אין קאָקאַנד האָט אפילו עקזיסטירט אַ העברעאישע דראַמאַטישע גרופּע. די גרופּע איז אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און האָט אויפגעפירט דראַמעס פון אַנ־סקי. מיר זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער קהילה, וועלכע איז דעמאָלט ערשט

17) צבי חפץ איז אַרויסגעפאָרן פון בוכאַראַ אין 1919 מיט דער כוונה צוריקקומען קיין ארץ־ישראל. ער איז געפאָרן דורך אינדיע. אין באָמביי איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן (דעצעמבער, 1921).

געגרינדעט געוואָרן. מיר האָבן געקעמפט מיט דער יעווסעקציע פאַר דער פירונג פון דער קהילה ביז 1921.

„אין מיטן פון 1920 האָט מען אָנגעהויבן צו העצן אונזער יוגנט. די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַרשאַפט אַלערליי רעגירונגס־פּאָזיציעס און געצויגן צו זיך די יוגנט מיטן צוזאָג פון גוטע שטעלעס. זיי האָבן געעפנט אַ יעווסעקציע און האָבן זיך גענומען צו זייער מלאכה — רודפן העבראַיש, מסרן אויף די יידישע שולעס און טענהן אַז טאַדזשיקיש איז די אמתע שפּראַך פון די יידן. צום סוף פון 1920 און אין אָנהויב פון 1921 איז די העצעריי אין דער פּרעסע געוואָרן זייער אינטענסיוו.

צום סוף פון יעדן יאָר פלעגן מיר האָבן אַ צוזאַמענפאָר. דאָס מאָל זיינען יעווסעקעס אויך געקומען צו אונזער צוזאַמענפאָר. זיי זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אונז און האָבן זיך באַמיט דורכצופירן אַ רעזאָלוציע וואָס זאָל זאָגן אַז ׳תרבות׳ איז ליקווידירט געוואָרן און אירע מיטגלידער זיינען אַריבער צו דער יעווסעקציע. אַזוי ווי מיר האָבן זיך אַלע פעסט קעגנגעשטעלט און זיי געענטפערט — לויט זייערע פירושים — מיט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע רע־דעס, זיינען זיי גלייך געלאָפן און פאַרמסרט אונז ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

„בשעת איך בין געווען דער פאָרזיצער פון אַן אַסיפה, האָט מען מיר דערלאַנגט אַ צעטל פון מיינעם אַ גוטן־פריינט. אין צעטל איז געשטאַנען: ׳יצחק באַדאַלאָוו, סימנדאַראָוו און גורגאָוו — אין אַ שעה אַרום וועט מען אייך קומען אַרעסטירן, איך וואָרן אייך!׳ תיכף ומיד האָב איך אַרויסגעפירט אַלע דריי פון דער אַסיפה, און זאַלבעפערט זיינען מיר גלייך אַוועקגעפאָרן מיט אַ צוג וואָס איז געגאַנגען קיין בוכאַראַ (און דאָס הייסט, מחוץ די גרע־נעצן פון טאַשקענט): באַדאַלאָוו איז אַוועק קיין קאָקאַנד און סימנדראָוו קיין מאָסקווע. די פּאָליציי איז טאַקע געקומען אין אַ שעה אַרום, האָט אַרומגע־רינגלט דאָס הויז, דורכגעזוכט, און ניט געפינענדיק אונז, געשלאָסן די פאַרזאַמלונג״.

יענעם יאָר — באַמערקט יודאַיאָוו צום סוף — האָט מען געצוואונגען די יידישע שולעס צו לערנען אויף טאַדזשיקיש; אָבער אָנרירן די אמונה האָט מען נאָך ניט געוואַגט.

ווען ער איז געקומען פון טאַשקענט קיין בוכאַראַ האָט מען אים פאַר־געלייגט צו פירן די יידישע סעקציע. אין דער שטעלע האָט ער געאַרבעט

נײַן חדשים. אונטער זײַן השגחה זײַנען געשטאַנען ײדישע אַנשטאַלטן אין דער שטאָט בוכאַראַ: דער בית־יתומים, דער בית־העם, די העברעאישע ביבליאָטעק און עטלעכע שולעס — אין די שולעס זײַנען געװען לערער װעלכע ער האָט אײַנגעלאַדן פֿון דרויסן. אין אָקטאָבער האָט ער פֿאַרלאָזן בוכאַראַ מיט אַ טערקישן פּאַספּאָרט און איז געקומען קײן ארץ־ישראל אין מיטן װינטער. יענעם יאָר האָט אַ װיסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציע געמאַכט פֿאָרשונגען אין בוכאַראַ. זי האָט געזאַמלט אַ סך היסטאָרישע און אַרכעאָלאָ־גישע מאַטעריאַלן און אַװעקגעפֿירט זײ קײן מאָסקװע.

פֿאַר יודאַיאָװ׳ס אָפּפֿאָרן (1921) האָט מען געשאַצט די צאָל פֿון די ײדן אין בוכאַראַ און אין גאַנץ מיטל־אַזיע אין 45.000 נפֿשות בערך. פֿון דאַן זײַנען אַריבער מער װי פֿערציק יאָר; דער ײדישער ישוב איז מסתמא אַ סך געװאַקסן אין די דאָזיקע יאָרן.

װעגן טאַשקענט האָב איך געקראָגן ידיעות פֿון דאָרטיקע ײדן, װעלכע זײַנען געקומען קײן ארץ־ישראל אין 1933. אין דער שטאָט טאַשקענט האָט מען דעמאָלט געצײלט בײ אַ צען טויזנט ײדן: זעקס טויזנט בוכאַרער און פֿיר טויזנט אַשכּנזים. זײ האָבן געהאַט אַ רב, ר׳ שלמה תג׳ר. דער רב װאָס פֿאַר אים, קירשנער, אַ געקומענער פֿון רוסלאַנד, האָט אַרויסגעגעבן אַ צײַטונג אויף רוסיש: „טורקענסטאַנסקי קראַי" (טורקענסטאַנער געגנט"). די טאַשקענטער אָפּטײלונג פֿון „תרבות" האָט געעפֿנט אַ טעכנישע שולע, װאו ס׳האָבן געלערנט 200־300 בוכאַרישע קינדער; און לעבן דעם בית־החינוך — אַן אינטערנאַט פֿאַר קינדער װאָס האָבן דאָס נױטיק געהאַט. אַלע לימודים זײַנען געװען אויף העברעאיש. דאָס האָט אָנגעהאַלטן פֿון 1921 ביז 1926.

אין 1926 האָבן די קינדער נאָך געקראָגן כשר עסן. אמת, פֿון דער רעגי־רונג האָט מען באַקומען טריפֿה פֿלײש, אָבער די ײדן האָבן דאָס פֿאַרקױפֿט אין דער יאַטקע און צוגעלײגט פֿון דער אײגענער קעשענע װיפֿל ס׳האָט געפֿעלט אויף צו קױפֿן פֿאַר די קינדער כשר פֿלײש. ביז 1926 האָט מען אויך גע־האַלטן שבת אין די שולעס. אָבער אין 1926 האָבן די ײדישע (בוכאַרישע) קאָמוניסטן אָנגעמסרט דער רעגירונג (דעם „סאָװנאַרקאָם") אויף די שולעס, און ס׳איז געקומען אַ באַפֿעל צו לערנען אום שבת און רוען דווקא אין דעם רו־טאָג פֿון די מוסולמענער, ד. ה., פֿרײטיק. נאָך דעם האָט דער סאָװנאַרקאָם

אומגעביטן דעם גאַנצן שול־פּערסאָנאַל, די לערער און די פּאַרוואַלטער, און איינגעפירט טאַדזשיקיש אַנשטאָט העברעאיש.

צום לעצטן מאָל האָט מען אָפּגעהאַלטן אַן אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר פון „תרבות" אין 1922. באַלד איז אַרויס אַ באַפעל צו אַרעסטירן אַלע אָנטיילנעמער פון דעם צוזאַמענפאָר, יעדן איינעם וואו נאָר מ'וועט אים געפינען. דעם איינציקן ציוניסטישן בלאַט (אויף טאַדזשיקיש), מיטן נאָמען „רחמים", האָט מען פאַרמאַכט. אַנשטאָט דעם האָבן די קאָמוניסטן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ קאָמוניסטישע צייטונג אין רש"י־כתב — „באַיראַקי חוריאת" („די פאָן פון פרייהייט"). אין 1933, דאָס יאָר ווען דער דערציילער איז אַרויסגעפאָרן פון בוכאַראַ, האָט די דאָזיקע צייטונג נאָך עקזיסטירט.

דריי שולן זיינען געווען אין טאַשקענט: אין דער אַלטער שטאָט, אין אוכאַטשי און אין פּיאַן־באַזאַר. אין 6־1925 האָבן די יעווסעקן צוגענומען די גרויסע שול פון די אַשכנזים. ס'איז געבליבן נאָר איין גרויסע שול, די בוכאַרישע, אין פּיאַן־באַזאַר. פון דעמאָלט זיינען אויך די אַשכנזים געגאַנגען דאַווענען אין אָט־דער שול. שפּעטער מיט דריי־פיר יאָר, אין 1929, האָבן די יעווסעקן צוגענומען אויך די שול אין אוכאַטשי. די יידן האָבן אַפּעלירט און פּראָטעסטירט — ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. פון סאָוונאַרקאָם האָט מען געענטפערט, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן לויט דער בקשה פון די בוכאַרישע יידישע קאָמוניסטן. פון דער שול־געביידע האָבן זיי געמאַכט אַ דרוקעריי.

אויף מיין פראַגע, ווי עס האַלט ביי די דאָרטיקע יידישע קאָמוניסטן מיט רעליגיעזע מנהגים, האָב איך באַקומען אייניקע אויפקלערונגען:

„מילה. בדרך־כלל זיינען די קאָמוניסטן אין טאַשקענט ניט מל זייערע זין. דאָך ווייס איך אַ פאַל — האָט געזאָגט דער דערציילער — אַז די מוטער איז באַשטאַנען אויף צו מאַכן אַ ברית־מילה: מען האָט גערופן אַ כירורג — נאָך דער צייט, געוויינטלעך — און מ'האָט מל געווען דאָס קינד.

„טבילה. אין דער שול פון אוכאַטשי איז געווען אַ גרויסע מקווה. נאָך דעם ווי מ'האָט אַוועקגענומען די שול, איז די געגנט געבליבן אָן אַ מקווה, און די פרויען האָבן געמוזט גיין אַ וויטן וועג ביז צו דער שול פון פּיאַן־באַזאַר. ווינטער איז דאָס וואַסער געווען קאַלט; די יידן האָבן עס געדאַרפט וואַרעמען אויף זייער חשבון.

„חתונה. אַלע רעגיסטרירן זיך צוערשט אין דעם רעגירונגס־ביוראָ.

דערנאָך פירט מען דורך די רעליגיעזע צערעמאָניע אין דער היים. איך ווייס אַז אַ סך קאָמוניסטן פירן זיך אַזוי צוליב דער פאָדערונג פון די משפחות.

„קבורה. די קאָמוניסטן האָבן ניט קיין אייגענעם בית־עולם, און אין די בתי־קברות פון אַנדערע אמונות נעמט מען ניט אַריין קיין מתים פון יידישע קאָמוניסטן. זייער קבורה איז דורכאויס אויפן יידישן בית־עולם, און על־פי דיני ישראל.

„מצות. שוין אַ לאַנגע צייט איז מען זיך נוהג צו באַקן מצות אין דער היים. מיר זיינען באַקאַנט פאַלן, וואו קאָמוניסטן פלעגן קומען צום ׳סדר׳ צו פרומע יידן; אויך פלעגן זיי קומען סוכות צו זיצן אין אַ סוכה״.

ו.

די בוכאַרער אין ארץ־ישראל

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך שוין געזאָגט, אַז יידן פון בוכאַרא האָבן אָנגעהויבן צו קומען קיין ארץ־ישראל אין די זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. דאָס איז ניט געווען קיין צופעליקע עליה: זיי זיינען געפאָרן באַגייסטערטע פון אמונה און ליבע צו ציון, געטראָגן פון דעם געדאַנק צו שאַפן זיך אַ גייסטיקן צענטער אין ארץ־ישראל — אין ירושלים.

אין 1892 האָבן זיי אויסגעפירט דעם געדאַנק, לייגנדיק דעם יסוד פאַר זייער שכונה אין ירושלים. די שכונה עקזיסטירט ביז היינט און טראָגט דעם נאָמען, וואָס די גרינדער האָבן איר געגעבן — רחובות.

די בוכאַרישע שכונה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע שיינע און רחבותדיקע בניינים און ברייטע גאַסן. אויסער די פּריוואַטע הייזער האָבן די בוכאַרער געבויט קהלשע אַנשטאַלטן: שולן און בתי־מדרשים, אַ תלמוד־תורה, אַ בית־ועד א. אַ. וו. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט ווי אַ קהילה פאַר זיך, און האָבנדיק שטענדיקע באַציאונגען מיט זייערע ברידער אין גלות, גע־פלאַנצט אין זיי די שטרעבונג צו עליה און צו נעענטערע פאַרבינדונגען מיטן לאַנד פון זייערע אָבות.

דאָס רוב בוכאַרער זיינען געקומען מיט געלט. זיי האָבן ניט געטראַכט וועגן ערד־אַרבעט, ווי די מזרח־אייראָפּעאישע עולים פון דער ערשטער עליה; זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט בויען הייזער אין ירושלים — פאַר זיך

אָדער אויף צו פאַרדינגען. אַ טייל פון זיי פלעגן איבערלאָזן די פאַמיליעס אין ירושלים, בפרט די קינדער, כדי זיי זאָלן דאָ לערנען און דערציען זיך, און אַליין פלעגן זיי צוריקפאָרן קיין בוכאַראַ, צו פירן זייערע געשעפטן. פון צייט צו צייט פלעגן זיי זיך אומקערן, און אייניקע פלעגן שוין דאָ פאַרבלייבן. אַזוי האָט זיך זייער קהילה פאַרמערט. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זי געציילט ביי אַ 1500 נפשות. פון אַלע אונזערע שבטים, וועלכע קומען פון גלות ישמעאל, האָבן זיך די בוכאַרער אויסגעצייכנט מיט דעם וואָס זיי האָבן טאַקע פאַרווירקלעכט זייער געדאַנק און אויפגעשטעלט אַ מין גייסטיקן צענטער פאַר זייערע ברידער.

עס האָבן זיך זיי צווישן זיי געפונען פאַרשטענדיקע מענטשן, למדנים, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו פאַרזאָרגן די פאַרבליבענע אין גלות מיט גייסטיקער שפּייז. אייניקע פון זיי האָבן גענומען זאַמלען ספרים און האַנטשריפטן און געגרינדעט ביבליאָטעקן פאַר רעליגיעזע ענינים. אין דער ביבליאָטעק פון ר׳ שלמה מוסאַיאָוו געפינען זיך הונדערטער כתבי־יד און טויזנטער ספרים, צווישן זיי אויך אינקאַנאַבולען (פון די ערשטע ספרים וואָס מ׳האָט געדרוקט אין אייראָפּע, ד. ה., פאַר 1500). אַנדערע, ווי למשל ר׳ שמעון חכם, האָבן געדרוקט ביכער אויף דער בוכאַרישער אומגאַנגס־שפּראַך (פּערסיש־טאַדזשיקיש מיט רש״י כתב) און אויף העברעאיש. במשך פון 70 יאָר, ביז תרצ״ט (1939), האָבן זיי אַרויסגעגעבן 170 ביכער. מערסטנס זיינען דאָס ספרי קודש: סידורים און מנהגים, קבלה און תיקונים, מדרשים און פירושים. באַזונדער וויכטיק זיינען די מדרשים און פירושים אויף כתבי קודש אין זייער אומגאַנגס־שפּראַך („תפסירים״); זיי זיינען געשריבן אין אַ פּאָעטישער פאָרם, אינעם סטיל פון די פּערסישע פּאָעטן. דאָס זיינען גאַנצע אוצרות פון תלמודישע און מדרשישע לעגענדעס (למשל, שאַהין־תורה, וואָס שמעון חכם האָט אַרויסגעגעבן, א. אַ.). עס זיינען אויך דערשינען בעלעטריסטישע ווערק: איבערזעצונגען פון פּערסישע פּאָעטן און פון דער העברעאישער ליטעראַטור (אַהבת ציון פון אַ. מאַפּו און אַנדערע). אויך פּראַקטישע ביכער האָט מען אַרויסגעגעבן: העברעאיש־פּערסישע ווערטערביכער, כדי צו העלפן די פּערסיש־ריידנדיקע צו לערנען העברעאיש; באַריכטן פון בוכאַרער ועד; בריוו צו די ברידער אין גלות.

אַזאַ קולטור־טעטיקייט האָבן מיר ניט געזעען ביי די עולים פון אַנדערע מזרח־לענדער.

איך האָב שוין גערעדט וועגן דעם חורבן וואָס די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט דער בוכאַרישער קהילה. אירע מיטגלידער האָבן פאַרלוירן דעם מקור פון זייער חיונה; די טערקישע רעגירונג האָט גערויבט דאָס רעשט; און זייערע הייזער האָט מען רעקוויזירט פאַר דער מיליטער אָדער געמאַכט פון זיי שטאַלן פאַר פערד. ווייבער און קינדער און אַלטע לייט זיינען געבליבן אָן אַ דאַך און אָן ברויט. מ׳רעכנט, אַז אין ירושלים זיינען געשטאָרבן אין יענער צייט, פון הונגער און קראַנקייטן, ביי 700 נפשות פון דער בוכאַרישער קהילה.

מחמת דער מלחמה און דער רעוואָלוציע זיינען די יידן פאַראָרעמט געוואָרן אויך אין בוכאַרא. אַ סך פון די גבירים האָבן פאַרלוירן זייער גאַנצן רייכטום און זיינען צוריקגעקומען אין הייליקן לאַנד אָן אַ פרוטה. נאָר די הייזער אין ירושלים זיינען זיי געבליבן. מערסטנס זיינען דאָס געווען סוחרים אָדער קרעמער; בעלי מלאכות און אַרבעטער זיינען צווישן זיי געווען גאַנץ ווייניק.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט מען באַנייט די פאַרבינדונג מיט בוכאַרא. מיט די וועלכע האָבן זיך אומגעקערט זיינען געקומען אויך נייע עולים. אין 1936 האָט די קהילה געציילט ביי צווי מיט אַ האַלבן טויזנט נפשות. אַ העלפט פון זיי האָט זיך באַזעצט אין ירושלים. זיי האָבן פאַרריכט זייערע געשעדיקטע הייזער און אָנגעהויבן צו קויפן באָדן אין שטאָט און אין די קאָלאָניעס. אייניקע זיינען געוואָרן בעלי־מלאכות — מעכאַניקער, טעפּיך־מאַכער, שערער.

אין דער נייער צייט האָט זיך שטאַרק געענדערט דער כאַראַקטער פון דער עליה און איר באַשטאַנד. פון די לעצטע עולים, בפרט די פליטים פון בוכאַרא, וועלכע האָבן געמאַכט זייער וועג דורך פּערסיע און אַפגאַניסטאַן, זיינען הונדערטער געוואָרן חלוצים און געגאַנגען אַרבעטן אין די קאָלאָניעס, ביי בוי־אַרבעט און אין די פאַבריקן. זיי האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן, מיט דער הילף פון הסתדרות העובדים. זייער פאַראיין אין תל־אָביב האָט געציילט אַרום 300 מיטגלידער, דאָס רוב חברים פון דער הסתדרות העובדים.

איך וויל דאָ דערמאָנען מיין פריינט חי ישׂשכראָוו, רוטנבערג׳ס רעכטע האַנט אין די עלעקטרישע ווערק, און אַברהם עמנואלי, פון די אַקטיוויסטע און געטרייסטע ציוניסטישע טוער —ביידע געשטאָרבן פריצייטיק.

די קרימטשאַקעס:
אַ גרויסער עבר
און דער חורבן

א.

ניט אין עק וועלט האָט געלעבט אָט־דער פאַרגעסענער יידישער שבט, און ניט הינטער די הרי־חושך. ער איז געזעצן אין איראָפּע, אין אַ ווינקל וואָס איז גוט באַקאַנט אין דער געשיכטע שוין טויזנטער יאָרן, פון די צייטן פון אַלטן גריכנלאַנד ביז אונזער צייט — אין דעם טאַווּרישן האַלב־אינזל, אין קרים.

ניט נאָר פרעמדע און ווייטע, אויך אַ סך געבילדעטע יידן האָבן ניט

געוואוסט אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ יידישער שבט; און ניט פילע פאַרשער פון דער יידישער געשיכטע האָבן זיך אָפּגעגעבן ווי געהעריק מיט זיין געשיכטע. און ווער ווייס זיין טראַגישן סוף — ווי ער איז פאַרניכטעט געוואָרן פון די נאַציס בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה? אומזיסט האָב איך געזוכט און גענישטערט אין די אָפיציעלע סאָוועטישע קוועלן און ליטעראַרישע אויסגאַבן, וועלכע דערציילן וועגן יעדן פאָלק און לשון פון די הונדערט און זיבעציק פעלקערשאַפטן וואָס געפינען זיך אין די ברייטע גרענעצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד; אומזיסט האָב איך געפאָרשט די עולים, וועלכע קומען פון די לענדער וואו די נאַציס האָבן געמאַכט זייער סאַדיסטישע מאָרד־אַרבעט, וועגן דעם גורל פון אונזערע קרימער ברידער, ווי אויך פון די דאָרטיקע קאַראַאימער — קיין קלאָרן ענטפער האָב איך ניט באַקומען.

דערוויילע האָבן מיר געקראָגן — מיט אַ פאַרשפּעטיקונג — אויסצוגן פון די פּראָטאָקאָלן פון די נירנבערגער משפּטים אויף די קריגס־פאַרברעכער און דעם פּסק־דין וואָס איז אַרויס דעם 8טן, 9טן און 10טן אַפּריל, 1948 [1]. פון די עדות זעען מיר, אַז די דייטשן, זייענדיק באַשעפטיקט מיט אַ סיסטעמאַטישער פאַרניכטונג פון גאַנצע טיילן פון דער באַפעלקערונג, האָבן אויסגעהרגעט אַלע יידן, וועלכע זיי האָבן געפונען אין קרים, אין דעם אויך די קרימטשאַקעס. נאָך אַביסל ידיעות האָב איך באַקומען פון ר' משה ברוכאָוו, געוועזענער פאַרזיצער פון אַגודת עולי קרים: ער האָט מיר צוגעשטעלט בריוו, וועלכע ער האָט געקראָגן פון דאָרטן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, פון קרובים און פריינט. ווי קאַרג דער מאַטעריאַל איז, גיט ער אונז פונדעסטוועגן אַ באַגריף וועגן דעם שרעקלעכן סוף פון די קרימער יידן.

ב.

„קרימטשאַקעס" איז אייגנטלעך אַ נייער נאָמען; ער איז באַקאַנט אַ קנאַפּע הונדערט יאָר. ביז 1859 געפינען מיר קיין זכר ניט פון דעם נאָמען ניט אין אונזערע קוועלן און ניט אין רוסישע אָפיציעלע דאָקומענטן. אין דעם דערמאָנטן יאָר האָט מען צוגענומען ביי די קרימטשאַקעס זייער דאָרף רוגאָטליק, לעבן יעוופּאַטאָריע, און זיי אַריבערגעפירט אין דער שטאָט קאַראַסו־

1) Otto Ohlendorf, Nürenberg War Crimes Trials. זע אויך: The U.S.A. Version אין American Slavic and East European Review.

באַזאַר. מילא, דער נאָמען מעג זיין ניי — דער ידישער ישוב אין דעם האַלב־אינזל איז געווען זייער אַלט.

די געשיכטע פון דעם דאָזיקן ישוב קאָן מען איינטיילן אין פינף תקופות. זיינע וואָרצלען שטעקן אין דער עפּאָכע פון בית שני: דער פּאָרטישער קעניג מיטרידאַט (אין צווייטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסט. רעכ.) האָט געבראַכט יידן און זיי באַזעצט לעבן קימרישן (גמור אין תנ״ך) באָספּאָר, ד. ה. אין קערטש און ווייטער, אין דרום־זייט פון קערטש; אַ בערגל אין יענער געגנט טראָגט נאָך עד־היום דעם נאָמען מיטרידאַט.

די ערשטע יידישע איינוואַנדערער זיינען געקומען קיין קרים פון דעם גרויסן „העלעניסטישן" תחום, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען לכל־הפחות דריי מיליאָן יידן. דאָס דאָזיקע יידנטום האָט געהאַט זיינע וואָרצלען אין אַלטן פאָטערלאַנד און דערביי געצויגן גייסטיקע חיונה אויך פון אַנדערע קוועלן: פון סעפּטואַגינטאַ, פונעם בריוו פון אַריסטעאַס, פון די רעליגיעז־פילאָזאָפישע שריפטן פון פילאָן דעם אַלעקסאַנדריער, פון די נבואות פון דער יידישער סיבילע, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט די אידייען פון יהדות צווישן די געצנדינער. אין טאַווּרישן כערסאָנעס זיינען פאַרבליבן ביז היינט רעשטן פון אינשריפטן פון יענע צייטן. פון זייער אינהאַלט זעט מען, אַז די אויטאָרן זיינען געווען פרומע מענטשן, יידן און גרים, וועלכע האָבן געדינט דעם אויבערשטן מיטן גאַנצן האַרצן. נאָך דעם חורבן פון צווייטן בית־המקדש האָט זיך פאַרגרעסערט דער שטראָם פון יידישע איינוואַנדערער פון ביזאַנטישע לענדער, אין דעם, אויך פון ארץ־ישראל, פון בבל און פון פּערסיע. דער קרימער ישוב האָט אָנגענומען די טראַדיציאָנעלע תלמודישע געשטאַלט פון יידישע קהילות אין אַלע גלות־לענדער.

די יידן האָבן זיך איינגעפונדעוועט אין קרים, געגרינדעט דערפער און שטעט. אַ דאַנק זייערע פעאיקייטן זיינען זיי געוואָרן די אָנפירער פון מסחר און פאַרהאַנדלונגען מיט די סלאַווישע שבטים און מיט די כאַזאַרן. די גייס־טיקע השפעה פון די קרימער יידן אויף זייערע שכנים איז געווען זייער גרויס. ווען דער איסלאַם איז אויפגעקומען און אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן זיך אין די אַרומיקע לענדער, האָט זיך דאָס יידנטום אַנטקעגנגעשטעלט און געהאַט אַ באַדייטנדיקע ווירקונג אויף די צפון־ברעגן פון שוואַרצן ים. אַ סברה אַז זיי האָבן געהאַט אַ חלק אין דער „מיסיאָנערישער" טעטיקייט פון די פּערסישע יידן אין מזרח־ און צפון־קאַווקאַז. פון פּערסישן יידנטום, בעיקר, איז אַרויס

די השפעה, וועלכע האָט באַוועגט דעם כאַזאַרישן כאַן בולאַן און זיינע האַרן זיך צו מגייר זיין. אין 732 אָדער 740 (קריסטלעכער רעכענונג) האָט דער כאַזאַרישער הערשער מיט די גדולים פון זיין מלוכה אָנגענומען די יידישע אמונה. די פירער פון מיליטער, און בכלל די אויבערשטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, זיינען געווען די ערשטע זיך צו מגייר זיין; פון זיי האָבן געזען און געטאָן דאָס זעלביקע אַ סך מענטשן פון פּראָסטן פאָלק. אין אַכטן יאָרהונדערט איז דער יידישער גלויבן געוואָרן די הערשנדיקע רעליגיע אין דער כאַזאַרישער מלוכה — פונקט ווי מיט הונדערטער יאָרן פריער, אין אַן אַנדער ווינקל פון מיטעלן מזרח, איז אויך אין תחום פון דער השפעה פונעם בבליש־פּערסישן יידנטום, אין אַדיאַבענע (חדייב), וואו ס'האָבן זיך מגייר געווען דער קעניג מאָנבאַז און די קעניגין העלענע. צום סוף פון 9טן יאָרהונדערט און אין אָנהויב פון 10טן, בעת די כאַזאַרן האָבן איינגענומען קרים, איז דאָס קרימער יידנטום געוואָרן אַ טייל פון כאַזאַרישן יידנטום.

אין אָנהויב פון 11טן יאָרהונדערט האָט די כאַזאַרישע מלוכה געליטן אַ שווערע מפּלה פון די הענט פון די קיעווער רוסן. זייער אַלטער צענטער ביים טייך דאָן איז חרוב געוואָרן, אָבער רעשטן פון זייער אימפּעריע זיינען געבליבן אין דאַגעסטאַן, אין צפון־קאַווקאַז און אין קרים. היינט ווייסט מען, אַז די יידיש־כאַזאַרישע מלוכה האָט עקזיסטירט ביזקל 13טן יאָרהונדערט: די מאָנגאָלישע אינוואַזיע, וואָס האָט פאַרפלייצט גאַנץ אַזיע און מזרח־אייראָפּע, האָט געמאַכט אַ סוף סיי צו די רעשטן פון דער כאַזאַרישער מלוכה, סיי צו דער זעלבשטענדיקייט פון אירע אַמאָליקע באַזיגער, די רוסישע פירשטן.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט די צווייטע תקופה אין דער געשיכטע פון די קרימער יידן — די צייט ווען זיי זיינען געווען אַן אָרגאַניש גליד פון דער יידיש־כאַזאַרישער מלוכה. די דריטע תקופה איז אַריבער אונטער טאָטעריש־מאָנגאָלישער הערשאַפט, וועלכע האָט באַוועלטיקט דעם גרעסטן טייל פונעם האַלב־אינזל און אָנגעהאַלטן אַרום דריי הונדערט יאָר. קאַפאַ (היינט טעאָדאָסיע) איז געווען אין די הענט פון די גענועזער. אין יענער צייט דווקא — בעת די אַלטע פאַרבינדונגען צווישן די מערב־לענדער און אַזיע האָבן זיך איבערגעריסן — האָבן די קרימער אידן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין באַניִען די באַציִונגען צווישן אייראָפּע און די מאָנגאָלישע מדינות.

אַ רייזנדער פון יענער צייט (יוחנן שילטבערג, אין 15טן יאָרהונדערט) דערציילט, אַז אין קאַפאַ זיינען דעמאָלט געווען 4000 יידישע הייזער (משפּחות).

דאָס רוב האָבן זיי זיך באַשעפטיקט מיט מסחר, אָבער ס'זיינען פון זיי אויך געווען בעלי־מלאכות און ערד־אַרבעטער. יידישע סוחרים זיינען געקומען ביז קיעוו און דמשק, ביז מאָסקווע און לוואָוו. אין יענער עפּאָכע איז טאַטעריש געוואָרן די אומגאַנגס־שפּראַך פון די קרימער יידן אַנשטאָט זייערע פריערדיקע שפּראַכן: גריכיש־ביזאַנטיש און אַראַמעאיש. די דאָזיקע ענדערונג האָט געהאַט ווייט־גייענדיקע רעזולטאַטן: זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון ביזאַנטישן און איראָפּעאישן יידנטום, און ס'האָט זיך ביי זיי אויסגעאַרבעט אַן אייגנאַרטיקער יידיש־טאַטערישער לעבנסשטייגער. אַזוי ווי אין די קריסטלעכע איראָפּעאישע לענדער האָבן די יידן איבערגענומען און פאַריידישט אַ דייטשן דיאַלעקט, און אין עק פון מערב־איראָפּע האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט אַ מין שפּאַניש (לאַדינאָ), און אין פּערסישן שפּראַכן־ראַיאָן האָבן זיי געשאַפן יידיש־פּערסישע דיאַלעקטן — אַזוי האָבן די קרימער יידן געבויט זיך אַ גייסטיק וועלטל פאַר זיך. אין דער צופּאַסונג צו זייער סביבה זיינען זיי געגאַנגען ווייטער ווי די יידן אין טערקיי: יענע האָבן זיך באַנוצט מיט זייער שפּאַניאָליש ביז אונזער צייט; די יידן פון קרים האָבן אָנגענומען טאַטעריש, געשריבן האָבן זיי עס מיט העברעאישע אותיות און האָבן זיך פעסט געהאַלטן ביי זייער אמונה און מנהגים, געלערנט תורה און לשון־קודש.

די פּערטע עפּאָכע איז איינגעטראָטן ווען דער קרימער כאַן איז געוואָרן אַ וואַסאַל פון דעם אָטאָמאַנישן סולטאַן (1478). מיט דער אויסברייטונג פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע האָבן זיך געעפנט נייע וועגן פאַרן גרויסן האַנדל צווישן מזרח־איראָפּע און דעם אָריענט. דער מסחר איז אַריבער פון שוואַרצן ים אין מיטללענדישן און איז געגאַנגען מיט דער יבשה דורך די וויסטעניש. קרים איז געבליבן אין דער זייט פון די גרויסע האַנדלס־וועגן. דער האַלב־אינזל האָט פאַרלוירן זיין עקאָנאָמישע באַדייטונג, און דער יידישער ישוב איז פאַראָרעמט געוואָרן.

אויך אין דער צייט פון אָטאָמאַנישער אויבערהערשאַפט האָבן אייניקע יידן געהאַט הויכע פּאָזיציע אין דעם כאַנס הויף. בכלל זיינען די יידן נאָך אַלץ געווען באַשעפטיקט אין מסחר און מלאכה, אָבער אין אַ קלענערער מאָס. די גרויסע געשעפטן האָבן מערסטנס געפירט קאַראַאימער, ניי־געקומענע פון טערקיי.

דער מאָסקווער גרויספירשט איוואַן דער דריטער האָט געמאַכט אַ בונד מיט דעם קרימער כאַן גירייִ. די פאַרהאַנדלונגען האָט געפירט אַ ייד, חוזה

(יוסף?) קוקוס, אַ הויכער האַר אין דעם כאַנס הויף. דער רוסישער גרויספירשט האָט זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צו קוקוסן, דורך זיין שליח ניקיטאַ באַק־לאַמישעוו, ער זאָל אים קריגן אַ ספּעציעלן „יאַרליק" (שריפטלעכע באַשטעטיקונג פון פריינטשאַפט) פון דעם כאַן. אויך האָט ער אים געבעטן (אין 1474) ניט צו שרייבן אים „זשידאָווסקים פּיסמאָם" (מיטן יידישן כתב), נאָר מיטן רוסישן אָדער „באַסורמאַנישן" (טאַטערישן). פון דאַנען זעען מיר אַז די פריערדיקע בריוו פונעם יידישן האַר צום מאָסקווער גרויספירשט זיינען געווען געשריבן אויף העברעאיש אָדער מיט העברעאישע אותיות.

מיר ווייסן אויך, אַז אין קרים זיינען געווען גרויסע למדנים; זיי זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די רבנים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל (אַרום 1500: שאלות ותשובות). נאָך פון פריער זיינען אונז באַקאַנט נעמען פון גדולי תורה אין קרים, ווי ר' אַברהם כירימי, דער מחבר פון „שפת האמת", ר' משה הגולה פון קיעוו, און אַנדערע.

אין דער צייט פון די שחיטות אין אוקראַינע (גזירות ת"ח ות"ט) האָט זיך פאַרמערט דער אידישער ישוב אין קרים דורך די אַנטלאָפענע פון כמעל־ניצקי'ס מערדער און דורך די געפאַנגענע פון די טאַטערן. די קרימער אידן האָבן אויסגעלייזט און באַפרייט די געפאַנגענע. דאָ איז דער מקור פון די פילע נעמען ביי די קרימער אידן, וועלכע האָבן אַן אַשכנזישן קערן, ווי למשל, „אַשכנזי", „לחנו" אָדער „לכנא" (פון „ליאַך" — פּאָלאַק אויף טערקיש) און אַנדערע. נאָך דעם ווי טערקיי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף קרים, האָט דאָרט ווידער אויפגעלעבט דאָס לערנען פון תורה און לשון־קודש, ווי מיר זעען דאָס, למשל, פון ר' דוד לחנו'ס חיבורים. אויסער רעליגיעזע שאלות האָט ער געשריבן איבער וועלטלעכע ענינים. ער איז דער מחבר פון אַ זעלטענער היסטאָרישער כראָניקע מיטן נאָמען „דברי שפתים" (די געשיכטע פון די קעניגן פון קרים און פון די אידן), פון אַ העברעאישער גראַמאַטיק, פון דער הקדמה צום מחזור חזניא (נוסח כפא).

ג.

אַ פינצטערער בלאַט אין דער געשיכטע פון די קרימער יידן האָט זיך געעפנט ווען די רוסן האָבן איינגענומען דעם האַלב־אינזל. מ'דאַרף זאָגן,

אַז אין דער צייט פון דער טאַטערישער און טערקישער הערשאַפט האָבן די ייִדן, בדרך־כלל, ניט געליטן פון קיין באַגרענעצונגען. צייטווייליקע פאַר־פאָלגונגען זיינען, געוויינטלעך, פאָרגעקומען; אויך האָבן די ייִדן געהאַט צו צאָלן שווערע שטייערן; אָבער ניט זיי אַליין — די לאַסט פון אַזעלכע שטייערן איז געפאַלן אויף אַלע ניט־מוסולמענער. קיין באַזונדערע געזעצן קעגן ייִדן זיינען ניט געווען. זיי האָבן געקאָנט פריי האַנדלען און אַרבעטן; אַפילו הויכע שטעלעס אין דעם כאַנס רעגירונג זיינען געווען פאַר זיי אָפן [2]. איינצלנע ייִדן האָבן געדינט דעם כאַן ווי יועצים אָדער ווי דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער אין אויסלאַנד. די לאַגע פון די ייִדן האָט זיך גאָר געענדערט נאָך דעם ווי פּאָטיאָמקין האָט איינגענומען דעם האַלב־אינזל (1783), אין דער צייט פון דער רוסישער קייסערין יעקאַטערינאַ די צווייטע. די צאַרישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן ספּעציעלע געזעצן קעגן אַלע ייִדן אין די גרענעצן פון איר אימפּעריע, אין דעם אויך די „תלמודישע" ייִדן פון קרים. נאָר די קאַראַ־אימער ייִדן זיינען געווען פּטור פון די באַגרענעצונגען. פון דעמאָלט אָן האָט זיך באַמערקט אַ נטיה ביי די קאַראַאימער צו לייקענען זייער שייכות צו ייִדן; זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו רופן „רוסישע קאַראַאימער" (אונטער־שטרייכנדיק דאָס וואָרט רוסישע).

זינט די רוסן האָבן זיך אַריינגעריסן אין קרים, האָט דער ייִדישער ישוב אָנגעהויבן טשאַכניען. לויט דעם אָפיציעלן באַריכט, וואָס מ'האָט צו־געשטעלט פּאָטיאָמקינען, זיינען דעמאָלט געווען אין קאַראַסו־באַזאַר 93 ייִדישע הייזער, אין קאָזלאָוו (יעווּפּאַטאָריע) 97. די ייִדן פון באַכטשי־סאַראַי, בעיקר קאַראַאימער, זיינען געווען קאָנצענטרירט אין דער „ייִדישער פעסטונג" טשופוט־קאַלע (ד. ה. „דער פעלז פון די ייִדן"); זיי האָבן געהאַט 217 הייזער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען ציפערן אין דער וועלט אַריין. אין וואָראָנצאָוו'ס באַריכט פון 1841 ווערן דערמאָנט ייִדן בעלי־מלאכות אין קרים — שוסטער, היטל־מאַכער, וואַטן־מאַכער און אַנדערע. אין 1843 האָבן זיך פאַרשריבן 140 ייִדן אויף ערד־אַרבעט. זיי האָבן געגרינדעט דעם דאָרף וגאָטליק; אָבער בעת דער קרימער מלחמה (1854־5) איז ער אין גאַנצן צעשטערט געוואָרן. נאָך דער מלחמה האָבן זיי דערלאַנגט אַ בקשה, אַז זיי ווילן צוריק אויפלעבן זייער דאָרף. מ'האָט זיי אָפּגעזאָגט, און אַוועקגעגעבן זייער ערד

2) אויך אין דעם טייל פון קרים, וועלכער איז געווען אין די הענט פון די גענועזער, האָבן אייניקע אידן געהאַט וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער רעגירונג.

רוסישע פּראַוואָסלאַוונע פּויערים. די יידן זיינען געווען געצוואונגען אויפצו־געבן ערד־אַרבעט און ווידער צו ווערן שטאָט־מענטשן. זיי האָבן זיך אומ־געקערט קיין קאַראַסו־באַזאַר.

אין דער פאָלקס־ציילונג פון 1897 האָט מען פאַרשריבן אין קרים 4000 יידן; אין 1921 — 7500; אין 1926 — 6328 נפשות אין אין 1939 — 3000. אויף די ציפערן פון אָט־דער סטאַטיסטיק קאָן מען זיך ניט שטאַרק פאַרלאָזן.

דער רב ר׳ חיים חזקיהו מדיני פון ירושלים, דער מחבר פון „שדי־חמד״, האָט אַ סך געטאָן צו הויבן דעם גייסטיקן ניוואָ פון די קרימטשאַקעס. בעת ער איז געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט מען אים איינגעלאַדן אויף רבנות קיין קאַראַסו־באַזאַר. אין קרים האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן צו די פליכטן פון אַ רב און מחנך — געמאַכט אָרדענונג אין דער קהילה און באַקעמפט עם־הארצות. ער האָט געגרינדעט אַ ישיבה און אויפגעשטעלט אַ דור פון תלמידי־חכמים, וועלכע האָבן ווייטער געפירט זיין אַרבעט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישראל. ר׳ חזקיהו מדיני האָט אַרויסגעגעבן ספרי־קודש און לערן־ביכער מיט איבערזעצונגען אויף טאַטעריש. דאָ איז דאָס אָרט צו דערמאָנען די נעמען פון ר׳ ניסים צאַחציר, רפאל לבוק און אַברהם ניסים אַשכנזי: אויך זיי האָבן אַרויסגעגעבן ספרים פון אַגדה און מדרשים, פיוטים און העברעאיש־טאָטערישע ווערטער־ביכער.

רבי ח. ח. מדיני האָט איינגעפלאַנצט חיבת ציון אין די נשמות פון זיינע תלמידים. פון יענער צייט שטאַמט די עליה פון קרימטשאַקעס קיין ארץ־ישראל, בעיקר קיין ירושלים, וואו ס׳איז אַנטשטאַנען אַ קליינע קרימטשאַקישע קהילה. היינט זיינען דאָ אין לאַנד ביי אַ הונדערט משפחות פון קרימטשאַקעס. זיי האַלטן זיך נעענטער צו די אַשכנזים, ווי אַנדערע קהילות פון מזרח־יידן.

ווען די היטלער־האָרדעס האָבן זיך אַריינגעריסן אין דרום־רוסלאַנד, זיינען זיי אין אַ קורצער צייט געקומען ביז קרים. די ספּעציעלע מאָרד־אָפּטיילונגען האָבן געהאַט אַ באַפעל צו הרגענען אַלע יידן. געפינענדיק די קרימטשאַקעס און קאַראַאימער האָבן זיי צוערשט ניט געוואוסט ווי זיך צו פירן. אויף זייערע פראַגן האָבן זיי באַקומען אַן „אויפקלערונג״ פון אויבן־אָן: כאָטש די קאַראַאימער געהערן צום „מאָזאַאישן גלויבן״, שטאַמען זיי ניט פון אַברהם, יצחק און יעקב — דאַרף מען זיי לאָזן לעבן; אָבער די קרימטשאַקעס, וואָס זאָגן אַליין אַז זיי זיינען יידן סיי לויט זייער אמונה, סיי לויט זייער אָפּשטאַמונג, דאַרף מען פאַרניכטן — אַלט און יונג, מענער, פרויען

און קינדער — פונקט ווי אַלע אַנדערע יידן. און אַזוי האָבן זיי געטאָן. אין איין חודש, „פון 16טן נאָוועמבער ביז 15טן דעצעמבער 1941, האָט מען דערשאָסן און געטויט אין מערב־קרים 17,645 אַשכנזים, 2504 קרימטשאַקעס, 842 ציגיינער, 212 קאָמוניסטן און פּאַרטיזאַנען״ (באַריכט נומ. 150, 2טן יאַנואַר, 1942). אַ צווייטער דייטשער באַריכט (נומ. 153, 9טן יאַנואַר, 1942) זאָגט, אַז בלויז אין סימפעראָפּאָל האָבן זיי דערהרגעט, אין איין וואָך, נאָך 3176 יידן. וויפל פון זיי — קרימטשאַקעס, שטייט דאָרטן ניט. דער באַריכט ענדיקט זיך מיט אַ קורצער אַלגעמיינער באַמערקונג: „אין סימפעראָפּאָל איז די פראַגע פון די קרימטשאַקעס געלייזט״ [3]

איך ברענג דאָ אויסצוגן פון פּריוואַטע בריוו — זיי גיבן אונז אַ שטיקל באַגריף פון דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן די יידן אין קרים.

א) אַ בריוו פון קערטש (אויף רוסיש), פון 22טן יוני, 1945:

„אַ שרעקלעך גורל איז געווען באַשערט די יידן, וועלכע האָבן ניט באַוויזן באַצייטנס צו פאַרלאָזן די שטאָט. מער ווי 4000 יידן (אַשכנזים), און מער ווי 500 קרימטשאַקעס, זיינען אומגעקומען. דער זעלביקער גורל האָט געטראָפן אַלע יידן (אַשכנזים) און אַלע קרימטשאַקעס אין קרים — אין סימפעראָפּאָל, אין פעאָדאָסיע, אין קאַראַסו־באַזאַר און אין סעוואַסטאָפּאָל.

„פון דער משפחה פון משה בן־פינחס האָבן אייניקע באַוויזן צו אַנטרינען אין די גובערניעס פון מיטל־אַזיע; די זיינען ניצול געוואָרן. אייניקע פון דער משפחה זיינען געפאַלן — זייענדיק אין דער רויטער אַרמיי — ביי דער פאַרטיידיקונג פון פּערעקאָפּ״.

דעם בריוו האָט געשריבן איינער פון די וואָס האָבן זיך אומגעקערט קיין קערטש נאָך דער מלחמה. פאַר דעם זיינען געווען אין קערטש 150 משפחות פון קרימטשאַקעס, ביי אַ 750 נפשות; אין סימפעראָפּאָל, די הויפּט־שטאָט פון קרים — 2000 נפשות, אויסער די פּליטים פון אַנדערע שטעט; אין קאַראַסו־באַזאַר — ביי 600 משפחות; אין סעוואַסטאָפּאָל — 50 משפחות; אין פעאָדאָסיע — 700 נפשות.

ב) פון אַ בריוו פון קערטש, דעם 5טן אָקטאָבער, 1946:

„...מ׳קאָן ניט דערקענען קערטש. די דייטשן האָבן געמאַכט פון דער שטאָט אַ חורבה. אונזער הויז איז אינגאַנצן צעשטערט; דאָס האָב־און־גוטס צעראַבעוועט. איך קאָן ניט בלייבן דאָ און ווייטער לעבן אין דער שטאָט...״

3) די אויסצוגן פון פּראָטאָקאָל האָט פאַרעפנטלעכט אויף העברעאיש ר. פּ. אָרנשטיין אין „על המשמר״, שבט תש״י; און אויף ענגליש — דר. לעווענטאַל אין American Slavic and East European Review, X, April, 1951.

ג) אויסצוגן פון בריוו פון קערטש, פון 2טן מערץ און פון 14טן יוני, 1947 :

„לאַזאַר בן־דוד און זיינעביידע זין האָט מען דערהרגעט אין יולי 1942 (ווייטער קומען נאָך נעמען פון הרוגים). אַנדערע זיינען געבליבן לעבן אַ דאַנק דער עוואַקואַציע. די וועלכע זיינען געווען אויפן פראָנט (מיט דער רויטער אַרמיי) זיינען צוריקגעקומען ; אַ טייל פון זיי קאַליקעס".

נאָך דעם ווערן אָנגעגעבן נעמען פון די וועלכע האָבן זיך אומגעקערט אין יעווּפאַטאָריע און אין אַנדערע שטעט. „אין קערטש געפינען זיך היינט פופציק משפחות פון קרימטשאַקעס — און אַלע לעבן ברידערלעך און רואיק".

„אויב איר ווילט, אויב מען דאַרף דאָס פּאַר דער געשיכטע, וועל איך אייך שרייבן פּרטים וועגן דעם ווי האָבן זיך געראַטעוועט די געראַטעוועטע און וועגן דעם טראַגישן גורל פון די קרימטשאַקעס אין קערטש, אין סימפעראָפּאָל, אין פעאָדאָסיע, אין סעוואַסטאָפּאָל, אין יעווּפּאַטאָריע א. אַ. וו.... ווען איך בין צוריק־געקומען מיט מיין פאַמיליע קיין קערטש, פאַראַיאָרן, האָב איך געפונען מיין הויז חרוב און וויסט. איצטער אַרבעט איך אין אַ ציגל־פאַבריק ; שוראַ איז באַשעפטיקט אין דער היים".

ד) אַ בריוו פון אַ פרוי, געשריבן פון קערטש אויף רוסיש, דעם 8טן אַפּריל, 1947 :

„...אַ דאַנק דער סאָוועטישער רעגירונג, וועלכע האָט אונז אַרויסגענומען פון דאַנען און אַוועקגעפירט ווייט פון פראָנט, זיינען מיר (ווייבער און קינדער) לעבן געבליבן".

אין דעם בריוו דערציילט זי וואָס איז געשען מיט אַלע מיטגלידער פון איר משפחה און ברענגט פאַקטן פון די שוידערלעכע גרויזאַמקייט פון די דייטשן. איינעם פון איר משפחה האָט מען דערשאָסן אין קערטש, אין יולי, 1942, און אַ צווייטן, אין מערץ, 1943.

ה) אַ בריוו פון אַ פרוי פון קראַסנאָדאַר, 8טן אַפּריל, 1947 :

זי דערציילט וואָס איר פאַמיליע האָט איבערגעלעבט בעת דער הערשאַפט פון די נאַציס. איצט זיינען צוריקגעקומען די וואָס זיינען געבליבן ביים לעבן. פאַוויל איז געקומען אַ קאַליקע ; יצחק האָט גענומען אַ רוסישע סאָלדאַטקע בשעת ער האָט געדינט אין דער אַרמיי, און איצטער קאָן ער שוין ניט העלפן דער משפחה.

די פּרטים וואָס דער שרייבער פונעם בריוו ג) האָט צוגעזאָגט, האָבן מיר קיינמאָל ניט באַקומען. מ'דאַרף געדענקען, אַז זינט 1948 זיינען כמעט ניט אָנגעקומען קיין בריוו פון הינטער דעם „אייזערנעם פאָרהאַנג".

ו) אַ בריוו פון רבקה ל., קערטש, 14טן מערץ, 1946.

אין אַ בריוו צו איר ברודער משה דערציילט זי, אַז די „פאַשיסטן" (ד. ה.,

די נאַציס) האָבן דערשאָסן איר ברודער יצחק מיט זיין ווייב און זון, מיט צוויי יאָר פריער, ד. ה., אין 1944.

„מיין עלטסטער זון איז געשטאָרבן אין דער מלחמה; אויך מיין אייניקל, מיין טאָכטערס זון, איז אומגעקומען... אויך זכר־זכאי איז באַשערט געווען, אויף דער עלטער, צו פאַלן פון די קוילן פון די דייטשע מערדער; אויך דעם מאַן פון מיין עלטערער טאָכטער, משה פאַטיק, האָבן זיי דערשאָסן... בכלל, מיין טייערער ברודער, שרייבן וועגן די אַלע וועלכע זיינען אומגעקומען, קאָן איך ניט; ס'איז איבער מיינע כוחות. פון אונז, קרימטשאַקעס, זיינען געבליבן גאָר ווייניק, און מיר אַלע לעבן ווי ברידער, גאָר פריינטלעך... בעת דער מלחמה האָט מען אונז אַלעמען עוואַקואירט, און מיר האָבן זיך אַלע אומגעקערט אין פאַרשידענע ערטער און גענומען בויען אונזער לעבן פון דאָס ניי. אָבער דער ווייטיק איז גרויס וואָס אונזערע מענער זיינען ניט מיט אונז.

„די עלטסטע טאָכטער, שולמית, איז אין יאַלטאַ".

ז) אַ בריוו פון ז. ל., 14טן מערץ, 1946:

„פון אַלע מיינע שוועסטער, זייערע מענער און קינדער, איז קיינער ניט געבליבן. אַלעמען האָבן דערשאָסן די דייטשע באַרבאַרן. מיין איינציקע טרייסט איז וואָס מיין ווייב און מיינע פינף קינדער זיינען מיט מיר (די עלטסטע טאָכטער איז געבוירן געוואָרן אין 1926). איך בין שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אויפן פראָנט אין 1944; מיר פעלט די לינקע האַנט און מיין קינבאַק איז צעבראָכן; ניטאָ קיין איין צאָן. איך פיל זיך גוט. איך קריג פענסיע...

ח) פון חוה בת־משה, פון דניעפּראָפּעטראָווסק, צו איר פעטער יעקב אין תל־אָביב, 16טן פעברואַר, 1950:

„איך בין דאָך געבליבן איינע אַליין פון דער גאַנצער גרויסער משפחה. דער פאַרשאָלטענער פאַשיסט (ד. ה., נאַצי) האָט פאַרניכטעט אַלע מיינע קרובים, אָפּ־געמעקט פונעם פנים פון דער ערד, ס'איז אַפילו קיין אָנדענק ניטאָ; אַפילו קיין פאָטאָגראַפיש בילד ניט געבליבן פון זיי... שיק מיר צו, טייערער פעטער, זייערע בילדער, וועל איך כאָטש האָבן די נחמה זעען זייערע פנימער.

„11טן דעצעמבער, 1949, איז יאָרצייט, מאַגנטיק. מ'האָט זיי דערשאָסן מיט אַכט יאָר צוריק, דעם 11טן דעצעמבער, 1941. ס'איז אַ טרויער־טאָג, אַן אָנדענק־טאָג. דעם טאָג גייען מיר אַלע צום אָפּהאַנג פון באַרג, וואו מ'האָט זיי אַלעמען דערשאָסן. אָבער וואָס העלפט דאָס קלאָגן און שרייען און רייסן די קליידער — קאָן דאָס זיי צוריקברענגען פון יענער וועלט? מיין איינציקע טרייסט איז וואָס מיין מאַן און טאָכטער זייגען לעבן געבליבן; זיי לאָזן מיר ניט אַריינפאַלן אין יאוש, זיי טרייסטן מיר, זיי לאָזן מיר ניט וויינען..."

די גזירות אין פערסיע

א.

דער שמד אין יאָר תקצ״ט (1839)

אַ בלוטיקע גזירה און אַ שמד האָבן געטראָפן אַ ייִדישע קהילה אין אַ ווייטן ווינקל פון פערסיע מער ווי מיט 120 יאָר צוריק. די פּאַרטיליקונג פון אַ גאַנצער ייִדישער קהילה מאַכט ניט קיין שטאַרקן איינדרוק אין אונזער צייט. אָבער אין דעם פאַל פון די ייִדן אין מעשהעד איז דאָ אַ באַזונדערער פאַקט: כאָטש זיי זיינען געווען געצוואונגען שמדן זיך, און האָבן זיך אַלע געשמדט, מיט זייערע רבנים און זקנים, האָבן זיי ניט אויפגעגעבן זייער

יידישקייט: באַהאַלטענערהייט, מיט סכנות נפשות, האָבן זיי אָפּגעהיט די יידישע דינים און מנהגים, און איינגעפּלאַנצט אין זייערע קינדער און אייניקלעך די טראַדיציעס פון יידנטום. און דאָס איז אַ פאַקט וואָס איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן אַפילו אין אַ תקופה, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיט אַ נאַציזם און טאָטאַליטאַרן סאַדיזם.

מעשהעד איז אַ גרויסע און באַפעסטיקטע שטאָט אין כאָראַסאַבאַדער פּראָווינץ, אויף דער גרענעץ פון אַפגאַניסטאַן, און דער וויכטיקסטער רעליגיעזער צענטער פון די שיאיטן אין גאַנץ פּערסיע. דער יידישער ישוב אין מעשהעד האָט געשטאַמט מערסטנס פון קאַזווין און צום טייל אויך פון אַנדערע שטעט: פון דילמאַן[1], ביזאַד, קאַשאַן און נאַד[2].

פון די מעשהעדער אין ירושלים ווייסן מיר, אַז די סיבה פון חורבן און שמד איז געווען אַ בילבול אויף די יידן, אַז זיי האָבן חוזק געמאַכט פונעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. די מעשה איז אַזוי: דעם 11טן טאָג פון חודש מוהאַראַם, 1255 (לויט דעם מוסולמענישן לוח), וואָס איז אַ הייליקער טאָג ביי די שיאיטן, אַ טאָג פון תענית און קלאָג, האָט זיך אַ יידישע פרוי געווענדעט צו אַ פּערסישן „רופא", ער זאָל איר אויסהיילן אַ קרעציקע האַנט. דער „רופא", אַ שווינדלער, פון דעם סאָרט וואָס איז נאָך היינט אַ געוויינטלעכע זאַך אין פּערסיע, האָט איר געהייסן הרגענען אַ הונט און וואַשן די האַנט אין זיין בלוט, און דערמיט וועט זי געגעזן ווערן. די יידענע האָט געדונגען אַ פּערסישן שייגעץ, ער זאָל כאַפּן אַ הונט און אים הרגענען ביי איר אין דער היים. נאָך דעם ווי ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער פאַרלאַנגט אַ שכר, וואָס איז געווען צו־גרויס אין די אויגן פון דער פרוי. ס'איז געוואָרן אַ קריגעריי. דער שייגעץ איז אַרויס מלא כעס, איז אַוועקגעלאָפן אין די גאַסן און געשריען אַז די יידן האָבן געקוילעט אַ הונט אין דעם הייליקן טאָג פון תענית לזכר די מאַרטירער, די זין פון עלי (אַלי), און האָבן אָנגערופן דעם הונט מיטן נאָמען „חוסיין" (אַ זון פון עלי) און אָפּגעלאַכט פון דער מאַכמעדאַנישער אמונה. דער פאַנאַטישער המון, וואָס זאַמלט זיך דעם טאָג אין מסגד (געבעטהויז) פון אימאַם רידאַ, האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין די יידישע גאַסן, אַריינ־

1) מ'האָט זי אויך גערופן סאַלמאַס, און היינט שאַח־פּור. איצט זיינען מער ניטאָ קיין יידן אין דער שטאָט.

2) זע „קהילת האָנוסים בפרס" פון דר. ו. פישל אין זאַמלבוך „ציון", ערשטער יאָרגאַנג, תרצ"ו (1936).

געריסן זיך אין די הייזער אונטערגעצונדן די שולן און דערהרגעט 32 יידן (בסך־הכל זיינען דאָרט געווען ביי אַ הונדערט יידישע משפחות, ד. ה. אַ 400 נפשות).

ס'איז ניט קלאָר, אויב דער פּאָגראָם האָט געדויערט איין טאָג אָדער מער. דער עלפטער מוהאַראַם איז אויסגעפאַלן יענעם יאָר י״ב בניסן (27טן מערץ, 1839), דעם צווייטן טאָג פון דעם שיאַיטישן יום־טוב. ס'קאָן זיין, אַז דער אָנהויב איז געווען מיט אַ טאָג פריער. אַזוי צי אַזוי, י״ב בניסן האָט מען געצוונגען(?) די גאַנצע קהילה אָנצונעמען דעם איסלאַם — אויב ניט וועט מען זיי אויסקוילענען אַלעמען, ביז איינעם.

דער פּאָגראָם און שמד האָבן געמאַכט אַ מוראדיקן איינדרוק אויף די יידן אין פּערסיע; אָבער אין אייראָפּע האָט מען נאָך אַ לאַנגע צייט דערפון ניט געהערט. די אָנוסים פון מעשהעד האָט מען גערופן אין פּערסיע „דשדיד אַל־איסלאַם״ (נייע מוסולמענער); און זיי אַליין האָבן אָנגערופן דאָס יאָר פון זייער געצוואונגענעם שמד „אַללאַ־דאַד״, ד. ה. אַ שטראָף פון גאָט.

פון דעמאָלט אָן פירן די מעשהעדער אָנוסים אַ דאָפּלט לעבן, אַזוי ווי די אָנוסים אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. אָבער די באַציאונגען פון די מעשהע־דער אָנוסים מיטן יידנטום זיינען ממשותדיקער, און זייער יידישקייט איז אַ סך טיפער, ווי ביי די קינדס־קינדער פון די אָנוסים פון דער אינקוויזיציע פון פאַר 470 יאָר. די „דשדיד אַל־איסלאַם״ זיינען מוסולמענער נאָר לפנים; אין האַרצן זיינען זיי געטריי דער יידישער אמונה און היטן אָפּ די מצוות ווי ווייט זיי קאָנען, אָפט מיט סכנות נפשות. אַ סך פון זיי האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, בפרט אין די לעצטע יאָרן, אַרויסצוכאַפּן זיך פון זייער גיהנום און אומצוקערן זיך אין שויס פון זייער פאָלק. אייניקע האָבן אויס־געוואַנדערט קיין בוכאַראַ און אַפגאַניסטאַן, אַנדערע זיינען געגאַנגען ווייטער — ביז אינדיע און ביז ענגלאַנד; אָבער דאָס רוב — אין אונזער צייט — האָבן געפונען דעם וועג קיין ארץ־ישראל. און מ'דאַרף זאָגן, אַז פון די מעשהעדער האָבן מיר דאָ ניט בלויז סוחרים און פעדלער פון אַלטן שניט, נאָר אויך חלוצים, יונגעלייט און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך גענומען צו ערד־אַרבעט אין די קאָלאָניעס און צו יעדער אַרבעט אין שטאָט; און זיי זיינען אָן אויסגעצייכנטער אַרבעטס־עלעמענט. די צאָל פון די מעשהעדער פּליטים אין ארץ־ישראל איז ביי אַ טויזנט נפשות, און דאָס איז בערך אַ העלפט פון די, וועלכע זיינען נאָך געבליבן אין מעשהעדער געטאָ.

עטלעכע רייזנדע, יידן און ניט־יידן, האָבן באַשריבן, ווי יענער שרעק־לעכער שמד איז פאָרגעקומען. דר. פישל, וועלכער האָט געמאַכט אַ פאָרשונגס־רייזע קיין מעשהעד, האָט געבראַכט אין זיין אַרטיקל („קהילת האַנוסים בפרס") דאָס רוב קוועלן. פון די יידישע מקורות איז באַזונדער וויכטיק דאָס בוך „מסעי ישראל" פון ישראל בן־יוסף בנימין [4]. ער האָט געשריבן דאָס בוך עלף יאָר נאָך די געשעענישן (אין 1850). ער דערציילט, אַז אַ קורצע צייט נאָך דעם ערשטן פּאָגראָם האָט מען געמאַכט אויף די אַנוסים נאָך אַ פּאָגראָם. מ'האָט געפונען אַ צוטשעפּ: אַ שוחט האָט געקוילעט הינער פאַר זיי על פּי דיני ישראל. דעם שוחט, וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען, האָט מען גרויזאַם געפּייניקט און געטויט. דערביי איז מען אָנגעפאַלן אויף די אַנוסים בכלל, געשלאָגן און געמאָרדעט, און צעשטערט אינגאַנצן די פאַרשלאָסענע יידישע שולן [5].

אין שבתדיקן סידור „עולת השבת" [6] איז פאַראַן אַ פּיוט, וואו עס ווערט דערמאָנט דער חורבן פון דער מעשהעדער קהילה אין ניסן, תקצ"ט. אין דעם דאָזיקן פּיוט רעדט זיך וועגן דעם אָנהויב פון דער קהילה, ווי יידן פון קאַזווין האָבן זי געגרינדעט אין די טעג פון נאַדיר שאַך; אָבער פּרטים פון דעם שמד גופא זיינען דאָרט ניטאָ. אַנדערשוואו האָב איך שוין געשריבן פון דער מעשהעדער קהילה אין ארץ־ישראל [7]. אָבער אַלץ וואָס מ'האָט דערציילט ביז אַהער זיינען געווען זכרונות בעל־פּה, איבערגעגעבן פון דור צו דור; און פאַרשטייט זיך אַז אַ סך פּרטים זיינען ניט געווען זיכער. איצטער האָב איך סוף־כל־סוף געפונען אַ דאָקומענט פון סאַמע יענער צייט, אין וועלכן עס ווערן אויפגעקלערט אייניקע פּרטים, און אויך דער דאַטום (דר. פישל ברענגט — אין אַ באַמערקונג צו זיין אַרטיקל — די פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם דאַטום פון שמד). אונזער דאָקומענט איז געשריבן בסך־הכל צוויי חדשים נאָך דער פּורענות, און פון אַ מענטשן וואָס איז געווען דערביי. ס'איז גאָר קיין ספק ניטאָ אין דער ריכטיקייט פון זיין באַריכט. פון אים ווייסן מיר בפירוש ניט בלויז דאָס יאָר פון פּאָגראָם, נאָר אויך דעם טאָג פון שמד:

4) איבערגעזעצט אויף העברעאיש פון דוד גאָרדאָן, געדרוקט אין ליק, תרי"ט.
5) „מסעי ישראל", ז. 87.
6) מיט אַן איבערזעצונג אויף פּערסיש פון ר' מרדכי אקלאר, ירושלים, תר"ע (1910).
7) אין מיין בוך „אוכלוסי ארצנו", ז. 73, וואַרשע, תשפ"ט (1929); און אין דער צווייטע אויפלאַגע: „כתבי י. בן־צבי", באַנד ח, ז. 84־5, תל־אָביב, 1937.

י״ב בניסן, תקצ״ט, און לויטן מוסולמענישן לוח — דעם 11טן מוחאַראַם, 1255. די צאָל פון די קרבנות, וואָס זיינען אומגעקומען אין יענעם טאָג פון די הענט פון די מוסולמענישע פאַנאַטיקער, איז געווען 32 (און ניט 35, ווי דר. פישל האָט אָנגענומען אויפן סמך פון דער טראַדיציע פון ר׳ מרדכי אַקלאַר).

דער באַריכט איז געשריבן מיט שוואַרצע טינט אויף דער אינעווייניקסטער זייט פון אַ רויטן פעלענעם טאָוול פון אַ סידור. צוויי ליידיקע בלעטלעך טיילן אָפּ דאָס געשריבענע פון דעם טעקסט פון סידור. מסתמא איז איינס פון די בלעטלעך געווען צוגעקלעפּט צום טאָוול בכדי צו פאַרדעקן דעם קאָלאָפאָן (די צוגעשריבענע הוספה) פון אָן „עין הרע״. די שורות פון קאָלאָפאָן גייען אין דער קרום: די אויבערשטע זיינען זייער קורץ (אין דער ערשטער בלויז דריי אותיות); ווייטער ווערן זיי כסדר לענגער; אין דער מיטלסטער — דרייסיק אותיות; דערנאָך גייען זיי און ווערן שמעלער; און אַזוי ביזן סוף. די תפילות אין סידור זיינען פון ערב הושענא רבא. געדרוקט איז ער געווען אין אַמסטערדאַם, תקמ״ז (1787), ד. ה., מיט 52 יאָר פאַר דעם חורבן. נאָך דעם געדרוקטן טעקסט פון סידור קומען דרייסיק געשריבענע זייטלעך. אין זיי זיינען אָנגעשריבן, מיט אַ פּרעכטיקן כתב, „אדרא זוטא״, „פטירת משה רבנו״, „תפילת אליהו הנביא״, „ויהיה רצון״ (וואָס מ׳זאָגט נאָכן קאַפּיטל מ״ז פון תהילים). אין אָנהויב פון דעם האַלב־צעריסענעם ספר, פון דער אַנדערער זייט פון שער־בלאַט, שטייט געשריבן: „תפלה נאה״ צו הושענא רבא פון יעקב בן כמה״ר מור אליה בכ״ר אשר. און אונטער דער תפילה קומען דריי ווערטער: מדלמאן באו לקאזווין (פון דילמאַן זיינען זיי געקומען קיין קאַזווין).

פון אָט־דער לעצטער שורה קאָן מען דרינגען, אַז די משפחה פון יעקב ב״ר מור אליה איז געקומען פון דילמאַן קיין קאַזווין. אויבן האָב איך שוין אָנגעוויזן, אַז די קהילה פון מעשהעד האָבן געגרינדעט יידן פון קאַזווין (אין די טעג פון נאַדיר שאַך, אין יאָר 1734 בערך). דער סידור איז פון די ווייניקע ספרים, וועלכע מ׳האָט געראַטעוועט אין טאָג פון פאָגראָם, ווייל די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן פאַרכאַפּט אַלע הייליקע ספרים, תפילין און טליתים, און זיי געבראַכט צום מסגד פון אימאַם עלי־רידאַ, און דאָרט ליגט דאָס אַלץ ביז היינטיקן טאָג. מיט סכנת נפשות האָבן אונזערע ברידער באַהאַלטן און אָפּגעהיט דאָס קליינע ספרל מיט דער טייערער הוספה אויף זיין טאָוול.

אין פינצטערע קעלערן האָבן יידן זיך באַנוצט מיטן ספרל און געלערנט פון אים זייערע קינדער, באַהאַלטענערהייט, לשון־קודש און תפילות; זיי האָבן דאָס איבערגעגעבן אין די הענט פון זייערע קינדער, פון דור צו דור, במשך פון מער ווי הונדערט יאָר.

דער קאַלאַפאַן איז געשריבן מיט העברעאישע אותיות, אין דעם געווײנטלעכן קורסיוו פון די פּערסישע יידן; און די שפּראַך איז פּערסיש, געמישט מיט אַראַבישע ווערטער, ווי ס'איז אָנגענומען אין זייער אומגאַנגס־לשון.

די וויכטיקייט פון דעם באַריכט, ווי געזאָגט, באַשטייט אין דעם, וואָס ער קומט פון אײנעם, וואָס איז דאָרט געווען בעת מעשה און האָט דאָס אַלץ אויפגעשריבן בלויז מיט צוויי חדשים שפּעטער. אין דעם באַריכט פילט מען דעם יאוש פון דער אומגליקלעכער קהילה, וואָס איז דאַן באַשטאַנען פון אַרום פיר הונדערט נפשות, און די גויים האָבן געדראָט אומצוברענגען זיי אַלעמען אויב זיי וועלן זיך ניט שמד'ן תיכף־ומיד. אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן זיך געשמדט לפנים. דער שרייבער פון קאַלאַפאַן דריקט אויס זיין פולן גלויבן און האָפענונג צו גאָט, אַז משיח וועט קומען און אויסלייזן זיי פון גלות ישמעאל. דערביי האָט ער נאָך אַ טשיקאַווע האָפענונג — אויפן קומען פון דעם ענגלענדער.

דער שמד אין מעשהעד

אויטענטישער באַריכט

„צום אָנדענק: אין יאָר תקצ"ט האָבן סועפים (שיאיטן) געמאַכט אַ בלבול אויף די יידן. דעם צוועלפטן טאָג אין חודש ניסן זיינען זיי אָנגעפאַלן אויף מחנה ישראל [8]) און דערהרגעט 32 מענטשן בע'. די איבעריקע האָט מען געשמדט מיט געוואַלד, און אויב זיי וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון צו שמדן, וואָלט מען זיי אַלעמען אומגעבראַכט — ישראלים, כהנים און לויים. בלית ברירה האָבן מיר אַלע געזאָגט:

8) אַזוי רופן די פּערסישע יידן זייער קוואַרטאַל אָדער געטאָ.

„ניטאָ״ [9]). אַצינד האָבן מיר ניט קיין אַנדערע האָפענונג, ווי נאָר, ערשטנס, אויפן גענאָד פון הקב״ה; צווייטנס, אויף דעם מלך המשיח; דריטנס, דער ענגלענדער וועט קומען און וועט אונז... זיין (?). הקב״ה, בחסד כבודו, וועט קוקן אויף אונז מיט רחמנות און וועט אונז אויסלייזן פון גלות ישמעאל.

„דאָס דאָזיקע שרייבן וועט בלייבן צום אָנדענק. דער שרייבער איז צעיר שמואל, אין יאָר תקצ״ט, חודש סיוון״.

פאַרן איבערזעצן דעם פערסישן טעקסט פון די צוויי דאָקומענטן אויף העברעאיש קומט אַ דאַנק ר׳ עזרא ציון מלמד.

ב.

גלות הערעט

די צווייטע הוספה האָט ניט קיין דירעקטן שייכות צום בראָך פון דער מעשהעדער קהילה. זי דערציילט פון די אָנוסים, וועלכע ס׳איז געלונגען צו אַנטלויפן פון מעשהעד און אַריבערגיין די גרענעץ קיין אַפגאַניסטאַן. אויך די אַפגאַנער ריידן פערסיש, אָבער זיי זיינען סוניטן (אַן אַנדערע און גרעסערע מוסולמענישע סעקטע. אַ ביטערע שנאה הערשט צווישן די סוניטן און די שיאיטן). אין אַפגאַניסטאַן האָבן זיך די פּליטים באַזעצט אין הערעט און אין אַנדערע שטעט, און האָבן זיך אָפן אומגעקערט צו זייער פאָלק און צו דער אמונה פון זייערע אָבות. קיינער האָט זיי ניט געשטערט זיך צו באַשעפ־טיקן מיט זייערע מלאכות און געשעפטן.

אָבער דער בייזער גורל האָט זיי נאָכגעפאָלגט און האָט זיי דעריאָגט אויך דאָרט. אַכצן יאָר נאָך דער פּורעניות פון מעשהעד האָט אַ ניי אומגליק געטראָפן די פליטים פון מעשהעד און אויך די אַנדערע יידן פון הערעט: אום סוכות, תרי״ז (1856), האָבן די פערסן איינגענומען הערעט, און אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצוטרייבן אַלע יידן פון יענער געגנט. די גזירה פון גירוש האָבן זיי אויסגעפירט מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט,

9) דאָס ערשטע וואָרט פונעם נוסח פון מוסולמענישן גלויבן: „ניטאָ קיין גאָט אויסער אַללאַ״.

אין מיטן ווינטער, ט״ו בשבט (אָנהויב 1857). ראשית, האָט מען די יידן געבראַכט צום דעם אָרט וואָס הייסט מוסלא, און פון מוסלא האָט מען זיי געפירט צוריק צו דער שטאָט פון וועלכער זיי, אָדער זייערע עלטערן, זיינען אַנטלאָפן — קיין מעשהעד. דאָרט האָט מען זיי געהאַלט פאַרשפאַרט אין אַ מין קאָנצענטראַציע־לאַגער, לעבן דעם בית־עולם פון די אַנוסים, אין אַ פלאַץ וואָס ווערט גערופן באַבאַ־קורבאת. אין דעם דאָזיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער זיינען זיי אויסגעשטאַנען שרעקלעכע יסורים און אַ סך פון זיי זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט. צוויי יאָר האָבן זיי זיך אַזוי געמאַטערט ביז ס'איז געקומען די ישועה: י״ג בטבת, תרי״ט (אָנהויב 1859) האָט מען זיי באַפרייט פון באַבאַ־קורבאת, און כ״ה בשבט זיינען זיי צוריקגעקומען קיין העראַט [10]).

אַלץ וואָס איז געשען ווערט דערציילט אין קאָלאָפאָן, אָנגעשריבן אויפן טאָוול פונעם געדרוקטן ספר דברים, וועלכן די אַנוסים היטן הייליק אין זייער שול (אויפן נאָמען פון חגי אדוניהו, אין דער בוכאַרער שכונה „רחובות״, אין ירושלים), און פון דאָרט האָב איך דאָס אָפּגעשריבן.

10) אין „קורות הזמן״, אַ הוספה צום ספר „ענג שבת״, האָט מולא מתתיה גרג״י, דער געוועזענער רב פון העראַט, דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן דער גזירה אויף די יידן אין העראַט:

פריער האָבן אונזערע אָבות געוואוינט אין מעשהעד, אין דער פערסישער מלוכה. האָבן די זינד גורם געווען, אַז די גויים זאָלן מאַכן אַ פאַלשן בלבול אויף ישראל... און די יעניקע, וואָס גאָט האָט באַרירט זייער האַרץ, האָבן פאַרלאָזן זייער געבורטס־לאַנד און אַוועקגעפאָרן פון דאָרטן. און מיינע עלטערן זיינען אויך געווען פון די וועלכע זיינען אַוועקגעפאָרן און געקומען אין דער שטאָט העראַט, אונטער דער הערשאַפט פון אַפגאַן, און באַזעצט זיך דאָרטן. און איך, הצעיר, בין געבוירן געוואָרן אין העראַט, אין יאָר תר״ה (1846), כ״ו בכסלו, שבת חנוכה, זיבן יאָר נאָך דעם חורבן פון דער שטאָט מעשהעד.

„און אין יאָר ה'תרט״ז (1855) איז געקומען די פערסישע אַרמיי און האָט באַלאַגערט די שטאָט. און אין יאָר תרי״ז האָבן זיי זי איינגענומען, און זיי האָבן גוזר געווען פאַר־ניכטונג אויף ישראל. און אין חודש שבט האָבן זיי (די יידן) אַרויסגעטריבן און געפירט געפאַנגענע אין דער שטאָט מעשהעד. און פון דער גרויסער קעלט זיינען פילע געשטאָרבן אין וועג. אויסער דער שטאָט (מעשהעד) איז געווען אַן אַכסניה מיטן נאָמען באַבאַ־קודרת; דאָרטן האָט מען אַריינגעפירט אַלעמען און אַוועקגעשטעלט שומרים איבער זיי — ביז צוויי יאָר (ד. ה. דאָס האָט געדויערט צוויי יאָר צייט). אין דער צייט האָט דער עולם געהאַט אויסצושטיין אַ סך גזירות און קראַנקייטן און מגיפות. דערנאָך האָט זיך גאָט דערבאַרעמט אויף אונז, און מ'האָט אונז אַרויסגעלאָזן און דערלויבט צו גיין וואו מיר ווילן. און זיי (די געפאַנגענע) האָבן זיך אומגעקערט אין דער שטאָט העראַט אין חודש טבת, תרי״ט" (זע ו. פישל, „קהילת האַנוסים בפרס״, ז. 64, און די באַמערקונג אויף זייט 65).

דאָ גיב איך די איבערזעצונג פונעם צווייטן דאָקומענט:

„סוכות, אין יאָר תרי״ז, האָט דער סוף (דער רשע — דערמיט ווערן געמיינט די פערסישע שיאיטן) איינגענומען הערא‌ט. בעוונותינו הרבים האָט ער געהייסן — ט״ו בשבט, תרי״ז — אַז דאָס הויז פון ישראל (אין) הערא‌ט, די וועלכע זיינען אַרויסגעפאָרן פון מעש־הער, און (יידן) פון אַנדערע ערטער, אין דער אומגעבונג פון הערא‌ט — אויף אַלעמען האָט ער גוזר געווען די גזירה און אַוועק־געפירט קיין מוסלא, סדום ועמורה![11] י״ט בשבט זיינען מיר געפאָרן פון מוסלא־סדום מיט גרויסע צרות. גאָר די ערד און דער הימל זיינען צוזאַמענגעוואַקסן פון קעלט און רעגן. גויים האָבן געוויינט [זעענדיק] אונזער לאַגע. אַ סך קאַליקעס, קליינע קינדער, אָרעמעלייט און אַלטע לייט זיינען געבליבן אויפן וועג — אויסגע־גאַנגען פון הונגער און מאַטערניש, פון שרעק פאַר די זעלנער און [אונטער די פיס] פון די פערד. בעת מיר זיינען אַרויס פון ירושלים — נבוכדנצר און אַדריינוס און קיצר (קיסר)[12] — פון די פיר עקן פון מחנה ישראל (ד. ה. פון געטאָ), זיינען מיר אויסגע־שטאַנען גרויסע בזיונות. צוואַנציק טעג נאָכן קומען קיין מעשהעד זיינען זיי [די יידן] אַריין אין באַב־קדרת[13], סדום! צוויי יאָר זיינען מיר געווען אין באַבאַ קורבת. פון הונגער און פון די שרעקן פון קנעכטשאַפט און פון שווערע קראַנקייטן, זיינען מיר אומגעקומען. דאַנקען גאָט, יתברך! גאַנצע (?) צוויי יאָר זיינען מיר געווען פאַר־שפאַרט (?) אין באַבאַ קורבת, סדום ועמורה! נאָך צוויי יאָר האָט השם יתברך, אין זיין גרויסער באַרעמהערציקייט, געגעבן אַ ישועה טובה [און אויסגעלייזט אונז] פון אָט־די סדום ועמורה. אין די טעג פון אונזער אַרויסגיין פון מצרים זיינען מיר (אין טעקסט: „זיינען זיי״) אַרויס ביד רמה[14]. פון באַבאַ קורבת־סדום זיינען מיר אַרויס מאַנטיק, י״ב בטבת, אין יאָר תרי״ט, און כ״ה בשבט זיינען מיר געקומען קיין הערא‌ט, געזונט און בשלום. הלוואי זאָל השם יתברך

11) מוסלא איז דער נאָמען פונעם אָרט; סדום ועמורה — אַ קללה.
12) פון די קינות צו תשעה באָב: „כימי צאתנו״.
13) דריי מאָל שטייט קורבת, איין מאָל — קדרת.
14) מסתמא מיינט דאָס: אָפן, לעגאַל, אָן מורא.

מער ניט געבן הערצט אין די הענט פון פיינט, ׳עד כי יבוא שילה ולא [ולו] יקהת עמים׳, און מיר וועלן זוכה זיין זעען דעם געערטן אויסלייזער, און ער וועט קומען קיין ירושלים, די געטרייע שטאָט, אין דער פרייד פונעם הויז פון אונזער גאָט, במהרה בימינו, אוי״ר (אמן, וכן יהי רצון)

„געשריבן פון בנימין בן כה״ר ה׳ גאני יצ״ו בצל[15])״.

ג.

די פורעניות אין סאלמאס

זייער וויכטיק איז אַ דאָקומענט, וואָס דערציילט פון פורעניות אין דער שטאָט סאלמאס, וועלכע זיינען געווען פריער אומבאַקאַנט

אַמאָל האָט די שטאָט געהייסן דילמאַן, און ס׳איז דאָרט געווען אַן אַלטע יידישע קהילה. מיטן נאָמען דילמאַן ווערט די שטאָט אָנגערופן אויך אין איניקע דאָקומענטן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער קהילה פון מעשהעד (זע דאָרטן), דהיינו, אַז די מעשהעדער יידן שטאַמען פון קאַזווין, און די קאַזווינער זיינען געקומען פון דילמאַן (ד. ה. פון סאלמאס) אין די יאָרן 1736־1747. מעשהעד איז אַ הייליקע שטאָט ביי די שיאיטן; קיין „ניט־גלויביקער״ האָט ניט געטאָרט דאָרט וואוינען ביז די צייטן פון נאַדיר־שאַח. נאַדיר־שאַח, אַ קעגנער פון די שיאיטן, האָט זיך ניט גערעכנט מיט זיי און געלאָזט יידן באַזעצן זיך אין מעשהעד. דאָס איז געווען אין די דרייסיקער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט. די יידישע קהילה האָט עקזיסטירט אין מעשהעד הונדערט יאָר, ביז 1839.

סאלמאס (היינט רופט מען די שטאָט שאַח־פּור) ליגט אין צפון פון פּערסיע; אייגנטלעך געהערט זי צום געביטן פון פּערסישן אַזערביידזשאַן. היינט זיינען אין סאלמאס ניטאָ קיין יידן. אָבער רייזנדע פון אָנהויב 19טן יאָרהונדערט דערציילן, אַז אין זייער צייט איז נאָך דאָרט געווען אַ באַדייטנדיקער יידישער ישוב. סאלמאס איז ניט ווייט פון אורמיא. דעריבער, בעת ס׳איז געקומען אַ צייט פון בלבולים און פּאַגראָמען אויף די יידן פון אורמיה האָבן אויך די יידן פון סאלמאס געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות.

15) יצ״ו ראשי־תבות: „ישמרו צורו וגואלו״.

וועגן דאָס וואָס ס׳איז פאַרגעקומען אין דער שטאָט סאַלמאַס איז מען געוואויר געוואָרן אין איראַפּע פון ר׳ אַברהם בכ״ר משה, אַ שליח פון דער דאָרטיקער קהילה וואָס איז געקומען קיין איטאַליע. ער האָט אַריינגעשריבן זיין באַריכט אין דעם פינקס פונעם פאַרשער און רב אין פּאַדואַ, ר׳ מרדכי שמואל גירונדי (דער פינקס טראָגט דעם נאָמען „קבוצת כסף״; זע סי. תתשס״א, דף 56, א־ב). די האַנטשריפט געפינט זיך אין דער מאַנטעפיאָרע־זאַמלונג, באַצייכנט מיט דער ציפער 893. די פאָטאָגראַפיע פון דעם באַריכט האָט געבראַכט מ. בניהו, פון אינסטיטוט פאַר פאַרשן די יידישע קהילות אין מיטעלן מזרח (מכון בן־צבי, ירושלים).

ר׳ דויד דבית הלל דערמאָנט די דאָזיקע קהילה אין 1822. ער זאָגט, אַז דעמאָלט זיינען דאָרט געווען ביי אַ הונדערט יידישע משפּחות; זיי האָבן פאַרמאָגט אַ שול. דער בלבול אין אורמיא (היינט — ראַזאיע) האָט זיך אָפּגערופן אויך אויף זיי. ר׳ דויד באַמערקט, אַז די שפּראַך פון די יידן פון סאַלמאַס איז אַזוי ווי פון די יידן פון באַכרינאַ. מ׳האָט אים דערציילט, אַז אין געאָרגיע (גרוזיע) אין שירוואַן, און טאַקע אין דאַגעסטאַן, זיינען פאַראַן אַרום 300,000 יידן, און זיי רײדן די זעלביקע שפּראַך (ד. ה., פּערסיש).

די קהילה פון סאַלמאַס ווערט דערמאָנט אויך אין אַ בולעטין פון מיסיאָנערן אין די דרייסיקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט: די קהילה האָט ביי זיי געבעטן שוץ, אָבער די גלחים האָבן אָפּגעזאָגט. זייער שליחות, האָבן די גלחים געזאָגט, איז בלויז צו די קריסטלעכע נעסטאָריאַנער — ניט צו יידן.

רייזנדע האָבן דערציילט, אַז אין סאַלמאַס זיינען פאַראַן ביי אַ 400 משפּחות וואָס זייער לשון (אָדער דיאַלעקט) איז אַזוי ווי ביי די יידן, אָבער די יידן רופן זיי „עמלקים״ (אַרמענער?). אויך י. גאָטטייל רעדט וועגן אַ יידיש־אַרמענישן דיאַלעקט ביי די יידן פון סאַלמאַס [16].

דעם יידישן ישוב אין סאַלמאַס דערמאָנען אויך בנימין השני (1859) און אפרים ניימאַרק (ער איז געווען אין פּערסיע אין יאָר 1888) — היינט איז פונעם דאָזיקן ישוב קיין סימן ניט געבליבן.

אונזער דאָקומענט איז פון יאָר 1845. אין פּערסיע האָט דעמאָלט געקיניגט מוחמד שאַה, פון דער קאַשגאַרער דינאַסטיע. דער נוסח פון די געשעענישן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּערסיע: רוצחים, מוסולמענער, האָבן

16) Journal of the American Oriental Society, 1893, 34, p. 293-310.

דערהרגעט אַ מוסולמענישן קינד און געמאַכט אַ בלבול אויף די יידן כדי ביי זיי אויסצופּרעסן געלט און זיי באַראַבעווען. דער דאָרטיקער הערשער, אַבדאַלאַ כאַן, אַ זון פון דעם שאַח, האָט געהייסן טויטן דעם תלמיד־חכם ר׳ פּינחס און נאָך פינף תלמידי־חכמים. די ישועה איז געקומען פון איינעם אַ משומד מיטן נאָמען יקותיאל. אין אונזער באַריכט שטייט ניט אויב יענער יקותיאל איז געווען פון די אַנוסים, אָבער ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אַז ער איז עס יאָ געווען (זיין נאָמען איז איינמאָל געשריבן: „ר׳ יקותיאל״). פון דעם וואָס די יידן האָבן אים מכבד געווען אויך נאָך זיין שמדן זיך, און וואָס ער האָט תמיד זיך באַמיט זיי צו העלפן, קען מען דרינגען אַז ער האָט געהערט צו די וואָס האָבן זיך געשמדט קעגן זייער ווילן. ער האָט געשטאַמט פון בוכאַראַ. אין אונזער דאָקומענט ווערט ער דערמאָנט לטובה, ווייל ער איז בייגעשטאַנען די יידן פון סאַלמאַס אין זייער נויט און דורך אים זיינען די דאָרטיקע יידן געהאָלפן געוואָרן.

און דאָ גיבן מיר די איבערזעצונג פון דאָזיקן דאָקומענט:

„און עס איז געווען אין די טעג פון אַבדולאַ כאַן, אַ זון פון דעם פּערסישן קעניג — אין זיין צייט איז פאַרשוואַרצט געוואָרן דאָס פּנים פון דער קהילה פון סאַלמאַס ווי די ברעגן פון אַ קעסל. אין יענע טעג איז געווען אין ישראל דער ראש פון שבטי ישראל, דער גרויסער נשיא, אַ מופלג בתורה, איינער פון חבריא קדישא אין ק״ק סאַלמאַס. איינמאָל האָט ער (דער כאַן) אים גערופן און צו אים געזאָגט: ׳איך וויל פון דיר הונדערט בייטלעך געלט, אין יעדן בייטל אַכציק פּערסישע גאָלדענע רענדלעך׳. האָט ער אים געענטפערט: ׳מיין האַר, אַזויפיל געלט קאָן איך ניט געבן. אויב דו ווילסט, גיב איך דיר פופציק בייטלעך׳. איז ער (דער כאַן) ניט מסכים געווען און האָט אים געזידלט און געשאָלטן און אַרויסגעטריבן אין דרויסן. און ער האָט זיך מישב געווען מיט זיינע שרים און האָט אַזוי געזאָגט צו זיי: מיט וואָס פאַר אַ טענה וועט ער קענען ברעכן זייער (די יידנס) שטאָלץ? האָבן זיי געזאָגט: ׳וואָס איז, אונזער האַר? גיב אונז רשות, וועלן מיר ברעכן זייער שטאָלץ׳. נאָך דעם האָט ער זיי געגעבן רשות און האָט געזאָגט צו זיי: ׳איר וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן מיט זיי, און איך בין מסכים מיט אייך׳. וואָס האָבן געטאָן די גרויזאַמע און אומבאַרעמהערציקע?

זיי האָבן געכאַפּט אַ זון פון אַן אלמנה, פון די ישמעאלים (מוסול־מענער), דערוואָרגן אים און גענומען בלוט פון אַלע זיינע אָדערן און גלידער, און אַריינגעלייגט אים אין אַ זאַק, און אַריינגעוואָרפן דאָס יינגל אין גאָרטן פון ר׳ פנחס הנשיא. אין גאָרטן איז געווען שניי, און די יידן האָבן ניט געוואוסט וואָס עס שטייט זיי פאָר.

„און אין אדר שני, תר״ג, האָבן די יידן דערהערט אַ גרויס און ביטער געשריי; אַ פרוי האָט געשריען מיט אַ ביטער קול: ׳יידן האָבן געכאַפּט מיין זון כדי צו עסן זיין בלוט!׳ און זי האָט געשאָלטן און געזידלט. הערנדיק דאָס, האָבן די יידן אַרויפגעטאָן אַש אויפן קאָפּ — אַ געוויין און אַ געקלאַג, ווי ס׳איז קיינמאָל ניט געווען און עס וועט ניט זיין. און דער זון פון קעניג האָט געהייסן פאַר־שליסן די טויערן, כדי קיינער זאָל ניט קענען אַנטלויפן. דאַן זיינען געקומען זעלנער און דורכגעגאַנגען דורך די יידן און גע־גאַנגען פון שטוב צו שטוב, פון איין צימער אין צווייטן, אום צו זוכן און צו געפינען וואו די יידן האָבן באַהאַלטן דאָס קינד. דערנאָך זיינען זיי געגאַנגען אין גאָרטן פון ר׳ פינחס און האָבן געפונען דאָס קינד, אַ דערהרגעטן, אינעם גאָרטן. האָבן זיי געבראַכט דאָס קינד צום זון פון קעניג. האָט ער געהייסן רויבן און פּלינדערן זיי (די יידן); (צונעמען) אַלץ וואָס איז פאַראַן אין יעדן הויז און אַלץ וואָס ס׳איז (פאַראַן) אין דרויסן. האָבן זיי (די רשעים) זיי (די יידן) באַראַבעוועט, און האָבן צוגענומען די ספר־תורה פון שול. פרויען און קינדער זיינען געבליבן אין די הענט פון די גרויזאַמע און אומבאַרעמהערציקע — געשלאָגן, געשטויסן, מיט מערדערישע קלעפּ. און חשובע מענטשן פון דער קהילה האָבן זיי אַריינגעזעצט אין תפיסה און געשמידט אין אייזערנע קייטן. ניט געהאַט קיין רחמנות און זיך ניט דערבאַרעמט. אונזערע פרויען און טעכטער זיינען געוואָרן צו רויב. און דער רשע האָט געפאַרשט און פאַרלאַנגט צו וויסן: ׳וואָס קומט זיי (די יידן) פאַר דעם וואָס זיי האָסן אונז און טויטן יעדן יאָר אַ קינד פון די ישמעאלים און עסן זיין בלוט?׳ האָב זיי אַלע עדות־געזאָגט: ׳מיט אונזערע אויגן האָבן מיר גע־זען, אַז פינחס האָט דערהרגעט דאָס קינד׳. (אויף דער אַנדערער זייט פון בלאַט:) האָט דער זון פונעם קעניג באַפוילן צו טויטן אים (ר׳

פנחסן). האָט מען אים דערהרגעט און פאַרברענט, און מ׳האָט דער־הרגעט נאָך פינף תלמידי־חכמים. און ס׳איז געווען אַ טאָג פון מהומה, פון אומגליק און בראָך, און אַ סך יידן האָבן זיך אָפּגעקערט פון זייער גלויבן. אַנטקעגן דעם שטייט געשריבן: ׳זקנים משער שבתו בחורים מנגינתם׳. דערנאָך האָבן זיי אָנגעשריבן אַ באַפעל וועגן פאַרטיליקן אַלע יידן אין דער שטאָט סאַלמאַס, פאַרניכטן זיי, חס ושלום. דאַן האָבן זיי (די יידן) געשריבן קיין בוכאַרע, צו ר׳ יקותיאל: ׳אַזוי און אַזוי איז אונז געשען, מ׳קלייבט זיך צו פאַרניכטן אונז, חס ושלום. למען השם, האָב רחמנות אויף אונזערע ווייבער און קינדער! אויבן איז גאָט און אונטן ביסטו; אונזערע אויגן זיינען צו דיר געווענדעט — דו זאָלסט קלאָר מאַכן אונזער קריוודע׳. דעמאָלט, ווען יקותיאל האָט דאָס דערהערט, איז ער געקומען קיין סאַלמאַס און געגאַנגען צום זון פונעם קעניג און מיט אים גערעדט און געטענה׳ט, און באַשאָטן מיט געלט די מעכטיקע און פאַרשטאָפּט זייערע מיילער מיט שטיקער זילבער, און געגעבן כאַבאַר די האַרטע און אומבאַרעמהערציקע שרים, און בטל מאַכן די גזירה אויף די יידן. דאַן האָט געזאָגט דער זון פונעם קעניג מ׳זאָל ברענגען דאָס בלוט פונעם דערהרגעטן קינד. האָט ער (יקותיאל) געזאָגט צו אים: ׳מיין האַר, ס׳איז אַ ליגן און אַ בלבול. די יידן עסן ניט קיין בלוט פון בהמות, טאָ ווי קאָנען זיי עסן מענטשלעך בלוט? עס פּאַסט דיר גאָרניט צו טאָן וואָס דו טוסט׳. האָט ער (דער כאַן) געזאָגט צו אים: ׳אַ סך באַגלויבטע עדות פון די גויישע געלערנטע האָבן שוין פאַר מיר באַשטעטיקט, אַז פּינחס האָט דערהרגעט דאָס קינד; ניט אומזיסט האָב איך זיי (מיינע מענטשן) געגעבן רשות׳. האָט ער (יקותיאל) געבראַכט אַ סך טענות, אָבער דער רשע האָט זיך ניט באַפרידיקט ביז ער האָט גענומען הונדערט און פופציק בייטלעך, אין יעדן בייטל אַכציק גאָלדענע רענדלעך, און (עס) געגעבן דער מוטער פון קינד. און מ׳האָט גענומען געלט פון יקותיאל און (עס) געגעבן דעם זון פון דעם קעניג. און ער (יקותיאל) איז פאַר זיי ערב געווען ביז דריי יאָר, און אויב זיי וועלן ניט געבן (די צוגעזאָגטע סומע?) ביז דריי יאָר וועט ער (דער כאַן?) זיי אָפּקערן פון יידישן גלויבן. דער דאָ־

זיקער יקותיאל איז פריער געווען אַ ייד, און איז זייער רייך געוואָרן, האָט מען אים געמאַכט שמדן זיך. אַנטקעגן דעם איז געזאָגט: ׳וישמן ישורון ויבעט׳. גאָט וועט געדענקען דעם מענטשן צו גוטן, ווייל ער האָט געראַטעוועט אַ סך יידן און זיי באַפרייט פון תפיסה.

„און אַצינד, בעו״ה (בעוונותינו הרבים), איז די קהילה פון סאלמאס געבליבן נאַקעט און הויל, באַרויבט און באַגזלט, ווי אַ געצעלט אין אַ וויסטעניש, ווי אַביידל אין פעלד פון ווילד־גראָזן. גרויסע עשירים בעטן ברויט, און ס׳איז ניטאָ. אונזערע פרויען און טעכטער זיינען געוואָרן צו רויב. מ׳קאָן ניט מאַריך זיין; איך האָבן געשריבן בקיצור. אַזוי איז געווען די גזירה אין ק״ק סאלמאס. איך האָב עס געשריבן לזכרון פאַר דער קהילה פון פאַדוא.

„אַברהם בכ״ר משה פון ק״ק סאלמאס, (אונטער דעם) פערסישן קעניג.

„א׳ בתמוז, תר״ה, פרשת קרח״.

דאָס איז דער באַריכט. ר׳ מרדכי גירונדי האָט צוגעשריבן דערצו די פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„דער שרייבער דערפון איז החכם ר׳ אַברהם בכ״ר משה יצ״ו, אַ שליח וועגן אויסלייזן געפאַנגענע פון ק״ק סאלמאס, אין דער פערסישער מלוכה. און מיר, איינצלנע פון ק״ק פאַדוא, האָבן מנדב געווען אַ היפשע סומע כדי צו ראַטעווען אַ ידישע קהילה. זאָל זיי גאָט מציל זיין פון אַלע צרות. אָמן״.

צווייטער טייל

סעקטעס

די סעקטע פון שבתי צבי

די טערקן רופן זיי „דאָנמע“ (Dönme), ד. ה. איבערגעקערטע משומדים. זיי אַליין רופן זיך „מאמינים“ (גלויביקע) אָדער „חברים“. די יידן אין סאַלאָניקי האָבן זיי גערופן „מינים“ (אָפּטריניקע, סעקטאַנטן).

די סעקטע איז געווען אַן אויסוואוקס פון דער משיחישער באַוועגונג, וועלכע האָט אויפגעפלאַקערט אין די גלות־לענדער אין דער צווייטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט און האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער פּערזענלעכקייט

פון שבתי צבי. שבתי צבי איז געבוירן געוואָרן אין איזמיר אין 1626. ער איז געווען פון דער נאַטור אַ מיסטיקער, פון קינדהייט אָן אַריינגעטאָן אין קבלה, און צום סוף איז אים געוואָרן „קלאָר", אַז ער איז משיח. אָן אַ ספק איז ער געווען פון די מענטשן, וועלכע האָבן געבוירענע פעאיקייטן אָנצו־שטעקן די אַרומיקע מיט זייערע געפילן און אידייען. זיין גלויבן און פערזענלעכע השפעה, די לאַגע פון די יידן אין טערקיי און אין אייראָפּע צו יענער צייט, זייער לעכצן נאָך דער גאולה, און פאַרשידענע אויסערלעכע אומשטענדן, האָבן זיך פאַראייניקט און אויפגעוועקט ביי די יידן אין גלות ליידנשאַפטלעכע האָפענונג אויף אַ גיכער אויסלייזונג. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן דער באַדן פאַר אַ שטורעמדיקער משיחישער באַוועגונג. אָבער נאָך דעם ווי שבתי צבי און אַ טייל פון זיינע אָנהענגער האָבן זיך עפנטלעך גע־שמדט, האָבן דאָס רוב יידן אָפּגעטרייסלט זיך פון זיי. דאָך, ווי געוויינטלעך אין אַזעלכע פאַלן, זיינען געבליבן רעשטלעך פון פאַרקאָכטע פאַנאַטיקער און מיסטיקער, וועלכע האָבן בשום־אופן ניט געוואָלט אויפגעבן זייער משיחי־שע האָפענונג.

נאָך דעם טויט פון שבתי צבי (תל"ז — 1676) האָט זיין שוואָגער, יעקב קירידאָ, מיט אַ קרייז אָנהענגער, זיך באַזעצט אין סאַלאָניקי, און אַרום זיי האָט זיך אָנגעהויבן צו קריסטאַליזירן אַ סעקטע. ביסלעכווייז האָט זיך ביי זיי געצייטיקט דער געדאַנק, אַז זיי זיינען מחויב — כדי צו באַרעכטיקן זיך אין זייערע אייגענע אויגן און אין די אויגן פון זייערע קעגנער — טאָן וואָס זייער משיח האָט געטאָן, און — בלייבנדיק געטריי זייער אמונה — ווערן, לפנים, מוסולמענער. אין יאָר 1683 האָבן זיי דאָס אויסגעפירט: אַרום 250 משפחות זיינען אָפיציעל געוואָרן מוסולמענער. אָבער אין דערווירקלעכקייט זיינען זיי געבליבן אַ באַזונדערע און אָפּגעזונדערטע סעקטע. 240 יאָר (ביז 1923) זיינען זיי געזעסן אין צוויי שכונות אין סאַלאָניקי, פאַר זיך, אָפּגעשניטן פון די יידן און אויך אָפּגעצוימט פון די מוסולמענער. אויפן עקאָנאָמישן געביט האָבן אייניקע פון זיי געוואונען וויכטיקע פּאָזיציעס אין מסחר און אין באַנק־וועזן; דאָס רוב האָבן זיי געצויגן זייער חיונה פון קליין־האַנדל, פּעד־לערײַ און פאַרשידענע מלאכות. אויך זיינען געווען פון זיי רעגירונגס־באַאַמטע — דאָס וואָס זיי האָבן זיך פאַררעכנט פאַר מאַכמעדאַנער האָט זיי געהאָלפן צו קריגן שטעלעס אין דער אַדמיניסטראַציע.

אין זייער אינעווייניקסטן לעבן איז געווען שטרענג אָנגענומען דער

פאַרבאָט פון חתונה האָבן מיט מוסולמענער אָדער מיט יידן, און בכלל מיט פרעמדע. ווען די איינהייט אין דער סעקטע איז צעשטערט געוואָרן און זי האָט זיך צעטיילט — צוערשט אויף צוויי סוב־סעקטעס און שפּעטער אויף דריי באַזונדערע סעקטעס — האָבן אויך אויפגעהערט די פאַמיליע־פאַרבינדונגען צווישן די מיטגלידער פון די סוב־סעקטעס. ממילא האָבן די שבתאים חתונה געהאַט אין אַן ענגן קרייז פון קרובים. דאָס האָט געפירט צו געוויסע פּאַטאָלאָגישע קאָנסעקווענצן. אָבער צו זייער פאַרמערונג האָט עס ניט געשאַדט. אין מיטן פון 18טן יאָרהונדערט האָט די סעקטע געציילט 600 משפחות (3000 נפשות בערך); צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט — מער ווי 10,000 נפשות. און בעת טערקיי און די גריכן האָבן דורכגעפירט דעם בייט פון די איינוואוינער (אין 1923), און מ׳האָט אַרויסגעטריבן אַלע טערקן פון גריכנלאַנד און צוזאַמען מיט זיי אויך אַלע שבתאים (כאָטש זיי האָבן געפּרואווט טענה׳ן אַז זיי זיינען יידן), איז זייער צאָל געווען צווישן 13,000 און 15,000 נפשות. מ׳קאָן ניט וויסן וויפל עס זיינען נאָך איצט געבליבן פון דער סעקטע, ווייל זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין פאַרשידענע שטעט פון אַנאַטאָליע, און די אַלטע בענדער, וואָס האָבן זיי געהאַלטן צוזאַמען כמעט 300 יאָר, ווערן כסדר שוואַכער. אַ טייל איז זיכער פאַרשלונגען געוואָרן אין דער טערקישער סביבה. מ׳רעכנט אַז ס׳זיינען נאָך דאָ פון זיי ביי אַ צען טויזנט נפשות. זיי זאָגן, אַז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַליין געפינען זיך טויזנט משפחות, דאָס מיינט, בערך אַ העלפט פון אַלע שבתאים.

ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז איינגעטראָטן אַ גרויסע געזעלשאַפט־לעכע און קולטורעלע ענדערונג אין זייער לעבן. פאַרמעגלעכע פאַמיליעס האָבן גענומען שיקן זייערע זין לערנען אין אייראָפּעאישע אוניווערסיטעטן. אין דער היים האָבן די שבתאים געעפנט מאָדערנע שולעס. פון די זין, וועלכע האָבן געקראָגן העכערע בילדונג, זיינען געוואָרן דאָקטוירים, אינזשענירן, יוריסטן א. אַ. וו. די סוחרים האָבן אָנגעקניפּט ענגערע באַציאונגען מיט אויסלאַנד און אייניקע זיינען שטאַרק רייך געוואָרן. פון דער נייער שיכט פון געבילדעטע און האַלב־געבילדעטע האָבן פילע געזוכט אַרויסצוגיין פון די פיר איילן פון דער סעקטע. זיי האָבן זיך גענומען מישן אין טערקישן געזעלשאַפטלעכן לעבן: געוואָרן מיטגלידער אין די לאָזשעס פון פראַן־מאַסאָנען, צוגעשטאַנען צו דער יונג־טערקישער באַוועגונג, באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער טערקישער רעוואָלוציע פון 1908 און געהאַט אַ חלק אינעם אַראָפּוואַרפן

דעם סולטאַן עבד־אלחמיד אין 1909. אייניקע פון זיי (ווי למשל, דזשאַוויד ביי) האָבן געהערט צו די פירער פון דער רעוואָלוציע.

אין 1912 האָבן די גריכן איינגענומען סאַלאָניקי. דאָס איז געווען אַ שווע־רער קלאַפּ פאַר די שבתאים. ביי די טערקן זיינען זיי געווען מקורבים — אַביסל פאַרדעכטיקע, אָבער פאָרט אייגענע; ביי די גריכן זיינען זיי געווען טערקן, און דאָס הייסט — אַלטע און אייביקע שונאים. זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצוואַנדערן; און, ווי געזאָגט, האָט מען זיי אין 1923 אַלעמען געצוואונ־גען צו פאַרלאָזן סאַלאָניקי און אַנדערע ערטער אין דרום פון באַלקאַנישן האַלב־אינזל, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די גריכן, און זיי האָבן געמוזט, צוזאַמען מיט די טערקן, גיין קיין טערקיי. די רייכע האָבן זיך באַ־זעצט אין די גרויסע שטעט; קליינע קהילות פון שבתאים זיינען אויסגעוואַקסן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין איזמיר, אין אַנקאַראַ, אין ברוסא, אין קאָניאַ. די מיטעלע און אָרעמע זיינען צעזייט געוואָרן אין קליינע שטעטלעך איבער דער גאַנצער אַזיאַטישער טערקיי.

פון דעמאָלט אָן לעבט איבער די סעקטע אַ שווערן קריזיס. די אַרטיקלען און ביכער וועגן דער געשיכטע און באַהאַלטענער אמונה פון די שבתאים, וואָס ייִדישע פאָרשער האָבן פאַרעפנטלעכט אויף פראַנצויזיש, האָבן אויף זיי געמאַכט אויפמערקזאַם די טערקישע פרעסע. יוסף נחמה, דער מחבר פון אַ פראַנצויזיש בוך וועגן דער סעקטע, וואָס איז אַרויס אין פּאַריז אין 1902, האָט מיר דערציילט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, בעת זיין באַזוך אין ירושלים, אַז אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען טערקישע זשורנאַליסטן האָבן זיך דערמאָנט אין זיין בוך און איבערגעגעבן דעם אינהאַלט אין זייערע צייטונגען (ניט פרעגנדיק דעם מחבר), האָט זיך אויפגעהויבן אין דער טערקישער פּרעסע אַ ווילדע העצעריי קעגן די „דאָנמע". אייניקע אינטעליגענטן פון די שבתאים האָבן געענטפערט, און געזוכט זיך צו פאַרענטפערן מיט אַפּאָלאָגע־טישע מאמרים. אַ שטיקל צייט איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערע און סאַרקאַסטישע פּאָלעמיק. אָבער בדרך־כלל שווייגן די שבתאים. אַ טייל פון זיי שטרעבט צו פאַרזינקען אין דער מאַסע פון די טערקן (באַזונדער די מיטגלידער פון דער סוב־סעקטע: די יעקובער), אַסימילירן זיך דורך געמישטע חתונות און אויפהערן צו עקזיסטירן ווי אַ באַזונדערע סעקטע. אַנדערע, בפרט אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, באַמיען זיך אויפצוהאַלטן די אַלטע פאָרמען פון זייער אייניקייט, ווידער אויפצובויען זייערע אַנשטאַלטן פון צדקה און קעגנזייטיקער הילף,

אויפלעבן, ווי ווייט מעגלעך, זייער אַלטע אינעווייניקסטע קהלשע אָרגאַניזאַציע. און ס׳זיינען אויך פאַראַן ניט ווייניק וועלכע טראַכטן וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל און אומקערן זיך אין שויס פון זייער פאָלק.

פון די מאָגערע ידיעות און שטיקלעך שבתאישע שריפטן, וואָס מיר האָבן, קאָנען מיר ניט באַקומען קיין קלאָר בילד פון דער געשיכטע פון די „מאַמינים״ און פון זייערע רעליגיעזע אידייען און פאָרשטעלונגען. זיכער איז, אַז שבתי צבי אַליין און זיינע ערשטע אָנהענגער האָבן געגלויבט אַז ער איז דער אמתער משיח, און דורך אים — און אין זיין צייט — וועט קומען די ישועה. ווי אַלע מקובלים און „מחשבי הקצין״ — פאַר אים און נאָך אים — האָט אויך ער אויסגערעכנט געווי וועגן די משיחישע וועלט־איבערקערעניש וועט פאָרקומען, און די הערשאַפט אויף דער וועלט וועט אַריבער צו אים, און האָט פעסטגעשטעלט אַז דאָס וועט זיין אין יאָר 1666. אַזוי ווי דאָס יאָר איז פאַרגאַנגען און קיין אַנדערע איבערקערעניש איז ניט געשען, אויסער וואָס שבתי צבי און אַ טייל פון זיינע חסידים האָבן זיך איבערגעקערט אין מאַכמעדאַנישן גלויבן אונטערן דרוק פון די טערקישע הערשער, האָט דאָס רוב יידן זיך אָפּגעקערט פון זיי.

נאָך דעם טויט פון שבתי צבי, איז פאַר זיינע איינגעגלויבטע אָנהענגער ניט געבליבן קיין אַנדער וועג, ווי דער וועג פון די קריסטן נאָכן טויט פון ישו, דהיינו: צו וואַרטן אויף זיין צווייטן קומען און צו באַשטימען פאַר דעם אַ צווייטן טערמין (און דעם דאָזיקן טערמין קאָן מען אָפּרוקן פון צייט צו צייט, ווי ס׳פירט זיך אין אַלע עסכאַטאָלאָגיעס). דערווייל האָט זיך אַנטוויקלט אין דער סעקטע אַ געהיימער קולט פון שבתי צבי. אין דעם קולט איז ער געוואָרן כמעט אַ גאָט, אָדער אַ טייל פון גאָט, אַזוי ווי ישו ביי די קריסטן; און ביי איינער פון די סוב־סעקטעס (די קאַראַקאַשער) שטייט לעבן אים — כמעט גלייך מיט אים — איר גרינדער און נביא, ברוכיה, ווי מ׳זעט פונעם נוסח פון זייערער אַ תפילה: „אין נאָמען פון שבתי צבי און ברוכיה — שבתי צבי אין אַלע וועלטן״.

כלפי חוץ האָבן זיך די שבתאים אויפגעפירט ווי אמתע מאַכמעדאַנער. אין זייער קרייז אָבער זיינען זיי געווען פאַנאַטישע „מאַמינים״ אין שבתי צבי און האָבן מקיים געווען באַהאַלטענערהייט זייערע ריטועלע מנהגים און תפילות.

דער ערשטער פירער פון דער סעקטע אין סאַלאָניקי איז געווען יעקב

קירידאַ, אַ שוואָגער פון שבתי צבי (אַ ברודער פון זיין ווייב יוכבד). שפּעטער מיט עטלעכע יאָר איז קעגן אים אויפגעשטאַנען אַ ווידערשפּעניקער און קאָנקורענט, ברוך קוניו אָדער ברוכיה (זיין טערקישער נאָמען איז געווען מוסטאַפאַ טשעלעבי). ער האָט אָפּגעריסן פון קירידאַ דעם גרעסטן טייל פון די „מאַמינים" און געגרינדעט אַ באַזונדערע קהילה (אין 1690). דאָס איז געווען די ערשטע שפּאַלטונג. די וועלכע זיינען געבליבן געטריי יעקב קירידאַ, און די אָפּטריניקעס (אָדער זייערע קינדער) וועלכע זיינען מיט דער צייט צוריק־געקומען, רופן זיך ביז היינט יעקובער. די צווייטע סוב־סעקטע הייסט קאָניאָזער אָדער קאַראַקאַשער. די מחלוקת צווישן די צוויי טיילן איז ניט בלויז וועגן די פירער, זי איז נוגע אויך די מנהגים און דאָגמעס פון זייער אמונה. פון די ברעקלעך ריטועלער ליטעראַטור, וועלכע זיינען אונז באַקאַנט, איז ניט קלאָר אויב די דערמאָנטע אין זיי מנהגים און תפילות זיינען אָנגענומען ביי אַלע שבתאים אָדער נאָר ביי איינער פון די סוב־סעקטעס. מ'ווייסט אַז זיי האָבן געהאַט זייערע ימים־טובים, 13 טעג אין יאָר. פון די 18 פּונקטן פון זייער אמונה זיינען איניקע בפירוש יידישע מצוות, למשל: מילה אויפן אַכטן טאָג, תהלים־זאָגן יעדן טאָג, און נאָך.

די יעקובער גלויבן, אַז יעקב קירידאַ איז געווען אַ גלגול פון שבתי צבי. לויט זייער טראַדיציע איז ער געשטאָרבן אין אַלעקסאַנדריע פון מצרים, וואוהין ער איז געקומען ווי אַ מאַכמעדאַנישער פּילגרים, אויפן וועג קיין מעקאַ. די יעקובער פלעגן גאָלן דעם קאָפּ ביז גלאַט, אַזוי ווי די פרומע טערקן, און לאָזן וואַקסן די בערד. זיי ריידן צווישן זיך טערקיש, און בכלל זיינען זיי נענטער צו די טערקן ווי די אַנדערע שבתאים. און סאַלאָניקי האָבן זיי געוואוינט אין אַ באַזונדערער שכונה, ווייט פון די איבעריקע „מאַמינים". פון זיי זיינען געווען רעגירונגס־באַאַמטע, סוחרים א. אַ. וו. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן חלק אינעם האַנדל מיט טאַבאַק.

דער יורש פון יעקב קירידאַ איז געווען זיין איידעם, חוסיין. נאָך אים האָבן געטראָגט כסדר: כאַדזש מוסטאַפאַ מוחמד אַגאַ, יצחק אַגאַ און נאָך אַנדערע — צוועלף פירער נאָכאַנאַנד. מיט דער צייט האָבן זיך די יעקובער פאַרמערט; ווייזט אויס, אַז אַ סך פון די אָפּגעשפּאַלטענע זיינען צוריקגעקומען. אין אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט זיינען זיי געווען (לויט דער שאַצונג פון יוסף נחמה) די גרעסטע סוב־סעקטע פון די שבתאים אין סאַלאָניקי.

די קאַראַקאַשער (קאַראַקאַשלאַר אויף טערקיש) אָדער קאָניאָזער (קוניו־

זאס אויף שפאַניאָליש) גלויבן אַז דער אמתער גלגול פון שבתי צבי איז געווען ניט יעקב קירידאָ, נאָר אָסמאַן באַבאַ — אַזוי האָט געזאָגט זייער לערער און נביא, ברוכיה. אויך זיי לאָזן וואַקסן די בערד, אָבער — ניט ווי די יעקובער — זיי גאָלן ניט די האָר פון קאָפּ. פון זיי זיינען געווען אין סאַלאָניקי אַ סך בעלי־מלאכות און פשוטע אַרבעטער, אָבער אויך רייכע סוחרים, באַנקירן, אַדוואָקאַטן א. אַ. וו.

די קאַראַקאַשער האָבן געהאַט זייערע „יורשים פונעם משיח". נאָך אָסמאַן באַבאַ איז געזעצן אויף זיין טראָן זיין זון עבד אַ־רחמן; נאָך אים (אין מיטן פון 18טן יאָרהונדערט, צו דער צייט ווען יעקב פראַנק האָט געווירקט אין פוילן) — דערוויש עפענדי. דערוויש איז געווען אַ רעפאָרמאַטאָר. ער האָט איינגעפירט אַ מין דיקטאַטאָרישן קאָמוניזם: אַ שותפות פון ווייבער פאַר זיין גאַנצער קהילה און אַ שותפות פון פאַרמעגן. מ׳ווייסט ניט אויב די איינפירונגען האַלטן זיך נאָך ביי זיי, און אויב יאָ — אין וועלכער מאָס און פאָרם. ס׳איז באַקאַנט, אַז איין מאָל אין יאָר פראַווען זיי אַ יום־טוב וועלכער הייסט „חג הכבש" (שאָפּן־יום־טוב). ביינאַכט, נאָך אַ גרויסער סעודה, בייטן זיך די מענער אויף אַ ווילע מיט זייערע ווייבער.

פראָפעסאָר אברהם גאַלאַנטע, וואָס אים איז געלונגען אויפצודעקן אַ סך סודות פון דער סעקטע, האָט אַזוי באַשריבן דעם „שאָפּן־יום־טוב": דעם יום־טוב פראַוועט מען (אָדער מ׳האָט געפראַוועט) כ"ב באדר, וואָס דאָס איז, לויט דער טראַדיציע פון די שבתאים, דער געבורטס־טאָג פון שבתי צבי. ביינאַכט פאַרזאַמלען זיך ביי איינעם פון די חברים צוויי פאַרלעך אָדער מער און מ׳מאַכט אַ גרויסע סעודה. די ווייבער קומען אויסגעפוצט און באַצירט מיט זייערע טייערסטע צירונגען. זיי דערלאַנגען צום טיש אַ שאָף אָדער אַ לעמל. נאָך דער סעודה פאַרלעשט מען די ליכט און אין דער פינסטער בייט מען זיך מיט די ווייבער. מ׳זאָגט אַז די קינדער פון דער נאַכט האַלט מען פאַר הייליקע. פראָפעסאָר גאַלאַנטע באַמערקט אַז סוף אדר, אין סאַלאָניקי, איז די צייט פון די שאָף צו געבוירן, און די „דאָנמע" האַלטן זיך אָפּ פון צו עסן שאָפּן־פלייש פאַר דער „שאָפּן־נאַכט". און נאָך אַ זאַך: די צאָל 22 האָט אַ מיסטישע באַדייטונג — זי גיט אָנצוהערן, אַז מיט די 22 אותיות פון אלף־בית איז געגעבן געוואָרן די גאַנצע תורה, די אָפענע און די פאַרשטעלטע (די קבלה).

די כוונה פון אַזעלכע רעפאָרמען, ווי די וואָס דערוויש עפענדי האָט

איינגעפירט, איז געווינלעך אַ צווייענדיקע: שותפות פון פּאַרמעגן ציט צו פילע, ווייל ס'זעט אויס ווי אַ פאַרווירקלעכונג פונעם אייביקן לעכצן פון די אָרעמע נאָך מאַטעריעלער גלייכהייט מיט די רייכע; פון דער אַנדערער זייט עפנט דאָס פאַר דעם פירער דעם בעסטן וועג צו אַבסאָלוטער הערשאַפט. דאַן קומט צו די שותפות פון ווייבער: דער רייץ פון אַזאַ שותפות אין אַ קליינער און באַהאַלטענער סעקטע, וועלכע ציטערט מ'זאָל זיך ניט דערוויסן אפילו נאָר פון איר עקזיסטענץ, בינדט שטאַרקער צוזאַמען אירע מיטגלי־דער; און דער סוד פון דער דאָזיקער שותפות וואַרפט אָן אויף זיי אַ טאָפּלטע מורא פאַר אַנטפּלעקונג און העלפט צו פאַרזיכערן די קאָנספּיראַציע.

נאָכן טויט פון אָסמאַן באַבא איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת אין דער סוב־סעקטע פון די קאַראַקאַשער; דער סוף איז געווען אַז אַ גרופּע פון מורדים האָט זיך אָפּגעטיילט און געמאַכט אַ שטיבל פאַר זיך. פון דער גרופּע איז אויסגעוואַקסן די דריטע סוב־סעקטע פון די שבתאים. זי טראָגט דעם נאָמען קאַפּאַנדזשים (אויף טערקיש: קאַפּאַנדזשילאַר). די קאַפּאַנדזשים האַלטן זיך פאַר פּוריטאַנער און היטער פון דער ריינער, אָריגינעלער, שבתאישער אמונה: זיי גלויבן ניט אין יעקב קירידאַ און ניט אין אָסמאַן באַבא — נאָר אין שבתי צבי אַליין. אין אונטערשיד פון די אַנדערע צוויי סוב־סעקטעס גאָלן זיי די בערד און גאָלן ניט דעם קאָפּ. די קאַפּאַנדזשים האָבן אַ שיכט פון געבילדעטע, מענטשן פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס: לערער, דאָקטוירים, וועטערינאַרן, אינזשענירן, אַדוואָקאַטן א. אַ. וו.; פאַראַן פון זיי אַביסל גרויסע סוחרים — זיי האַנדלען בעיקר מיט געוואַנט — און אַ סך קרעמער, צעל־ניקער, א. אַ. וו.

די צוויי לעצטע סוב־סעקטעס האָבן געוווינט אין סאַלאָניקי אין איין שכונה און, ניט קוקנדיק אויף די שפּאַלטונג, זיינען זיי נעענטער איינע צו די אַנדערע, ווי צו די יעקובער.

די באַציאונג פון די יידן צו די שבתאים איז ניט געווען קיין איינהייט־לעכע. אַ טייל האָט געזאָגט: זיי זיינען גוים גמורים, זייער ווין איז יין נסך, מיר האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט זיי; אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף זיי העלפן צו מקיים זיין בסתר יידישע מצוות, ווי, למשל, די מצוה פון מילה.

די קאַראַאימער

א.

זייער גורל אין גלות און זייער אומקער אין לאַנד

די באַנייאונג פון ישראל אין זיין לאַנד האָט געהאַט אַ ווירקונג אויך אויף דעם צווייג פון אונזער פאָלק, וועלכער האָט זיך אָפּגעטיילט און דער־ווייטערט מיט מער ווי טויזנט יאָר צוריק. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָט זיך אויפגעהויבן ביי די קאַראַאימער, אין די נאָענטע לענדער צו ארץ־ישראל, אַן אמתע מאַסן־באַוועגונג אומצוקערן זיך אין לאַנד פון זייערע אבות, אין שויס פון מדינת ישראל, וועלכע גיט זיי איר הילף אין אַ פולער

מאָס, גלייך ווי אַלע יידישע עולים, אָן שום אונטערשיד, סיי אין צופּאַסן זיך צו די היגע אומשטענדן, סיי אין באַזעצן זיך אויפן לאַנד. זינט דעם ווידער־אויפשטיין פון אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל זיינען טויזנטער קאַראַ־אימער געקומען פון זייער צעזייאונג: ביי 4000 פון קאַהיר, וואו ס'איז געווען די גרעסטע קאַראַאַימישע קהילה; און אויך די גאַנצע קליינע קהילה פון הית, (איראַק), דאָס רעשט פון דער אַמאָליקער שטאַרק־פאַרשפּרייטער קאַראַאַי־מישער סעקטע אין בבל.

אַ סטאַטיסטיק פונעם יאָר 1960 גיט אונז אַ געוויסע פאַרשטעלונג וועגן דער אומקער־באַוועגונג פון די קאַראַאימער. אין דער טאַבעלע ווערן אָנגעגעבן די ערטער אין אונזער לאַנד, וואו קאַראַאימער האָבן זיך געפונען אין דעם דערמאָנטן יאָר און זייער צאָל אין יעדן אָרט.

רמלה	400	משפחות	1800	נפשות	בערך
מעברה	60	"	270	"	"
מצליח	43	"	216	"	"
רנן	65'	"	292	"	"
אפקים	60	"	270	"	"
אשדוד־ים	160	"	720	"	"
בית־שמש	60	"	270	"	"
באר־שבע	80־90	"	400	"	"
בת־ים					
חולון	30	"	135	"	"
עכו	25־30	"	135	"	"
קרית־גת	25־30	"	120	"	"
סך־הכל	איבער 1000	משפחות	איבער 4800	נפשות	בערך

א.

די עליה פון די קאַראַאימער און זייער באַזעצן זיך אין מדינת ישראל איז אַ באַווייז פון זייער היסטאָרישן בונד מיטן פאָלק ישראל און אַ קלאָרער ענטפער די־יעניקע קאַראַאימישע חכמים און עסקנים, וועלכע זוכן צו פאַר־לייקענען די דאָזיקע פאַרבינדונג.

איינער פון די באַקאַנטע קאַראַאימער, וועלכער האָט עפנטלעך אָפּגעלייקנט זייער יידישע אָפּשטאַמונג, איז שריה שאַפשאַל, זייער געוועזענער רב, אַ

געבוירענער פון קרים, אַ קענער פון מזרח־שפּראַכן. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַ לערער פון טערקיש ביי די זין פון דעם פּערסישן שאַך. פון פּערסיע איז ער אַריבער קיין רוסלאַנד און האָט געדינט אין אַ רוסישן מיניסטעריום אין דער צייט פון צאַר ניקאָלאַי. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע רעוואָ־לוציע איז ער אַנטלאָפן קיין פּוילן, צו דער קאַראַאימישער קהילה פון טראָקי; און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ הויפּט־חכם פון די קאַראַאימער אין פּוילן.

שריה שאַפּשאַל האָט ניט איינמאָל געלאָזט הערן זיין מיינונג, אַז די קאַראַאימער האָבן קיין שייכות ניט צום יידישן פאָלק — זיי שטאַמען פון כאַזאַרישע גרים, וועלכע האָבן אָנגענומען תורת משה, אָבער ניט דעם תלמוד און ניט די פּירושים פון די רבנים. דערמיט האָט ער גאָרנישט מחדש געווען; לאַנג פאַר אים האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט דער „טעאָריע" פירקאָ־וויטש און נאָך אַזעלכע קאַראַאימישע למדנים.

וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די קאַראַאימער אין די מאַכמעדאַנישע לענ־דער איז, בדרך כלל, גאָר קיין ספק ניטאָ. אין דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן זייער ריין־סעמיטישער טיפּ — מען האָט ניט געמערקט אין זיי קיין שום סלאַווישע אָדער טאָטערישע צומישונג.

וואָס נוגע די קאַראַאימער אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע, איז מעגלעך — אויב מ'קען זיך פאַרלאָזן אויף די אויספירונגען פון אַ פאָרשונגס־עקספּע־דיציע (פון וועלכער ס'וועט זיין די רייד ווייטער) — אַז זיי האָבן אין זיך געוויסע עטנישע צומישונגען.

מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק האָט אַן איטאַליענישע וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציע געפאָרשט דעם עטנישן באַשטאַנד פון די קאַראַאימער אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד — אין דער עקספּעדיציע האָט זיך באַטייליקט אויך אונזער חבר, גיל פּריילינכמאַן. די פאָרשער זיינען געקומען צו דער מיינונג, אַז די קאַראַאימער פון קרים האָבן אין זיך סיי יידישע, סיי טאָטערישע עלע־מענטן אין אַ גאַנץ היפּשער מאָס. וואָס נוגע די קאַראַאימער פון דער וואָלגאַ־געגנט — דאָמינירט ביי זיי אַ סלאַווישע מישונג; פילע פון זיי שטאַמען פון רוסישע גרים.

די פּוילישע קאַראַאימער זיינען געקומען קיין פּוילן צום סוף פון 14טן יאָרהונדערט. מ'זעט ניט אין זיי קיין סלאַווישע צומישונג; אָבער טאָטערישע און כאַזאַרישע עלעמענטן מערקט מען זייער דייטלעך. די אויספירונגען פון

אַט־דער עטנאָלאָגישער פֿאָרשונג זאָגן, אַז אין מזרח־אייראָפּע געפֿינט מען קאַראַאימער וואָס זייערע אָבות זיינען געווען גרים און האָבן זיך אויסגעמישט מיט די יידישע קאַראַאימער. פֿון דעם איז ניט געדרונגען, אַז אַלע קאַראַ־אימער זיינען ניט פֿון יידישער אָפּשטאַמונג.

פֿון זייער גלויבן איז גאָר ניט נויטיק צו רעדן אַ סך. אַפֿילו זייערע אַסימילאַטאָרן קענען ניט לייקענען, אַז מצד דער אמונה זיינען זיי יידן און היטן אָפּ אַלע מצוות פֿון דער תורה שבכתב. דער תנ״ך איז זייער הייליקער ספר; זיי נעמען אָן בוכשטעבלעך אַלץ וואָס שטייט געשריבן אין די כתבי קודש, לאָזן ניט צו קיין אויסטייטשונג און קיין תיקון אַפֿילו פֿון איין אות, און גלויבן ניט אין קיינע שפּעטערדיקע פּירושים. אָבער נאָך דעם ווי זיי האָבן פֿאַרוואָרפֿן די פּירושים פֿון תלמוד און פֿון די פּוסקים, האָבן זיי, פֿאַרשטייט זיך, געמאַכט אייגענע פּירושים. און ניט זעלטן קומט פֿאָר, אַז פֿאַרשידענע חכמים און למדנים מאַכן פֿאַרשידענע פּירושים און תקנות — למשל, וועגן דער ריכטיקער צייט פֿון אַ יום־טוב אָדער פֿון אַ ראש־חודש — און קענען זיך ניט אייניקן. ס׳זיינען באַקאַנט מאָדנע פֿאַקטן פֿון חילוקי־דעות אין אַ קהילה, ווייל זייערע עדות מכוח דעם אויפֿגאַנג פֿון דער לבנה זיינען ניט געווען אייניק אין באַשטימען דעם מאָמענט פֿון איר אויפֿגיין. דעריבער האָט אַ טייל פֿון דער קהילה געפּראַוועט יום־טוב אין איין טאָג און אַ טייל אין אַ צווייטן טאָג.

פֿון אונזער געשיכטע ווייסן מיר, אַז אין מצרים, אין דער עפּאָכע פֿון די מאַמלוקן, האָבן זיך די יידן און די קאַראַאימער אָפֿיציעל גערעכנט פֿאַר איין קהילה: די דריי צווייגן פֿון פֿאָלק ישראל — רבנישע יידן, קאַראַאימער און שומרונים — זיינען אַלע געווען אונטערגעוואָרפֿן דער יוריסדיקציע פֿון דעם יידישן נגיד און פֿון דעם יידישן בית־דין. ווייטער איז אַ פֿאַקט, אַז יידן און קאַראַאימער האָבן חתונה־געהאַט צווישן זיך מיט דער הסכמה פֿון רבנישע בתי־דינים. אמת, ס׳זיינען אויך פֿאָרגעקומען מחלוקות צווישן די צוויי טיילן, און אייניקע פֿון די חשובע רבנים האָבן אַריינגעלייגט די קאַראַאימער אין חרם און געאַסרט חתונה־האָבן מיט זיי. דאָס האָט זיך גענומען, געוויינטלעך, פֿון צייטווייליקע קאָנפֿליקטן — על פּי רוב, ווי אַן ענטפֿער מצד די יידן אויף קאַראַאימישע מלשינות און בגידות. פֿון דער אַנדערער זייט האָבן מיר אַ פּסק־דין פֿון ר׳ יהושע הנגיד, אַן אייניקל פֿון רמב״ם, אין וועלכן ער האָט געגעבן אַ היתר אַריינצונעמען אַ גאַנצע קאַראַאימישע קהילה אין קהל ישראל.

איך וויל זאָגן און באַטאָנען אַז די באַציאונגען צווישן די קאַראַאימער און די יידן אין מצרים, אין אונזער צייט, זיינען געווען ברידערלעכע. אַ סך פון די קאַראַאימישע עסקנים האָבן זיך באַטייליקט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און זיינען געווען מיטגלידער פון דעם ציוניסטישן קלוב אין קאַהיר, און האָבן אַקטיוו געאַרבעט פאַר „קרן הגאולה״ פון דעם ועד הלאומי אין ארץ־ישראל. זיי האָבן אויך פיל מיטגעהאָלפן אין אויפנעמען די סאָלדאַטן פון די יידישע באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי אין מצרים.

בכלל, וועגן זייער רעכט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל איז גאָר קיין ספק ניטאָ. איז דען דאָ ביי אונז אַ פראַגע פון ראַסע? האָבן מיר דען ניט אויפגענומען הערצלעך די נייע גרים פון איטאַליע? אַזוי האָבן מיר אויפגענומען, מיט צענדליקער יאָרן צוריק, די רוסישע גרים און „סובאָטניקעס״; און ס׳איז גאָר קיין שאלה ניטאָ מכוח די גרים אין אַלטע צייטן. דאָך, ווייל ס׳האָט זיך אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דער עטנישער אָפּשטאַמונג פון די קאַראַאימער, איז כדאי צו באַטראַכטן זי.

די עליה פון די קאַראַאימער, בפרט פון מצרים און פון בבל, האַלט איך פאַר אַ קלאָרן צייכן, אַז אויך די אָפּגעזונדערטע צווייגן פונעם אייביקן בוים פון פאָלק ישראל הויבן אָן ווידער צו בליען און דערוועקן זיך צו אַ נייעם לעבן, און זוכן אומקערן זיך צו זייער מקור.

ס׳איז אונזער חוב אויסצושטרעקן די האַנט אַלע פאַרוואָגלטע ברידער, אויך די וועלכע האָבן זיך געשיידט פון אונז מיט דורות צוריק, און העלפן זיי צו שלאָגן וואָרצלען אין אונזער בשותפותדיקן פאָטערלאַנד און זיין געטרייע בירגער פון פאָלק ישראל אין מדינת ישראל.

ב.

אין דעם רוסישן זאַמלבוך „סאָוויעטסקאַיאַ עטנאָגראַפיאַ״, וואָס די סאָוויעטישע וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע האָט אַרויסגעגעבן אין 1948 (העפט 1), געפינט זיך אַן אַרטיקל פון נ. פּיאַדאַראָוו „וועגן דעם קאַראַאימישן היסטאָריש־עטנאָגראַפישן מוזעאום״ (ז. 228). אין דעם אַרטיקל זיינען דאָ אייניקע אינטערעסאַנטע ידיעות מכוח די קאַראַאימער אין דעם סאָוויעטן־בונד. דער

מוזעאום — אַן איינציקער אין זיין אַרט — איז אין ווילניוס, ד. ה. אין ווילנע, די הויפּט־שטאָט פון סאָוויעטישער ליטע. די באַשרייבונג פון דעם מוזעאום עפנט פאַר אונז אַ קליין פענסטערל, אַוואו מיר קענען אַריינקוקן און זעען אייניקע אַלגעמיינע פאַקטן, וועלכע באַצייכענען דאָס לעבן און די לאַגע פון דער קליינער און פאַראיינזאַמטער סעקטע.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די צאָל פון די קאַראַאימער אויף דער גאַנצער וועלט געווען בערך 14 טויזנט נפשות; פון זיי אַ צען טויזנט אין פאַרשידענע עקן פון דער רוסישער אימפּעריע, אַ טויזנט אין פּוילן, און אַ דריי טויזנט אין נאָענטן אָריענט. צום באַדויערן געפינען מיר גאָרנישט, אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל פון פיאָדאָראָוו, וועגן דער צאָל פון די קאַראַ־אימער אין היינטיקן רוסלאַנד. ער ברענגט אויך ניט קיין שום ציפערן וועגן פּוילן (פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מען דאָרט געציילט ביי 1300 נפשות), און ניט וועגן מצרים, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנדערע ערטער.

ניט קוקנדיק אויף זייער קליינער צאָל און אָפּגעריסנקייט פון זייער פאָלק, האָבן די קאַראַאימער — אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן — אויפגעהיט זייער טאַטערישן דיאַלעקט. אַן אינטערעסאַנטער פּרט איז, אַז אין דעם דיאַלעקט האָבן די פאָרשער געפונען אייניקע ווערטער און וואָרצלען פון די אַלטע, לאַנג־פאַרגעסענע שפּראַכן פון די פּאָלאָווצעס (קומאַנעס) און די קיפּטשאַקעס, וועלכע האָבן אויך געהערט צו דער פאַמיליע פון די טערקישע שפּראַכן, און זיינען אין גאַנצן פאַרשוואונדן. דאָס איז אַ וויכטיקער ענין, זאָגט פיאָדאָראָוו, וויל ס'העלפט דער פאָרשונג פון די אַמאָליקע מזרח־שפּראַכן (פון טערקישן שטאַם). אָבער ער דערמאָנט ניט דעם פאַקט, אַז די קאַראַאימער רעדן דווקא די שפּראַך פון די קרימער טאַטערן — קען זיין, אַז דער זכר פון די קרימער טאַטערן איז פאַרבונדן — אין סאָוויעטישע הערשנדיקע קרייזן — מיט ניט־אָנגענעמע זכרונות; און קעגן די פּאָלאָווצעס, פון וועלכע ס'איז שוין לאַנג קיין סימן ניט געבליבן, קען דער מחבר, און זיינע אויבערהאַרן, גאָרנישט ניט האָבן.

האָבן די קאַראַאימער עפּעס אַ שייכות צו העברעאיש? דער לייענער פון פיאָדאָראָווס אַרטיקל — אויב ער האָט ניט געוואוסט פאַר דעם אַז העברעאיש איז די שפּראַך פון זייער רעליגיע, און אַז זיי האָבן זיך באַנוצט מיט העברעאיש אויך אין וואָכעדיקע ענינים — וועט דאָס ניט וויסן אויך נאָכן לייענען פון דעם אַרטיקל. ער וועט אויך ניט דערגיין פון אים, וואָס

עס איז געווען דער גורל פון די קרימער קאַראַאימער נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן זיך אַרייַנגעריסן אין דרום רוסלאַנד און אויסגעהרגעט די יידישע באַפעלקערונג אין אוקראַינע און אין קרים. וואָס נוגע די טאָטערן פון קרים, ווייסט מען — פאַרשטייט זיך, ניט פון פיאָדאָראָוו — אַז, אויס שנאה צו דער רוסישער הערשאַפט, האָבן זיי זיך גלייך געשטעלט אויף דער זייט פון די דייטשן; און שפּעטער, נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן געהאַט זייער מפּלה, האָבן די רוסן ריין געמאַכט קרים פון טאָטערן.

פיאָדאָראָוו רעכנט אויס די ישובים פון די קאַראַאימער אין אַזיאַ אָרדע־נונג: סיריע, ארץ־ישראל, עבר־הירדן, טערקיי און מצרים. צום טייל איז דאָס אַן אַנאַכראָניזם. אין סיריע זיינען שוין לאַנג נישטאָ קיין קאַראַאימער — שוין באַלד אַ פּאָר הונדערט יאָר. אין עבר־הירדן האָט מען בכלל ניט געהערט פון קיין קאַראַאימער. ריכטיק איז, אַז אין מצרים איז געווען די גרעסטע און וויכטיקסטע קאַראַאימישע קהילה; אָבער היינט זיינען אירע מיטגלידער, צום גרעסטן טייל, שוין אין מדינת ישראל. אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל ציילט די קאַראַאימישע קהילה ביי אַ זיבעציק משפחות; און פון „הית" (איראַק), וואו ס'איז פאַרבליבן פון אַלטע צייטן אַ קליין הייפל קאַ־ראַאימער, זיינען אַלע געקומען אין אונזער לאַנד.

פיאָדאָראָוו האָט געשעפּט זיינע ידיעות פון דעם קאַראַאימישן למדן, פּראָפ. מ. ס. שאַפּשאַל, און פונדעסטוועגן — אַ מאָדנע זאַך! — דערמאָנט ער ניט מיט קיין איין וואָרט די קהילות פון די קאַראַאימער אין פּוילן און אין ליטע: אין וואַרשע, לוצק, פּאַניוועזש, און אַפילו ניט דאָס אַגראַרישע קאַראַאימישע דאָרף אין האַליטש.

צווערשט האָבן מיר ניט געוואוסט וואָס עס איז געשען מיט די קאַראַאי־מער אין פּוילן און אין קרים בעת דער דייטשער אָקופּאַציע — האָבן דען די דייטשן געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן די וואָס האַלטן פון דער תורה שבכתב און די וואָס גלויבן אויך אין דער תורה שבעל־פּה? ס'האָט זיך אַרויסגע־שטעלט, אַז זיי האָבן יאָ אויסגעפונען און געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן בלוט און בלוט, צווישן יידן וועלכע טראָגן שטאָלץ און אָפן די פאָן פון זייער יידישקייט און די וועלכע — אויב אַפילו זיי האָבן זיך ניט אָפּגע־טרייסלט פון זייער אמונה — האָבן פאַרלייקנט זייער פאָלק בשעת דער קאַטאַסטראָפע. דעם דאָזיקן אונטערשיד האָבן די נאַציס דורכגעפירט ניט בלויז אין ליטע און פּוילן, נאָר אויך אין קרים, אין דעם היסטאָרישן נעסט

פון די צוויי צווייגן פון יידנטום: די „קרימטשאַקעס״, די תלמודישע יידן פון קרים, און די אַנטי־תלמודישע קאַראַאימער. די ערשטע האָבן די דייטשן געמאָרדעט אומעטום וואו זיי האָבן זיי געפונען, די אַנדערע האָבן זיי געלאָזט לעבן. און אויב די קאַראַאימער האָבן זיך שטאַרק פאַרמינערט אין צאָל אין די לענדער פון דעם היינטיקן סאָוויעטן־בונד, איז דאָס ניט קיין רעזולטאַט פון דער נאַצישער אויסראָטונג, נאָר פון זייער אייגענער אַסימילאַציע: דער פּראָצעס פון אַסימילירן זיך עסט היינט, מיט אַ פולן מויל, זייער אַלטן, זעלבסטשטענדיקן וועזן.

רעדנדיק פון די כלי־קודש, וועלכע געפינען זיך אין דעם ווילנער קאַראַאימישן מוזעאום, זאָגט פיאָדאָראָוו, אַז די רעליגיע פון די קאַראַאימער איז אַ „סינטעטישע״, און אַז אין איר שפּיגלט זיך אָפּ די ניט־איינהייט־לעכע עטנישע קאָמפּאָזיציע פון די קאַראַאימער, און די ווירקונג פון צוויי קולטורן — יידנטום און איסלאַם. דאָס איז דער איינציקער פונקט, וואו דער סאָוויעטישער שרייבער האָט אַנטדעקט, אַז די דאָזיקע מערק־ווירדיקע אָפּצווייגונג פון יידנטום האָט עפּעס אַ שייכות צו יידן. און אַפילו בעת ער דערמאָנט דעם נאָמען פון ענן בן־דוד, דעם גרינדער פון דער סעקטע, פאַרגעסט ער צו זאָגן, אַז ענן איז געווען אַ זון פון דעם יידישן ראש הגולה פון בבל און אַז אַלע זיינע אָנהענגער זיינען געווען יידן.

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז פּשוט נאַריש צו רעדן וועגן אַ „השפעה״ פון יהדות אויף אַ סעקטע, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין שויס פון יידנטום. דער איינציקער חילוק צווישן די קאַראַאימער און דאָס רוב פאָלק ישראל איז, ווי געזאָגט, נאָר דער, וואָס די קאַראַאימער זיינען געבליבן שטיין ביים תנ״ך, ביים אות פון מקרא (דעריבער רופט מען דאָך זיי קראים) און ווילן ניט וויסן פון תלמוד און אַלע שפּעטערדיקע פּירושים אויף דער תורה שבכתב, וועלכע די רבנישע יידן האָבן אָנגענומען. ס׳איז לעכערלעך צו רעדן פון די קאַראַאימער ווי פון אַ סעקטע וועלכע איז „באַאיינפלוסט געוואָרן פון יידנטום און פון איסלאַם״. די גוזמאדיקע באַטאָנונג פון דער ניט־איינהייטלעכער עטנישער קאָמפּאָזיציע פון די קאַראַאימער, מאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. די כוונה איז, מסתמא, צו פאַרטושן דעם פאַקט, אַז די קאַראַאימער זיינען אַ יידישע סעקטע.

פון פיאָדאָראָווס אַרטיקל איז ניט קלאָר, אויב ער פאַרטרעט, אין דער פראַגע, די אָפיציעלע שטעלונג פון דער סאָוויעטישער אַקאַדעמיע, אָדער

ער גיט בלויז איבער די מיינונגען פון דעם דירעקטאָר פון ווילנער קאַ־ראַאימישן מוזעאום, פּראָפּ. מ. ס. שאַפּשאַל. די זעלביקע מיינונגען האָב איך געהערט פון דעם רב פון די פּוילישע קאַראַאימער, שריה שאַפּשאַל, מיט וועלכן איך האָב געהאַט אַ שמועס אין האַליטש, זומער 1929. גיכער איז — ווי מיר שיינט — אַז דער דירעקטאָר פון מוזעאום האָט געגנאַרט דעם שרייבער פון „סאָוויעטסקאַיאַ עטנאָגראַפיאַ". און דאָך, דער פאַקט אַליין, וואָס די דעות פון שאַפּשאַל ווערן געבראַכט אין דעם אָפיציעלן זאַמלבוך פון דער סאָוויעטישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, אָן קיין באַמערקונג, מאַכט אַן איינדרוק, אַז די אַקאַדעמיע איז גרייט צו גלויבן אין די פאַלשע טעאָריעס פון די פירקאָוויטשעס און שאַפּשאַלס, וועלכע זיינען אויסן צו פירן די קאַ־ראַאימער אויפן וועג פון פולקאָמער אויפלייזונג און זעלבסט־פאַרניכטונג דורך אַסימילאַציע.

ג.

בעת איך האָב געשריבן די פריערדיקע קאַפּיטלעך האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין ריכטיקע ידיעות וועגן דעם גורל פון די קאַראַאימער אין פּוילן, און באַזונדערס — אין האַליטש. ניט די קאַראַאימער פון מצרים, און ניט דער פּרעזידענט פון דער קאַראַאימישער קהילה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דר. קרימי (איך האָב אים באַזוכט דאָרטן, אין זיין הויז, אין חודש אלול, 1951), האָבן מיר געקענט ענטפערן אויף מיינע שאלות וועגן די קאַראַאימער אין די סאָוויעטישע לענדער. צום סוף אָבער האָב איך געפונען די נויטיקע אינפאָרמאַציע אין אַן אַרטיקל פון פיליפּ פרידמאַן *). פרידמאַן מאַכט קלאָר, אויפן סמך פון באַריכטן פון באַגלויבטע עדות, אַז די קאַראַאימער פון האַליטש זיינען ניצל געוואָרן פון פאַרניכטונג.

די פראַגע פון דער אָפּשטאַמונג פון די קאַראַאימער — אויב זיי שטאַמען פון יידן אָדער מאָנגאָלן — איז לאַנג געווען אַן ענין פאַר אַ טעאָרעטישער מחלוקת צווישן יידישע און קאַראַאימישע למדנים. יידישע פאָרשער פון דער קאַראַאימישער סעקטע, ווי למשל באַלאַבאַן, שאָל, גידאָ העכט, י. ברוצקוס און אַנד., האָבן קריטיקירט די טענה פון די קאַראַאימישע למדנים,

*) Polish Jewish Historiography Between the Two Wars (1918-1939), by Philip Friedman, N. Y., 1949. Reprinted from Jewish Social Studies, Vol. XI, No. 4

ווי למשל חנניה זאַיאַנטשקאָווסקי, א. מאָרדקאָוויטש, ס. פּירקאָוויטש, א. שיש־מאַן און שריה שאַפּשאַל, אַז די אָפּשטאַמונג פון די קאַראַאימער איז אַ מאָנגאָלישע.

די טעאָרעטישע פּאָלעמיק האָט זיך אַנטפּלעקט — אין דער צייט פון דער נאַצישער הערשאַפט — ווי אַ טראַגישע פּאָליטישע פּראָבלעם. דער מחבר פון דעם אַרטיקל דערציילט, אַז נאָך דעם קומען פון די דייטשן, האָבן זיי פאַרלאַנגט פון דר. לייב לאַנדאַו, אין אָנהויב פון 1942, ער זאָל זיי צושטעלן אַ מעמאָראַנדום וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די קאַראַאימער. דר. לאַנדאַו האָט זיך אַן עצה געהאַלטן מיט פרידמאַנען, און ביידע האָבן פאַר־שטאַנען אַז אַן אָביעקטיווע פאָרשונג, וועלכע וועט אויפדעקן די יידישע אָפּשטאַמונג פון די קאַראַאימער, מיינט פאַרמשפטן זיי צום טויט. דר. שאָל האָט אָנגעשריבן דעם מעמאָראַנדום, און פ. פרידמאַן, דער מחבר פון דעם אַרטיקל, האָט געמוזט, מיט אַ שווערן האַרץ, מיטהעלפן אין דער אַרבעט. אין דעם מעמאָראַנדום איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן, מיט אַ באַזונדערער דייטלעכקייט, די מיינונג פון קאַראַאימישע חכמים, אַז די קאַראַאימער שטאַמען פון טערקן און מאָנגאָלן.

שפּעטער איז פרידמאַן געוואויר געוואָרן, אַז אין וואַרשע האָט מען פאַרלאַנגט דאָס זעלביקע פון פּ. באַלאַבאַנען און א. שיפּערן, און אין ווילנע — פון קאַלמאַנאָוויטשן. וועגן דר. שיפּער און פּראָפ. באַלאַבאַן האָבן מיר זכרונות פון דר. מיכאל ווייכערט (געשריבן מיט אַ שרייב־מאַשין), דעם דירעקטאָר פון הילף פאַר יידן; און וועגן קאַלמאַנאָוויטשן דערציילט דוואָ־רעצקי אין זיין בוך „ירושלים דליטא במלחמתה ובמפלתה" (ווילנע אין איר מלחמה און אין איר מפּלה), פּאַריז, 1948. אויך זיי האָבן באַטאָנט, מחמת די זעלביקע טעמים, די טענה פון די קאַראַאימער, אַז זיי שטאַמען פון טערקן. פרידמאַן .ווייסט ניט וואָס מ'האָט געמאַכט מיט די דאָזיקע מעמאָראַנדומס. אָבער דער פאַקט איז, אַז די נאַציס האָבן זיך באַצויגן צו די קאַראַאימער ניט ווי צו עטנישע יידן, און דאָס האָט זיי געראַטעוועט פון פאַרפאָלגונגען און פון פאַרניכטונג.

פּ. פרידמאַן קען פערזענלעך די קאַראַאימער פון האַליטש און ער איז אַן עדות, אַז מ'האָט זיי ניט גערודפט ווי די יידן. מ'האָט זיי געלאָזט צו רו און זיי האָבן געפירט זייער געוויינטלעכן לעבן. און זיי, פון זייער זייט, האָבן זיך געהיט פון יעדער גזועלשאַפטלעכער באַרירונג מיט יידן, כדי ניט זיין

פֿאַרדעכטיק אין די אויגן פֿון די דייטשן. ווען דאָס לאַנד איז פּטור געוואָרן פֿון די דייטשן, האָט מען געפֿונען, אַז די קאַראַאימער אין האַליטש (און אַזוי, געוויס, אויך אין אַנדערע ערטער) האָבן ניט געהאַט קיין פֿאַרלוסטן אין לעבן און ניט קיין שאָדן אין פֿאַרמעגן.

נאָך דעם ווי איך האָב באַקומען אינפֿאָרמאַציע פֿון טראַקי און פֿון קרים, איז שוין קיין ספק ניט געווען, אַז די דייטשן האָבן אומעטום געמאַכט דעם אונטערשיד צווישן קאַראַאימער און יידן. זיי האָבן געגעבן זייער הסכמה אויף דער טענה פֿון די קאַראַאימער, אַז זיי שטאַמען ניט פֿון אברהם, יצחק און יעקב, נאָר פֿון גרים, וועלכע האָבן אָנגענומען, אין אַלטע צייטן, תורת משה; און אַזוי ווי זיי זיינען עטניש ניט קיין יידן, האָט מען זיי געשענקט דאָס לעבן.

נאָך דער מלחמה האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ באַוועגונג פֿון עליה ביי די קאַראַאימער פֿון מצרים, און דאָס רוב איז היינט אין מדינת ישראל; אָבער פֿון פּוילן און רוסלאַנד איז קיינער ניט געקומען. פֿון הית, איראַק, איז געקומען, ווי געזאָגט, די גאַנצע קהילה: 13 משפּחות, 67 נפֿשות (נאָך צוויי — די עלצטע — האָבן זיך אויך געקליבן פֿאָרן). מערסטנס זיינען זיי גאָלד־ און זילבער־שמידן. אַ טייל פֿון זיי האָט זיך באַזעצט אין דערפֿל רנן, לעבן באר־שבע; אַנדערע האָבן געפֿונען אַרבעט אין פֿאַרשידענע ערטער.

בבל איז דאָס וויגל פֿון דער קאַראַאימישער סעקטע. זי איז אַמאָל געווען דאָרטן גאַנץ פֿאַרשפּרייט. די קהילה פֿון הית איז איינע פֿון די עלטסטע — זי ווערט דערמאָנט אין 10טן יאָרהונדערט. מיר געפֿינען איר נאָמען אין פֿאַרשידענע חיבורים ביז אין 18טן יאָרהונדערט. אַבערמייער האָט באַזוכט הית אין 1869; דעמאָלט זיינען דאָרטן געווען 20 קאַראַאימישע משפּחות. פֿון דאַן איז זייער צאָל נאָך קלענער געוואָרן.

כאַראַקטעריסטיש איז די ציאונג קיין מדינת ישראל פֿון די שוואַכסטע טיילן פֿון די אָפּגעריסענע גלידער פֿון פֿאָלק ישראל. דאָס הייפֿל קאַראַאימער פֿון איראַק זיינען דאָרטן געווען דאָס לעצטע רעשטל פֿון אַ גרויסער באַוועגונג, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין די צייטן פֿון די גאונים (צווייטע העלפֿט פֿון 1טן קריס. יאָרטויזנט). זעלטן ווער האָט געוואוסט אַז אין הית זיינען נאָך דאָ קאַראַאימער. באמת זיינען זיי געווען נאָענט צום אויסגיין. זייער אַלטע שול איז איינגעפֿאַלן מיט עטלעכע יאָר פֿריער, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין מיטלען צו פֿאַרריכטן זי. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שולע, קיין לערער;

די קינדער זיינען געוואַקסן אָן תורה, אָן צו וויסן עפּעס פון ייִדישקייט. נאָך דעם חורבן פון דער שול האָט די איראַקער רעגירונג אַוועקגעגזלט ביי זיי זייער אַלטע ספר־תורה, וועלכע זיי האָבן אָפּגעהיט אַ סך דורות.

די קאַראַאימער פון הית זיינען געווען ווייט און אָפּגעריסן פון יעדן ייִדישן און קאַראַאימישן צענטער, און די ידיעה פון דעם ווידעראויפשטיין פון אַ ייִדישער מדינה אין ארץ־ישראל איז צו זיי געקומען פון אַראַבישע קוועלן. אָבער ווען ס׳האָבן דערגרייכט אַהין קלאַנגען פון אַ ייִדיש־אַראַבישער מלחמה, האָט אויפגעפלאַמט ביי די דאָרטיקע אַראַבער אַ שנאה אויך צו זייערע קאַראַאימער. מיט אַ פּאָר יאָר פאַר דעם האָבן בעדואינישע רויבער דער־הרגעט דריי יונגע קאַראַאימער, וועלכע זיינען געפאָרן אין מדבר וועגן זייערע עסקים. שפּעטער האָט מען געפּאַקט און אַרעסטירט די רוצחים. עלף חדשים זיינען זיי געזעסן אין טורמע. דאָך, צום סוף האָט מען זיי געמשפּט און פאַר־משפּט צום טויט. אָבער איידער מ׳האָט מקיים געווען דעם פּסק־דין איז געקומען אַ ידיעה וועגן דער מלחמה אין ארץ־ישראל. באַלד האָבן די איראַקער שופטים אומגעדרייט זייער פּסק־דין און געלאָזט באַפרייען די מערדער.

די עליה קיין מדינת ישראל איז געווען פאַר די קאַראַאימער פון בבל — ווי פאַר אַ סך אַנדערע פאַרוואָרפענע קהילות — אַ רעטונג פון אונטער־גיין דורך מאָרד אָדער שמד, אַ נס וועלכער איז געשען אין לעצטן מאָמענט.

די שומרונים

אין תנ״ך ווערט דערציילט, אַז דער קעניג פון אַשור האָט געבראַכט מענטשן פון בבל און פון כותא, פון עוא, פון חמת און פון ספרוים און האָט זיי באַזעצט אין שומרון אויפן אָרט פון די פאַרטריבענע בני ישראל. דאָס איז געשען אין יאָר 722 פאַר דער קריסטליכער רעכענונג. אין דער תלמודישער ליטעראַטור ווערן די דאָזיקע פרעמדע קאָלאָניסטן גערופן כותים אויפן נאָמען פון די אימיגראַנטן פון כותא (אין צפון־מזרח פון בבל) — אפשר זיינען זיי

געוועזן די ערשטע אין שומרון אָדער מער אין צאָל פון די געבראַכטע פון אַנדערע לענדער. מיט דער צייט האָבן די אַלע פרעמדע עלעמענטן זיך אַסימילירט מיט דער ישראל־באַפעלקערונג, האָבן פאַרגעסן זייער עבר, גערופן זיך שומרונים, און אין דעם נאָמען „כותים" האָבן זיי געזען אַ באַליידיקנדיק צונעמעניש און אַ פחיתות הכבוד.

דער קעניג פון אַשור, וועלכער האָט איינגענומען שומרון און אַוועקגעפירט די דאָרטיקע יידישע באַפעלקערונג אין גלות, איז געוועזן אָדער שלמנאסר (722־728/7), אינעם לעצטן יאָר פון זיין מלוכה, אָדער סרגון (705־722) אין זיין ערשטן יאָר. אין אַן אויפשריפט פון סרגון איז אָנגעגעבן די צאָל פון געפאַנגענע און אין גלות־אַוועקגעפירטע בני ישראל: 27,000. איינער פון די לעצטע קעניגן פון שומרון, מנחם (744־735), האָט אַרויפגעלייגט אַ שטייער אויף „אַלע גבורי חיל" (מלכים ב׳, ט״ו, 20), ד. ה., אויף די פאַרמעגלעכע לאַנד־באַזיצער. פון דעם שטייער לאָזט זיך אויסרעכענען, אַז זייער צאָל איז געוועזן ניט ווייניקער ווי 60,000. ס׳איז קלאָר, אַז דאָס רוב פון דער ישראל־באַפעלקערונג איז פאַרבליבן אין לאַנד, און דער סוף פון די קאָלאָניסטן פון די מזרח־לענדער איז געווען, ווי געזאָגט, אַז זיי האָבן אָנגענומען די שפּראַך און קולטור און רעליגיע פון די בני ישראל, האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן מיט זיי אין איין פאָלק און האָבן זיך גערופן — אין קעגנזאַץ צו די יהודים, די איינוואוינער פון יהודה — שומרונים.

פון יענער צייט אָן, שוין מער ווי 25 יאָרהונדערטער, איז דער צענטער פון די שומרונים אין שכם. די היינטיקע שומרונים האַלטן אַז זיי שטאַמען פון דריי שבטים: אפרים, מנשה און לוי. אויך זייערע כהנים, ווי מיר וועלן זעען ווייטער, זיינען אויף אַן אמת לויים. אין דער צייט פון דער פאַטימידישער דינאַסטיע (10טער־12טער יאָרהונדערט) און שפּעטער, איז נאָך געווען אין עזה אַ קהילה פון שומרונים, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר אָפּשטאַמיקע פון שבט בנימין; פון די איז אָבער ניט געבליבן קיין רעשט.

פון עזרא, ד, 9־10, ווייזן מיר, אַז מיט אַ פּאָר דורות שפּעטער זיינען צוגעקומען אין ארץ־ישראל נאָך פרעמדע עלעמענטן. דער אור־אייניקל פון סרגון, אספנר (אַשורבניפּל, 669־626), האָט ווידער אַריינגעבראַכט אין שומרון קאָלאָניסטן פון פאַרשידענע מזרח־לענדער: פון פּערסיע, טריפּאָליס (אין צפון פון לבנון), ארך, בבל, שושן, עילם און פון אַנדערע געגנטן, וואָס זייער אידענטיפיצירונג איז ניט קיין זיכערע. אָבער די אַלע צומישונגען

האָבן ניט געענדערט דעם גרונט־טיפּ פון שומרונס באַפעלקערונג, פּונקט ווי די פריערדיקע צומישונגען פון כנענים און אַנדערע פרעמדע פעלקערשאַפטן האָבן ניט געענדערט דעם כאַראַקטער פון פאָלק ישראל.

אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער זיינען צוגעקומען צו יענער אַלטער שיכט פון שומרונים, נייע עלעמענטן פון יהודה און ישראל און האָבן באַ־פעסטיקט זייער נאַציאָנאַלע איניקייט און זייער גלויבן אין איין גאָט, דעם גאָט פון ישראל: די קינדס־קינדער פון די מעסאָפּאָטאַמישע און זאַגראָס־פעלקערשאַפטן, וועלכע האָבן געבראַכט פון זייערע אַמאָליקע היימען קולטן פון אַלערליי אָפּגעטער, זיינען געוואָרן אין שומרון שטרענגע מאָנאָטעאיסטן וואָס האָבן געגלויבט נאָר אין תורת משה.

די היינטיקע שומרונים זיינען זיך מתייחס, ווי געזאָגט, צו דריי שבטים. די משפחות אַל־דאַנאַפי און מופאַראַדזשיה (מרחיב), פירן זייער אָפּשטאַמונג פון שבט אפרים. די משפחות פון סאַבאַחיה — פון מנשה. די כהנים געהערן צום שבט לוי. פון דער שומרונישער כראָניק ווערן מיר געוואויר, אַז דער לעצטער כהן, וועלכער האָט געשטאַמט דירעקט פון אַהרון, דעם ברודער פון משה רבינו, איז געשטאָרבן אין 1624. בלית ברירה האָבן די שומרונים איבערגעגעבן די כהונה צו אַ משפחה פון לויים. די וועלכע טראָגן דעם טיטל „כֹּהן גדול״ פון דעמאָלט אָן, שטאַמען ניט פון אַהרון הכהן, נאָר פון עוזיאל בן קהת בן לוי.

דער לעצטער אויפטריט פון די שומרונים ווי אַ פאָלק, וואָס קעמפט פאַר זיין פרייהייט, איז געווען אין דער עפּאָכע פון דער ביזאַנטישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל. אין פערטן, פינפטן און זעקסטן יאָרהונדערט, זיינען די שומרונים אויפגעשטאַנען עטלעכע מאָל און געפירט מלחמות מיט זייערע באַדריקער. אָבער די מאַכט פון דער רוימיש־ביזאַנטישער אימפּעריע האָט גובר געווען. פון די אויפשטאַנדן זיינען די שומרונים אַרויס באַזיגט און צעבראָכן, געמינערט אין צאָל. פונדעסטוועגן איז נאָך אין זיבעטן יאָרהונדערט געווען אַ באַדייטנדיקע שומרונישע באַפעלקערונג אין לאַנד. דער אַראַבישער היסטאָריקער און געאָגראַף יאקות (1229־1179) זאָגט, אַז אין זיין צייט זיינען געזעסן אין קסריה און אין דער אַרומיקער סביבה 80,000 שומרונים. אַן אַנדערער און פיל־פריערדיקער אַראַבישער היסטאָריקער, בלאַזורי (גע־שטאָרבן אין 892) גיט אָן זייער צאָל אין יענער סביבה: 30,000. ווייזט אויס

אַז אין די פּאָר הונדערט יאָר — פון בלאַזורי ביז יאַקות — איז פאָרגעקומען אַ וואַנדערונג פון שומרונים פון אינלאַנד צום ים צו.

אונטער דער הערשאַפט פון די מוסולמענער זיינען די שומרונים כסדר געזונקען, איינגעפאַלן, צעגאַנגען געוואָרן. פון דער אַמאַליקער אומה איז געבליבן אַ קליינע סעקטע. אין דער צייט פון דעם באַרימטן כאַליף האַרון אַר־ראַשיד (786־809) זיינען נאָך אַלץ געווען אין לאַנד טויזנטער שומרונישע פּויערים, בפרט אין דער סביבה פון רמלה, לוד, יבנה און אַרסוף. אָבער אין דער צייט פון די קרייץ־פירער (12טער יאָרהונדערט) זיינען זיי אַזוי פאַרקלענערט געוואָרן, אַז ר׳ בנימין פון טודעלאַ האָט געפונען אין שכם ניט מער ווי 1000 נפשות (אָדער אפשר פאַמיליעס, ס׳איז ניט קלאָר); און דאָס איז געווען אין יענער צייט (ווי מיר ווייסן פון אַנדערע קוואַלן) בערך די העלפט פון אַלע שומרונים אין ארץ־ישראל און אין סוריה. אַזוי איז געבליבן זייער צאָל אויך צום סוף פונעם 13טן יאָרהונדערט.

אין דער עפּאָכע פון די מאַמלוקן (פון מיטן 13טן יאָרהונדערט ביזן אָנהויב פון 16טן) האָט מען אָפיציעל גערעכנט די שומרונים פאַר אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, אונטער דער פירונג פונעם ראש הגולה, וועלכער האָט געהאַט זיין זיץ־אָרט אין מצרים. אין אַ בריוו פון ר׳ עובדיה פון באַרטנורה (1488) שטייט, אַז לויט ווי ער האָט געהערט פון שומרונים, איז די צאָל פון אַלע זייערע פאַמיליעס סך־הכל 500, און דאָס הייסט אַרום 2,500 נפשות. פון די 2,500 האָבן 500 געוואוינט אין מצרים, און די איבעריקע, צעזייט אין קליינע קהילות — אין דמשק, שכם, עזה און אין אַנדערע ערטער אין ארץ־ישראל.

אין אָנהויב פון 17טן יאָרהונדערט איז שכם ווידער געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון די שומרונים; אויסער שכם זיינען געבליבן צוויי קליינע ישובים פון שומרונים — אין עזה און אין יפו. אויך די זיינען אויסגעגאַנגען צום סוף פונעם 18טן אָדער אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט. נאָר אין שכם איז געבליבן אַ קליינע קהילה פון שומרונים.

ווען ראָבינסאָן האָט באַזוכט שכם (אין 1838) האָט ער דאָרט געפונען אַ קליין רעשטל פונעם אַמאָליקן פאָלק — 150 נפשות בערך — פון זיי בלויז 30 דערוואַקסענע, שטייער־צאָלנדיקע מענער. במשך פון פאַריקן יאָרהונדערט מערקט זיך ניט קיין קאָנטיקע ענדערונג אין זייער צושטאַנד. אַ יאָר 18 נאָך ראָבינסאָן, האָט א. ל. פרענקל געהערט די זעלביקע ציפערן פון דעם

שומרונישן כהן־גדול, סאַלאַמע — 150 נפשות איז געווען דער סך־הכל פון אַלע שומרונים אין שכם (און דאָס האָט געמיינט — אויף דער גאַנצער וועלט). „פּאַלעסטיין עקספּלאָריישן פאָנד״ האָט אויסגעפונען, אין 1882 (באַנד וו, ז. 219), אַז פאַרן פאַרגאַנגענעם צענדליק יאָר זיינען צוגעקומען ביי די שומרונים אין שכם פינף נפשות און זייער צאָל איז געשטיגן ביז 160. מיט 40 יאָר שפּעטער האָט די אָפיציעלע סטאַטיסטיק פאַרשריבן אין שכם 147 און אין אַנדערע ערטער 16; בסך־הכל — 163. אין ערשטן דריטל פונעם 20טן יאָרהונדערט האָט די צאָל פון די שומרונים גענומען ביסלעכווייז שטייגן.

די שומרונים אין שכם

יאָר	מקור	זכר	נקבה	סך־הכל
1922	צענזוס	74	73	147
1931	צענזוס	79	81	160

סך-הכל פון די שומרונים אין ארץ-ישראל

יאָר	מקור	זכר	נקבה	סך־הכל
1901		97	55	152
1909	פּראָפ. קאַלע	97	76	173
1922	צענזוס	83	80	163
1931	צענזוס	93	89	*182)

מיר זען, אַז אין פאַריקן יאָהרונדערט איז גאָר ניט געווען קיין צוואוואַקס פון באַפעלקערונג ביי די שומרונים. פאַר די לעצטע 40 יאָר (1922 — 1962) האָט זיך זייער צאָל מער ווי פאַרדאָפּלט און ס׳איז פאַרגעקומען אַן אויסגלייך פון די צוויי געשלעכטן: אין 1901 האָבן די ווייבער אויסגעמאַכט נאָר אַביסל מער ווי אַ דריטל פון דער גאַנצער קהילה (36.2%), און היינט זיינען זיי כמעט אַ העלפט (49%) — אַ נאָרמאַלע פּראָפּאָרציע.

*) בעת מדינת ישראל איז געגרינדעט געוואָרן האָבן זיך געפונען אין אירע גרענעצן 50 שומרונים. פון דעמאָלט איז זייער צאָל ביסלעכווייז געשטיגן ביז הונדערט און צוואַנציק נפשות (דורך נאַטירלעכן צוואוואַקס און דורך איינוואַנדערונג פון שכם). אויך אין שכם ציילן זיי היינט 270 נפשות בערך; דער סך־הכל איז, הייסט עס, 350 נפשות.

דער אונטערשיד צווישן די יידן און די שומרונים שטעקט הויפּטזעכלעך אין צוויי עיקרים פון דער אמונה:

א) די שומרונים גלויבן אַז דער בית־המקדש דאַרף שטיין אויפן הר גריזים, ווייל הר גריזים איז דער אויסדערווײלטער אָרט, און ניט ירושלים און דער הר המוריה. אין דעם ענין אונטערשיידן זיי זיך ניט בלויז פון די יידן נאָר אויך פון די קריסטן און מאַכמע־דאַנער: אויך ביי יענע איז הייליק ירושלים און ניט הר גריזים און שכם. בכלל האַלטן די שומרונים אַז אין אַלע אַלטע וואָרזאָגונגען און טראַדיציעס — ווי עקידת יצחק, די נבואות פון משה און אַנדערע — ווערט געמיינט דער באַרג גריזים און ניט דער באַרג מוריה.

ב) די שומרונים גלויבן ניט אין די נביאים, וועלכע האָבן געווירקט אין ישראל נאָך משה רבינו. נאָר אין די פינף חומשים פון דער תורה גלויבן זיי, און אין זייער וואַריאַנט פון דעם ספר יהושע. אין דעם דאָזיקן פּונקט זיינען זיי אַנדערש אויך פון די קאַראַאימער (די קאַראַאימער האַלטן פונעם גאַנצן תנ״ך, נאָר דעם תלמוד און די שפּעטערדיקע מפרשים נעמען זיי ניט אָן) און פון די קריסטן. פאַרשטייט זיך, אַז אַנשטאָט דער „תורה שבעל־פה" פון די יידן האָבן די שומרונים זייערע אייגענע פירושים און טראַ־דיציעס, וועלכע זיינען אַנדערש ווי די אידישע און די קאַראַאימישע.

אָבער אויך אין דער תורה פון די שומרונים געפינט מען אין אַ סך ערטער אָפּווייכונגען פון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן טעקסט. דער הויפּט־חילוק באַשטייט אין אַ הוספה וועגן הר גריזים. אין שומרונישן טעקסט קומט אַ געבאָט, באַלד נאָך די עשרת הדברות, צו בויען אַ מזבח אויפן הר גריזים (דער דאָזיקער געבאָט אין ניטאָ אין יידישן טעקסט און אויך ניט אין די שפּעטערדיקע יידישע און קריסטלעכע ווערסיעס פון די עשרת הדברות). די צאָל פון קליינע אָפּווייכונגען פונעם יידישן טעקסט גרייכט ביז 6,000 — אַן ענין וועלכער באַשעפטיקט די וויסנשאַפטלעכע עגזעגעטיק.

דער העברעאישער כתב פון די שומרונים איז אַנדערש ווי דער וואָס איז אָנגענומען ביי די יידן זינט דעם בית־שני. זייער שריפט איז עלטער ווי די היינטיקע העברעאישע קוואַדראַט־שריפט און שטייט נענטער צום אַלטן העברעאיש־פעניקישן כתב; אָבער צווישן דעם העברעאיש־פעניקישן כתב און דעם שומרונישן זיינען אויך דאָ געוויסע אונטערשיידן.

אַנדערע אונטערשיידן אין מנהגים און אמונה צווישן די יידן און די שומרונים האָבן זייערע וואָרצלען אין די אויבן־דערמאָנטע הויפּט־אונטער־שיידן. בעת דער צערעמאָניע פון מילה, און אויך בעת דער שחיטה, רופן זיי אויס דעם נאָמען פון הר גריזים; און בכלל ביים דאַוונען, קוקן זיי ניט אין דער ריכטונג פון ירושלים, נאָר זיי שטייען מיטן פּנים צו זייער הייליקן באַרג.

זייער לוח איז אַנדערש ווי דער יידישער און זייערע ימים־טובים פאַלן אויס אין אַנדערע טעג. זיי האָבן אַנדערע כללים צו באַשטימען אַן עיבור־יאָר. דערפאַר קומט פאָר, אַז צווישן דעם יידישן פּסח און דעם שומרונישן גייט פאַרביי אַ חודש אָדער מער; און אַזוי איז אויך מיט אַנדערע ימים־טובים. דער שומרונישער לוח, אַזוי ווי דער יידישער, איז אַ לבנה־לוח. יעדער יאָר הויבט זיך אָן אין דעם אָוונט, אין וועלכן ס׳ווייזט זיך אויפן הימל די נייע לבנה. און אַזיווי ס׳איז דאָ אַ חילוק צווישן דיביידע אויך בנוגע דעם אופן פון באַשטימען דעם ריכטיקן מאָמענט פונעם געבורט פון דער לבנה, מאַכט זיך, אַז די ימים־טובים פון די שומרונים פאַלן אויס ניט פונקט אין די טעג ווי ביי די יידן — ס׳קען זיין אַן אונטערשיד פון אַ טאָג אָדער צוויי. פּרינציפּיעל גייט מען זיך פאַנאַנדער אין דער פראַגע, ווי צו באַרעכענען און באַשטימען דעם טאָג פון שבועות. לויט דעם פּירוש פון די שומרונים אויף דעם וואָס שטייט אין דער תורה דאַרף מען פראַוועןשבועות תמיד זונטיק, און נאָר זונטיק. אַזוי קומט ביי זיי אויס ווייל אַלעמאָל הויבן זיי אָן די רעכע־נונג פון אויף מאָרגן נאָך דעם ערשטן שבת וואָס קומט נאָכן ערשטן טאָג פון פּסח.

אין זייערע רעליגיעזע מנהגים סטאַרען זיך די שומרונים מקיים זיין די געבאָטן פון דער תורה בוכשטעבלעך, ווי דער פּשט זאָגט, אָן ווייטערע אויסטייטשונגען. דעריבער היטן זיי אָפּ שבת זייער שטרענג. ניט בלויז וואָס זיי צינדן ניט אָן קיין פייער אום שבת — זיי האַלטן, אַז אַפילו פון אַ פייער וואָס מ׳האָט אָנגעצונדן ערב שבת טאָר מען ניט געניסן, און דאָס מיינט: מ׳טאָר ניט עסן קיין געקעכטס אום שבת — חומרות וואָס פירן זיך ניט ביי יידן.

ביזן היינטיקן טאָג זיינען די שומרונים זייער מחמיר אין דעם ענין פון טהרה און טומאה און נידה. כדי ס׳זאָל אויסגעמידן ווערן יעדער ניט־געוואונטשענער קאָנטאַקט צווישן פרויען און מאַנסבילן אין אַ הויזגעזינד,

בויט מען אַ שטיינערנע מחיצה אין שטוב און מ׳האַלט פאַר די ווייבער באַ־זונדערע כלים.

די ערשטע נאַכט פון פסח (י״ד בניסן, לויט זייער חשבון) ברענגען זיי אַ קרבן („זבח פסח״) אויפן הר גריזים און עסן פון דעם אין אײַלעניש, שטייענ־דיקערהייט, אָנגעגורט די לענדן, מיט די שיך אויף די פיס, ווי עס שטייט אין דער תורה.

מ׳דאַרף באַמערקן, אַז די שומרונים — ניט קוקנדיק אויף זייער מי צו האַלטן זיך שטרענג ביים וואָרט פון דער תורה, גאָרנישט ניט צולייגן און גאָרנישט ניט אויסלאָזן — האָבן דאָך ניט געקענט אויסמײַדן די השפעה פון פאַרשידענע אידייען, וועלכע זיינען אַריינגעדרונגען אין יידנטום אין דער תקופה וואָס נאָך דעם צווייטן בית־המקדש. אין אונזער צייט גלויבן די שומרונים, פונקט ווי די יידן, אינעם קומען פון משיח (ביי זיי הייסט ער („תאָהב״, אָדער „שאָהב״ — „דער וואָס וועט ווידער קומען״, פונעם ווערב: „שוב״, אַראַמעאיש: „תוב״); זיי גלויבן אַז דער בית־המקדש וועט ווידער אויפגעבויט ווערן; זיי גלויבן אין יום הדין, אין שכר ועונש אויף יענער וועלט, אין תחית המתים. אונטער דער השפעה פון קריסטנטום, איסלאַם און יידנטום, גלויבן זיי אויך אין מלאָכים און שדים.

דער עיקר פון זייער אמונה איז געגעבן אין דער דאָזיקער פאָרמולע:

„איך גלויב אין דיר, ה׳, און אין משה דעם זון פון עמרם, דיין דינער; און אין דער הייליקער תורה; און אין הר גריזים, בית־אל (דאָס הויז פון גאָט); און אין דעם טאָג פון נקמה און באַלוינונג״.

פאַר דער יידישער מלחמה פון באַפרייאונג און זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ־ישראל האָבן אַלע שומרונים געוואוינט אין שכם, און די עטלעכע פאַ־מיליעס, וועלכע זיינען צייטווייליק געזעסן אין יפו, זיינען געווען אַן אויס־נאַם. בעת דער קריג איז אויסגעבראָכן, זיינען די שומרונים פון יפו געוואָרן אָפגעשניטן פון זייער „פאָלק״ אין שכם. פון יענער צייט איז דער כלל שומרונים צעטיילט אין צוויי טיילן, וועלכע געפינען זיך אין צוויי פיינטלעכע און אָפגעשלאָסענע לאַגערן. דער הויפּט־טייל איז געבליבן אין שכם, אין די גרענעצן פון דער ירדנער מלוכה. אָבער איניקע פון די שכמער שומרונים איז געלונגען איבערצוגיין די גרענעץ און זיך פאַראייניקן מיט זייערע ברידער אין מדינת ישראל. דאָס רעכט, וואָס דאָס געזעץ פון מדינת ישראל גיט אַלע יידן צוריקצוקומען אינעם לאַנד פון זייערע אָבות, איז געגעבן געוואָרן, לויט

אַ באַשלוס פון דער רעגירונג, אויך די שומרונים. און די שומרונים פון שכם האָבן דאָס טאַקע אויסגענוצט ווי ווייט דאָס איז פאַר זיי געווען מעגלעך. אַזוי אַרום האָט זיך די שומרונישע קהילה אין מדינת ישראל פאַרדאָפּלט אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר. די יונגע שומרונים האָבן וואָלונטירט אין דער ייִדישער אַרמיי און האָבן געקעמפט מוטיק און געטריי.

די שומרונים אין מדינת ישראל האָבן אַלע בירגער־רעכט און זיי באַקומען פון דער רעגירונג ביודזשעטן אויף צו באַפרידיקן זייערע סאָציאַלע און גייסטיקע באַדערפענישן. אין חולון, ניט ווייט פון תל־אָביב, האָט מען רעזערווירט אַ פּלאַץ פאַר אַ באַזונדערער שומרונישער שכונה. שפּעטער, ווען די שכונה האָט זיך איינגעאָרדנט, האָט מען אויסגעבויט דאָרט אַ שול — די ערשטע און איינציקע שומרונישע שול, אויסער שכם. אויף פּסח גייען אַלע שומרונים פון מדינת ישראל עולה־רגל זיין קיין שכם, צום הר גריזים, ווי זייער מנהג איז פון אַלטע צייטן. די רעגירונג פון ירדן לאָזט זיי אַריין אויף פּסח, לויט אַ ספּעציעלן אָפּמאַך.

אין דער ירדנישער מלוכה געפינען זיך היינט 250 שומרונים. אַלע וואוינען זיי דאָרט אין איין קוואַרטאַל, לעבן שכם, צו פוסן פון הר גריזים, וועלכן זיי רופן „דער באַרג פון בענטשן".

ד ר י ט ע ר   ט י י ל

אידישע טראַדיציעס
ביי
מוסולמענישע
שבטים

די יידן פון חיבר
(כייבאַר)

א.

די באַציאונגען צווישן פאָלק ישראל און דעם אַראַבישן האַלב־אינזל זיינען זייער אַלט. נאָך יציאת מצרים זיינען די בני ישראל געקומען אין באַרירונג מיט די פעלקערשאַפטן פון דעם נגב און עבר־הירדן און צפון־אַראַביע: אדום, מואָב, בני עמון, מדין, הגריים און אַנדערע. די אַלע פעלקער האָבן זיך מתייחס געווען צו אַברהם אָבינו, אַזוי ווי די בני ישראל, און האָבן גערעדט דעם זעלביקן לשון — העברעאיש. אַראַבישע שבטים האָבן זיך

באַוויזן אין די סביבות פון עבר־הירדן און סיני ערשט מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער.

אין דער צייט פון ערשטן בית־המקדש האָבן זיך אייניקע שבטים פון ישראל פאַרשפּרייט אין עבר־הירדן, אין מזרח־זייט און אין מערב־זייט. וועגן די שבטים ראובן, גד און האַלבן שבט מנשה, שטייט געשריבן אַז זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די הגריים און גענומען געפאַנגען פּופציק טויזנט קעמלען און דערגרייכט אין מזרח פון סירישן מדבר ביז צום טייך פּרת; און דער שבט שמעון האָט איינגענומען דאָס לאַנד פון די מעונים אין עבר־הירדן — היינט מעאַן (מאַאַן) — און אַריינגעדרונגען אויך אין הר שעיר.

אין דער עפּאָכע פון דעם צווייטן בית־המקדש איז געוואָרן ענגער און אָפּטער דער קאָנטאַקט פון די יידן מיט די מדבר־שבטים — סיי אין האַנדל, סיי אין צוזאַמענשטויסן און מלחמות. אָבער די איינגעפונדעוועטע יידישע ישובים, וועלכע מיר געפינען אין צפון פונעם האַלב־אינזל אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, זיינען מסתמא אַנט־שטאַנען נאָכן חורבן פון דעם צווייטן בית־המקדש. גענוי פעסטצושטעלן ווען די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן, קענען מיר ניט. תימא ווערט דערמאָנט פון די נביאים אין אַכטן און זיבעטן יאָרהונדערט פאַר דער ק.צ.ר. (ישעיהו, כ״א, י״ד; ירמיהו, כ״ה, כ״ג), און ס׳זעט אויס אַז אין תימא איז געווען דער אָנהויב פון יידישע ישובים אין צפון־אַראַביע [1]. פון תימא איז די יידישע קאָלאָניזאַציע געגאַנגען ווייטער אין כעדזשאַז, אין דרום־זייט, און האָט געשלאָגן וואָרצלען אין פדך (פאַדאַק), אין וואַדי אַל־קורא, אין חיבר (כאַיבאַר), אין יתרב (יאַטרעב, די שפּעטערדיקע מדינה) און אין זייערע סביבות.

די השפּעה פון די יידן אויף די אַראַבישע שבטים — די דרומדיקע — בני קחטן (קאַכטאַן)=יקטן — ווי די צפונדיקע — בני עדנן (אַדנאַן)=ישמעאל — איז געווען גרויס. שוין פון די אַלטע צייטן זיינען באַקאַנט פאַקטן וועגן אַראַבער וואָס האָבן זיך מגייר געווען אין גאַנצן אָדער זיך דערנענטערט צום יידישן גלויבן.

די פאַרפאָלגונגען פון אַנטיאָכוס און די מלחמות מיט רוים האָבן גע־

1) זע י. בן־זאב, „היהודים בערב״ (די יידן אין אַראַביע), צווייטע אויפלאַגע, ז. 15, ירושלים, 1957. אין תלמוד ווערט תימא דערמאָנט עטלעכע מאָל. ס׳קען זיין, אַז ר׳ יהודה בן־תימא (אָבות, פרק ה׳; פסחים, קי״ב) שטאַמט פון תימא.

שיקט תמיד נייע כוואַליעס פון יידישע אויסוואַנדערער קיין אַראַביע. אַזוי אַרום האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין כעדזשאַז כסדר פאַרמערט. צום טייל האָבן זיי געלעבט פון פּי־צוכט און געפירט דאָס זעלבע לעבן ווי די אַראַבישע בעדואינער, און צום טייל האָבן זיי געגרינדעט דערפער, געפלאַנצט טייטל־ביימער און ווייגערטנער, געזייט תבואות; אַנדערע, ווידער, האָבן זיך באַזעצט אין שטעט און זיך באַשעפטיקט מיט מסחר און מלאכות, בפרט אין יתרב. קיין רעגולערע לאַנדווירטשאַפט האָט נאָך דעמאָלט ניט עקזיס־טירט אין צפון־אַראַביע; די יידישע עמיגראַנטן פון ארץ־ישראל האָבן זי איינגעפירט אין כעדזשאַז. זיי האָבן געטריקנט זומפּן אין וואַדי אַל־קורא און אין חיבר, געפלאַנצט ביימער, געמאַכט פון דער וויסטעניש אַ באַפעלקערט לאַנד. פון זיי האָבן די אַראַבער געלערנט ערד־אַרבעט.

אַ פּרימיטיווער האַנדל איז אַנגעגאַנגען אין כעדזשאַז אויך פאַר די יידן. אָבער די יידישע קאָלאָניסטן האָבן געגרינדעט אין צפון־אַראַביע וויכ־טיקע האַנדלס־צענטערס, וועלכע זיינען פריער דאָרט ניט געווען.

פון די יידישע אָדער פאַריידישטע שבטים, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין צפון אַראַביע פאַר דעם איסלאַם, זיינען פילע באַקאַנט מיטן נאָמען, ווי למשל: בני כרמה (קאַראַמע), בני תעלבה (טאַלאַבאַ), בני מחמר (מוכאַמאַר), בני זעורה (זאַאורא)[2], בני זיד (זייד), בני נצ׳יר (נאַדיר), בני קוריט׳ה (קו־רייזאַ), בני בהדל (באַהדאַל)[3], בני עוף (אַאוף), בני קצ׳ץ (קאַסיס); און בני קינוקע (קאַינוקאַ), ביים אויספלוס פון אילת (איילאַט)־בוזעם אין ים־סוף.

יתרב איז געווען צוערשט מייסטנס אַ יידישע שטאָט, מיט גוטע באַפעס־טיקונגען און אַ צוואַנציק דערפער אַרום. אָבער אַזוי ווי זי האָט זיך אַנט־וויקלט, האָבן זיך פאַרמערט אַראַבישע שבטים אין דער אומגעבונג און אין שטאָט גופא, ביז זיי זיינען געוואָרן — נאָך פאַר מוחמדן (מוכאַמעדן) — אַ שטאַרקע און אַגרעסיווע מערהייט.

אין חיבר זיינען געווען גוט־באַפעסטיקטע יידישע ישובים. זיי האָבן געהאַט אַ רחבותדיק לאַנד, פרוכטבאַרע פעלדער און גערטנער. אין זייער צייט איז חיבר געוואָרן אַ מקור פון תבואות און פרוכט פאַר גאַנץ צפון־אַראַביע, פאַר יידן און ניט־יידן. די געגנט פון חיבר האָט געהאַט דריי טיילן: נטאה

2) בני תעלבה און בני זעורה זיינען געווען פאַריידישטע אַראַבישע שבטים.

3) בני נצ׳יר, קוריט׳ה און בהדל האָבן זיך מתייחס געווען צו אַהרן הכהן און זיך גערעכנט פאַר כהנים.

(נאַטאַ), שק (שאַק) און כותיבה (קוטייבאַ). די אַלע ישובים זיינען געווען דורכ־אויס יידישע. ערשט נאָך דעם ווי די אַראַבער האָבן באַהערשט דעם האַלב־אינזל, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן אין חיבר. אַן אַלטער אַראַבישער שרייבער (אַלסאַמהודי) איז משער, אַז דער נאָמען חיבר מיינט אויף העברע־איש אַ פעסטונג. אָבער אין העברעאיש איז ניטאָ קיין גרונד פאַר אַזאַ השערה. גיכער קומט חיבר פון דעם ווערב חבר — פאַראייניקן, למשל, אַ פאַראייני־קונג פון שטעטלעך און דערפלעך (אַזוי ווי די גריכישע שטעט אין ארץ־ישראל אין דער העלעניסטישער עפּאָכע — דעקאַפּאָליס). און אין חיבר זיינען טאַקע געווען אַ סך יידישע ישובים, באַשיצט פון שטאַרקע פעסטונגען.

וואַדי אַל־קוראַ, וואָס ליגט צווישן מדינה און תימא, איז דער פרוכט־באַרסטער אָרט אין כעדזשאַז. ניט ווייט פון דאָרטן איז געלעגן דער יידישער ישוב פון פדך (פאַדאַק) — אין יענער סביבה געפינט מען נאָך היינט רעשטן פון יידישע אַלטערטימער. לעבן תימא איז געשטאַנען דער שלאָס פון דעם יידישן פּאָעט שמואל בן־עדיה (אַדאַיאַ). ער איז געווען אַ באַרימטער גיבור. זיין שלאָס האָט געהייסן אַלאַבלק אַלפרד (אַלאַבלאַק אַלפאַראַד — דער גע־שטרייפטער און אָפּגעזונדערטער). אין דער אומגעבונג פון תימא האָט גע־לאַגערט אַ יידישער שבט שרמאת (שאַראַמאַט).

צו די שבטים פון יידישער אָפּשטאַמונג זיינען צוגעקומען, ווי געזאָגט, אַראַבישע שבטים, וואָס האָבן זיך מגייר געווען, ווי למשל די אויבן־דערמאָנטע תעלבה און זעורה, אָדער אָנגענומען צום טייל דעם יידישן גלויבן אין איין גאָט און זיך אָפּגעזאָגט פון געצנדינערײ; אייניקע פון זיי האָבן זיך מל געווען, למשל די חניפיה (כאַניפיע). אַזעלכע גרים און האַלב־גרים האָבן פאַרגרעסערט דעם כוח און די באַדייטונג פון די יידן אין אַראַביע.

וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין דרום־אַראַביע און דער יידישער מלוכה אין חמיר (כימיאַר), וועלכע האָט עקזיסטירט הונדערטער יאָרן, האָבן מיר שוין גערעדט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. דער חורבן פון חמיר האָט זייער אָפּגעשוואַכט די פּאָזיציע פון די יידן אויף דעם גאַנצן האַלב־אינזל. די יידישע ישובים פון מדינה, וואַדי אַל־קוראַ און חיבר, האָבן פאַרלוירן זייער וויכטיקסטן שטיץ־פונקט און האָבן זיך געפילט פאַראיינזאַמט. דער חורבן פון דער חמירישער יידישער מלוכה אין זעקסטן יאָרהונדערט האָט געפירט צום חורבן פון אַלע יידישע ישובים און שבטים אין צפון אַראַביע אין אָנהויב פון זיבעטן יאָרהונדערט.

ב.

אין אונזער לאַנגער, טויזנטער־יעריקער געשיכטע, וואָס איז אַזוי רייך מיט גבורות און טראַגעדיעס, זיינען פאַרגעקומען מאָמענטן, וואָס זעען אויס ווי אַן איבערחזורונג פון אַמאָליקע סיטואַציעס. די צעשטערונג פון דעם יידישן צענטער אין כעדזשאַז, 560 יאָר נאָכן חורבן פון צווייטן בית־המקדש, דערמאָנט אונז די חורבנות פונעם קעניגרייך פון יהודה — דאָס ערשטע מאָל דורך די כשדים און דאָס צווייטע מאָל דורך די רוימער. די גבורה פון די יידן פון חיברביים פאַרטיידיקן זייערע פעסטונגען און זייער פרייהייט וועקט אויף דעם זכר פון פאַרשידענע עפּיזאָדן אין דעם לעצטן קאַמף פון די יידן מיט די רוימער. לייענענדיק וועגן די גרויזאַמקייטן פון מוחמד, דעם אַראַבישן נביא, נאָך זיין נצחון, פון דעם רויב און מאָרד פון די געפאַנגענע, די פייניקונגען פון זייערע ווייבער און קינדער, קומען אונז אויפן זינען די נקמות פון נבוכדנאצר. דער חורבן פון צוויי יידישע שבטים, בני נצ׳יר און בני קינוקע, האָט אָנגעזאָגט אַלע יידישע ישובים אין אַראַביע וואָס זיי האָבן צו דערוואַרטן. און דער שרעקלעכער גורל פונעם יידישן שבט בני קוריט׳ה, וואָס האָבן געטרויט מוחמדן און געעפנט די טויערן פון זייער באַפעסטיקטער שכונה, האָט גאָר זיין גלייכן ניט אין דער גאַנצער פריערדיקער יידישער געשיכטע. אין דעם ווי מוחמד האָט געלאָזט זיי אַלעמען אויסהרגענען, מאַכנדיק דערצו דעם אָנשטעל פון אַ משפט, האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע פאַלשקייט און רשעות. די גבורה, מיט וועלכער די יידן זיינען געגאַנגען צום טויט, ברענגט אונז אויפן זכרון די קעמפער פון מצדה.

אין דעם בוך „היהודים בערב" (די יידן אין אַראַביע) פון דר. ישראל בן־זאב, וואָס צייכנט זיך אויס מיט דער פולקייט פון זיינע אַראַבישע קוואַלן און זיין וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג, ענדיקט דער מחבר דאָס קאַפּיטל וועגן דעם לעצטן קאַמף פון די חיברער יידן מיט די ווערטער: „די רעזולטאַטן פון דער מלחמה זיינען געווען שרעקלעך: די יידן פון חיבר, וואָס זיינען דאָרט געזעסן הונדערטער יאָרן און געלעבט — פריי און רואיק — פון זייער אַרבעט און מסחר, זיינען געוואָרן פאַרשקלאַפט און דערנידעריקט. אַ באַפעלקערונג, וואָס האָט געפירט אַ ריינעם פאַמיליען־לעבן, האָבן די זיגער פאַרכאַפּט זייערע פרויען און טעכטער און זיך מיט זיי צעטיילט ווי מיט שאָף און רינדער... אַ גאַנץ פאָלק איז געוואָרן הפקר" [4].

4) „היהודים בערב", ז. 131.

דר. בן־זאב ברענגט אין זיין בוך אַן אויסצוג פון דעם אַראַבישן היסטאָריקער אַל־וואַקידי (געלעבט אין 9טן יאָרהונדערט), פון וועלכן מ׳זעט ווי גרויס ס׳איז געווען דער חורבן איז חיבר. נאָך דעם ווי די האָרדעס פון מוחמד האָבן געענדיקט זייער צעשטערונגס־אַרבעט און פאַרלאָזן די געגנט, איז געקומען אַהין אַ גרופּע אַראַבער פון דער שטאָט מדינה צו זוכן שפּייז, ווייל חיבר, ווי געזאָגט, איז געווען אַ מקור פון תבואה און פרוכט פאַר אַראַביע. איינער פון דער קאָמפּאַניע, אַן אָנגעזעענער איינוואוינער פון מדינה, האָט שפּעטער דערציילט:

„פאַר דעם איסלאַם, ווען אַ הונגער האָט באַזוכט דאָס לאַנד — פלעגן גיין קאַראַוואַנען קיין חיבר, פדך און תימא. ביי די יידן זיינען תמיד געווען פרוכטן; זיי האָבן געהאַט וואַסער־קוואַלן. נאָך דעם ווי חיבר איז איינגענומען געוואָרן, האָט מען געזאָגט, אַז די יידן וועלן זיך נוקם זיין אין די מוסולמענער. אָבער מיר האָבן געליטן הונגער. איך בין אַרויסגעפאָרן מיט אַ גרופּע; איך האָב געפונען אַז אַלץ האָט זיך געענדערט: די רייכע בעלי־בתים פון חיבר האָבן מיר ניט געזען. מיר האָבן געפונען אָרעמע פויערים, וועלכע האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט. איין טאָג האָבן מיר געוויילט אין שק (שאַק); דערנאָך זיינען מיר געפאָרן קיין נטאה (דאָס אַלץ זיינען פריער געווען בליענדיקע יידישע ישובים). צום סוף זיינען מיר געקומען קיין כותיבה (קוטייבאַ). דאָרט איז אונז גרינגער געוואָרן אויפן הארצן" (דער יידישער ישוב אין כותיבה האָט זיך אונטערגעגעבן אָן קאַמף און איז אַזוי־אַרום ניצל געוואָרן פון חורבן).

נאָך דער מלחמה זיינען געבליבן אין געגנט פון חיבר נאָר אָרעמע רעשטן פון דעם פריערדיקן ישוב, און די געבליבענע זיינען געווען פאַרשקלאַפט צו די אַראַבער. זייער לעבן איז געווען תמיד אין סכנה און זייער האָב און גוטס — הפקר. זיי האָבן ניט געהאַט קיין כוח זיך צו באַשיצן פון די בעדואינישע רויבער. צוערשט האָט זיי מוחמד געלאָזט צורו, ווייל זיי זיינען געווען גענ״טע ערד־אַרבעטער און ס׳זיינען ניט געווען גענוג אַראַבישע פויערים צו פאַרנעמען זייער אָרט. אָבער די דאָזיקע טאָלעראַנץ האָט ניט לאַנג געדויערט. נאָך דעם ווי די מוסולמענער האָבן איינגענומען עבר־הירדן און סיריע, האָט זיי מער ניט געפעלט קיין לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. עומר (אָמאַר), דער צווייטער כאַליף נאָך מוחמדס טויט, האָט באַשלאָסן (אין 13טן יאָר לויטן מוסולמענישן לוח און 635 לויטן קריסטלעכן) צו פאַרטרייבן די יידן פון חיבר, פון פדך, און בכלל פונעם האַלב־אינזל, אויפן סמך פון

מוחמדס וואָרט: „ס׳זאָלן ניט זיין קיין צוויי רעליגיעס, איינע לעבן דער אַנדערער, אויפן אַראַבישן האַלב־אינזל״. דעריבער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: „ווער ס׳האָט אַ שרייבן פון גאָטס שליח, זאָל ער עס ברענגען צו מיר און איך וועל דאָס באַשטעטיקן. און ווער ס׳האָט ניט קיין שרייבן פון גאָטס שליח, זאָל זיך גרייטן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד״. דערפון איז קענטיק, אַז עומר האָט צוגעלאָזן אויסנאַמען פונעם כלל. אין וואַדי אַל־קוראַ און אין תימא זיינען טאַקע די יידן ווייטער פאַרבליבן — ווייזט אויס אַז זיי האָבן געהאַט שוץ־צעטלעך פון מוחמדן. אויך אין חיבר זיינען געווען יידן, וואָס האָבן געהאַט אַזעלכע צעטלעך, למשל, די פיל־צווייגיקע משפחה בני חנינה (אָדער בני חביבה — אין אַראַבישן כתב פון יענער צייט איז שווער צו אונטערשיידן צווישן „נון״ און „בית״, אויב דאָס איז ניט קלאָר פונעם טעקסט). אַ טייל פון זיי זיינען געבליבן אין חיבר און אין וואַדי אַל־קוראַ אויך נאָך עומרן. קענטיק, אַז יידן פון חיבר, וועלכע האָבן אויסגעוואַנדערט אין דער צייט פון עומר, זיינען צוריקגעקומען, מיט שוץ־צעטלען, נאָך זיין טויט, און באַנייט דאָרט דעם יידישן ישוב. און דער דאָזיקער ישוב האָט עקזיסטירט נאָך אַ לאַנגע צייט. קאַעטאַני, אַ באַקאַנטער איטאַליענישער פאָרשער פון איסלאַם, שרייבט, אַז אין די טעג פון דעם כאַליף עבד אַלמלך (אַבד אַל־מאַליק, 685 — 705) איז וואַדי אַל־קוראַ נאָך געווען באַפעלקערט פון יידן. ווייטער וועלן מיר אויך זען, אַז אין צענטן, עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט, איז נאָך דאָרט געווען אַ יידישער ישוב.

ג.

פון פאַרשידענע קוועלן (אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל האָב איך געבראַכט אין מיין אַרטיקל „צאצאי יהודי חיבר״ [די אָפּשטאַמיקע פון די יידן פון חיבר], „שאָר ישוב״, צווייטער טייל, תרצ״ו, ז. 66 און ווייטער), ווייסן מיר, אַז אייניקע פון די אויסגעוואַנדערטע יידן פון חיבר האָבן זיך באַזעצט אין תימא און אַנדערע — אין יריחו. אַהין זיינען געקומען אויך פאַרטריבענע פון אַנדערע שבטים, ווי למשל פון בני פדך און פון בני נצ׳יר. בני קינוקע זיינען אַוועק אין צפון פון עבר־הירדן און האָבן זיך באַזעצט אין דער געגנט פון אדרעי (עדרעאי). אַלטע אַראַבישע שרייבער — וואַקידי, בוכאַרי, מודזשיר אַ־דין

— דערמאָנען דעם יידישן ישוב אין יריחו אין 7טן יאָרהונדערט. פון אַנדערע קוועלן איז באַקאַנט זיין קיום אין 9טן יאָרהונדערט. אַ בעדואינער שבט, וואָס לאַגערט ביז היינט אין די סביבות פון יריחו, הייסט אַנציראַת — מעגלעך אַז ער שטאַמט פון די בני נצ׳יר, וועלכע מוחמד האָט פאַריאָגט פון כעדזשאַז און זיי האָבן זיך באַזעצט אין דער געגנט פון יריחו. פון דר. נ. שלם האָב איך געהערט, אַז דער שבט אַנציראַת רופט זיך אויך אַבו נציר, און מ׳האַלט אים פאַר אַ הייליקן שבט, עפּעס אַזוי ווי לויים: מענטשן פון אַנדערע בעדואינער שבטים קומען צו זיי בעטן אַן עצה אָדער צו באַקומען רפואות, קמיעות וכדומה.

י. ברעסלאַווסקי האָט אָנגעוויזן אויף אַן אָרט אין מזרח־זייט פון די חורבות פון אַמאָליקן שומרון, וועלכער הייסט היינט תל־חיבר (טעל־כאַיבאַר). ער איז משער, אַז אייניקע פון די יידן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן חיבר אין זיבעטן יאָרהונדערט, האָבן זיך באַזעצט אין שומרון, און פון זיי שטאַמען די קלאַנגען וועגן אומאָפּהענגיקע יידישן פירשטן אין כעדזשאַז. אין „שאָר ישוב", אין דעם אויבן־דערמאָנטן אַרטיקל, האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז די טראַדיציע פון די אַראַבישע דאָרפסלייט אין יוטאַ (אין דער סביבה פון חברון) וועגן זייער אָפּשטאַמונג פון די יידן פון חיבר, האָט אַ גרונד אין דערווירקלעכקייט: אַ טייל פון די יידישן עמיגראַנטן פון כעדזשאַז זיינען געקומען אין די בערג פון חברון און האָבן זיך באַזעצט אין יוטאַ.

איידער מיר קומען צוריק צו די געבליבענע אין חיבר, לאָמיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די אַנדערע יידישע שבטים, וועלכע האָבן אויסגעוואַנדערט פון כעדזשאַז קיין ארץ־ישראל. מיר וויסן שוין אַז בני קינוקע האָבן זיך באַזעצט אין דער געגנט פון אדרעי. אדרעי ליגט אין מערב־זייט פון סלכה (סאַלכאַ). די סביבה איז פול מיט וואונדערלעכע מערות, וועלכע זיינען געבליבן פון אַ פאַרצייטיקן יידישן ישוב. אַ סברא, אַז די קינוקער האָבן נאָך דאָרט געפונען רעשטן פון יענער אַלטער יידישער באַפעלקערונג. מסתמא האָבן זיי ווייטער געפירט זייער נאָמאַדיש לעבן און געפּאַשעט זייערע סטאַדעס אויף די רחבותדיקע פעלדער פון אדרעי. געוויס איז דערביי פאָרגעקומען אַ דערנענטערונג און אויסמישונג מיט דעם פריערדיקן יידישן ישוב. דורך דעם איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער יידישער עלעמענט אין יענער געגנט. אַנדערש קען מען ניט פאַרשטיין ווי דער דאָרטיקער איינזאַמער ישוב האָט געקענט עקזיסטירן נאָך הונדערטער יאָרן אין די פאַרוואָרפענע שטעטלעך

פון בשן, וויט פון אַ יידישן צענטער אין ארץ־ישראל, און נאָך ווייטער פון די גרויסע יידישע צענטערס אין חוץ־לארץ.

אַ זכר פון די יידישע קהילות אין אדרעי און אין סלכה געפינען מיר הונדערטער יאָרן שפּעטער אין ספר „כפתור ופרח" (14טער יאָרהונדערט). דער מחבר, ר' אישתורי בן־משה הפרחי (1282 — 1357 בע'), פּסקנט אַז די דינים פון גט אין די צוויי קהילות דאַרפן זיין אַזויווי אין ארץ־ישראל, ד.ה., ער נעמט אָן, אַז יענע געגנט איז אַ טייל פון ארץ־ישראל. בנימין פון טודעלאַ (13טער יאָרהונדערט) דערמאָנט יידן אין גלעד, אַ זעכציק משפחות — זייערע פאָרשטייער זיינען דעמאָלט געווען: ר' צדוק און ר' יצחק און ר' שלמה. דאָס לאַנד איז רחבותדיק, פאַרמאָגט וואַסער־שטראָמען, גערטנער און פּרדסים און פון דאָרטן ביז סלכת (=סלכה) איז אַ מהלך פון אַ האַלבן טאָג. אין „תוספתא שביעית", פ"ל, ווערט דערמאָנט נאָך אַן אָרט עג'לון (עגלון אין גלעד) מיטן נאָמען חרים (כאַרים); ר' אשתורי הפרחי זאָגט, אַז די יידן פון חרים (די לאָקאַליזירונג פונעם אָרט איז ניט זיכער. אין מערב־זייט פון עגלון ליגט אַ קליין אַראַביש דערפל — מעגלעך אַז דאָרט איז געווען אַמאָל חרים) האָבן געפּראַוועט יום־טוב צוויי טעג (ווי אין חוץ־לאַרץ); אָבער די יידן פון עגלון, אין ר' אישתוריס צייטן, האָבן געפּראַוועט נאָר איין טאָג, אַזוי ווי אין ארץ־ישראל.

צום סוף פון 16טן יאָרהונדערט הערן מיר נאָך פון יידישע סוחרים אין גלעד (עגלון), און פון אַ מחלוקת איבער אַ קליין שטעטל לעבן קלעת אַ־רבאת (קאַלאַאַט אַ־ראַבאַט), אויב ס'איז אין ארץ־ישראל אָדער אויסער ארץ־ישראל; און ווידער וועגן יום־טוב — אויב מ'דאַרף פּראַווען ימים־טובים איין טאָג אָדער צוויי טעג. ר' גדליה קורדוביירו האָט געטענה'ט, אַז דאָס שטעטל דאַרף זיך פירן ווי אין ארץ־ישראל, און ר' יום־טוב צהלון האָט געזאָגט, שטיצנדיק זיך אויפן רמב"ם — ווי אין חוץ לאַרץ. פון דאַגען זעען מיר, אַז עס זיינען געווען תלמידי־חכמים, וואָס האָבן געהאַלטן אַז דער דאָרטיקער ישוב איז אַ המשך פונעם אַמאָליקן יידישן ישוב אין גלעד. אַלטע לייט פון די אַראַבער האָבן געזאָגט, אַז עגלון איז „מקברת אַליהוד" — אַ יידישער בית־הקברות.

פון 11טן יאָרהונדערט האָבן מיר אַ ידיעה וועגן אַ יידישן ישוב אין צפון פון עבר־הירדן, אין חמתן, אָדער: חמתא של גדר (כאַמטאַ שעל גאַדער, Amatus), וואָס מיינט: „הייסע קוואַלן". דער אָרט איז געווען באַרימט מיט

זיינע טייטלען. אין אַ בלעטל פון דער קאַירער גניזה (פון מיטן 11טן יאָר־הונדערט), וואָס ר׳ ש. אסף האָט פאַרעפנטלעכט אין „תורתם של גאונים" (די תורה פון די גאונים), תרצ״ג (1933), איז די רייד פון איינעם אלעמתני, ד.ה., אַן איינוואוינער פון חמתן, חמתא של גדר [5].

אין דער סביבה פון אדרעי זעט מען דאַלמענס, וואָס די אַראַבער רופן זיי „קבר אליהוד" (קברים פון יידן). אדרעי איז אַ צענטער פאַר אַ צווייג פונעם גרויסן בעדואינישן שבט ענזה (אַנאַזע) — וולד עלי (אַלי); אַנדערע צווייגן פון דעם דאַזיקן שבט — וולד סולימאַן און אַלידאַן — וואַנדערן אַרום אין די סביבות פון חיבר. ס׳ליגט זיך אויפן זינען, אַז אַט־די בעדואינישע שבטים האָבן אַ שייכות צו יידישע קהילות און שבטים פון עבר־הירדן, די אַמאָליקע אויסוואַנדערער פון כעדזשאַז.

לאָמיר זיך אומקערן צו די רעשטן וואָס זיינען געבליבן אין אַראַביע. מיר האָבן זיכערע באַווייזן, למשל, וועגן וואַדי אַלקוראַ, אַז אַ יידישער ישוב האָט דאָרט עקזיסטירט הונדערטער יאָרן נאָכן גירוש פון כאַליף עומר — לכל־הפּחות, ביזן סוף פון 12טן יאָרהונדערט. דער אַראַבישער היסטאָריקער בלאַד׳רי (באַלאַזורי, 9טער יאָהרונדערט) ברענגט אַ ידיעה וועגן יידן אין וואַדי אַלקוראַ אין די טעג פון כאַליף יזיד א׳ (680 — 683). אין דער צייט פון מר צמח גאון איז געקומען קיין קיירואַן אלדד הדני. ער האָט דערציילט די דאָרטיקע תלמידי־חכמים וועגן יידישע שבטים אין דעם אַראַבישן מדבר (דערביי האָט ער אָנגערופן מיט די נעמען דעם שבט אפרים און דעם האַלבן שבט מנשה). זיינע דערציילונגען זיינען אויסגעמישט מיט אַלערליי פאַנטאַזיעס, אָבער ס׳איז אין זיי דאָ אַ קערן פוןווירקלעכקייט: אין די מדבריות פון אַראַביע האָבן נאָך עקזיסטירט יידישע שבטים.

מקדסי (מוקאַדאַסי, אַן אַראַבישער געאָגראַף, צווייטע העלפט פון 10טן יאָרהונדערט) זאָגט, אַז אין זיין צייט זיינען די יידן געווען אַ גרויסע מערהייט אין וואַדי אַלקוראַ. אַ באַשטעטיקונג פון אַט־דער ידיעה האָבן מיר אין דעם פאַקט, וואָס די דאָרטיקע יידן האָבן זיך געווענדעט מיט שאלות צו רב שרירא גאון און צו זיין זון, רב האי (939 — 1038), דעם אב בית־דין פון פומבדיתא,

---

5) זע י. ברעסלאַווסקי, „קטעי גניזה על דלאתה, קדש, עמאתה ובניאַס" (ברעקלעך פון דער גניזה וועגן דאַלאַטאַ, קעדעש, אַמאַתאַ און באַניאַס) אין „ידיעות", שבט־ניסן, תרצ״ח (1938), ז. 125; און ש. אסף, „דלאתה, קדש ובניאַס" אין „ידיעות", זעקסטער יאָרגאַנג, ערשטע העלפט, ז. 17.

וועגן דיני ירושה פון באַדן. אין זייער ענטפער ברענגען די גאונים אַ ראיה פון תלמודישן טעקסט בנוגע טייטל־ביימער; און די יידן פון וואַדי אַלקוראַ האָבן זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט טייטל־ביימער. אין אַן אַנדער בריוו פון דער גניזה, פון 11טן יאָרהונדערט, איז די רייד פון צוויי בריוו, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן פון וואַדי אַלקרי (קוראַ) קיין צור, צו איינעם מיטן נאָמען יצחק. אין די בריוו פרעגט מען אים, פאַרוואָס האָט ער געלאָזן זיין פאַמיליע אין רבת־עמון — און זיין ווייב אַן עגונה, אַ לעבעדיקע אַלמנה — שוין פיר יאָר. דערפון ווייסן מיר אַז דער יידישער ישוב אין וואַדי אַלקוראַ האָט נאָך עקזיסטירט אַ קורצע צייט פאַר די קרייץ־פירער, און האָט געהאַט באַציאונגען מיט יידן אין עבר־הירדן און ארץ־ישראל.

פון אַלע ידיעות, פון פאַרשידענע צייטן און קוועלן, לערנען מיר, אַז אין דער געגנט פון חיבר זיינען נאָך לאַנג געבליבן רעשטן פון יידישע עלע־מענטן, בפרט אין וואַדי אַלקוראַ.

אויך ר׳ בנימין פון טודעלאַ (אומגעקערט זיך פון זיינע נסיעות אין 1173) רעדט פון יידישע שבטים אין אַראַביע. אָבער די ידיעות, אין דעם טייל פון זיין חיבור, זיינען ניט אַזוי קלאָר און זיכער, ווי געוויינטלעך אין זיינע באַשרייבונגען. ס׳זעט אויס, אַז ער אַליין איז ניט געווען ביי יענע יידן, און ער האָט בלויז פאַרשריבן דאָס וואָס ער האָט געהערט אין בבל, אין ארץ־ישראל אָדער אין מצרים.

ד.

בנימין פון טודעלאַ איז אונזער לעצטער מקור פון מיטל־אַלטער, וועלכער דערמאָנט די יידן פון אַראַביע אין דער עפּאָכע פון די קרייץ־פירער. פון דעמאָלט, און אין דעם גאַנצן פעריאָד פון דער הערשאַפט פון די מאַמלוקן אין מצרים, האָבן מיר ניט קיין ריכטיקע ידיעות וועגן זיי — ניט פון יידן און ניט פון גויים; און די אַראַבישע שרייבער פון יענער צייט חזרן איבער וואָס ס׳שטייט אין די אַלטע ביכער און זיי אַליין זיינען גאָרנישט מחדש. אָבער ניט־קלאָרע קלאַנגען וועגן יידן אין חיבר האָבן ניט אויפגעהערט ביז אין דער נייער צייט. מ׳האָט דערציילט פון זיי, אַז זיי לאָזן זיך אַראָפּ פּלוצ־לונג פון זייערע בערג, באַפאַלן און באַרויבן די קאַראַוואַנען פון די מוסול־

מענישע פילגרימען, וועלכע פלעגן גיין דורך כעדזשאַז קיין מדינה און מעקאַ.

ר׳ עובדיה פון באַרטינוראַ, אַ באַרימטער תלמיד־חכם פון איטאַליע, איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין 1488. פון אים האָבן מיר אַ קלאָרע און גענויע באַשרייבונג פון אַ נסיעה קיין ארץ־ישראל אין יענער צייט. צום סוף פון זיין בריוו פון ירושלים דערציילט ער: „ס׳איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַלע וויסן דאָס אין די דאָזיקע קאַנטן, אַז די ישמעאלים (מאַכמעדאַנער), פאַרנדיק פון מצרים אויפן וועג קיין מעקאַ, גייען דורך אַ גרויסן און מוראדיקן מדבר, און תמיד זיינען זיי, לכל־הפחות, פיר טויזנט קעמלען; און ס׳מאַכט זיך, אַז אין דעם מדבר ווערן זיי באַפאַלן פון אַ גרויסן המון פון מענטשן, הויכע ווי ריזן, וואָס איינער פון זיי קאָן פאַריאָגן טויזנט; און די ישמעאלים רופן זיי „אַל־אַראַביס״ (אַראַבער, ד.ה. בעדואינער) און „בנו אַל־סמר״ (שוואַר־צע), און בעת דער שלאַכט רופן זיי תמיד אויס: אלשדי! און די ישמעאלים דערציילן אַז יעדער איינער פון זיי קען טראָגן אַ קעמל אויף איין פלייצע; און אין דער אַנדערער האַנט האַלט ער אַ שפיז כדי צו קעמפן. און ס׳איז באַקאַנט אַז זיי זיינען פון יידישן גלויבן, און מ׳זאָגט אַז זיי זיינען פון די בני הרכבים״ (אויך ביי ר׳ בנימין בייטן זיך די נעמען רכב און כיבר: אין איין אָרט שטייט „בני רכב״ און אין אַן אַנדערן „בני כבר״).

ר׳ עובדיה האָט געהאַט אַן אינטערעס צו אַלע יידישע סעקטן און אָפּ־צווייגונגען. ער האָט באַשריבן די מנהגים פון די קאַראַאימער און שומרונים, פון אַנוסים וואָס האָבן זיך אומגעקערט צום יידנטום, די לאַגע פון די פאַלאַשאַס אין אַביסיניע. אַזוי האָט ער אויך פאַרשריבן אַלץ וואָס ער האָט געהערט מכוח די יידן אין חיבר. ער איז ניט דער איינציקער, וואָס האָט געהערט און איבערגעגעבן קלאַנגען וועגן פרייע יידישע שבטים אין אַראַביע, וועלכע וואַרפן אַן אַ מורא אויף די קאַראַוואַנען פון מוסולמענישע פילגרימען. די קלאַנגען זיינען געוועזן אַ שטענדיקער מאָטיוו אין די דערציילונגען פון רייזנ־דער אין די שפּעטערדיקע דורות, אָבער די ערשטע ידיעה, אין דער נייער צייט, געפינען מיר אין דעם בריוו פון ר׳ עובדיה.

וויכטיקער איז וואָס דוד הראובני האָט דערציילט אין זיינע זכרונות. אין אָנהויב פון די דאָזיקע זכרונות דערציילט ער וועגן זיך, אַז ער איז אַ ברודער פון דעם יידישן קעניג פון חבור, און דער קאָמאַנדיר פון זיין אַרמיי. חבור איז, פאַרשטייט זיך, חיבר, וויל פון חיבר — דורך די בערג — ביז צו דער שטאָט דזשידאַ, איז, ווי מיר ווייסן, אַ מהלך פון צען טעג. דוד הראובני

זאָגט, אַז זיין ברודער איז אַ קעניג איבער בני גד, בני ראובן און דעם האַלבן שבט מנשה, און זייער צאָל איז „שלושים רבוא" — 300,000 נפשות. מעגלעך אַז ער האָט גענומען די גוזמאַדיקע ציפער פון ר' בנימין פון טודעלאַ. אָבער געוויסע פאַקטן ווייזן, אַז ס'איז דאָ אַ קערן פון אמת אין די דערציילונגען פון דוד הראובני, למשל: זיין גיין פון חיבר דורך דעם אַראַבישן מדבר, ביז דזשידאַ, און וויפל טעג ער איז געגאַנגען. פון זיינע רייד און מאַניערן זעט מען ווי קלאָר ער איז געווען אין די מנהגים סיי פון די מאַכמעדאַנער, סיי פון די יידן. זיין מוט און גרייטקייט צו קעמפן, די קאַרבן און וואונדן אויף זיין לייב, זאָגן עדות אַז ער איז דערצויגן געוואָרן צום קריג. ער איז געווען אַ שליח פון יידן, פרייע פון אַ פרעמדן יאָך און געלערנטע אין מלחמה־פירונג — דערמיט האָט ער זיך דייטלעך אונטערשידן פון די יידן פון תימן און פון אַנדערע מזרח־לענדער פון יענער צייט. זיין פּאָליטישע שליחות צום פּאַפּסט איז געווען פשוט און קלאָר; און דער פּאַפּסט האָט אים אויפגענומען מיט צוטרוי אויפן סמך פון בריוו און רעקאָמענדאַציעס פון אייראָפּעאישע סוחרים און ים־לייט, וועלכע האָבן געקענט אים און די שבטים, אין וועמענס נאָמען ער האָט גערעדט. זיי האָבן געהאַט באַציאונגען מיט די דאָזיקע שבטים אָדער האָבן געהערט וועגן זיי פון זייערע אַראַבישע שכנים. זיין גאַנצע אויפפירונג און זיינע שמועסן מיטן פּאַפּסט ווייזן אויף געניטקייט אין מילי־טערישע און פּאָליטישע ענינים. אַזאַ טיפּ האָט זיך געקענט אויסבילדן בלויז אין אַן אַטמאָספער פון פּאָליטישער און מיליטערישער זעלבסטשטענדיקייט.

ר' אַברהם פריצול (פּאַריסאָל), אַ ספרדישער ייד פון יענער צייט, באַ־שרייבט אַזוי זיין אויסזען: קליין אין וואוקס, מאָגער, מוטיק, פּייניקט זיך מיט תעניתים, רעדט בעיקר לשון־קודש, אָבער ניט קלאָר, כמעט ניט צו פאַרשטיין. אין די אויערן פון אַ ספרדישן חכם, וועלכער האָט קיינמאָל ניט באַגעגנט קיין יידן פון תימן אָדער פון אַראַבישן אינלאַנד, האָט די אַראַבישע אויסשפּראַך פון דוד הראובני געקלונגען ווי אַ מין באַלאַבעטשען. און דניאל פון פיזאַ, וועלכער האָט אים געקענט פערזענלעך און איז געווען מיט אים ביים פּאַפּסט און געהערט זייער שמועס, זאָגט: „זיין לשון איז הגריש (אַראַביש) און אַביסל יידיש" (העברעאיש).

דאָס טאָגבוך פון אַן איטאַליענישן רייזנדער און סוחר, לואָוויקאָ די וואַרטעמאַ, וועלכער איז געווען אין חיבר אין 1503, ד.ה. מיט אַ יאָר צוואַנ־ציק פאַרן קומען פון דוד הראובני קיין אייראָפּע, באַשטעטיקט די עקזיס־

טענץ פון אַ באַדייטנדיקן יידישן ישוב אין חיבר אין זיין צייט. וואַרטעמאַ איז אַריבערגעגאַנגען צום מוסולמענישן גלויבן און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אַרומצופאָרן פריי איבער די אַראַבישע לענדער. ער דערציילט אַז דער קאַראַוואַן, מיט וועלכן ער איז געפאָרן קיין מעקאַ, האָט זיך אָפּגע־שטעלט אין חיבר כדי אָנצוטרינקען די קעמלען. דאָרט זיינען געווען פיר־פינף טויזנט יידן. וואַרטעמאַ איז באַקאַנט ווי אַ מענטש וואָס דערציילט זיינע פאַקטן טרוקן און פינקטלעך, אָן פאַנטאַזיעס. פון זיין באַשרייבונג זעען מיר, אַז דעמאָלט איז נאָך געווען אין חיבר אַ רעשט פון דער אַמאָליקער יידישער באַפעלקערונג [6]).

צו יענער צייט געהערט אויך דער בריוו פון דויד מן האדומים (1535), וועלכן י. אַברהמס האָט פאַרעפנטלעכט אין J.Q.R. 9טער יאָר, נומער 35, ז. 495; איבערגעדרוקט אין „מעמר״ פון א. לונץ, ג, ז. 201. דער שרייבער פון בריוו, אַן איינוואוינער פון צפת, האָט געהאַט אָפענע אויגן און אויערן. ער דערציילט:

„איך האָב שוין גענישטערט און געפאָרשט דעם ענין פון די שבטים. ס'איז אַ וואונדערלעכע זאַך. די ווייטקייט איז אָן אַ שיעור. אַ מהלך פון מער ווי אַ יאָר דורך דער וויסטעניש. דער אמת איז, ווי ס'איז מיר קלאָר געוואָרן פון פאַרשידענע מענטשן און מיט פאַרשידענע וועגן, אַז אויפן וועג קיין מעקאַ (אין אַן אָרט) אין מדבר, זיינען פאַראַן אַ סך יידן. זיי וואוינען אין געצעלטן, און מיט זיי, ד.ה., ניט ווייט פון זיי, זיינען דאָ אַ סך אַראַבער. און זיי רויבן אַלץ וואָס גייט פאַרביי אויפן וועג און צעטיילן זיך מיטן רויב, די יידן און די אַראַבער; און אויב זיי טרעפן אָן אויף אַ יידן, גיבן זיי אים מתנות און באַגלייטן אים ביז אַ זיכערן אָרט. אַ סך אַזעלכע פאַלן האָט מען מיר דערציילט״.

ה.

ווען די טערקן האָבן איינגענומען די אַראַבישע לענדער זיינען נאָך געווען יידישע שבטים אינעם האַלב־אינזל; אָבער פון יענער צייט האָבן מיר

6) The Itinerary of Ludovico di Varthema of Bologna, Discourse by Sir Richard Carnac Temple.

נאָר ברעקלעך ידיעות. אין מיטן פון 17טן יאָרהונדערט איז אַרויס אַ בוך פון אַ פראַנצויזישן רייזנדער לע־בלאַן (ציטירט פון י. ברעסלאַווסקי אין זיין אַרטיקל „עלית יהודי כיבר לארץ־ישראל ותל־כיבר", אין „מזרח ומערב", ג, ז. 14־15). לע־בלאַן איז דורכגעפאָרן אַ יידישן ישוב אויפן וועג פון סיני קיין מעקאַ. ער שרייבט:

„אויף אונזער וועג פון הר סיני זיינען מיר געקומען צו אַ בערגל, וואו ס׳איז געווען אַ דאָרף מיטן נאָמען ג׳וסאַרה (דזשוסאַראַ אָדער דזשאָסאַראַ). כמעט אַלע זיינע איינוואוינער זיינען יידן. די דאָזיקע יידן גייען אַרום כמעט נאַקעט; בלויז מיט אַ שטיקל טוך פאַרדעקן זיי די שאַנדע; און בטבע זיינען זיי שלעכטע און גראָבע מענטשן".

פון דעם געזאָגטן ווייסן מיר ניט ניט דעם אָרט פון יענעם דאָרף און ניט די צאָל פון די יידן דאָרט. וואָס נוגע זייער כאַראַקטער און באַנעמונג, איז קיין וואונדער ניט, אַז במשך פון די לאַנגע דורות פון זייער איינזאַמקייט און אָפּגעריסנקייט פון יידישן לעבן, האָבן זיי איבערגענומען די מידות פון זייערע שכנים. ווערדליך ווי לע־בלאַן באַשרייבט זיי, מוז עס זיין דער בעדו־אינישער שבט בדול, וועלכער וואַנדערט אַרום ביז היינט אין די בערג פון סלע־אדום (פעטראַ). אין דער סביבה גייען אום קלאַנגען וועגן דער יידישער אָפּשטאַמונג פונעם דאָזיקן שבט בדול.

איבער חיבר אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט געפינען מיר אַ ידיעה ביי דעם רייזנדער און פאָרשער, ניבור — ער איז געווען דער הויפּט־מקור פאַר אַלע טוריסטן און פאָרשער ביז דער ענגלענדער דאוטי האָט פובליקירט (אין 1888) דעם מאָנומענטאַלן באַריכט פון זיינע וואַנדערונ־גען אין די מדבריות פון אַראַביע. אין ניבור׳ס צייט זיינען אין חיבר געווען זעלבסטשטענדיקע שייכן פון די שבטים בנו־מזיד, בנו־שחאַן, בנו־ענזה. ניבור שרייבט (זיינע נסיעות האָט ער געמאַכט אין די 60קער יאָרן פונעם 18טן יאָרהונדערט):

„ניט בלויז אין פאַרוואָרפענע ווינקלעך פון אַראַביע זיינען צעזייט היי־פעלעך יידן, אונטער מוסולמענישער הערשאַפט — אין די בערג פון כעדזשאַז, אין דער נאָענט פון חיבר, זיינען דאָ גאַנצע שבטים, אונטער דער פירונג פון אומאָפּהענגיקע שייכן.

„און עס זיינען דאָ פאַרשידענע קליינע הערשער אין די בערג פון כעדזשאַז און אין אַנדערע ערטער. אָבער איך קען ניט יענע זעלבסטשטענ־

דיקע מדינות, נאָר די געגנט פון חיבר, אין צפון־מזרח טייל פונעם לאַנד, און מ׳זאָגט אַז ביז היינט וואוינען דאָרט פרייע יידן, און זיי האָבן זייערע אייגענע הערשער, אַזוי ווי די איבעריקע אַראַבער... די מוסולמענער אין צפון, האָבן אַזאַ שנאה צו די בני חיבר, אַז ס׳איז ניטאָ ביי זיי קיין ערגערער זידל־וואָרט, ווי צו זאָגן אויף עמעצען: ער שטאַמט פון די בני חיבר. זיי דערציילן, אַז די בני חיבר באַרויבן זייערע קעמלען־קאַראַוואַנען. און באַלד, אין אַן אַנדער דערציילונג, איז שוין ניטאָ קיין פאַראַכטונג: מ׳רעדט מיט כבוד וועגן יענע יידן און מ׳זאָגט אַז אין דעם לעצטן רויבערישן אַנפאַל זיינען די אַנפירער געווען שייכן פון חיבר און פון די ענזה פון נעדזשד. אמת, די הילף מיט מענטשן, וואָס די יידן פון חיבר האָבן געגעבן די אַראַבישע באַנדעס ביים אַנפאַל, איז ניט געווען גרויס. ס׳ווייזט אויס אַז צווישן די יידן פון חיבר און די איבעריקע יידן אין אַראַביע איז גאָר ניטאָ קיין בונד און קענטשאַפט. על כל פנים, אַזוי האָבן מיר פאַרזיכערט יידן פון חלב (כאַלאַב) און דמשק (און האָבן געזאָגט) אַז זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט פון זייערע ברידער, די בני חיבר. און ווען איך האָב זיי דערציילט וואָס איך האָב געהערט פון אַ סך מוסולמענער, האָבן זיי געענטפערט, אַז די יעניקע וועלכע גיבן זיך אַרויס פאַר זייערע ברידער, וואָגן ניט באַגעגענען זיך מיט זיי, ווייל זיי היטן ניט אָפּ די מצוות פון זייער רעליגיע... דער נאָמען פונעם שבט ענזה (אַנאַזע) האָט אַ גרויסע שייכות צום נאָמען ׳אנוש׳ און ׳אנשי׳, וועלכער קומט פאָר אין די ׳מסעות רבי בנימין׳; אויך ווערן זיי (די ענזה) דערמאָנט אין מוחמדס צייטן... פון דאַנען זעען מיר אַז די זעלבסטשטענדיקייט פון יענע יידן דויערט שוין מער ווי טויזנט און הונדערט יאָר״ [7].

דער מיסיאָנער יוסף וואָלף האָט געהאַט אַ שמועס אין ירושלים (1822) מיט ר׳ משה סכות און מיט נאָך אַנגעזעענע לייט פון די קאַראַאימער. ער האָט געפרעגט ביי זיי, אויב אין די אויגן פון די קאַראַאימער זיינען די בני חיבר יידן. האָבן זיי געענטפערט: חס ושלום! זיי קומען ניט קיינמאָל קיין ירושלים. בעת יהושע האָט געבראַכט זיין פאָלק קיין ארץ־ישראל זיינען זיי געבליבן אין מדבר, און נאָך דעם זיינען זיי דאָרט געבליבן די אַלע דורות, אָן צו קענען

7) Carsten Neibuhr (1761-67): Beschreibungen von Arabien, Kopenhagen, 1772. s. 25. געבראַכט אין „בכורי העתים״ פון ש. י. ראַפּאַפּאָרט. און אויף פראַנצויזיש: Description de l'Arabie, Amsterdam, 1774. p. 325-26.

די תורה און די נביאים. זיי וואַנדערן אַרום ווי רויבער און מענטשן־פיינט — און רופן זיך „בני משה״.

אַנדערשוואו דערציילט וואָלף, אַז ער איז געפאָרן זען די ריכבים, לעבן צנעא (סאַנאַאַ) אין תימן (1834) און האָט פאַרבראַכט ביי זיי זעקס טעג. זיי האָבן זיך זייער געפרייט מיט אים, ווייל פריער מיט צוועלף יאָר, בעת זיין ערשטער נסיעה אין אַראַביע, האָט ער באַגעגנט איינעם פון זייערע מענטשן אין אַרם־נהריים. מ. אַ. גינזבורג האָט באַשריבן אין „דביר״ יענע ערשטע באַגעגעניש (ערשטער טייל, ז. 100, וואַרשע, תרמ״ד — 1884). אָבער פון דער באַשרייבונג זעט מען, אַז דער נוסח פונעם מיסיאָנער וואָלף איז ניט זייער ריכטיק. אפשר האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ יידן פון תימן, וועלכער איז געקומען קיין איראַק דורכן מדבר און, געוויינטלעך, האָט וואָלף ניט פאַר־זאַמט די געלעגנהייט צו געבן אים אַן עקזעמפּלאַר פון דער עוואַנגעליע. שפּעטער, זייענדיק אין אַ דאָרף לעבן צנעא, האָט ער באַוויזן צו צעטיילן די דאָרפסלייט 80 עקזעמפּלאַרן. יענער דאָרף האָט אָבער ניט קיין שייכות צו די פרייע יידישע שבטים פון חיבר.

ר׳ דוד דבית הלל פון ירושלים זאָגט אין זיינע זכרונות (געדרוקט אין מאַדראַס, אינדיע, 1832; צום טייל איבערגעזעצט אויף העברעאיש פון אַ. יערי און פאַרעפנטלעכט אין „סיני״, תרצ״ט — 1939, העפט ז׳־ח׳), אַז די יידן פון חיבר זיינען פון שבט דן, זיי זיצן אין מדבר, און זייער „קעניג״ וואוינט אין אדרעי (ס׳איז כדאי צו געדענקען, אַז דער יידישער שבט קינוקע, ווען ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון אַראַביע, האָט זיך באַזעצט אין דער געגנט פון אדרעי). ווייטער דערציילט ער, אַז זיי נעמען צינזן פון די פּילגרימישע קאַראַוואַנען, און אויב דער קאַראַוואַן שפּאַרט זיך איין און וויל ניט צאָלן, צעראַבעווען זיי אים אין גאַנצן.

ער דערציילט אויך, אַז אין באָמביי, אין 1830, האָט ער געהערט פון אַן איירעפּעאישן ייד, יעקב טיילאָר, אַז אין 1828 איז אַ יידישער סוחר פון אַפריקע געפאָרן קיין חורן (כאַראַן) אין עבר־הירדן וועגן זיינע עסקים. אייג־מאָל, בעת ער האָט געדאַוונט, איז צו אים צוגעגאַנגען אַ בעדואינער, האָט זיך פאַר אים געבוקט און אַ קוש געטאָן זיינע תפילין. דאַן האָט ער אים געזאָגט אַז ער איז אַ ייד פון שבט דן, און אויב ער (דער סוחר פון אַפריקע) וועט איינוויליקן קומען צו זיי, וועלן זיי זיך מיט אים זייער פרייען און אים אויפ־נעמען מיטן גרעסטן כבוד. האָט אים דער סוחר געפרעגט, ווי ווייט איז

ביז זייער אָרט. האָט דער בעדואינער געזאָגט: געוויינטלעך מאַכט מען דעם וועג אין צען טעג; אָבער ער האָט דאָ פלינקע קעמלען און קען אים ברענגען אַהין אין דריי טעג. האָט דער סוחר געפרעגט: ווי לאַנג וועט מען אים דאָרט פאַרהאַלטן. האָט יענער געענטפערט: דאָס וועט זיך ווענדן אין זייער קעניג און דעם נשיא, ווייל זיי אַלע ווילן זייער זעען איינעם פון זייערע ברידער פון ארץ־ישראל. האָט דער סוחר געזאָגט צו אים: קום מיט מיר קיין צפת, דאָרט וועל איך זיך זעגענען מיט מיין ווייב און מיינע קינדער, און וועל פאָרן מיט דיר. האָט יענער געענטפערט: „אונז איז פאַרבאָטן איבערצוגיין דעם ירדן — ביז דער טאָג וועט קומען". מיט דעם האָבן זיי זיך צעשיידט. דער גאַנצער שמועס האָט זיך געפירט אויף העברעאיש.

דער פראַנצויזישער באַראָן די בוּאַ האָט געפאָרשט זייער גרינדלעך מצרים און די שכנותדיקע לענדער. ער האָט געשריבן זיין בוך אין 1833, אָבער געדרוקט האָט מען דאָס בוך ערשט מיט 90 יאָר שפּעטער [8]. דאָרט שטייט:

„די איינוואוינער פון אַראַביע זיינען אָדער וואַהאַבן אָדער מוסולמענער. אַ סך שבטים זיינען שיאיטן, און אַזוי אויך די אַראַבער אויף די אינזלען פון בחרין (באַכריין). דער יידישער שבט פון די ריכבים — מ'שאַצט אים אין זעכציק טויזנט נפשות — איז אַזוי ווי אַ בעדואינער שבט: זיי פירן דאָס לעבן פון פאַטריאַרכאַלע נאָמאַדן און גיבן זיך אָפּ, ווי יענע, מיט רויב און מלחמות".

ז.

במשך פון דעם 19טן יאָרהונדערט האָבן פאַרשידענע פאָרשער, יידן און ניט־יידן, געפּרואווט זוכן די שפּורן פון די יידן פון חיבר. איך האָב שוין אויבן דערמאָנט די פאָרשונגען פון ר' דויד דבית הלל אין אָנהויב פון פאָריקן יאָרהונדערט. ר' יעקב ספיר, וועלכער איז אַליין געווען אין תימן, און אַריינגעדרונגען טיף אין לאַנד, דערציילט אין זיין בוך, „אבן ספיר", וועגן איינעם וואָס איז פאַר אים געגאַנגען אויף דעם וועג. ר' ברוך משה איז אַרויסגעפאָרן פון צפת אין חודש חשון, תקצ"א (1831). ער איז געפאָרן קיין

8) La Mission de Baron du Bois Comte, 1833. Ed. Société Royale de Géographie. Le Caire, 1922. p. 160. פאַר דער ציטאַטע האָב איך צו דאַנקען פּראָפ. נ. סלושץ.

צנעא, די הויפטשטאָט פון תימן, צו זוכן די פאַרלוירענע יידישע שבטים. ער האָט דערציילט, אַז אין דער געגנט פון חידאַן האָט ער געטראָפן יידן, שאָף־פּאַסטוכער, פון שבט דן. אין 1863 איז י. ספיר געווען אין ג׳ידה (דזשידאַ), די פּאָרט־שטאָט פון מעקאַ. דאָרט האָט ער געהערט פון אַראַבער וועגן חיבר אין זיין צייט. זיי האָבן געזאָגט: „די סביבה פון חיבר איז פול מיט גוטע גאָרטנס, פּרדסים און כרמים. זיי געהערן צו די בערג־איינוואוינער פון דער זייט פון מדבר (ד.ה. פון כעדזשאַז), און צו די וועלכע וואוינען ביים טייך פּרת, פון דער אַנדערער זייט פונעם מדבר; און נעגערס, זייערע קנעכט, זיצן דאָרט אויפן אָרט און היטן די פעלדער און די גערטנער. דער נאָמען פון די יידן אין חיבר איז געבליבן ביי די היגע אַראַבער ווי אַ קללה און אַ חרפּה. אַלע ווילע האָב איך געהערט ווי זיי זאָגן, איינער צום אַנדערן, ביים זידלען זיך: ׳יהוד אַלחיבר!׳ — און דאָס איז די ערגסטע זידלעריי און דער גרעסטער בזיון. ווייל זיי (די יידן פון חיבר) האָבן לאַנג מלחמה געהאַלטן מיט זייער נביא (מוחמד) און האָבן אים שטאַרק צוגעזעצט אין יענער מלחמה. זיי זיינען געווען גיבורים, געניטע קעמפער אויפן שלאַכטפעלד, און האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן צו אים און ניט אָנגענומען זיין גלויבן, ביז, צום סוף, האָט ער זיי אויסגעראָטן פון לאַנד. און היינט איז די שטאָט חיבר חרוב און וויסט, ניטאָ קיין לעבעדיק נפש".

ווייטער שרייבט ער פון די קאַראַאימער פון הית (אין איראַק), וועלכע מ׳האָט גערופן: „די אַראַבער פון הית". ער האָט זיך געטראָפן מיט זיי אין ירושלים און האָט געהערט פון זיי וועגן יידן, וועלכע מ׳רופט „די ענז (אַנז)־בעדואינער". דאָס זיינען „רבנישע" (ניט־קאַראַאימער) יידן, אַ זיבעציק משפּחות. פון צייט צו צייט קומען זיי קיין הית (אַ דאָרף אויפן ברעג פון פּרת). אָבער זייער וואוין־אָרט איז דריי טעג פון הית. זיי שטייען אונטערן שוץ פון דעם גרויסן בעדואינער שבט ענזה (אַנאַזע). אין ענינים פון אמונה — ווען זיי דאַרפן אַ שוחט, אַ לערער — ווענדן זיי זיך צו די יידן פון באַגדאַד. ספיר לייקנט אָפּ בכלל אַלץ וואָס ר׳ בנימין האָט דערציילט פון אַראַביע, אָן זיך אָפּצושטעלן אויף די פּרטים [9]. דערביי אָבער זאָגט ער אַז אין צנעא האָט ער באַגעגנט אַ משפּחה, וועלכע איז זיך מתייחס צום שבט דן — פון זיי האָט

9) „אבן ספיר" פון יעקב ספיר הלוי פון ירושלים. געדרוקט אין ליק, 1896, קאַפּיטל 15; און וועגן ר׳ ברוך משה אין קאַפּיטל 41.

ער געהערט אַז אין דעם אַראַבישן מדבר זיינען דאָ ביז היינט מענטשן פֿון דעם דאָזיקן שבט.

חיים חבשוש (כאַבשוש) באַמערקט אין זיינע זכרונות, אַז די יידן פֿון נאַדזשראַן (תימן) „פּלאַפּלען עפּעס מכוח בני דן און בני ראובן און דערציילן פֿון זיי מעשיות" („מסעות חבשוש", אַרויסגעגעבן פֿון ש. ב. גויטיין, תל־אָביב, 1939). אין דעם סקעפּטיש־משכילישן טאָן פֿון חבשוש, בעת ער גיט איבער ווי די נאַדזשראַנער יידן ריידן פֿון די שבטים, הערן מיר, אייגנטלעך, די מיינונג פֿון זיין לערער, פּראָפ. יוסף הלוי.

י. ספּיר דערציילט ווייטער: „ס'איז אַ זיכערער פֿאַקט און קלאָר ווי טאָג, אַז אין מזרח־צפֿון־זייט פֿון צנעא, אַ מהלך פֿון 25 טעג אויפֿן וועג קיין מעקאַ, זיינען פֿאַראַן אַ סך יידן, וועלכע לעבן רואיק און אין פֿרידן מיט די אַראַבער, אין דערפֿער און אין געצעלטן. ס'איז ניטאָ איבער זיי קיין בייטש און קיין הערשער, זיי הערן ניט קיין קול פֿון אַ באַדריקער. ס'איז ניט צו דערקענען פֿון אַ יידן ביז צו אַ ישמעאלי, ווייל אַלע טראָגן זיי וואָפֿן, אַלע זיינען געניט אין קריג־פֿירונג, און זיי גייען צוזאַמען מיט די בעדואינער מלחמה האַלטן מיט פֿיינטלעכע שכנים. איך האָב גערעדט מיט יידן, וועלכע קומען פֿון צעדה־דקלה (סאַאַדאַ־דאַקלאַ) — אין צפֿון־מזרח־זייט פֿון צנעא, צען טאָג ווייט פֿון איר — בעת 'חאַג'' (כאַדזש — דער מוסולמענישער פּילגרימען־יום־טוב). זיי האָבן דערציילט (און אַלע ווייסן דאָס), אַז צוויי מאָל אין יאָר קומען צו זיי די דאָזיקע אַראַבישע יידן, בעת דעם גרויסן יריד. זיי קענען זיי פֿאַר אמתע יידן, אָבער זיי האָבן זיך ניט נאָכגעפֿרעגט וועגן זייער מקור, זייערע מנהגים, זייער תורה און אמונה, און פֿון וועלכן שבט זיי שטאַמען — ווייל יענע קענען דאָס ניט וויסן. אפֿשר זיינען זיי דאָס די יעניקע, פֿון וועמען די גויים, די פּילגרימען קיין מעקאַ, זאָגן, אַז זיי צווינגען זיי צו צאָלן אַן אָפּצאָל. און זיי (די גויים) — כדי צו מבזה זיין — רופֿן זיי: 'יהוד אַלחיבר'. מער ווי דאָס בין איך ניט דערגאַנגען אויף זיכער".

קריסטלעכע פֿאָרשער און רייזנדער פֿון מיטן און סוף פֿונעם 19טן יאָר־הונדערט זיינען אויך געקומען צו דער מיינונג, אַז איצט זיינען מער ניטאָ קיין יידן אין חיבר. קאַרלאָ גוואַרמאַני, אַן איטאַליענער, איז געווען אין חיבר מיט אַ יאָר פֿינף נאָך דער אַראַבישער נסיעה פֿון ספּיר, דהיינו, דעם 14טן־16טן פֿעברואַר, 1864. ער זאָגט אַז די דאָרטיקע איינוואוינער זעען אויס ווי סור־דאַנער. חיבר איז דעמאָלט געווען אַ שטעטל פֿון 2,500 נפֿשות, איינגעראַמט

אין פּלאַנטאַציעס פון טייטל־ביימער, אַזוי ווי תימא, און איינגעטיילט אין זיבן שכונות. יעדע שכונה האָט געהאַט איר באַוואָסערונג פון גוטע קוואַלן, אויף אַ הויכן פעלז, וועלכער באַהערשט סטראַטעגיש דאָס פלאַכלאַנד, האָט זיך נאָך געזען די חורבה פון „קאַסר אַליהוד", דעם יידישן שלאָס, וואָס מוחמד האָט איינגענומען אין 624; אין אַלטע צייטן האָט ער געהייסן מרחבא (מאַרכאַבאַ). די איינוואוינער, וועלכע גוואַרמאַני האָט געפונען אין חיבר, זיינען געווען צפון־אַפריקאַנער און אַביסיניער, אָפּשטאַמיקע פון שקלאַפן פון די בעדואינישע שבטים וולד סוליימאַן און אַלידאַן. מיט הונדערטער יאָרן צוריק איז אין חיבר אויסגעבראָכן אַ מגיפה פון פּאָקן. אַ סך פון די בעלי־בתים זיינען אויסגעשטאָרבן און די איבעריקע האָבן פאַרלאָזן די שטאָט. זיי גלויבן, אַז די פּלאָג איז געקומען פון די דאָרטיקע וואַסערן. די אַפריקאַנישע קנעכט זיינען געבליבן אויפן אָרט. זיי צאָלן די לאַנד־באַזיצער אַרענדע־געלט, באַאַרבעטן די וויינגערטנער און פּרדסים און זייען תבואות, וועלכע זיי האָבן נויטיק.

יעדן יאָר קומען וולד סוליימאַן און אַלידאַן קיין חיבר אויפצומאָנען זייער אַרענדע. זיי בלייבן שטיין אין דרויסן: אין שטאָט גייען זיי ניט אַריין, ווייל זיי זיינען זיכער, אַז דאָס וואַסער איז טויטלעך פאַר ווייסע מענטשן. דער מאַנער, אין גוואַרמאַניס צייט, איז געווען טאַלאַל איבן־ראַשיד, און די סומע, וואָס די שוואַרצע אַרענדאַרן האָבן געהאַט צו צאָלן, האָט אויסגעמאַכט 2,000 מעדזשידי־טאַלערס, וואָס האָבן געהאַט דעם ווערט פון 9,320 פראַנקן; דאָס איז זייער איינציקע אָפּצאָלונג.

דער פאָרשטייער פון די פרייע איינוואוינער פון חיבר איז געווען שייך חמד (כאַמאַד) איבן־שאַמאַמי, אַן אַבעסיניער. אַלע זיינען זיי דאָרט מאַכמע־דאַנער און בדרך כלל, זאָגט גוואַרמאַני, געמיטלעכע מענטשן.

ער איז זיכער, אַז ניבורס ידיעות וועגן יידן אין חיבר האָבן גאָר קיין גרונד ניט [10]. דאָך דערמאָנט ער עטלעכע בעדואינער שבטים אין דער אומ־געבונג, וועלכע האָבן יידישע טראַדיציעס, אָדער אַזעלכע וואָס אַנדערע דער־ציילן וועגן זיי, אַז זיי האָבן אַ שייכות צו אַמאָליקע יידישע שבטים: ענזה, התים (העטיים) און אַלידאַן, אַ צווייג פון וולד־עלי (אַלי). ווייטער וועל איך

10) Northern Najd, by Carlo Guarmani, London, 1938.

ברענגען וואָס דער ענגלישער פאָרשער טשאַרלז דאָטי האָט צו זאָגן אין אָט־דעם ענין.

מיר האָבן שוין געזען, אַז י. ספיר לייקנט אָפּ די ידיעות פון ר׳ בנימין פון טודעלאַ און ער האַלט, אַז אין אונזער צייט זיינען ניטאָ קיין יידן אין חיבר.

צו דער מיינונג זיינען געקומען, ווי געזאָגט, אויך ניט־יידישע פאָרשער אין 19טן יאָרהונדערט. דער גרויסער פאָרשער פון אַראַביע, טשאַרלז דאָטי, האָט זיך זייער באַמיט אויפצוקלערן דעם מקור און וועזן פון די דערציילונגען און לעגענדעס וועגן די יידן פון חיבר, וועלכע גייען אַרום אין די מזרח־לענדער סיי ביי יידן און סיי ביי אַראַבער. ער פירט אויס, אַז אין חיבר גופא איז ניטאָ קיין סימן פון אַ יידישן ישוב און בכלל פון יידנטום. אָבער דאָס וואָס ער דערציילט איז זייער אינטערעסאַנט און העלפט אונז צו געפינען די שפּורן פון יידישע שבטים אין אַראַביע.

רעדנדיק פון די איינוואוינער פון דער שטאָט מעאַן (מאַאַן, מעון) אין עבר־הירדן, באַמערקט ער, אַז מ׳שרייבט זיי צו אַ יידישע אָפּשטאַמונג [11]). אַנדערש־וואו שרייבט ער וועגן דעם דאָרף אַבלין אָדער אַווילין: דאָרט זיינען געזעסן שאַראַראַת, און אַנדערע זאָגן — בני כלב (קאַלב). אין אַן אַנדער אָרט, אַמשאַריפאַ, האָבן געלאַגערט בעדואינער אהל־תהימא, און זייער שייך האָט מען גערופן עלי אַל־סויסי (אַלי אַל־סווייסי) אָדער אַלסווירי היהודי (באַנד 1, ז. 285). ווייטער דערמאָנט דאָטי דעם גיבור איבן־טובאַ. ער האָט געהאַט זיין זיץ־אָרט אין דער אַלטער יידישער פעסטונג „קאַסר אַלשביב" און האָט געהערש איבער דער גאַנצער געגנט פון מעון, ביז צו דעם באַרג חרמון. אַזוי דערציילט אַ לעגענדע, וועלכע גייט אום ביי די בעדואינער בני־סכר (סאַקער). און אין מזרח־זייט פון ים כנרת איז נאָך היינט דאָ אַ שבט מיטן נאָמען אַל־כליב אָדער כלב, וועלכער איז זיך מתייחס צו איבן־טובאַ (באַנד 1, ז. 12־13).

וועגן דעם שבט התים (העטיים), וועלכער געפינט זיך ניט ווייט פון חיבר, זאָגט דאָטי, אַז דאָס זיינען לעבנסלוסטיקע מענטשן. זיי זיינען זיך מתייחס צו מרחב (מאַרכאַב), אַ שייך וואָס האָט געהערשט אין יענער סביבה

11) Ch. M. Doughty, Travels in Arabia Deserta, London, 1936.
אַ יידישער ישוב האָט עקזיסטירט אין אַל־חמאַם (כאַמאַם), לעבן מעון, אויך נאָכן קומען פון איסלאַם. זע מיין אַרטיקל „שרידי היהודים בחבל אדום" (רעשטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אדום), „ידיעות", באַנד 4, ז. 103.

באַלד נאָך מוחמדס מלחמות (באַנד 1, ז. 318). זיי זאָגן אַליין, אַז זיי שטאַמען פון די אַמאַליקע אײַנוואוינער פון חיבר און אַז זיי זײַנען טאַקע די אמתע בני חיבר. בעדואינער דערציילן, אַז די שבטים וולד עלי און פוקאַראַ זײַנען די באַרעכטיקטע בעלי־בתים איבער די באָדנס פון חיבר (באַנד 1, ז. 380). דאַוטי זאָגט, אַז צוויי פון די דריי קלאַנען פון וולד־עלי האַלטן אַז זיי שטאַמען פון די יידן פון חיבר; דאָס זעלביקע זאָגט מען אויך וועגן פוקאַראַ און וועגן דעם דרומדיקן צווייג פון ענזה (באַנד 1, ז. 389־390). די שונאים פון פוקאַראַ רופן זיי „פוג׳רא (פודזשאַרא, הפקר־יונגען) און אויך „יהוד אַלחיבר״, יידן פון חיבר (ב. 1, ז. 589).

דאַוטי שאַצט די ענזה אין 5,000 מענער, און זייער ראַיאָן אין 15,000 קוואַדראַט מייל (ב. 1, ז. 130). נאָך מוחמדן איז דער געביט פון ענזה געווען צווישן וואַדי אַלחומת און וואַדי אַ־רומאַ — היינט וואַנדערן דאָרט אַרום וולד־עלי און התים (העטיים). דאַוטי דערמאָנט אויך אַ שבט מיטן נאָמען אַל־תהגיף (טהעגיף), אַ צווייג פון ג׳הינה (דזשוהיינאַ), וואָס מ׳רופט אים „יהוד״. אין דער שטאָט מדינה גייט אום אַ ווערטל: „אַללה ילען תהגיף קדם תגוף״ (גאָט זאָל טהעגיף פאַרשילטן איידער זיי וועלן זיך אַ ריר טאָן. ב. 2, ז. 174).

פאַראַן חשובע יידישע משפחות אין באַגדאַד, און רײַכע יידישע סוחרים אין אינדיע, וועלכע זאָגן אַז זיי שטאַמען אָפּ פון די יידן פון חיבר. אָבער אַנגעזעענע יידן אין באָמביי האָבן דערויף געענטפערט דאַוטין, אַז דאָס זײַנען בלויז לעגענדעס (ב. 2, ז. 76).

דאַוטי דערציילט, אַז ביי די יידן אין די מזרח־לענדער גייען־אום פאַנ־טאַסטישע קלאַנגען וועגן די יידן פון חיבר. פון אייניקע האָט ער געהערט אַז דאָס זײַנען די בני ריכב. אויך אָריענטאַליסטן אין אייראָפּע האָבן אים געפּרעגט, אויב ס׳זײַנען טאַקע גאָר ניטאָ קיין יידן אין חיבר. ער שרײַבט אין זײַן בוך: „איך האָב געקענט אַ מיסיאָנער, וואָס האָט געוואָלט פאָרן קיין חיבר רײַטנדיק אויף אַן אייזל אום צו ברענגען אויפן וועג פון אמת די פאַר־בלאָנדזשעטע שעפעלעך פון ישראל. אָבער מײַן אויפריכטיקע עצה איז — בעסער זאָל זיך קיינער ניט אײַנשטעלן דאָס לעבן צוליב אַזאַ געדאַנק. הלוואי זאָלן מײַנע ווערטער ראַטעווען פון טויט עטלעכע מענטשן — וועט דאָס זײַן מײַן לוין פאַר מײַן מי״ (ב. 2, ז. 127).

וועגן חיבר אין זײַן צײַט זאָגט דאַוטי, אַז אין דער סביבה זײַנען דאָ

פּאַרצייטיקע יידישע חורבות, ווי למשל „די יידישע הייזער" צווישן חיבר און דער שטאָט מדינה (ב. 2, ז. 181).

איך וויל ברענגען אויף טשיקאַווע איינע פון די משונהדיקע לעגענדעס וועגן די יידן פון חיבר, וואָס דאָוטי האָט פאַרשריבן:

די היטער פון אַ פּילגרימען־קאַראַוואַן האָבן גענומען געפאַנגען דריי יידן פון חיבר, און דער פּאַשאַ, דער אָנפירער פונעם קאַראַוואַן, האָט באַפוילן זיי צו באַגראָבן לעבעדיקערהייט, ביז די אויערן, אין זאַמד. דער קאַראַוואַן איז געגאַנגען ווייטער זיין וועג. ביינאַכט איז געקומען צו די באַגראָבענע אַ שאַקאַל. ער האָט באַשמעקט צוויי פון די באַגראָבענע און פילנדיק אַז זיי זיינען טויט, האָט ער זיי געלאָזן צו רו. דער דריטער, אָבער, איז נאָך געווען לעבעדיק. דער שאַקאַל האָט גענומען גראָבן אַרום אים מיט די לאַפּעס ביז ער האָט אים באַפרייט. דער מענטש איז געקומען צו זיך און זעענדיק איבער זיך די ווילדע חיה, איז ער פאַר שרעק געפאַלן צו דער ערד; די חיה האָט זיך אָבער אויך דערשראָקן און איז אַנטלאָפן. דער ייד פון חיבר איז גלייך אויפגעשפרונגען און גענומען לויפן געשווינט נאָכן קאַראַוואַן, וועלכער איז שוין געווען פון אים אַ מהלך פון אַ גאַנצן טאָג. קומענדיק צום לאַגער, וואו דער קאַראַוואַן האָט זיך אויפגעהאַלטן, האָט ער אַריבערגעקלעטערט די שטריק און איז אַריין אין געצעלט פון דעם פּאַשאַ. דער אויבערהאַר איז גע־שלאָפן מיטן קאָפּ אויף זיין געלט־קאַסטן. דער ייד האָט אַרויסגענומען געלט פון קאַסטן וויפל ער האָט נאָר געקענט טראָגן און איז דערמיט אַוועק. די צווייטע נאַכט איז ער ווידער געקומען צו פּרואוון זיין מזל. דאָס מאָל האָט אים דער שומר געפּאַקט און איינגעשפּאַרט ביז אין דער פרי. אין דער פרי האָט מען אים געבראַכט אויפן אָרט פון דער עקזעקוציע. דער פּאַשאַ האָט אַוועקגע־שטעלט זיינע זעלנער אַרום אים און באַפוילן אים צו טויטן. האָט דער ייד צו אים געזאָגט: „מיין האַר, בין איך דען ניט דער יעניקער וועמען דו האָסט באַגראָבן — און דער וואָס האָט געגנבעט פון דיין אוצר נעכטן ביינאַכט? איך האָב פאַר דיר קיין מורא ניט". האָט דער פּאַשאַ געזאָגט: „ווי קענסטו, פאַרשאָל־טענער מענטש, ניט מורא האָבן פאַר מיר, פאַר דעם וועלכער קען דיך טויטן?" „קיין מענטש קען ניט אָנוואַרפן אויף מיר קיין אימה", האָט יענער געענט־פערט, און מיט איין שפרונג איז ער אַריבערגעפלויגן איבער די קעפּ פון די סאָלדאַטן און איז געלאָפן אַזוי געשווינט, אַז זיי האָבן אים ניט געקענט דעריאָגן.

ז.

ווען מיר אַנאַליזירן דעם אויבן־געבראַכטן מאַטעריאַל, מערקן מיר, אַז ס'איז דאַ אַ חילוק צווישן די ידיעות וועגן די יידן אין אַראַביע פאַר דעם 18טן יאָרהונדערט און די שפּעטערדיקע. ביז'ן 18טן יאָרהונדערט זיינען דאָ עדות, וואָס האָבן מיט זייערע אויגן געזעען פרייע יידישע ישובים אָדער שבטים אין צפון־אַראַביע; שפּעטער הערן מיר בלויז מעשיות און לעגענדעס און — ווי טש. דאָוטי זאָגט — ידיעות מכוח שבטים וואָס האָבן יידישע טראַדיציעס, און מכוח שבטים וואָס באַנוצן זיך מיטן נאָמען „בני חיבר", כדי אָנצוואוואָרפן דערמיט אַ שרעק אויף זייערע שונאים; אָדער זייערע שונאים רופן זיי אַזוי אויס שנאה.

ווייזט אויס אַז די רעשטן פון די יידישע שבטים האָבן פאַרלוירן זייער יידישן וועזן אין מיטן פונעם 18טן יאָרהונדערט — אַ קורצע צייט נאָכן אויפ־פלאַקערן פון דער וואַהאַבישער באַוועגונג. מ'קען ניט זאָגן אויף זיכער, אויב דאָס פאַרשווינדן פון די יידישע שבטים שטייט אין פאַרבינדונג מיט דעם אויפברויז פון יענער נייער כוואַליע פון פאַנאַטישן פוריטאַניזם אין איסלאַם. דער פאַקט איז, אַז אין דער וואַהאַבישער באַוועגונג זיינען געווען עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צום יידישן מאָנאָטעאיזם: די וואַהאַבער האָבן געבראַכן אַ סך איינגעוואָרצלטע געצנדינערישע מנהגים און געשטרעבט צו רייניקן דעם איסלאַם פון אַלערליי אָפּגעטערישע קולטן [12]). ס'קען זיין, אַז די יידישע שבטים, וועמעס יידישע טראַדיציעס האָבן זיך אויסגעוועבט אין די לאַנגע דורות פון אָפּגעזונדערטקייט אין אַראַבישן מדבר, האָבן ניט געקענט ווידערשטיין דעם דראַנג און אימפּעט פון דער ווילדער רעליגיעזער באַגייס־טערונג און פינצטערן פאַנאַטיזם, וואָס האָבן פאַרפלייצט דעם גאַנצן האַלב־אינזל. צוגלייך איז מעגלעך, אַז זיי האָבן געהאַט אַ נייגונג צום וואַהאַביזם, ווייל ער האָט מורד געווען אין דער אָרטאָדאָקסיע פון סונישן איסלאַם, וועלכע האָט זיי גרוזאַם געפּלאָגט און גערודפט טויזנט יאָר. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ביי זיי זיינען נאָך פאַרבליבן טונקעלע רעשטן פון יידישע טראַדיציעס — מ'קען עס ניט וויסן ביז מ'האָט ניט ריכטיק אויסגעפאָרשט אויפן אָרט זייער לעבנסשטייגער און זייערע אמונות. די אינפאָרמאַציע פון

12) דאָך האָבן זיי ניט געוואַגט אָפּצושאַפן דעם מנהג פון קושן דעם שוואַרצן שטיין פון קאַאבאַ און פון שטייניקן דעם שטן אין מונא.

דאָוטי איז אויך ניט געווען בכדי צו זאָגן אויף זיכער אַז ס׳זיינען ניט פֿער־בליבן דאָרט קיין פֿאַרשטעלטע יידן, פונקט ווי די אַנוסים אויפֿן פּירינעאישן האַלב־אינזל אָדער אין דער שטאָט מעשהעד, וואָס איז אַ צענטער פֿון פּער־סישן שיאיזם. אַן אַנדער ביישפּיל פֿון אַ באַהאַלטענער אמונה אונטער אַ מאַסקע פֿון איסלאַם, געפֿינען מיר ביי די דרוזן: טויזנט יאָר טראָגן זיי די דאָזיקע מאַסקע; אָבער ביי אַ געלעגנהייט, ווי למשל נאָך דעם ווי די פֿראַנ־צויזן האָבן איינגענומען חורן (חאַראַן), און די ענגלענדער ארץ־ישראל, האָבן זיך די דרוזן עפֿנטלעך אָפּגעזאָגט פֿון איסלאַם און פֿאַרלאַנגט דאָס רעכט צו האָבן אייגענע אַנשטאַלטן. כל־זמן די הערשאַפֿט אין די לענדער איז געווען אין די הענט פֿון די מוסולמענער, האָט די מאַסקע פֿון איסלאַם זיי באַשירעמט פֿון מאַכמעדאַנישן פֿאַנאַטיזם און זיי געלאָזט געניסן פֿון אַלע רעכט, וועלכע זיינען אַ פּריווילעגיע פֿון די „גלויביקע".

צום סוף איז כדאי צו ברענגען עטלעכע באַריכטן, וועלכע איך האָב באַקומען פֿון מענטשן וואָס זיינען אַליין געווען אין דער געגנט פֿון חיבר אָדער וואָס האָבן געזאַמלט ידיעות וועגן חיבר אין אונזער צייט פֿון דאָרטיקע איינוואוינער און בעת מעשה פֿאַרשריבן זייער אינפֿאָרמאַציע.

א) חסאַן ג׳מיל (כאַסאַן דזשאַמיל), אַן אַראַבער, האָט זיך מגייר געווען און געלעבט עטלעכע יאָר צווישן יידן אין ירושלים (נאָך דעם פּאָגראָם פֿון 1929 האָט ער זיך צוריק געשמדט אויף אַ מוסולמענער). פֿון אים האָב איך געקראָגן די פֿאָלגנדיקע פֿאַקטן: אין 1921 בערך האָט ער געהאַט אַ שטעלע פֿון אַ טעלעגראַפֿיסט אין תבוך (טאַבוק), אַ סטאַנציע פֿון דער כעדזשאַזער אייזנבאַן, צווישן מען (מאַאַן) און חגרא (כאַגרא, אַראַביש: אלחג׳ר), אויפֿן וועג קיין מדינה. דאָס וואָס איך האָב געהערט פֿון אים (אין 1929) האָב איך באַלד פֿאַרשריבן. ער האָט דערציילט אַזוי:

„מיט זעקס אָדער אַכט יאָר צוריק בין איך געווען אין חיבר און האָב דאָרט געוויילט אַ יאָר פֿיר אָדער פֿינף. די איינוואוינער האָבן בינשטאָקן, ציגן, שאָף און קעמלען — פֿינף־זעקס טויזנט קעמלען פֿאַרמאָגן זיי. זיי וואוינען אין שטיינערנע הייזער. פֿון אלעלא (אולאַ) ביז חיבר איז אַ מהלך פֿון דריי טעג. דער האַנדל איז מיט שאָף און ציגן: פֿון חיבר פֿירט מען זיי קיין אלעלא און מ׳באַקומט פֿאַר זיי רייז און מעל. די חיברער עסן קעמל־פֿלייש. פֿון שבת ווייסן זיי ניט. מען איז מל די ייִנגלעך בעת זיי זיינען אַלט אַ יאָר אָדער צוויי, ווי עס פֿירט זיך ביי די בעדואינער. די בעדואינער, שכנים

פון חיבר, זיינען: בני מוחמד, בני אלעולא (זיי שטאַמען פון אלעלא) און שרראת (שאַראַט), אַ צווייג פון ענזה. די איינוואוינער פון חיבר האָבן אַ פריינטשאַפט־בונד מיט שרראת און מיט בני מוחמד. בעת די טערקן האָבן געהערשט אין כעדזשאַז, האָבן זיי גענומען שטייערן פון חיבר אין דער פאָרם פון צדקה־געלט און מעשר, בסך־הכל 500 טערקישע פונט. איצט צאָלן די חיברער שטייערן דעם קעניג איבן־סעוד (סאַאוד) — פון בינען, קעמלען, ציגן און שאָף — טויזנט פונט; איך פלעג אויפמאָנען פון זיי דאָס געלט.

„אין חיבר זיינען דאָ אַלטע שטיינער מיט אויפשריפטן. אייניקע זאָגן אַז זיי זיינען אויף סיריש, אַנדערע מיינען — אויף גריכיש. ס׳פאַסירט אַז די איינוואוינער עפענען אַלטע קברים און פאַרען זיך אין זיי, געפינען צירונג און פאַרקויפן דאָס אין אלעלא. זיי שווערן ביי סולייטאַן בן דאַהוד (שלמה בן דוד), עליו השלום.

„די חיברער האָבן ניט חתונה מיט קיין פרעמדע, און אַנדערע האָבן ניט חתונה מיט זיי. זיי באַפאַלן נאָר די שבטים וואָס זיינען אויסער די גרענעצן פון כעדזשאַז, ווי למשל די תיאַהאַ, די מוואַלי.

„די איינוואוינער פון תבוך (טאַבוק) זאָגן אויף די חיברער, אַז זיי שטאַמען פון בני ישראל; אַזוי זאָגן אויך די איינוואוינער פון תימא. די חיברער זיינען באַפריינדעט מיט בני עטיה (אַטיאַ). אויך מיט ערב אל־פוקאַראַ שטייען זיי אין נאָענטע באַציאונגען".

ב) ר׳ יאָסל קיווס (יאָסל צורף), אַן אַלטער ייד, אַ געבוירענער אין ירושלים, איז געווען אַ וויכטיקער עדות ביים פאַרהער וועגן כותל המערבי. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גוטן זכרון. פון זיין מויל האָב איך פאַרשריבן, אין 1930, די פאָלגנדיקע זכרונות:

„אין מיין יוגנט בין איך געפאָרן אין מדבר און געקומען ביז מדאַאין צלאַח (מאַדאַאין סאַלאַך). וויי̇טער קען מען ניט גיין — ניט קיין ייד און ניט קיין קריסט. איך האָב זיך באַשעפטיקט מיט פאַרקויפן היי און בין געווען אַ שותף פון הולו־באַשי. הולו־באַשי האָט געהאַט צו פירן דעם ׳מחמל׳ (מאַכ־מאַל, אַ רעליגיעזע מתנה פאַרן טעמפל אין מעקאַ) יעדן יאָר קיין מעקאַ. איין יאָר האָב איך אים אַנטליען טויזנט לירעס (טערקישע פונט) פונעם געלט וואָס איז געווען ביי ר׳ ישראל־בער פרומקין. ר׳ ישראל־בער איז געפאָרן קיין דמשק און איך בין געזעסן אין סאלט (אין עבר־הירדן). יעדער שעיך, און יעדער סתם־חשוב פון די בעדואינער, האָט באַקומען פון אונז אַ ׳בייטל׳.

מ׳האָט אונז פאַרגעלייגט צו געבן דער רעגירונג אַ הלוואה פון טויזנט לירעס — האָבן מיר מסכים געווען. מוסאָ פרחי (משה פּאַרכי) פון דמשק איז געווען דער קאַסירער. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו פאָרן מיט אים קיין גרש (דזשעראַש, אין עבר־הירדן). בעת מיר זיינען אָנגעקומען איז דאָרט געווען אַ קריג צווישן צוויי פּאַרטייען, און זיי האָבן געשאָסן איינע אויף די אַנדערע. מיר האָבן געפירט מיט זיך די קאַסע. דער הולו־באַשי האָט געשיקט מענטשן אונז אַנטקעגן און מיר זיינען צוגעפאָרן גלייך צו זיין געצעלט. ביי אים האָבן מיר געטראָפן אַן ענגלישן גלח אָדער אַ בישאָף. מיר האָבן גערעדט מיט אים וועגן די יידן אין חיבר. דער באַשי איז דערביי געווען. האָט דער גלח געזאָגט: ׳איך, מיט מיינע אויגן, האָבן געזען נאָר איינעם׳. האָט געזאָגט דער הולו־באַשי: ׳דו האָסט געזען איינעם — איך האָב געזען דריי. זייערע קליידער זיינען פון פעל, קיין זאַך ניט פון געוואַנט. זיי רייטן אויף פערד אָן זאָטלען; אַלע זיינען זיי הויכע מענטשן; זייער געווער איז, בעיקר, לאַנגע שפּיזן; זיי האַלטן זיך שטאָלץ. מ׳זאָגט אַז זיי זיינען ׳יהוד אַלחיבר׳. די וועגן זיינען דאָרט בחזקת סכנה, און ווען זיי הרגענען עמעצן, עפענען זיי אים דעם בויך. זיי האַלטן שבת, אָבער זיי גזלנען. שבת לאָזן זיי זייערע סטאַדעס לעבן זיך און גייען ניט פּאַשען זיי אויפן פעלד׳ — אין דעם האָבן בײדע איינגעשטימט, דער באַשי און דער גלח.

ג) וואָס צוויי סאָלדאַטן, געבוירענע אין חיבר, האָבן דערציילט.

מיין פריינט, אליהו אילת (איילאַט), וואָס אינטערעסירט זיך שוין לאַנג מיט דער פּראָבלעם פון די יידן פון חיבר, האָט זיך געטראָפן אין תדמור (פּאַלמירע, אין סירישן מדבר) — דעם 16טן פעברואַר, 1930 — מיט צוויי סאָלדאַטן פון כעדזשאַז, קעמל־רייטער. דעם זעלביקן טאָג האָט ער מיר געשריבן וואָס ער האָט פון זיי געהערט. איך ברענג דאָ אַן אויסצוג פון זיין בריוו:

„...אָקאָרשט געקומען פון אַ שמועס מיט צוויי אמתע חיברער. ביידע דינען זיי אין דעם פראַנצויזישן רעגימענט פון קעמל־רייטער. איך האָב געהערט אַז אין דעם רעגימענט זיינען פאַראַן אַ סך סאָלדאַטן פון כעדזשאַז און פון נעדשד. האָב איך געפרעגט ביי אַן אָפיציר, מיינעם אַ באַקאַנטן, אויב ס׳איז דאָ צווישן זיינע סאָלדאַטן עמעצער פון חיבר. האָט ער דורכגעקוקט די ליסטן (וואו די סאָלדאַטן זיינען פאַרשריבן) און געפונען צוויי פון חיבר. היינט אין אָוונט האָב איך זיך געטראָפן מיט די צוויי חיברער סאָלדאַטן. דער

אַפּיציר האָט געשיקט מיט מיר אַ סערזשאַנט. מ׳האָט מיך אויפגענומען גאָר פריינטלעך, געמאַכט טיי, און מיר האָבן זיך געזעצט שמועסן.

„איך האָב זיי געזאָגט אַז איך לערן אַראַבישע געשיכטע. מיט יאָרן צוריק האָט באַזוכט חיבר אַן אייראָפּעאישער געלערנטער — איצט וויל איך וויסן, וואָס פאַראַ ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אין חיבר זינט זיין באַזוך. איך האָב זיי געבעטן מיר דערציילן אַלץ גענוי, מיט אַלע פּרטים.

„ביידע חיברער האָבן דעם זעלביקן נאָמען: מוחמד; און ס׳איז גאָר קיין אונטערשייד ניטאָ אין אויסזען צווישן זיי און די היגע (תדמורער) בעדואינער. זייערע פּנימער זיינען טונקל, זיי טראָגן צעפּ. ביידע זיינען פון מיטעלן וואוקס. איינער איז אַלט אַ יאָר פינף און דרייסיק און דער אַנדערער — אַ יאָר דרייסיק. ביידע רעדן אַרויס דעם גימל — ג (ניט דזש, ווי אין ארץ־ישראל און סיריע), און זייער אויסשפּראַך איז ווייכער ווי די אויסשפּראַך פון די היגע (ארץ־ישראלדיקע) בעדואינער. ביידע זיינען געבוירענע חיברער. זייערע אָבות און אָבות אַבותיהם זיינען געווען חיברער. ביידע האָבן פאַרלאָזן חיבר מיט פינף יאָר צוריק (אין 1925).

„געהערעדט האָט בעיקר דער עלטער מוחמד — ער האָט אַ סך געוואַנדערט און אַ סך געזען. פריער האָט ער געדינט אין איבן־סעודס אַרמיי. ער קען פּילבי. ער האָט אויך געקענט דעם קאַפּיטאַן שעקספּיר, וועלכן מ׳האָט דערהרגעט אין מדבר. וועגן חיבר, זיין געבורטס־אָרט, האָט ער מיר דערציילט אַזוי:

„חיבר ליגט דריי טעג ווייט פון אלעולא, אַ סטאַנציע פון דער כעדזשאַזער איזנבאַן; אַביסל ווייטער איז הדיה (האַדיע), אַן אַנדער סטאַנציע; און פון ינבע (יאַנבואַ, אין צפון־כעדזשאַז, אויפן ברעג פון ים־סוף) ביז חיבר רייט מען אויף אַ קעמל זיבן־אַכט טעג. אלעולא איז אַ גרעסערער ישוב ווי הדיה, און דער עיקר האַנדל פון חיבר פירט זיך מיט איר. חיבר איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן — די פעסטונג, אויפן באַרג, און די שטאָט גופא, אונטערן באַרג, לעבן קוואַל. אין שטאָט זיינען פאַראַן ביי 500 הייזער און אַ 2,500 נפשות. אין דער פעסטונג שטייען איין סאָלדאַטן פון איבן־סעוד, פּופּציק מאַן. לעבן קוואַל וואַקסן אַ סך טייטל־ביימער. חיבר איז רייך אין פעלדער; כמעט אַלע איינוואוינער גיבן זיך אָפּ מיט אַקערן און זייען תבואות. קראָמען זיינען אויך דאָ גענוג — אַ פופציק קראָמען. די קרעמער קויפן ביי די בעדואינער זייערע פּראָדוקטן און פאַרקויפן זיי וואָס זיי האָבן נויטיק. די

אײַנוואוינער זײַען ווײַץ און גערשטן, און די גערעטעניש זײַנען זײער גוט. ניטאָ אין אַראַביע קײן בעסערע טײַטלען ווי די חיברער. די ערד זעט אויס גרוי, און דער באַרג, אויף וועלכן די פעסטונג שטײט, איז כמעט שוואַרץ. דער קוואַל איז זײער גוט, ער גיט אַ סך וואַסער. קײן באַזונדערן נאָמען האָט ער ניט. מיט זײַן וואַסער באַטרינקט מען די פעלדער.

„ביז איבן־סעודן איז שווער געווען צוצוקומען קײן חיבר. און הײַנט האָט די רעגירונג געמאַכט אַ וועג פאַר אויטאָמאָבילן, און מ׳ברענגט די פּאָסט. דער קלימאַט איז זײער גוט: ניט הײסער ווי אין אַנדערע ערטער אין כעדזשאַז.

„צוויי סאָרטן אײַנוואוינער זײַנען דאָרט פאַראַן — ווײַסע און שוואַרצע: ווײַסע 2,000, שוואַרצע 500. די שוואַרצע רופט מען — קנעכט. זײ באַשעפטיקן זיך מיט ערד־אַרבעט אָדער מיט האַנדל, אַזוי ווי די ווײַסע; אָבער די ווײַסע זײַנען זיך ניט מתחתן מיט די שוואַרצע. די אײַנוואוינער טראָגן עביות (אַבאַיעס, וואָלענע מאַנטלען). זינט דער הערשאַפט פון איבן־סעוד האָט מען גאָר אויפגעהערט זיך צו באַנוצן מיט זײד.

„אַלע אײַנוואוינער זײַנען מוסולמענער, סוניטן; קײן אַנדער אמונה איז אין חיבר ניטאָ׳.

„אויף מײַן שאלה: ווער זײַנען די יהוד אלחיבר, און אויב מ׳רופט אַזוי, נאָך הײַנט, די אײַנוואוינער פון חיבר? האָט מוחמד געזאָגט: ׳מיר הײסן אָפיציעל: חיברער; „יהוד אליחבר״ רופט מען אונז בלויז ווען מ׳וויל אונז זידלען אָדער שילטן. מיר ווייסן אַז אַמאָל זײַנען דאָ געווען ייִדן, זײ האָבן באַוועלטיקט די גאַנצע סביבה; דערנאָך האָט מען זײ געהרגעט און פאַריאָגט פון חיבר; און אַ טייל פון זײ האָבן אָנגענומען איסלאַם. מיר, די ווײַסע אײַנוואוינער פון חיבר, שטאַמען פון יענע ייִדן, וועלכע האָבן אָנגענומען די רעליגיע פון מוחמד. די פריערדיקע רעליגיע האָבן אונזערע אָבות פאַרלאָזן, און מיר ווייסן גאָרנישט פון איר. די אײנציקע זאַך וואָס איז געבליבן פון די ייִדן אין חיבר, זײַנען אויפשריפטן — אַ סך אויפשריפטן, אויף די ווענט פון דער פעסטונג און אויף די שטײנער אויסער דער שטאָט, אין מדבר. מיר רופן די שטײנער מיט די אויפשריפטן: כאַדזשאַר אַליהוד. קײנער פון אונז קען ניט לײענען וואָס עס שטײט געשריבן אויף יענע שטײנער. די גאַנצע סביבה איז מוסולמעניש, אַזוי ווי מיר. ס׳איז ניטאָ קײן סימן פון ייִדן אין גאַנץ כעדזשאַז׳.

„די אײַנוואוינער פון חיבר שווערן נאָר בײַ אַללאַ — ניט בײַ מוחמד

אַדער אַן אַנדער נביא. די געוויִנטלעכע נעמען אין חיבר זיינען: מוחמד, עבדאַללה, עזיז, סגר (סאַגאַר); אויך מוסאַ (משה), עיסא (ישוע), יעקוב, דויד, יוסף. די דינים און תקנות פון איסלאַם היטן זיי אין נוסח פון די סוניטן. זיי האָבן ניט אין חיבר קיין שירים אָדער ווערטלעך, אין וועלכע ס׳זאָל דער־מאָנט ווערן דער נאָמען „יידן". די צייט־רעכענונג איז ביי זיי ווי ביי אַלע מוסולמענער.

„מיט דער רעגירונג פון איבן־סעוד איז מען זייער צופרידן אין חיבר. ער האָט זיי געשיקט אַ שופט, אַ לערער און אַ דאָקטאָר. איצט איז דאָרט דאָ אַ שולע און אַ שפּיטאָל. אין דער שולע לערנט מען נאָר דעם קוראַן, און אַלע קינדער קענען היינט לייענען און שרייבן אַראַביש.

„אין דער אומגעבונג פון חיבר געפינען זיך די שבטים: ענזה, אַלידאַן און אַנדערע. די שררת לאַגערן צווישן ג׳וף (דזשאָף) און מעון; בני עטיה (אַטיאַ) — צווישן תבוך און חיבר. די חיבערער האַנדלען מיט די אַלע בעדואינישע שבטים. זיי זיינען אַלע סוניטן, אַזוי ווי די איינוואוינער פון חיבר. פון חיבר ביז תימא רייט מען אויף אַ קעמל פינף טעג. אויך דאָרטן זיינען דורכאויס מוסולמענער".

ד) וואָס דריי אַראַבער פון חיבר האָבן דערציילט.

אין אָב, 1929, האָט מיין פריינט, פּ. בר־אדון, אויסגעפרעגט דריי אַראַבער פון חיבר, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער קאָנצעסיע פון ים־המלח, לעבן דעם באַרג פון סדום. אַלע דריי זיינען פון אַן אָרט לעבן דעם שלאָס „מרחבא אַלחסן" (מאַרכאַבאַ אַלחאַסאַן). מרחב איז געווען אַ באַרימטער יידישער גיבור פון נטה) (נאַטאַאַ) און איז געפאַלן אין קאַמף מיטן שווערד אין האַנט. וועגן זיין וואונדערלעכן שווערד הערט מען נאָך היינט נסים ונפלאות אין כעדזשאַז. די דריי האָבן דערציילט: נאָך דעם ווי עלי אבן אבו טאַלב (אַלי איבן אַבו טאַלעב, מוחמדס אַ שוועסטערקינד) האָט באַזיגט די יידן פון חיבר, זיינען זיי געוואָרן מאַכמעדאַנער, און איצט געהערן זיי צו דער ריכטונג פון חנבלי (כאַנבאַלי). די איינוואוינער פון חיבר זיינען פויערים. זייער באַשעפטיקונג איז צו זייען תבואות און גריניסן און פאַשען די סטאַדעס. אַלע שטאַמען זיי פון יידן. אַזוי דערציילן די אַלטע לייט. אַלע אַראַבער וויסן דאָס. אויפן טויער פונעם שלאָס מרחבא, אָדער איבערן טויער, זעט מען אַן אויפשריפט אויף העברעאיש — על כל פנים ניט אויף אַראַביש — און זי איז פון דער צייט פון דעם אויבן־דערמאָנטן מרחב. דער מוכטאַר (עלטסטער) פונעם שלאָס מרחבא הייסט עבד

אללטיף אַלשאַלאַ. ווייטער האָבן זיי אָנגעגעבן נעמען פון די גרויסע שייכן פון חיבר, פון די גאַסן און שכונות אין פאַרשידענע ערטער, און דערביי אויך דערמאָנט „כנסת אַליהוד" — די חורבות פון אַ ידישער שול. די איינוואוינער פון חיבר, האָבן זיי געזאָגט, זיינען זיך מתחתן נאָר צווישן זיך.

ה) אַ שייך פון דעדזשד האָט דערציילט אַברהם שפיראָן (פון פתח־תקוה): בעת איבן־סעוד האָט איינגענומען מעקאַ, און חוסיין, דער הערשער פון כעדזשאַז, איז אַנטלאָפן, איז ער (דער דערציילער) אַנטלאָפן מיט אים. די חיברער האָבן אַ באַזונדערן בית־עולם, און זיי גיבן ניט זייערע טעכטער צו אַנדערע (ד. ה., צו מענער פון אַנדערע שבטים). אַלע זיינען זיי גיבורים. זיי היטן די ריינקייט פון זייער שטאַם. זיי וואוינען אין דער סביבה פון חיבר און מ'רופט זיי „יהוד אַלחיבר".

ח.

ר' יוסף שוואַרץ דערציילט אין זיין בוך „תבואות האָרץ" (1846) וועגן ידישע באַמיאונגען אין זיין צייט צו לעזן דאָס רעטעניש פון חיבר. „איך האָב אויך געזוכט ווי דאָס צו דערגרייכן. האָבן מיר באַשלאָסן צו שיקן אַן ענער־גישן מענטש, וועלכער זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר אַן אַראַבישן פילגרים און דורכגיין אַראַביע און אונז ברענגען ריכטיקע ידיעות וועגן די יידן פון חיבר. האָבן מיר אויסגעקליבן ר' עמרם, אַ ייד פון צפון־אַפריקע, אַן איינוואוינער פון צפת — ער האָט געהאַט עסקים מיט בעדואינער. איך האָב אים אויפגע־שריבן די פּראָגראַם פון דער נסיעה לויט מיינע ידיעות פונעם לאַנד, און האָב אים מיטגעגעבן מיין בוך וועגן ארץ־ישראל („תבואות האָרץ"), און נאָך דעם ווי מ'האָט אים באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן איז ער אַרויסגעפאָרן אין חודש אלול, תר"ו (סעפּטעמבער, 1846). מיט אַ יאָר שפּעטער האָב איך געקראָגן פון אים אַ בריוו פון צנעא, דורך קאַהיר. ער האָט מיר מודיע געווען, אַז בעת זיין נסיעה מיטן לאַנד צווישן צנעא און מאַקאַ האָבן פיינטלעכע בעדואינער אים באַראַבעוועט. דאָך זיינען די דאָקומענטן געבליבן ביי אים. אָבער ווייטער פאָרן איז אוממעגלעך, ווייל דאָרט גייט אַן אַ מלחמה צווישן בעדואינער. ער וועט מוזן בלייבן אין עדן (אַדען) ביז ס'וועט ווערן רואיק. איך זאָך האָט

ער זיך דערוואוסט אויף זיכער: אין מזרח־זייט איז דאָ אַ גרויסער שבט פון יידישע בעדואינער, מיטן נאָמען שבט בנימין — אים האָט ער בדעה צו באַזוכן. ער וויל מיר שרייבן קלאָרע און זיכערע ידיעות; על כן וועט אַריבער נאָך אַ סך צייט ביז ער וועט מיר שרייבן (ביז היינט — 1852 — האָב איך פון אים קיין בריוו ניט באַקומען)".

פון דעם וואָס ר' יעקב ספיר זאָגט וועגן דעם ענין (אין זיין בוך, „אבן ספיר", ז. 95־96), זעען מיר, אַז אויך די זיכערקייט פון חכם עמרם בנוגע דעם שבט בנימין איז געבליבן בחזקת אַ שמועה. ספיר שרייבט אַז חכם עמרם מערבי (ד. ה. פון צפון־אַפריקע) פון צפת, אַ מוטיקער, ענערגישער און פאַרשטענדיקער מענטש, האָט זיך מתנדב געווען צו זוכן די עשרת השבטים און בני משה. „ער איז דורכגעפאָרן דאָס לאַנד חגאג (כעדזשאַז) און געווען אין דער שטאָט מעקאַ. ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַראַבער, און אַזוי ווי ער האָט געקענט זייער גוט אַראַביש (זיין מוטערשפּראַך), אויך לייענען, און דעם קוראַן מיט די תפילות, האָבן זיי אים געהאַלטן פאַר אַ למדן, און ניט דערקענט. דאָרט האָט ער זיך נאָכגעפרעגט און געפאָרשט וועגן די בני רכבים (יהוד אַלחיבר) און האָט זיי ניט געפונען. פון דאָרט איז ער געקומען קיין תימן, און אין דער שטאָט צנעא, און איז אַרומגעגאַנגען און געווען כמעט אין דעם גאַנצן לאַנד, אַפילו געגאַנגען אין די פוס־טריט פון ר' ברוך ביז צו דער שטאָט חידאַן. אָבער ער האָט זיך ניט איינגעשטעלט צו גיין אין יענעם גרויסן און מוראדיקן מדבר, און האָט זיך אומגעקערט אַהיים; און אַזוי ווי ער איז געגאַנגען, אַזוי איז ער צוריקגעקומען, און האָט גאָרנישט דערגרייכט מיט זיין מי".

שומאַכער ברענגט אין זיין בוך "Across the Jordan" (ז. 116, לאָנדאָן, 1886), וואָס ער האָט געהערט פון שייך מוחמד, דעם עלטסטן שייך פון וולד־עלי:

„איך פאַרשטיי גאַנץ גוט (האָט געזאָגט דער שייך), אַז נאָך דעם ווי מ'וועט בויען די גרויסע אייזנבאַן, וועלן מיר ניט קענען לאַנג בלייבן אין חורן (כאַראַן). פון אַלעמאָל האָבן מיר געוואוסט, אַז דאָס לאַנד וועט ניט אייביק זיין אונזערע; מיר האָבן געהערט, אַז די זין פון די וואָס זייערע ביינער ליגן דאָ, אין דער ערד, אונטער די חורבות (אויף אַראַביש: „קובור בני־ישראל" — די קברים פון בני ישראל), וועלן צוריקקומען און פון דאָס ניי אויפבויען די שטעט, אַזוי ווי זיי זיינען געווען אין די טעג פון זייערע אָבות. מיר וועלן

אוועק קיין אַדזשלון (עגלון, דער צפון־טייל פון גלעד). דאָרט איז אַ רחבותדיק לאַנד — פאַר אונזער שבט וועט קלעקן".

דעם דאָזיקן שמועס מיט שייך מוחמד האָט שומאַכער געהאַט אין עין־דקר (איין־דאַקאַר), דעם צענטער פונעם שבט וולד־עלי בעת ער לאַגערט אין חורן, ניט ווייט פון דאָרט זיינען דאָ דאָלמענס, וועלכע מ׳רופט אין דער סביבה: „קובור בני־ישראל".

וולד־עלי זיינען אַ צווייג פון ענזה; זיי ציילן 1,800 געצעלטן. אַנדערע גרויסע טיילן — אין סיריע און ארץ־ישראל — פון דעם שטאַרק־צעצווייגטן שבט ענזה זיינען: רולה (רואוואַלאַ) — 3,500 געצעלטן; סבעא (סאַבאַאַ) — 1,800 געצעלטן; פדעאן (פאַדאַאַן) — 3,500 געצעלטן; אין איראַק: עמאַראת (אַמאַראַט) — 4,200 געצעלטן; און אין כעדזשאַז גופא: פוקאַראַ, בני־וואַהאַב, וולד־סוליימאַן (און אַלידאַן).

דאָוטי זאָגט (ז. 380), אַז וולד־עלי און פוקאַראַ האָבן אייגנטומס־רעכט אויפן באָדן פון חיבר. אויסער וולד־עלי זיינען זיך מתיחס צו די יידן פון חיבר אויך די התים (העטיים). גוואַרמאַני און דאָוטי דערמאָנען די טראַדיציע פון וולד־עלי, לויט וועלכער זיי שטאַמען פון די יידן פון חיבר. איצט האָב איך געפונען — אין אַ בריוו פון דר. יצחק לוי צו דר. הערצל — נאָך אַ וויכטיקן פאַקט. דער בריוו איז פון 2טן אָקטאָבער, 1904; דער אָריגינאַל געפינט זיך אין דעם ציוניסטישן אַרכיוו אין ירושלים.

דר. י. לוי דערמאָנט אין דעם בריוו, אַז ער איז געווען אַמאָל אַ טער־קישער באַאַמטער אין דמשק, אַן אינספעקטאָר אין דער אָפּטיילונג פון אַגרי־קולטור. ער שרייבט, אַז דער שייך פון וולד־עלי, מוחמד אַלסאַווירי (אָדער אַלסאַויסי), זאָגט גאַנץ אָפן, אַז ער שטאַמט פון די יידן פון חיבר.

בעת דר. י. לוי האָט געשריבן דעם בריוו צו דר. הערצל האָבן נאָך געלעבט צוויי זין פון דעם דערמאָנטן שייך מוחמד: רשיד (ראַשיד) און מעשוק (מאַאשוק). אַגב, דער נאָמען פונעם שייך אַלסאַווירי אָדער אַלסאַוייסי ברענגט אונז אויפן געדאַנק דעם נאָמען פון אַ יידן, וועלכן מיר געפינען ביי דאָוטי (ז. 285): עלי אַלסאַוויסי, „אַ ייד פון דעם שבט תהיימא" (טעהיימאַ).

דעם שייך מוחמד, פון וועלכן ס׳רעדן שומאַכער און דר. לוי, האָט דער־מאָנט אויך קאָנדאָר אין אַ רעפעראַט פאַר די חברים פון „מכבי", אין לאָנדאָן, אין יאָר 1899; ער האָט דערציילט דאָס זעלביקע וואָס שומאַכער אין זיין בוך.

„דער לעצטער מאָהיקאַנער"

צום סוף פון אונזער מלחמה פאַר זעלבסטשטענדיקייט — אין אָנהויב נאָוועמבער 1948 — איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין נגבה (נעגבאַ), אַ קיבוץ אויפן וועג פון אַשקלון קיין בית־גוברין. דאָרט האָב איך געהערט פון אַ חבר שרעקלעכע פּרטים וועגן דעם טויט פון אַבו־עיש (איש), דעם פאַר־שטייער פון אַ נאָענטן אַראַבישן דאָרף. צווישן יענעם דאָרף און די שכנות־דיקע יידישע ישובים האָבן עקזיסטירט פון לאַנג אָן פריינטלעכע באַציאונגען.

די אומשטענדן פון זיין טויט זיינען די: אבו־עיש מיט א קרוב זיינען געקומען קיין עזה. געווען איז דאס אין דעם סאמע ברען פון אונזער מלחמה. ווי נאר מ׳האט דערקענט אז זיי זיינען פון דעם קלאן פון מוחמרה (מוכאמערא), איז מען זיי באפאלן און באשולדיקט אין שפיאנאזש לטובת די יידן. דער סוף איז געווען אז מ׳האט זיי ביידן אויפגעהאנגען אויף א בוים, אויפן שטאט־פלאץ.

אזא חשד און אזוינע תליות זיינען א געוויינטלעכע זאך אין צייט פון א מלחמה; און דאס וואס אין דעם פאל איז ניט געווען קיין גרונד פארן חשד, מאכט אים ניט פאר קיין אויסנאם. דאס באזונדערע אין דעם עפיזאד איז, וואס די סיבה פונעם ווילדן מארד ליגט אין דער אפשטאמונג פון די קרבנות. אבו־עיש האט געהערט צו דעם קלאן פון מוחמרה פונעם דארף יוטה, ניט ווייט פון חברון; און דער קלאן פירט זיין יחוס פון מוחימר (מו־ביימאר), „דעם קעניג פון יוטה". מוחימר מיט זיינע לייט — זאגט די טראַ־דיציע פונעם דארף — זיינען געווען יידן פון חיבר. זיי האבן איינגענומען יוטה און מוחימר האט „געקיניגט" אין דעם דארף; און נאך אים — זיינע קינדער און קינדס־קינדער — ביזן היינטיקן טאג *).

זומער תרפ״ח (1928) בין איך געווען אין חברון און האב אויסגעפרעגט דארטיקע יידן, בפרט אלטע ספרדים, וועלכע האבן גוט געקענט די אראבישע סביבה, וועגן דעם דארף יוטה. איך האב געוואלט וויסן, וואס ס׳איז דער מקור פון די קלאנגען מכוח דער יידישער אפשטאמונג פון דער יוטהער באפעל־קערונג. פון די אלטע לייט האב איך געהערט, אז דער גרויסער קלאן פון מוחימר, וועלכער באוועלטיקט דעם דארף, האט אנגענומען איסלאם מיט א פאר הונדערט יאר צוריק; ביז דאן האט ער זיך געהאלטן ביי זיין יידישקייט. דאך זיינען ביי זיי געבליבן אביסל יידישע מנהגים, ווי למשל צינדן ליכט אין די אכט טעג פון חנוכה; און קומענדיק קיין חברון קויפן סחורה און פארקויפן זייערע פראדוקטן, פלעגן זיי תמיד גיין אין יידישע געשעפטן, און ווענדנדיק זיך צו א סוחר פלעגן זיי זאגן: „שוועסטערקינד".

פון חברון בין איך געגאנגען קיין יוטה און האב דארט געשמועסט מיט די עלטסטע פונעם קלאן מוחמרה. מיר זיינען געזעסן געמיטלעך אין א קילער

*) „בהרי חברון" (אין די בערג פון חברון), „מוחימר היהודי, מלך יוטה" (דער ייד מוחימר — קעניג פון יוטה), „צאצאי יהודי חיבר" (די אפשטאמיקע פון די יידן פון חיבר), די שריפטן פון י. בן־צבי, באנד 3, ז. 51—70.

מערה, וואוהין די שייכן האָבן אונז אַריינגעבעטן — אַ שירעם קעגן דער גליענדיקער מיטאָג זון. דער שמועס האָט זיך געפירט אין אַ קרייז פון אָנגע־זעענע דאָרפסלייט, מיטגלידער פון אַלע דריי קלאַנען: „מוחמרה, חושיה (כושיע) און שעבין (שאַאבין). צוויי דריטל פונעם דאָרפס באַפעלקערונג — 2,600 נפשות — האָבן באַלאַנגט צום קלאַן מוחמרה.

די דאָרפסלייט האָבן דערציילט ווי יוטה איז איינגענומען געוואָרן, מיט דורות צוריק, פון שייך מוחימר און זיין קלאַן, יידן פון די בני חיבר. מוחימר און זיינע לייט האָבן געלעבט אין געצעלטן און אַרומגעוואַנדערט אין דער אומגעבונג פון יוטה. אין דאָרף איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ קריג צווישן זיינע צוויי קלאַנען: חושיה און שעבין. די שעבין האָבן גובר געווען, און די געשלאָגענע חושיה האָבן געבעטן הילף ביי מוחימר. ער האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן. אין דער מלחמה האָט ער מנצח געווען די שעבין און צוגענומען ביי זיי אַ טייל פון זייער ערד. צום סוף האָט זיך דאָס גאַנצע דאָרף צו אים אונטערגעגעבן, און ביידע קלאַנען האָבן איינגעשטימט צו מאַכט אים פאַר אַ קעניג איבער זיי. דער וואָס האָט דאָס דערציילט, אַ שייך פונעם קלאַן מוחמרה, האָט גערעדט מיט שטאָלץ און תקיפות, און דאָס וואָרט, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט איז געווען בפירוש: „מלך״. אַלע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, באַשטעטיקנדיק דערמיט די ריכטיקייט פון זיין נוסח — דאָס האָבן געטאָן אויך די מיטגלידער פון די „באַזיגטע״ קלאַנען.

די מענטשן פון די דריי קלאַנען זיינען אַלע געווען מוסולמענער און גערעדט דעם זעלביקן לשון. אַלע האָבן געטראָגן די זעלביקע קליידער. קיין אונטערשיד איז ניט געווען צווישן זיי, אויסער דער טראַדיציע פון אָפּשטאַ־מונג. די מיטגלידער פון דעם גרעסטן קלאַן זיינען געווען שטאָלץ אויף זייער יחוס — די אָפּשטאַמונג פון דעם יידן מוחימר, וועלכער האָט איינגענומען יוטה און אין איר „געקיניגט״; די שייכן פון די אַנדערע צוויי קלאַנען האָבן געזאָגט, אַז זייערע אָבות זיינען געזעסן אין דעם דאָרף נאָך פאַר דעם קומען פון די בני חיבר.

אין מיינע אויבן־דערמאָנטע אַרטיקלען האָב איך געגעבן די רעזולטאַטן פון מיינע פאָרשונגען וועגן די שפורן פון בני חיבר אין יוטה און בכלל אין דער געגנט פון חברון. אָבער פון דער צייט פון יענעם באַזוך אין יוטה (אַ יאָר פאַר דעם פּאָגראָם אין חברון) איז מיר ניט אויסגעקומען צו זיין דאָרט נאָכאַמאָל און איך וויים ניט אויב די יוטהער האָבן זיך באַטייליקט, צוזאַמען

מיט די אַנדערע אַראַבער, אין דער שחיטה פון די יידן אין חברון (אין תרפ״ט, 1929). מיר האָבן אויך ניט געהערט, אַז זיי זאָלן זיך אַריינמישן לטובת די יידן אָדער זיך באַמיען צו ברענגען אַ באַרואיקונג. פון דער אַנדערער זייט, אויב מיר ווילן זוכן פאַר זיי אַ צד זכות, קענען מיר זאָגן, אַז דווקא זיי, מחמת זייער אָפּשטאַמונג — פון וועלכער אַלע וויסן אין יענער געגנט — האָבן זיך געמוזט היטן ניט צו אַרויסוויַיזן אַ באַזונדערן אינטערעס אין גורל פון די יידן.

די געגנט פון חברון איז, ווי באַקאַנט, רייך מיט רואינען פון אַמאָליקע דערפער — אַזויפיל הרובדיקע און פאַרלאָזענע ישובים זעט מען ניט אין קיין אַנדער טייל פון ארץ־ישראל. זומער־צייט קומען אַהין, אין די דאָזיקע פאַרוואָרפענע חורבות, פויערים פון די גרויסע דערפער און זיצן דאָרט גאַנצע חדשים. אין דעם דאָרף דורא (אַדורים) און אין די אַרומיקע רואינען האָט געוווילט דער קלאַן מסאלאמה (מסאַלאַמע), וועלכער האָט געציילט אַ פּאָר הונדערט משפחות — און אויך ביי זיי האָט געלעבט אַ טראַדיציע פון אַ יידישער אָפּשטאַמונג. אַזעלכע טראַדיציעס זיינען אומגעגאַנגען וועגן די קלאַנען חרבת־אַלקום און דאַר־אַל־לחאַם פון דעם דאָרף בית־עטאַב (איטאַב). אין דעם געראַנגל פון קיס מיט ימן (קיס — די צפונדיקע בעדואינישע שבטים, וועלכע זיינען זיך מתייחס צו ישמעאל, און ימן (יעמען) — תימן, די דרום־דיקע, וועלכע פירן זייער יחוס פון קחטאַן־יקטן), וואָס האָט געטליעט מער ווי טויזנט יאָר, האָט דאַר־אַל־לחאַם געהאַלטן מיט די דרומדיקע. אויך אין אַנדערע אַראַבישע דערפער, אין די בערג פון יהודה, לעבן טראַדיציעס פון יידישער אָפּשטאַמונג: אין בית־נטיף (נאַטיף), אין ציעור (לעבן חלחול, ניט ווייט פון חברון), אין אַדנאַ, אין בתול, אין דנבה (דאַניבא), אין צוריף (סוריף), אין גבעה, לעבן כפר עציון. מ׳הערט פון אַזעלכע טראַדיציעס אויך אין אַנדערע ערטער, ווי למשל אין נפתוח, לעבן ירושלים (בעת נפתוח איז נאָך געווען — פאַר דער מלחמה — אַן אַראַביש דאָרף מיטן נאָמען ליפתא).

אין דרום פון אונזער לאַנד און אין נגב האָב איך געטראָפן איינצלנע פאַמיליעס פון דעם יוטהער קלאַן מוחמרה. אייניקע פון זיי זיינען אַוועק ווייט פון זייער דאָרף; אַנדערע האָבן זיך באַזעצט אין די סביבות פון רוחמה און נגבה. זיי האָבן מיטגעבראַכט די טראַדיציע פון זייער קלאַן וועגן זייער אָפּ־שטאַמונג פון יהוד אַלחיבר. די דאָזיקע טראַדיציע איז געווען באַקאַנט אַלע

זייערע אַראַבישע שכנים, ווי אויך אונזערע חברים, די נייע קאָלאָניסטן פון נגבה; און פון זיי טאַקע האָב איך זי פאַרנומען מיט עטלעכע יאָר פריער.

סוף 1947 איז אויסגעבראָכן די מלחמה: די אַראַבער זיינען אונז באַ־פאַלן פון אינעווייניק און פון דרויסן; מיר האָבן געקעמפט פאַר אונזער פרייהייט און זעלבסשטענדיקייט. אַלע באַציאונגען צווישן אונז און זיי — אויך מיט די בעסטע גוטע פריינט — האָבן אויפגעהערט. אַבו־עיש איז פאַר־בליבן אין זיין דאָרף, אויסער די גרענעצן פון מדינת ישראל. איין טאָג איז ער געקומען קיין עזה וועגן קהלשע ענינים און אויך וועגן זיינע אייגענע — און דאָ האָט אים געטראָפן זיין אומגליק. עמעצער פון זיינע שונאים האָט באַלד פאַרשפּרייט אַ קלאַנג וועגן זיין יידישן יחוס, דהיינו, אַז ער שטאַמט פון יהוד אַלחיבר, וועלכע האָבן זיך געשטעלט — מיט 1300 יאָר צוריק — קעגן דעם נביא מוחמד, און ער איז, „פאַרשטייט זיך", אַ יידישער שפּיאָן. דאָס איז געווען גענוג פאַר די ווילדע פאַנאַטיקער. מ'האָט באַלד געמאַכט אַ „משפט" אויף אים און אויף זיין קרוב, אַ מיטגליד פון דער זעלביקער משפחה, און „פאַרמשפט" זיי צום טויט.

דעם שייך אַבו־עיש און זיין קרוב איז באַשערט געווען צו באַצאָלן מיט זייער לעבן פאַר דער גבורה פון זייערע אָבות, די בני חיבר, און פאַר דער טרייהייט צו זייער אמונה און צו זייער פאָלק. אין הערבסט, 1948, האָט מען זיי ביידן אויפגעהאַנגען אויפן שטאָט־פּלאַץ אין עזה.

אַפגאַנישע שבטים

א.

יידן אין אַפגאַניסטאַן

נאָך דעם ווי די יידן פון תימן און בבל (איראַק) זיינען אויסגעליזט געוואָרן פון זייערע גלותן, איז געקומען די צייט פון דעם קליינעם, געפּלאָגטן, יידישן ישוב אין אַפגאַניסטאַן. די אַפגאַניסטאַנער יידן האָבן זיך אַ ריר געטאָן; אַ היפּשער טייל פון זיי איז שוין ביי אונז אין לאַנד. אויך די איבעריקע ליקווידירן זייערע עסקים און גרייטן זיך אין וועג. ס'איז צו האָפן, אַז דאָס דאָזיקע הייפל פון פאַרוואָגלטע יידן וועלן אויך אין גיכן פאַראייניקן זיך מיט זייערע ברידער פון אַנדערע גלותן און צוזאַמען בויען מדינת ישראל.

דאָס יידנטום פון אַפגאַניסטאַן, עלנט און פאַריאָגט אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פון אַזיע, צווישן פערסיע, פּאַקיסטאַן און סאָוועט־רוסלאַנד, איז אַ צווייג פונעם פערסישן יידנטום. די שפּראַך פון די אַפגאַנער יידן איז פערסיש, ריכטיקער — אַ פערסישער דיאַלעקט, וועלכער איז אין אומגאַנג ביי די יידן פון פערסיע און בוכאַרא; אויך זיינען זיי צוגעבונדן מיטן גאַנצן האַרצן צו לשון־קודש. אָבער זייער לאַגע אינעם לאַנד פון די אַפגאַנער, און פאַרשידענע היסטאָרישע אומשטענדן, האָבן געמאַכט פון זיי אַ באַזונדערן אָפּצווייג פון יידנטום.

דער אָנהויב פון אַ יידישן ישוב אין אַפגאַניסטאַן איז געווען אין אַלטע צייטן, אין דער עפּאָכע פון די אַכעמענידן (559—331 פאַר דער קריסטלעכער רעכענונג). מסתמא זיינען די דעמאָלטיקע יידישע אימיגראַנטן געקומען פון אַלע עקן פון דער פערסישער אימפּעריע — די קינדס־קינדער פון די וואָס נבוכדנאצר האָט אַוועקגעפירט אין גלות פון יהודה און בנימין, און פון די, וועלכע שלמנאסר האָט פאַרשלעפּט פון שומרון מיט אַ הונדערט יאָר פריער. פון מגילת אסתר, אין וועלכער ס׳שפּיגלט זיך אָפּ די צייט פון די אַכעמענידן, ווייסן מיר, אַז אין די טעג פון אחשורוש, למשל, זיינען די יידן געווען צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע „הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות״ פון זיין ממלכה, אין דעם אויך דער מזרח־טייל פון אַפגאַניסטאַן. מ׳קען אָננעמען, אַז די ערשטע יידן אין אַפגאַניסטאַן זיינען געווען סוחרים, וועלכע האָבן געפירט אַ האַנדל צווישן פערסיע, אינדיע און מיטל־אַזיע, און אויך סאָלדאַטן פון דער פערסישער אַרמיי, געצוואונגענע אָדער געדונגענע, וועלכע האָבן געבילדעט אין די אָקופּירטע לענדער מיליטעריש־אַגראַרישע קאָלאָניעס, אַזוי ווי די יידישע סאָלדאַטן־קאָלאָניעס אין יב (יעוו — עלעפאַנטינע) און אין אַנדערע ערטער אין מצרים.

אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער מוקדון, וועלכער האָט איינגענומען די גאַנצע פערסישע אימפּעריע און דערגרייכט ביז אין „באַקטריאַ״, ד. ה. אַפ־גאַניסטאַן און טראַנסאָקסאַניע (אויף יענער זייט פונעם טייך אַמו־דאַריאַ), און זיינע יורשים, די סעלעוקידן, האָבן יידן זיך באַטייליקט אין קאָלאָניזירן די דאָזיקע לענדער. אויך די זיינען מייסטנס געקומען פון פרס און בבל. זייער השפּעה האָט זיך פאַרברייטערט און האָט זיכער געשפּילט אַ ראָלע אין דעם וואָס די פּאַרטישע קעניגן פון חדייב (אדיאבענע — אין מעסאָפּאָ־טאַמיע, צווישן די צוויי טייכן זאב, דעם אונטערשטן און דעם אויבערשטן)

האבן זיך מגייר געווען (אין ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער רעכענונג). קיין קאָנקרעטע ידיעות פון דער געשיכטע פון די יידן אין אַפגאַניסטאַן האָבן מיר ניט. דער איסלאַם און די אַראַבישע אינוואַזיעס האָבן געפירט צו דער איסלאַמיזירונג פון מיטל־אַזיע. די רעליגיע פון מוחמד האָט געירשנט דעם אָרט פון דער אַלטער איראַנישער אמונה אין אַרמוזד, דעם גאָט פון גוטס, און אין אַחרימאַן, דעם גאָט פון שלעכטס. די יידן האָבן שטאַרק געליטן פון דעם פאַנאַטיזם פון די נייע, מוסולמענישע הערשער, בפרט אין דער ערשטער צייט, ווען מ'האָט געמאַכט שווערע גזירות אויף אַלע „ניט־גלויביקע". דער גרעסטער טייל פון די יידישע קהילות זיינען פאַרשוואונדן — ס'קען זיין אַז אייניקע האָבן אָנגענומען דעם איסלאַם און אַנדערע האָבן עמיגרירט אין לענדער, וועלכע זיינען געבליבן פריי פון מוסולמענישער הערשאַפט, אָדער אין לענדער וואו די אויבערהאַנט פון די מאַכמעדאַנער איז נאָך ניט געווען פעסט און דעריבער האָבן זיי זיך געהאַלטן ווייניקער אַגרעסיוו, און געלאָזט לעבן די ניט־מוסולמענישע מינאָריטעטן, ווי למשל אין בבל, אין בוכאַרע און אין אַנדערע לענדער.

אויך פון די צייטן פון די גאונים (9טער יאָרהונדערט) האָבן מיר גאָר ווייניק ידיעות וועגן די יידן אין אַפגאַניסטאַן. אַ באַקאַנטע פערזענלעכקייט פון יענער צייט איז חווי הבלכי (כיווי פון דער שטאָט באַלך). וועגן זיינע דעות און פירושים אויף דער תורה ווייסן מיר פון די פּאָלעמישע שריפטן, וועלכע רבנו סעדיה גאון האָט געשריבן מיט אַ יאָר פופציק שפעטער. פון דעם אופן ווי אַזוי ר' סעדיה גאון האָט אים אַטאַקירט און שאַרף קריטיקירט דרינגען מיר, אַז חווי הבלכי האָט געהאַט, אין זיין סביבה, אַ סך תלמידים. און אַזוי ווי באַלך איז געווען די הויפּט־שטאָט פון אַפגאַניסטאַן, הייסט דאָס, אַז דעמאָלט איז נאָך דאָרט געווען אַ היפשער יידישער ישוב און אַ לעבעדיקער אינטערעס צו דער תורה און אירע פילאָזאָפישע אויסטייטשונגען.

אַביסל אינפאָרמאַציע וועגן יידן אין יענע געגנטן, פאַר די מאָנגאָלן, הערן מיר פון ר' בנימין מטודילא. ער שאַצט די יידישע באַפעלקערונג אין בוכאַרע און אירע אומגעגנטן אין צענדליקער טויזנטער (אין סאַמאַרקאַנד אַליין ביי 50 טויזנט, און אין „גיבה" — כיווא — 8000 נפשות). באַלד נאָך דעם האָבן די כוואַליעס פון דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע פאַרפלייצט גאַנץ אַזיע און אונטערגעגראָבן די יסודות פון דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן אין מיטל־אַזיע. די אַמאָליקע ציוויליזאַציע פון יענע לענדער איז חרוב

געוואָרן. די מאָנגאָלן האָבן צעשטערט די אַלטע באַוואַסערונג־סיסטעם, אויף וועלכער די לאַנדווירטשאַפט האָט באַזירט, און דערמיט אַרויסגעשלאָגן דעם באָדן פון אונטער די פיס פון דער אַגראַרער באַפעלקערונג — סיי פון די פויערים און סיי פון די לאַנד־באַזיצער. די נאָמאַדן פון די ווייטע סטעפּן האָבן חרוב געמאַכט שטעט, אויסגעקוילעט די איינוואוינער אָדער פאַרקויפט זיי אין קנעכטשאַפט, און אַזוי אַרום רואינירט די צענטערס פונעם שטאָטישן לעבן, פון אינדוסטריע און וועלט־האַנדל, פאַרוויסט און דערשלאָגן יענע לענדער — אַ בראָך פון וועלכן זיי האָבן זיך ניט אויפגעריכט ביז היינטיקן טאָג. דאָס גאַנצע יידנטום פון מיטל־אַזיע איז געפאַלן אַ קרבן פון אָט־דער קאַטאַסטראָפע. דאָס רוב קהילות זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן, און אַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע אוצרות, וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן מיט דער מי פון לאַנגע דורות, זיינען פאַרלוירן געגאַנגען. מיט דעם חורבן פון פאַרמעגן און לעבן איז פאַרשוואונדן דער זכר פון יענע ישובים. קיין שום דאָקומענטן זיינען ניט דערגאַנגען צו אונז, קיין שום זכרונות וועגן דעם ווי ס'איז צעשטערט געוואָרן דאָס יידישע לעבן אין יענע לענדער אין די טעג פון טשינגיז־כאַן, פון הולאַגו־כאַן, פון טימור־לענק (טאַמערלאַן).

נאָך דעם ווי די אימפּעריע פון די גרויסע כאַנעס איז צעפאַלן געוואָרן אויף קליינע מלוכות, איז די לאַגע געוואָרן אַביסל בעסער. דערוויל האָט זיך דער איסלאַם שטאַרק פאַרשפּרייט אין יענע געגנטן. די הערשער זיינען מייסטנס געוואָרן מוסולמענער. דאָך זיינען נאָך געבליבן אין דער באַפעלקערונג גרויסע מאַסן פון בודיסטן, שאַמאַניסטן און אָנהענגער פון פאַרשידענע פּרימיטיווע רעליגיעס. דעריבער האָבן די רעגירונגען געמוזט זיין טאָלעראַנט צו די מינאָריטעטן, און דאָס האָט אויך די יידן גרינגער געמאַכט דאָס לעבן. ס'איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז אין 14טן יאָרהונדערט האָבן בוכאַרער כאַנעס איינגעלאַדן יידן צו קומען אין זייער לאַנד און האָבן צוגעזאָגט געבן זיי פולע רעליגיעזע פרייהייט — דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם נייעם יידישן ישוב אין בוכאַראַ.

מ'דאַרף אָננעמען, אַז דעמאָלט האָט זיך באַנייט דער יידישער ישוב אויך אין אַפגאַניסטאַן. אמת, קיין ידיעות ממש האָבן מיר ניט פון דאָרט ביז אין מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט. מיר ווייסן שוין (זע קאַפּיטל: „די גזירות אין פּערסיע“), אַז נאָך דעם שמד אין מעשהעד, האָבן אַ סך אנוסים געזוכט וועגן אַרויסצורייסן זיך פון דעם דאָרטיקן גיהינום: אייניקע האָבן זיך אַריבער־

געכאַפּט קיין בוכאַרא, אַנדערע קיין העראַט, אַ שטאָט אין מערב־זייט פון אַפגאַניסטאַן, ניט ווייט פון דער פּערסישער גרענעץ. דער לשון אין העראַט איז ניט פיל אַנדערש ווי אין מעשהעד, אָבער דער נוסח פון איסלאַם איז דאָרט אַן אַנדערער: די אַפגאַנער זיינען סוניטן און ניט אַזוי פאַנאַטיש ווי די פּערסישע שיאיטן. אין אַפגאַניסטאַן האָבן די אנוסים פון מעשהעד געקענט אומקערן זיך עפנטלעך צום גלויבן פון זייערע אָבות און באַשעפטיקן זיך רואיק מיט זייערע עסקים און מלאכות. געוויס האָבן זיי געפונען דאָרט אַ פריערדיקע שיכט פון יידן, און דאָס האָט זיי געהאָלפן צו אַקלימאַטיזירן זיך; אָבער קיין פּרטים פון יענער גאַנצער עפּאָכע האָבן מיר ניט. איינס איז זיכער: די יידישע עמיגראַנטן פון מעשהעד האָבן אָנגעהויבן קומען און באַזעצן זיך אין די שטעט פון אַפגאַניסטאַן אין די 40ער יאָרן פון דעם 19טן יאָרהונדערט.

אין דעם אויבנדערמאָנטן קאַפּיטל „די גזירות אין פּערסיע" האָב איך שוין דערציילט ווי די פּערסיער האָבן אַטאַקירט אַפגאַניסטאַן (אין 1856) און, איינגעמענדיק די שטאָט העראַט, צוריקגעשלעפּט קיין מעשהעד די אַנטרונענע אנוסים (אין ווינטער 1857). מיט אַ ווילדער אכזריות האָבן זיי געיאָגט די געפאַנגענע — אַלט און יונג, מענער, ווייבער און קינדער — צו־פוס, דורך די בערג, אין די גרעסטע פרעסט. אַ סך זיינען געפאַלן אויפן וועג. די וועלכע זיינען געבליבן לעבן האָט מען פאַרשפּאַרט אין אַ מין קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער, לעבן מעשהעד, וואו פילע פון זיי זיינען געשטאָרבן. ערשט נאָך צוויי יאָר געפאַנגענשאַפט האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט און זיי האָבן זיך אומ־געקערט קיין העראַט.

ידיעות וועגן די יידן אין אַפגאַניסטאַן האָט מען אָנגעהויבן צו באַקומען אין דער מערב־וועלט אין דער צייט פון דער בריטישער הערשאַפט אין אינדיע. צופעליקע טוריסטן, וועלכע זיינען אַריבער די אַפגאַנישע גרענעץ, האָבן דערציילט וואָס זיי האָבן געהערט און געזען. איינער פון די ערשטע איז געווען דער מיסיאָנער יוסף וואָלף. שפּעטער האָבן אויך יידישע פאָרער באַזוכט דאָס ווייטע לאַנד. מיט הונדערט יאָר צוריק זיינען דאָרט געווען, לויט דעם „דזשואיש קראָניקל", 40,000 יידן אין 60 קהילות: אין קאַבול, הערַאט, קאַנדאַהאַר, באַלך, אנקוי, מאַזאַר־אי־שאַריף, מיימענא און אַנדערע. אָבער די צאָל 40,000 איז זיכער אַ גוזמא. אין 1870 איז אַרויס אַ גזירה אויף יידן זיי זאָלן צושטעלן 300 מענטשן צו טאָן מיליטער־אַרבעט, און ווער ס'וויל זיך אויסלייזן פון דער קאַטאָרזשנער אַרבעט זאָל באַצאָלן אַ גרויסע סומע

געלט. באַלד איז געקומען נאָך אַ גזירה: מ׳האָט געצוואונגען די יידן אַנוויקלען אויף זייערע טורבאַנעס (קאָפּ־טיכער) שוואַרצע סטענגעס, כדי מ׳זאָל דער־קענען אויפן גאַס אַז זיי זיינען יידן. דאָס האָט אָנגעזאָגט אַ פּעריאָד פון רדיפות. ס׳איז געוואָרן אַ בהלה אין די יידישע קהילות און אַן אַנטלויפעניש — בעיקר איז מען געלאָפן קיין פּערסיע און קיין בוכאַרא. איינצלנע זיינען שוין דעמאָלט געקומען קיין ארץ־ישראל. דער יידישער ישוב אין אַפגאַניסטאַן האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט. אין די ענציקלאָפּעדיעס געפינען מיר די צאָלן: אַכט ביז צוועלף טויזנט נפשות. אָבער אויך דאָס איז ניט זיכער. מיר ווייסן נאָר עטלעכע ציפערן פון די דרייסיקער יאָרן פון היינטיקן יאָר־הונדערט, און פון שפּעטער: — פינף־זעקס טויזנט אין דריי שטעט — אין קאָבול (די הויפּט־שטאָט), העראַט און באַלך.

דער קעניג אַמאַן־אַללה, וועלכער איז געווען טאָלעראַנט צו יידן, האָט פאַרלוירן זיין טראָן אין יאַנואַר, 1929. אין די 30ער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה פון גזירות אויף יידן אין אַפגאַניסטאַן, דאָס מאָל אונטער דער השפּעה פון די נאַציס: זיי האָבן שוין געהאַט אַ האַנט אין דער פּאָליטיק פון די נייע אַפגאַנישע הערשער. באַלד האָט מען גענומען דערוואַיטערן יידן פון אַלע וויכטיקע פּאָזיציעס אין מסחר און אין דער אַדמיניסטראַציע (דער גרעס־טער טייל פון די דאָרטיקע יידן האָבן זיך מתפרנס געווען פון קליינעם און גרויסן האַנדל). די גרויסע יידישע סוחרים האָבן געהאַנדלט מיט קאַראַקול, וואָל, פּוטער, באַלזאַם, און געהאַט געשעפטן מיט סאָוועט־רוסלאַנד, מיט ענג־לאַנד דורך אינדיע, און אַפילו מיט די פאַראייניקטע שטאַטן. די נאַציס האָבן געפּועל׳ט ביי דער אַפגאַנישער רעגירונג, מ׳זאָל ביי די יידן צונעמען אַלע פּרנסות, בכלל דאָס רעכט צו האַנדלען און אַרבעטן. ניט נאָר די גרויסע סוחרים האָבן פאַרלוירן זייערע געשעפטן; די פּעדלער און בעלי־מלאכות זיינען אויך געווען געצוואונגען אויפצוהערן גיין איבער די דערפער און שטעטלעך מיט זייערע סחורות און מלאכות. מ׳האָט אויסגעשלאָסן די יידן פון עקאָנאָמישן לעבן, פאַרחתמעט אַלע קוואַלן פון חיונה, אַזוי ווי אין דייטש־לאַנד; און אַזוי ווי אין דעם נאַצי־לאַנד זיינען געקומען, אין פאַרשידענע ערטער — באַלד נאָך די אַלגעמיינע באַגרענעצונגען — דירעקטע מעשים: רדיפות, עלילות און גירושים. און ווען די יידן האָבן געזוכט צו ראַטעווען זיך דורך עמיגראַציע, איז, פון איין זייט, האָט מען זיי ניט אַרויסגעלאָזט פון לאַנד, און פון דער אַנדערער זייט, האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזט אין זייער

„נאַציאָנאַלער היים" כל זמן ענגלאַנד האָט געהאַלטן דעם מאַנדאַט און געהאַט אַ דעה אין ארץ־ישראל.

מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל האָט אויפגעלויכטן אַ שיין פון האָפע־נונג אויך פאַר די געפּלאָגטע יידן פון אַפגאַניסטאַן. אַ טייל פון זיי זיינען שוין אין לאַנד פון זייערע אָבות און די איבעריקע שטייען מיטן וואַנדער־שטעקן אין האַנט.

ב.

די טראַדיציעס פון די אַפגאַנישע שבטים וועגן זייער אָפּשטאַמונג

די אַפגאַנישע שבטים זיינען מוסולמענער, אָבער פילע פון זיי האָבן אַן אַלטע טראַדיציע, אַ ירושה פון לאַנגע דורות, וועלכע זאָגט, אַז זיי שטאַמען פון די עשרת השבטים. זיי האָבן אָפּגעהיט די דאָזיקע זעלטענע טראַדיציע ביז היינט, און ס׳זעט אויס, אַז זי האָט אַ געוויסן היסטאָרישן גרונט. אַ סך פאָרשער און פאָרער, יידן און ניט־יידן, וועלכע זיינען געווען אין אַפגאַ־ניסטאַן אָדער האָבן שטודירט דעם שריפטלעכן מאַטעריאַל וועגן דעם לאַנד און זיין באַפעלקערונג, האָבן באַמערקט אָט־דעם פאַקט און געזוכט אים אויפצוקלערן. פון דער אַפגאַנער טראַדיציע האָט מען געשריבן אין אַ סך ביכער און ענציקלאָפּעדיעס, אויף אייראָפּעאישע שפּראַכן און אויך אויף העברעאיש [1]).

ראשית, איז וויכטיק דער פאַקט אַליין, אַז די טראַדיציע עקזיסטירט ביי זיי פון אַלטע צייטן, און קיין אַנדערע האָבן זיי ניט. יעדער פאָלק וויס עפּעס פון זיין עבר, אויב ניט פון וויטן עבר, על כל פנים פון דעם פאַר־לעצטן פעריאָד פון זיין געשיכטע. די איינוואוינער פון דעם אַראַבישן האַלב־אינזל וויסן, אַז פאַר דעם איסלאַם זיינען זיי געווען געצנדינער. די פערסער וויסן,

1) פּראָפ. נ. סלושץ האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן דעם אויף פראַנצויזיש און אויף העברעאיש. פון אים האָב איך געהערט, וואָס אַ באַקאַנטער אַפגאַנישער שייך, אַ תלמיד פון קאַהירער „אַל־אַזהאַר" (אַ מוסולמענישער אוניווערסיטעט), האָט אים דער־ציילט. זע מיינע אַרטיקלען „בני בנימין" אין „העולם" (5טן פעברואַר, 1942) און „מסורת בני אפרים ושבטי האפרידים" (די טראַדיציע פון בני אפרים און די אפרידישע שבטים), „הגלגל", 15טן יאַנואַר, 1948.

אַז פאַר דער רעליגיע פון מוחמד האָבן זיי געהאַט אַן אַנדער תורה, געגעבן פון אַן איינענעם נביא, זאראַטוסטרא. די טערקן און מאָנגאָלן געדענקען זייערע אַמאָליקע אמונות — בודיסטישע, שאַמאַנישע; די סיריער — זייער פריערדיקן קריסטנטום. און אויב די אַפגאַנער האַלטן, אַז פאַרן איסלאַם איז זייער אמונה געווען די יידישע, און זיין האָבן קיין זכר ניט פון קיין אַנדערע רעליגיע אין זייער עבר, טאָר מען ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט די דאָזיקע טראַדיציע; מ׳דאַרף זי גרינטלעך אויספאָרשן.

וועגן דער ישראלדיקער אָפּשטאַמונג פון אַפגאַנישע שבטים האָבן דער־ציילט יידישע פאָרער פון מיטלאַלטער, און שליחים פון ארץ־ישראל, וועמען ס׳איז אויסגעקומען צו זיין אין יענע געגנטן [2]. אַ סך אייראָפּעאישע פאָרשער און טוריסטן, וועלכע האָבן באַזוכט די דאָזיקע שבטים, רעדן פון דער טראַ־דיציע, און זי געפינט זיך, ווי געזאָגט, אין אַלע וויכטיקע ענציקלאָפּעדיעס. די אַלטע אַפגאַנישע כראָניקעס שרייבן פון דער טראַדיציע ווי פון אַ גוט־באַקאַנטן פאַקט, און אַזוי אויך די היינטיקע אַפגאַנישע שרייבער. און דווקא יידישע פאָרער און פאָרשער, מענטשן פון אונזער צייט, האָבן זי כמעט ווי ניט באַמערקט, איך ווייס ניט פאַרוואָס — אפשר האָבן די פאַנטאַסטישע לעגענדעס, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אויף דעם באָדן און האָבן זיך צעבליט אין אַ געוויסן סאָרט ליטעראַטור, אָפּגעשראָקן אונזערע משכילים. און ס׳איז דאָ, מן הסתם, אַ ממשותדיקער גרונט: אַפגאַניסטאַן איז ווייט, בערג און וויס־טענישן און אָפּגעשטאַנענע, פאַנאַטישע באַפעלקערונגען, פאַרשפאַרן דעם וועג צו יענעם פאַרוואָרפענעם לאַנד. יידישע פאָרשער פון דער מערב־וועלט האָבן כמעט קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט צו קומען אין באַרירונג מיט דעם דאָרטיקן יידישן ישוב. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס אונזערע פאָרשער האָבן זיך גאַנץ ווייניק אָפּגעגעבן מיט דער פּראָבלעם פון די אַפגאַנישע שבטים און די טראַדיציעס מכוח זייער אָפּשטאַמונג פון ישראלדיקע שבטים. זי איז געבליבן אַן ענין פאַר טרוימער, פאַר משולחים און פאַנטאַזיאָרן, וועלכע זוכן די בני־משה הינטער די הרי חושך און דעם טייך סמבטיון. אַזעלכע זוכענישן האָבן נאָך היינט אויך ניט אויפגעהערט [3]. וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און

2) זע א. יערי, „שליחים מארץ־ישראל לעשרת השבטים״, „סיני״, דריטער יאָר, העפט 12־13.

3) זע, למשל, „קול מבשר״ פון דעם מקובל ר׳ צבי שמעון הורוויץ, ירושלים, תרפ״ג (1923).

אַ קריטישער אַנאַליז פון דעם פֿאַראַנענעם מאַטעריאַל זיינען נאָך אַלץ זייער קאַרג.

אָבער אין דער לעצטער צייט האָט זיך עפּעס געענדערט: ס׳איז אויפֿגעקומען מדינת ישראל, און די יידן פון אַפגאַניסטאַן האָבן אָנגעהויבן אומקערן זיך אין זייער אַלטן פֿאַטערלאַנד. זייער קומען האָט אונז געעפנט אַ נייעם קוואַל פון אינפֿאָרמאַציע: לעבעדיקע עדות, מענטשן וועלכע האָבן געקענט די אַפגאַנישע שבטים, האָבן געלעבט מיט זיי און געהאַט גענוג צייט און געלעגנהייט צו זעען זייערע מנהגים און הערן וואָס זיי זאָגן.

איך האָב געהאַט שמועסן מיט פֿאַרשידענע יידן פון אַפגאַניסטאַן, צווישן זיי אַזעלכע וועלכע איך קען פֿערזענלעך און וויס אַז מ׳קען זיך פֿאַרלאָזן אויף זיי. איך האָב פֿאַרגליכן דאָס וואָס איך האָב פֿאַרנומען פון זיי מיט די ידיעות פון אייראָפּעאישע פֿאָרשער און האָב געפֿונען אַז אין אַ סך פּרטים שטימען די צוויי קוואַלן און דערפֿילן איינע די אַנדערע. אַזוי אַרום האָט זיך די פֿראַגע עטוואָס אויסגעלייטערט און מיר האָבן באַקומען אַ קלאָרערע פֿאָרשטעלונג פון דער אַפגאַנער טראַדיציע.

צוערשט אַביסל אַלגעמיינע ידיעות וועגן אַפגאַניסטאַן. דאָס לאַנד ליגט צווישן פּערסיע און סאָוועטישן טורקעסטאַן און הינדוסטאַן (היינט פּאַקיסטאַן), און האָט אַ באַפֿעלקערונג פון 16 מיליאָן בערך. ביי העראָדאָטאָס (5טער יאָרהונדערט פֿאַר קריס. רעכ.) הייסט דאָס לאַנד באַקטריאַ, און איר הויפּטשטאָט באַקטרא (אַצינד — באַלך). די באַפֿעלקערונג איז צוזאַמענגעשטעלט פון מאָנגאָלישע און אַרישע עלעמענטן. די וויכטיקסטע גרופּע פון שבטים איז די פֿאַטאַנישע: די פֿאַטאַנען ציילן ביי פיר מיליאָן נפשות; וועגן די דאָזיקע שבטים וועט זיין שפּעטער די רייד. אַ סך פֿרעמדע הערשער האָבן געוועלטיקט אין אַפגאַניסטאַן: אַלעקסאַנדער מוקדון, מאָנגאָלישע כאַנען, פּערסישע שאַכן, אינדישע מאָגולן. אין מיטן פון 18טן יאָרהונדערט האָט אַן אָרטיקער פירער, אחמד (אַכמעד) שאַך דוראַני, באַפֿרייט אַפגאַניסטאַן פון פֿרעמדן יאָך. פון דעמאָלט אָן איז דאָס לאַנד אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה, כאָטש אויף איר טראָן האָבן זיך געביטן אַ סך דינאַסטיעס.

דער לשון פון די העכערע קלאַסן איז פּערסיש; די גרויסע מאַסע פון דער באַפֿעלקערונג רעדט אוזבעקיש (אַ טערקישער דיאַלעקט), און די שבטים אויף דער גרענעץ פון פּאַקיסטאַן און אינדיע, די פֿאַטאַנען, רעדן פּושטו, די זעלביקע שפּראַך ווי די וואַזירן און אַנדערע שבטים, וועלכע באַוואוינען

די בערג אויף דער אַנדערער זייט פון דער גרענעץ־ליניע, אין פּאַקיסטאַן. די דאָזיקע שבטים, פון בײדע זייטן, האַלטן זיך פאַר איין פאָלק. אויך דער כתב פאַראייניקט זיי — דער אַראַביש־פּערסישער כתב, וועלכן זיי האָבן באַקומען פון פּערסיע צוזאַמען מיטן איסלאַם. די צוויי גרופּעס פון שבטים האָבן דעם זעלביקן (ניט־געשריבענעם) קאָדעקס פון פאָלקס־געזעצן. זיי הייסן פּוכטונוואַלי. אין געוויסע פּרטים זעען זיי אויס מערקווירדיק־נאָענט צו די אַלטע העבּרעאישע געזעצן, געווײנלעך — מיט ענדערונגען, אין וועלכע די השפּעה פון איסלאַם איז קאַנטיק. ביי די דאָזיקע שבטים לעבט די טראַ־דיציע, אַז זיי שטאַמען פון בני ישראל (זע „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ״).

די מיטגלידער פון די שבטים זיינען ניט אַלע נאָמאַדן וואָס וואוינען אין געצעלטן — אַ טייל האָט הייזער און בילדעט אַן איינגעזעסענע באַפעל־קערונג. די איינטיילונג אין נאָמאַדן און איינגעזעסענע שטימט ניט מיט דער איינטיילונג אין שבטים אין קלאַנען: אין יעדן שבט זיינען דאָ סיי נאָמאַדן און סיי איינגעזעסענע. אַזוי איז אויך ביי די גילזאי־שבטים, וועלכע זיינען ניט קיין פּאַטאַנען (זיי געהערן צו דער טערקיש־מאָנגאָלישער ראַסע).

דער באַדייטנדיקסטער שבט אין דער פּאַטאַנישער גרופּע זיינען די אַפרידן. זיי זיצן אויף דער צפון־מערבדיקער גרענעץ פון אינדיע און גרענעצן מיט וואַזיריסטאַן; די דאָרטיקע שבטים, די וואַזירן, זיינען גרעסער אין צאָל ווי די אַפרידן. די „בריטישע ענציקלאָפּעדיע״ זאָגט: ניט נאָר די געזעצן פון די אַפרידן זיינען געגליכן צו געוויסע געזעצן פון תורת משה, אויך אין זייערע פּנימער מערקט מען כאַראַקטעריסטיש־יידישע שטריכן.

די דאָזיקע שבטים לעבן פון ערד־אַרבעט און פי־צוכט. על פי רוב גייען זיי אַרום באַוואָפנט און זיינען געניט אין מלחמה־זאַכן. צו זייער פרייהייט זיינען זיי צוגעבונדן מיט לייב און לעבן; אויך אונטער דער בריטישער אויבערהערשאַפט האָבן זיי אויפגעהיט זייער זעלבסטשטענדיקייט. און כאָטש זיי האָבן ניט איין מאָל מורד געווען, און אפשר דווקא דערפאַר, האָבן די ענגלענדער זיי אָנגעטרויט די באַוואַכונג פון כייבאַרער דורכגאַנג (דער וויכ־טיקסטער דורכגאַנג דורך די בערג צווישן אַפגאַניסטאַן און אינדיע), געגעבן זיי געווער און געצאָלט געהאַלט.

אונטער דער הערשאַפט פון דעם באַרימטן קיסר אכבר (אַקבאַר) (1556—1605) האָבן זיי אָנגענומען צייטווייליק זיין עקלעקטישע רעליגיע — אַ פּשרה צווישן איסלאַם און אַנדערע אמונות. אָבער די רעפאָרם האָט ניט

געהאַט קיין דויער. נאָכן טויט פון דעם הערשער איז די נייע, פון אויבן־דערקרעטירטע אמונה, פאַרלאָזן געוואָרן, און די אפרידן, גלייך מיט אַלע אַנדערע אינדישע מוסולמענער, האָבן זיך אומגעקערט צום אָרטאָדאָקסישן סוניזם.

אָבער די טראַדיציע פון זייער יידישער אָפּשטאַמונג האָבן זיי ניט פאַרגעסן. שוין אין „מאַכסאַן־אי־אַפגאַני", אַ כראָניקע פון 16טן יאָרהונדערט, רעדט זיך פון דעם, און אַזוי אויך אין אַלע שפּעטערדיקע כראָניקעס.

אַ באַזונדערן ווערט האָט דער חיבור פון עמיר עבד א־רחמן, דעם זיידן פון אמן־אַללה, דעם אַראָפּגעזעצטן שאַך פון אַפגאַניסטאַן (אין 1929). אין זיין בוך „אַפגאַנישע כראָניקע" שרייבט דער עמיר בפירוש אַז די אַפגאַנער שטאַמען פון בני ישראל.

די הערשנדיקע אַפגאַנישע שבטים, דוראַני און יוסוף־סאַי, האַלטן אַז זיי, און נאָר זיי, שטאַמען פון ישראלדיקע שבטים. אין די כראָניקעס זיינען דאָ אַלערליי מעשיות און לעגענדעס וועגן דעם ווי די אַפגאַנער זיינען געוואָרן מוסולמענער: דער נביא מוחמד האָט געשיקט צו זיי אַ שליח, וועמען ער האָט געגעבן דעם טיטל „קעניג", און דער שליח האָט זיי געמאַכט פאַר מאַכמע־דאַנער. דערביי רעדט זיך אויך פון זייער אָפּשטאַמונג. דער נוסח איז בערך אַזוי: די אַפגאַנער שטאַמען פון אַפגאַנאַ, און אַפגאַנאַ איז געווען אַ זון אָדער אַן אייניקל פון שאול המלך. אַנדערע לעגענדעס דערציילן, אַז שלמה המלך האָט געשיקט אַ פּלאָט קיין אינדיע. די געקומענע זיינען אַריינגעדרונגען אין די „בערג פון שלמה" און האָבן זיך דאָרט באַזעצט. נאָך אַ לעגענדע פירט די אָפּשטאַמונג פון די אַפגאַנער פון נבוכדנאצרס געפאַנגענע. ווידער איז דאָ אַ מעשה, וועלכע זאָגט, אַז דעם איסלאַם האָט איינגעפירט אין אַפגאַניסטאַן „אַ יידישער רב": ווען די שמועה מכוח „אַ נייעם נביא" האָט דערגרייכט צו אים, איז ער געפאָרן קיין באַגדאַד און איז דאָרט אָנגעקומען גראָד בשעת די אַראַבער האָבן איינגענומען פּערסיע (640). ער האָט מקבל געווען די תורה פון מוחמד און קומענדיק צוריק אין אַפגאַניסטאַן איז ער געוואָרן דער אַפּאָסטאָל פונעם אַראַבישן נביא און האָט משפיע געווען אויף די אַפגאַנער זיי זאָלן ווערן מוסולמענער. פון דעם אַלעם קומט אונז אַרויס נאָר איין זיכערער פאַקט: אַ יידישער ישוב האָט עקזיסטירט אין אַפגאַניסטאַן אַ לאַנגע צייט פאַר דעם איסלאַם.

דער נאָמען אַפגאַן איז ניט באַקאַנט אין דער געשיכטע פאַר דעם 11טן קריסטלעכן יאָרהונדערט. אַן אַפגאַניסטאַנער שרייבער פון 16טן יאָרהונדערט

פירט דעם יחוס פון זיין פאָלק, ווי געזאָגט, פון אַפגאַנאַ דעם זון פון ירמיה דעם זון פון שאול המלך; דער דאָזיקער אַפגאַנאַ איז געווען דער קאָמאַנדיר פון שלמה המלכס אַרמיי [4].

צו די פּאַטאַנען, די טרעגער פון דער אַלטער טראַדיציע וועגן אַ יידישער אָפּשטאַמונג, געהערן די דאָזיקע שבטים: אפרידן, אוראַקזאַיער, מוהמאַנדער און טורן. וועגן די אפרידן — דעם תקיפסטן און חשובסטן פון יענע שבטים — איז דאָ אַ מיינונג, אַז זיי זיינען דאָס די אפאַריטאַי, פון וועלכע הערעדאָטאָס זאָגט, אַז זיי זיינען די היטער פון דעם כייבאַרער דורכגאַנג.

נאָך דעם ווי ס'איז אונז קלאָר געוואָרן, אַז די ערשטע שיכט פון יידן אין אַפגאַניסטאַן איז עלטער פאַרן איסלאַם און איז געוואָרן מאַכמעדאַניש, אַזוי ווי די גאַנצע באַפעלקערונג, אונטער דעם דרוק פון די מוסולמענישע באַהערשער, פרעגט זיך אַ קשיא: פון וואַנען האָט זיך גענומען יענע פאַר־איסלאַמישע יידישע שיכט אין אַפגאַניסטאַן?

ש. מנחם לאַזאַר איז משער, אַז אין די אַלטע צייטן האָבן יידן איינגע־וואַנדערט קיין אַפגאַניסטאַן פון פּערסיע און געגרינדעט פרייע קאָלאָניעס. זיי האָבן געהאַט זייערע נשיאים און מלכים, און שטייענדיק כסדר אין פאַר־בינדונג מיט די יידן פון פּערסיע, האָבן זיי באַקומען פון דאָרט אויך דעם תלמוד. ס'קען זיין, אַז בכוח פון זייער העכערן גייסטיקן ניוואָ האָבן זיי באַווירקט אייניקע אַפגאַנישע שבטים און איינגעפלאַנצט אין זיי געוויסע יידישע מנהגים. אָבער נאָך דעם ווי דער איסלאַם האָט זיך פאַרשפּרייט אין אַפגאַ־ניסטאַן איז פאָרגעקומען אַ פאַרקערטער פּראָצעס: די מוסולמענער האָבן באַהערשט און באַדריקט די יידישע שבטים. מיט דער צייט האָבן זיך די צענטערס פון יידנטום דערווייטערט פון בבל און פּרס, און די אַמאָליקע יידישע אָדער פאַריידישטע שבטים אין אַפגאַניסטאַן האָבן פאַרגעסן די יידישע

4) לויט עבדאללה כאַן פון הערעט איז אַפגאַנאַ געווען אַ זון פון שאול המלך. נאָכן חורבן פון ערשטן בית־המקדש זיינען זיינע קינדס־קינדער פאַרוואָגלט געוואָרן קיין אַראַביע. אַ טייל פון זיי איז שפּעטער געקומען קיין אינדיע און אַ טייל קיין פּערסיע און פון דאָרט — אין די „בערג פון סוליימאַן". לויט רו־ירוטי האָט אַפגאַנאַ געלעבט אין דער צייט פון שלמה המלך און איז געקומען מיט שלמהס קאָלאָניסטן אין די „בערג פון שלמה". לויט „טאבקאט־אי־נאַצירי" איז ער געזעסן, מיט די איבעריקע „בני ישראל", אין גאהור, אין דרום־מזרח זייט פון הערעט, און האָט געהאַנדלט מיט די שכנים. אין 622 האָט מוחמד געשיקט צו אים אַ שליח, וועלכן ער האָט געגעבן דעם טיטל „קעניג", און דער דאָזיקער שליח, מיטן נאָמען קייס (אָדער קייש) האָט איסלאַמירט זיין גאַנצן פאָלק (די בני ישראל).

תורה; דאָס רוב זיינען זיי געוואָרן מאַכמעדאַנער, און נאָר קליינע רעשטן האָבן אויפגעהיט זייער יידישקייט.

די טעאָריע פון ש. מ. לאַזאַרן לייגט זיך אויפן שכל, כאָטש באַווייזן פעלן אים. מ׳קען אָננעמען, אַז די ערשטע יידישע אימיגראַנטן זיינען געקומען פון פרסיע אין דער עפּאָכע פון די אַכעמענידן. קיין דירעקטע ראיות האָבן מיר ניט; אָבער מיר ווייסן, אַז באַקטריא־אַפגאַניסטאַן איז דעמאָלט געווען אונטער פערסישער הערשאַפט, איינע פון די 127 מדינות פון אחשורושעס אימפּעריע, און מרדכי, ווי באַקאַנט (מגילת אסתר, ט, 30), האָט געשיקט בריוו צו די יידן אין אַלע 127 מדינות, הייסט דאָס, אויך אין אַפגאַניסטאַן.

אַ סברה, אַז יידישע קאָלאָניעס זיינען דאָרט אַנטשטאַנען אין דער פּערסישער צייט אויפן זעלביקן אופן ווי מצרים און לוב. צענדליקער טויזנטער יידן, מאָביליזירטע און וואָלונטירן, זיינען געגאַנגען מיט די פּערסישע אַרמייען קיין אַפריקע, און נאָכן פאַרענדיקן דינען באַזעצט זיך, מיט זייערע משפחות, אין יענע געגנטן, און זייער צאָל האָט זיך כסדר פאַרמערט. צום סוף פון בית־שני זיינען שוין געווען מיליאָנען יידן אין צפון־אַפריקע. ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַ גלייכער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין מזרח־זייט פון דער פערסישער אימפּעריע: אַזוי ווי פיל יידן פון יהודה האָבן זיך באַטייליקט אין די פערסישע עקספּעדיציעס קיין אַפריקע, אַזוי האָבן מאַסן יידן פון בבל, פרס און מדי, באַטייליקט זיך אין די עקספּעדיציעס קיין צפון־אינדיע און באַקטריא. אויך זיי האָבן זיך צום סוף באַזעצט אין די אָקופּירטע לענדער און געצויגן חיונה פון ערד־אַרבעט, פי־צוכט און מסחר. צו דער דאָזיקער עלטסטער שיכט האָבן געהערט קודם כל עמיגראַנטן פון בבל. זיי האָבן מיטגעבראַכט די טראַדיציעס וועגן זייער שטאַמען פון צוויי שבטים: בנימין און יהודה. שפּעטער זיינען צוגעקומען יידן פון אַשור און מדי, קינדס־קינדער פון די פאַרוואָגלטע פון שומרון. די דאָזיקע האָבן זיך מתייחס געווען צו די צפונדיקע שבטים. פון דאַנען נעמען זיך דאָרט די נעמען: בני אפרים, בני יוסף (יוסף סאַי) און בני גד, די זין פון זלפה, לאהס דינסטמויד. ווי געזאָגט, קיין קאָנקרעטע סימנים פון דער עקזיסטענץ פון יענער עלטסטער שיכט זיינען ניט געבליבן; ווייזט אויס, אַז דאָס רוב האָבן זיי זיך אַסימילירט און צעגאַנגען געוואָרן אין דער מאַסע פון דער מוסולמענישער באַפעלקערונג. אַ קליינער טייל האָט איבערגעלעבט די אַסימילאַציע און ווייטער געפירט זיין יידיש לעבן, ווי מיר לערנען פון דעם פאַקט וואָס ר׳ סעדיה גאון האָט באַקעמפט די

פירושים און רעיונות פון ר׳ חוי פון באלך. נאָך דעם הערן מיר גאָרניט פון די יידן פון אַפגאַניסטאַן. צום סוף פון 12טן יאָרהונדערט ברענגט ר׳ בנימין פון טודעלאַ אַביסל אַלגעמיינע ידיעות פון בוכאַראַ און מיטל־אַזיע. זיין נסיעה איז אויסגעפאַלן פאַר דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע און איידער דער איסלאַם האָט זיך פאַרשפרייט אין יענע לענדער; צענדליקער טויזנטער יידן האָבן געלעבט אין דעם ראַיאָן פון דעם „ניט־גלויביקן טערק״. זיי האָבן גערעדט פערסיש, אַראַביש, טערקיש (אוזבעקיש). אָן אַ ספק זיינען צווישן זיי געווען אַ סך פליטים פון אַפגאַניסטאַן, פרס און בבל און אַנדערע נאָענטע געגנטן, וואו דער מוסולמענישער פאַנאַטיזם האָט גערודפט און געפּלאָגט די „ניט־גלויביקע״.

ג.

לעבעדיקע עדות

דאָ וועל איך ברענגען ידיעות, וועלכע איך האָב באַקומען פון אַפגאַניס־טאַנער יידן און פון אַ בוכאַרער, וואָס איז געווען אין אַפגאַניסטאַן צוליב זיינע געשעפטן, וועגן יידישע טראַדיציעס און סימנים פון יידישקייט ביי אַפגאַנישע שבטים.

1) גבריאל ברוכוב, אַ בוכאַרישער ייד, אַ שערער, דערציילט:

איך בין געפאָרן פון בוכאַראַ אין דער שטאָט אנקוי און פון דאָרט קיין מאזאר און קאַבול. איינמאָל האָבן מיר, איך און מיין חבר, געמאַכט אַ נסיעה דורך די בערג פון אַפגאַניסטאַן ביז צו אַן אָרט וואו ס׳האָבן געלאַגערט אַפ־גאַנישע נאָמאַדישע שבטים. אויפן רוקן פון זייערע קליידער האָבן מיר גע־זען אַן אויסגענייטע פיגור, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מנורה (מיט ניין ליכט), און ביי די מענער זיינען אַראָפּגעהאַנגען אויף די באַקן צוויי פאות. האָב איך זיי געפרעגט, ווער זיי זיינען און ווי מ׳רופט זיי; האָבן זיי געזאָגט: שאווראנען (ריכטיק איז שינוואַרי און ניט שאווראן, אויך ניט שינגאַרי, ווי אַנדערע זאָגן), אפרידן און גדים (בני גד).

ג. ברוכוב האָט מוסיף געווען: איינער אַן אַפגאַנער ייד — מ׳רופט אים אבא כורת (קאָרעט) — האָט דערציילט, אַז בעת ער איז נאָך געווען אין אַפגאַניסטאַן האָט זיך אים געמאַכט פאָרן אין אַן אויטאָ מיט עטלעכע מענטשן

פון יענע שבטים, האָט ער געזעען ביי זיי אַ מזוזה צוגעבונדן צו דער האַנט, און איבער די קליידער טראָגן זיי אַ מין קאָלדרע, וועלכע זעט אויס ווי אַ טלית, און ביים דאַווענען שפרייטן זיי זי אויס פאַר זיך (זיי רופן דאָס „דשאַ־נאַמאַז" — דער אָרט פון דער תפילה) [5]. די דאָזיקע שבטים זיינען רייך, זייערע ווייבער זיינען פעט; זיי האָבן פערד, שאָף און רינדער, בהמות, קעמלען און מוילאייזלען.

די נאַמאַדן האָבן מיר געשטעלט אַ סך פראַגן (זאָגט ג. ברוכוב) וועגן די יידן. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז יעדן פרייטיק, נאָך דער מיטאָג־תפילה, צינדן אָן זייערע ווייבער ליכט. נאָך נידה טובלען זיך די ווייבער אין ים אָדער אין אַ סאַזלקע; און די מענער האַלטן זיך אָפּ פון תשמיש ביז זיי זיינען זיך מטהר.

איך האָב זיי געגאָלט — דאָס איז מיין מלאכה. האָט מען מיך געוואָרנט איך זאָל ניט אָנרירן די וואָנסעס און די פאות. די תפילות זייערע זיינען ווי ביי אַלע גוים (ד. ה. מוסולמענער). זייער לשון איז אַ פערסיש־אַפגאַנישער דיאַלעקט. חתונה האָבן זיי, די אויבנדערמאָנטע שבטים, נאָר צווישן זיך, איינע מיט די אַנדערע. זיי לאַגערן צווישן קאָבול און פעשאַוואַר. זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט אונז; זיי האָבן געוואוסט אַז מיר זיינען „בני מוסא" (משה). אָבער נאָך דעם ווי עטלעכע יידן האָבן גענומען פאַרקויפן זיי אַראַק (בראָנפן), איז זייער באַציאונג צו אונז געוואָרן ערגער. אויסער דעם האָבן זיי געזעען אין אונז האַנדלס־קאָנקורענטן. על פי רוב וואוינען זיי אין שטרויענע ביידלעך. דער שטרוי איז אויפגעשטעלט אין דער קרום און פון אויבן גע־קאַלכט. זייער געווער איז יעגער־ביקסן און מעסערס. צום „כאַדש" גייען זיי מיט סוניטישע קאַראַוואַנען קיין מעקאַ און מדינה, און ניט קיין קערבעלאַ, ווי די שיאיטן.

2) אבא כורת פון דער שטאָט הערא̈ט (היינט וואוינט ער אין תל־אביב) פלעגט פאַרברענגען יעדן יאָר 4־5 חדשים ביי יענע שבטים, אין זייערע ביידלעך. ער האָט אַ סך געזעען און האָט וואָס צו דערציילן. ענטפערנדיק אויף מיינע שאלות, האָט ער דערציילט אַזוי:

מיר פלעגן קויפן וואָל ביי די שבטים פון אפרידי און שינווארי. זיי האָבן געוואוסט אַז איך בין אַ ייד און עס ניט קיין פלייש פון זייער שחיטה. די

5) דאָס זעלביקע האָב איך געהערט פון אברהם הכהן פון הערא̈ט. זיין עדות — ווייטער.

אַלטע לייט האָבן געזאָגט, אַז אַמאָל זיינען זיי אויך געווען יידן. איינער, אַ 90־יעריקער זקן, האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געהערט פון זיין טאַטן, אַז זיי שטאַמען פון שבט שמעון (פון דעם איז זייער נאָמען — שינוואַרי). זיי לאָזן וואַקסן פּאות און טוען אָן אויף די קליידער אַ מין לאַנגן טוך, וואָס זעט אויס ווי אונזער טלית־קטן, אָבער אָן ציצית.

דער עלטסטער פון שבט אַפרידי האָט געהייסן מחמוד (מאַכמוד) כאַן טאַרזי. דער שבט האָט געהאַט זיין ראַיאָן צווישן סיאַבאַנד און קאַנדאַהאַר.

מכוח ליכט־צינדן האָט אבא כורת באַמערקט, אַז ניט אַלע ווייבער טוען דאָס: ס'זיינען דאָ פיר־פינף זקנות וועלכע צינדן אָן אַ קליין ליכטל ערב שבת. אין דעם, זאָגן זיי, ליגט עפּעס אַ „זכר" [6]). זיי צינדן ניט די ליכט אין „שטוב" — קיין שטיבער האָבן זיי ניט — נאָר לעבן ביידל, אין אַ ווינקל, אין אַ קאַסטן, און מאַכן דאָס ניט עפנטלעך.

די אַפגאַנער, האָט געזאָגט אבא כורת, האָבן געוואוסט אַז מיר זיינען יידן, וואָס זיינען געקומען קויפן וואָל, און זיי האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין שנאה צו אונז. דאָס איז געווען אין כסלו תרצ"ד (1933/4). דעמאָלט איז אַרויס אַ גזירה פון דער רעגירונג אַרויסצוטרייבן די יידן פון יענער געגנט. אָפיציעל האָט דאָס געזאָלט זיין אַ גירוש בלויז פון בוכאַרער און רוסישע יידן; אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט מען געמאַכט פון דעם אַ גזירה אויף אַלע יידן און פאַרטריבן 3000 נפשות [7]).

3) אברהם בן־בנימין (געקומען אין ארץ־ישראל סוכות תשי"א — 1951) האָט דערציילט:

לויט דער טראַדיציע פון די אפרידן שטאַמען זיי פון בני ישראל, פון שבט אפרים, און פון דאַנען קומט זייער נאָמען. זיי לאָזן וואַקסן פּאות פון ביידע זייטן. די אַלטע לייט, בדרך כלל, באַהאַלטן ניט זייער יידישע אָפּשטאַמונג. אָבער ביי די יונגע זעט מען אין דער לעצטער צייט אַ געענדערטע

---

6) וועגן ווייבער, וואָס צינדן אָן ליכט ערב שבת, האָב איך געהערט אויך אין פּערסיע, דהיינו, אין אַ דאָרף וואָס הייסט סע־דע. די איינוואוינער פון סע־דע שטאַמען פון אַנוסים.

7) מ'האָט זיי געגעבן צוויי שעה צייט און געצוואונגען לאָזן זיך אין וועג ווי זיי שטייען און גייען, מיט ווייב און קינד, אין מיטן ווינטער, אָן עסן, אָן נויטיקע מלבושים. אַ סך זיינען געפאַלן אויפן וועג; ניט פילע האָבן זיך דערשלעפּט ביז קאַבול און הערדאַט. מ'האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון אנקוי, מאזאר, שאבורגאן, אכטשא, מאיונא, ראגאל. דער דערציילער איז געווען אין יענעם גירוש; ער איז געקומען קיין קאַבול, אָבער זיין גאַנצן פאַרמעגן האָט ער פאַרלוירן.

האַלטונג: אונטער דער השפעה פון דער דרויסנדיקער פּאָליטישער פּראָפּאַ־גאַנדע הויבן זיי אָן צו לייקענען די אַלטע טראַדיציעס פון זייערע שבטים.

לויט זיין אינפאָרמאַציע געפינט זיך צווישן באַלוטשיסטאַן און קוואָויט אַ גרויסער שבט מיטן נאָמען לואַני. זיי זיינען קעמל־רייטער, באַרימט מיט זייער גבורה. זיי זיינען זיך מתייחס צום שבט בנימין[8]). זייער צאָל איז פון צען ביז צוואַנציק טויזנט נפשות. אויך דער שבט וואסיל איז זיך מתייחס צו בנימין; אָבער די צווייגן פון דעם שבט דשאַדשיאַ פירן זייער יחוס פון דעם שבט גד, און די שינוואַרי — פון שמעון. מ׳שאַצט די אַלע שבטים, וועלכע האָבן אַ טראַדיציע פון אַ יידישער אָפּשטאַמונג, אין אַ האַלבן מיליאָן נפשות בערך. דער ראַיאָן פון די אפרידן איז אין די בערג; די באַקאַנטסטע גרופּע פון יענע בערג הייסט, אין זייער לשון, קוסומאַנגאַל. די אפרידן האַלטן זיך שטראַם; זיי האָבן שוואַרצע אויגן, אַן אָריענטאַלער חן באַשיינט זיי דאָס פּנים. זיי זיינען זעלבסטשטענדיק, געהאָרכן ניט קיין פרעמדער מאַכט, אויך ניט דער אָפיציעלער רעגירונג פון אַפגאַניסטאַן און ניט דער אינדישער רעגירונג. יעדער קלאַן האָט זיין נשיא, וועלכער הייסט „מאַלכ" (מלך), און זיין פאַן. אויסער די נשיאים פון די קלאַנען איז דאָ אַ נשיא פון דעם גאַנצן שבט, אַן אויבערשטער נשיא. צו די אפרידן געהערן דריי שבטים. יעדערער פון די דריי אויבערשטע נשיאים איז אַן אַבסאָלוטער הערשער אין זיין שבט.

4) יעקב ניסי האָט דערציילט אין נאָמען פון דעם רב לוי פון מעשהעד: די אפרידן טראָגן אויף די פּלייצעס אַ מין ליילעך און זיי שפּרייטן אים אויס ווי אַ טלית. אַלטע ווייבער צינדן אָן ליכט אויף שבת. די מענער לאָזן וואַקסן פאות און בערד. זייער שפּראַך איז פּעשאַוואַריש; זיי רעדן אויך „אורדו" (די שפּראַך פון מערב־פּאַקיסטאַן, אַן אָפּצווייגונג פון הינדוסטאַניש אין מוסולמענישן צפון פון אינדיע).

5) מיט אברהם בן־אַדשאַדשאַן הכהן האָב איך געשמועסט אין ניסן תשי"א (1951). דעמאָלט איז ער געווען ניט לאַנג געקומען קיין ארץ־ישראל. אין הערעט איז ער געווען דער נשיא פון דער יידישער קהילה. זיין פאָטער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אין הויף פון דעם עמיר חביב־(כאַביב)־אַללה (דעם

8) די בנימינישע טראַדיציע איז גאַנץ פאַרשפּרייט אין מיטעלן אָריענט, בפרט ביי די קורדן אין איראַק און אין פּערסיע, — זע מיין אַרטיקל אין „העולם", נומ׳ 7, 1943. אַ רמז אויף דער טראַדיציע געפינט זיך אין „מגילה", כ"ט, אין דעם נאָמען פון דער שול הוצל דבנימין (כתובות י"א, מגילה ה׳, ע"ב).

פאָטער פון דעם קעניג אַמאַן־אַללה). דער עמיר האָט אים דערהויבן צו אַ הויכער פּאָזיציע. אָבער דער סוף זיינער איז געווען ווי דער סוף פון אַ סך יידישע האַרן אין מוסולמענישע לענדער — מוסולמענישע פאַנאַטיקער, אין דינסט פון אינטריגאַנטן, האָבן אים דערהרגעט. דער דערציילער געדענקט פון זיין קינדהייט ווי זיין פאָטער האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַרן עמיר. בעת דער סעודה האָט ער געהערט ווי דער עמיר האָט געזאָגט: „איך שטאַם פון שבט בנימין".

דר. אַגאַ־כאַן, וועלכער איז געווען מיט אונז האָט באַמערקט דערצו: אין דעם בוך פון דעם פאָטער פון חביב־אַללה (דעם זיידן פון אַמאַן־אַללה), „אַפגאַניסטאַן תאאריכי", שטייט אַז די אַפגאַנער זיינען פון יידישער אָפּשטאַמונג, און איסלאַם האָבן זיי אָנגענומען אין דער צייט ווען די אבאסידן האָבן באַהערשט איראַק און פּערסיע.

אברהם הכהן האָט זיך געטראָפן מיט די אפרידן אין זייערע בערג, און דאָס איז וואָס ער האָט פאַרנומען פון זיי: „מיר האָבן געהערט פון די אַלטע לייט, אַז מיר קומען אַרויס פון יידן". אייניקע זקנים אָדער זקנות זיינען זיך נוהג אָנצוצינדן ליכט פרייטיק פאַרנאַכט. די אפרידן טראָגן פאות פון ביידע זייטן פון פּנים. די פאות גרייכן זיי ביז צו די שפּיצן פון די אויערן. די האָר אויפן קאָפּ גאָלן זיי. זיי האָבן טיכער אַזוי ווי טליתים. די טיכער טוען זיי אָן איבער די קליידער, און ביים דאַוונען שפּרייטן זיי זיי אויס און בוקן זיך. דעם אָרט פון דער תפילה רופן זיי אויף פּערסיש „דשאַ־נאַמאַז". אָבער די טיכער זייערע האָבן ניט קיין פּעדימער, ווי אונזערע ציצית. פון יידישער שחיטה עסן זיי, אָבער ניט פון שיאיטישער שחיטה. זיי האָבן חתונה נאָר צווישן זיך, אין זייער שבט; מיט קיין פרעמדע מישן זיי זיך ניט.

6) יחזקאל בצל (אָדער בצלאל) איז געקומען קיין ארץ־ישראל פון באָמביי. ער האָט מיך באַזוכט מיט מיין פריינט, דניאל גול, דעם פאַרשטייער פון דער אַפגאַנישער קהילה אין ירושלים. ער האָט דערציילט:

דער איצטיקער קעניג פון אַפגאַניסטאַן איז דאַהיר־(זאהר)־כאַן, דער זון פון נאַדיר־שאַך. יחזקאל בצל איז געווען אַ סוחר אין אַפגאַניסטאַן. ער איז געפאָרן, צוליב זיינע עסקים, פון קאַבול קיין פּעשאַוואַר, דורך די בערג פון די אפרידן. פון זיי האָט ער געהערט, אַז זיי שטאַמען פון בני ישראל, פון פאַרשידענע שבטים: די אפרידן פון אפרים, די דשאַדשיאַן פון גד, די שינוואַריס פון שמעון. זיי טראָגן עפּעס אַזוי ווי טליתים איבער די קליידער, און לאָזן

וואַקסן פאות. פאַראַן משפחות, וועלכע צינדן אָן ליכט ערב שבת (נאָך דער תפילה). זיי זאָגן: אויב דאָס ליכט פאַרלעשט זיך — וועט דער מענטש שטאַרבן יענעם יאָר. פאַראַן פון זיי, וואָס זיינען מל זייערע זין צו אַכט טעג (ניט ווי די מוסולמענער, וועלכע זיינען מל פיל שפּעטער — אָבער ניט שפּעטער ווי ווען דאָס יינגל איז אַלט 13 יאָר).

ס׳איז דאָרט דאָ אַ משפחה, וועלכע האָט אַ מסגד (מיסגאַד, מאָסק, געבעט־שטיבל) פאַר זיך: אַ צימער מיט אַ מנורה. ווען איינער איז שווער קראַנק, זאָגן זיי, קוקט ער אויף דער מנורה און ווערט געזונט. דאָס האָב איך געהערט פון זיי בעת איך בין דאָרט געוועזן.

איינמאָל, אין קאַבול, איז צו מיר געקומען אַ שאָפער (אַ גוי), אָבער זעענדיק מענטשן ביי מיר אין שטוב האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט. אַן אַנדערש מאָל איז ער געקומען אום שבת; קיינער איז ביי מיר דעמאָלט ניט געווען. האָט ער מיך געבעטן לערנען אים אונזער כתב. ער האָט געזאָגט: איך בין אַ ייד; מיר האָבן אַ סך יידישע מנהגים; איך וויל קענען אונזער כתב. מיר זיינען פון די בני יוסף (יוסוף־סאַי); מיר זיינען בפירוש יידן, אָבער אויס מורא פאַר די שכנים, קענען מיר ניט אַרויסווייזן אונזער יידישקייט. מיר וואוינען אין די בערג צווישן קאַבול און פּעשאַוואַר, אין דער סביבה פונעם כייבאַר־דורכגאַנג.

יחזקאל בצל האָט מוסיף געווען: זייער שפּראַך איז „פּושטו״, און די חיונה ציען זיי פון ערד־אַרבעט. זיי האָבן באַדנס און זייען זומער־תבואות. פיל פון זיי האָבן געדינט אין דער ענגלישער מיליטער, און היינט אין דער פּאַקיסטאַנישער אַרמיי, אָבער ניט אין דער אינדישער. זיי האָבן מאָסקן; יעדע משפחה האָט איר געבעט־אָרט. אַ גאַסט פירט מען אַריין אין דער געבעט־שטוב און דאָרט טאַקע שלאָפט ער. קיין יידישע סוחרים קומען צו זיי ניט, און ס׳קומט זיי גאָר ניט אויס צו זעען יידן. אין אינדיע רופט מען זיי „פּאַטאַן״, און אין אַפגאַניסטאַן — „פּאַטאַן־עלי״ (אַלי).

און איינמאָל, אין קאַנדאַהאַר (אַ שטאָט אין אַפגאַניסטאַן), האָט מיר דערציילט מיינער אַ גוטער פריינט, אַ מאַכמעדאַנער, אַ קאַנדאַהאַרער געבוירענער, אַז ער האָט באַגעגנט אין שטאָט אייניקע פון זיי. זיי האָבן אים געפרעגט וואוהין קלייבט ער זיך צו פאָרן. ווען ער האָט געענטפערט: „קיין ירושלים, די הייליקע שטאָט״, האָבן זיי געזאָגט: „ווער ס׳דאַוונט אין „בית אלמקדס״

(ד. ה. אין ירושלים) איז זיין תפילה ווערט אַזוי ווי טויזנט תפילות דאָ" (אין אַפגאַניסטאַן).

7) פון דעם מעמאָראַנדום פון חייא זאוראַוו (תש"י, 1950):

איך האָב געהאַט אַ שמועס מיט דעם אַפגאַניסטאַנער מיניסטער, גולאם נבי (נעבי) כאַן, און דאָס איז וואָס איך האָב געהערט פון אים: די אַפגאַנער שטאַמען פון בני ישראל, פון דער צייט ווען דער ערשטער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן; און בפרט די איינוואוינער פון דער שטאָט קאַנדאַהאַר, וועלכע ליגט ניט ווייט פון דער הויפט־שטאָט קאַבול. די דינאַסטיע פון די אַפגאַנישע קעניגן איז פון שבט בנימין. אַלע שבטים אין די בערג, צווישן אַפגאַניסטאַן און פעשאַוואַר, וועלכע האָבן מיט יאָרן צוריק אָנגענומען איסלאַם — זיי זיינען באַקאַנט מיט זייערע אָפטע אויפשטאַנדן קעגן דער ענגלישער רעגירונג און קעגן אַנדערע רעגירונגען — זיינען זיך מתייחס צו בני גד און צו בני אפרים.

8) נאָך אַביסל ידיעות פון פאַרשידענע קוועלן:

(א) חכם יוסף אליה איז געווען אין געפאַנגענשאַפט ביים שבט כייוואַריהאַ. ער וואוינט אין באַלך און צייטנווייז אין קאַבול; ער האָט אַ געשעפט אויך אין דער שטאָט מאַזאַר. ער איז געווען אַ רב אין העראַט אָדער אין קאַבול. ער האָט געשריבן וועגן די מנהגים פון די כייוואַריהאַ, אָבער זיין חיבור איז נאָך ניט געדרוקט.

בעת ער איז געווען אַ געפאַנגענער ביי די כייוואַריהאַ האָבן זיי אים באַהאַנדלט מיט גרויס כבוד. דער שבט ציילט 1500—1600 נפשות. די ווייבער אַרבעטן אויפן פעלד, די מענער גיבן זיך אָפּ מיט רויבעריי. אויף די דינים פון שחיטה גיבן זיי ניט אַכטונג, אָבער ביים דאַוונען זאָגן זיי: „מוסא (משה) איז דער נביא פון גאָט". זיי זיינען זיך נוהג מל צו זיין די זין צו אַכט טעג. זיי האָבן געהאַט אַן אַלטע ספר־תורה — האָבן בוכאַרער גענומען זי און פאַרקויפט דעם באַראָן ראָטשילד בשעת ער איז געווען אין בוכאַראַ (?). דעם פוטליאַר פון דער ספר־תורה האָבן צוגענומען די באָלשעוויקעס און האָבן אַוועקגעשיקט אין זייער מאָסקווער מוזעאום; דאָרט האַלטן זיי אים אין דער „יידישער אָפּטיילונג".

די כייוואַריהאַ פאַסטן איין טאָג אין יאָר (אַ זכר פון יום כיפור); דעם טאָג באַשטימען זיי לויט זייער צייט־רעכענונג. זיי וואוינען אין געצעלטן און אין מערות. זייער ראַיאָן איז אין האַראַר — צווישן באַלוטשיסטאַן, אַפ־גאַניסטאַן און קור־זאַר.

(ב) אויסער די דערמאָנטע קריגערישע שבטים, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם איסלאַם אין אַלטע צייטן, זיינען דאָ אין אַפגאַניסטאַן נאָך פאַרשידענע שבטים און קלאַנען, וואָס דער דרוק פון איסלאַם האָט זיי דערגרייכט אַ סך שפּעטער, און כאָטש זיי זיינען געווען געצוויטיקט צו איסלאַמיזירן זיך, האָבן זיי אויפגעהיט אַ סך מער סימנים פון אידישקייט. למשל:

(1) אויף דער גרענעץ פון אַפגאַניסטאַן און רוסלאַנד זיצט אַ קלאַן מיטן נאָמען מוסאַ־סאַי (ד. ה. בני משה). זייערע מנהגים זיינען אַזוי ווי די מנהגים פון די אויבנדערמאָנטע שבטים, וועלכע זיינען זיך מתייחס צו בני ישראל. דער אָרט וואו זיי וואוינען הייסט מאַרקאַו.

(2) אין דער געגנט פון מיימענאַ, ניט ווייט פון אַנקוי, אַ מהלך פון פופצן טעג פון העראַט, געפינט זיך אַ קלאַן מיטן נאָמען מאַלמאַל. זיי זיינען פּאַס־טוכער. ביז מיט אַ הונדערט יאָר צוריק האָבן זיי אויפגעהיט זייער ייִדישקייט. לסוף האָט מען זיי געצוואונגען שמדן זיך. אַצינד זיינען זיי מוסולמענער. עטלעכע מאָל האָבן זיך געפונען ביי זיי שטיקלעך פאַרמעט פון ספרי־תורה — האָבן זיי זיי אָפּגעגעבן די ייִדן. זיי האָבן ניט חתונה מיט מוסולמענער, נאָר צווישן זיך. זייער צאָל איז ביי אַ טויזנט פאַמיליעס. די מוסולמענער רופן זיי ביז היינט „דשדיד אל־איסלאַם", ד. ה. נייע מוסולמענער. אַזוי רופט מען אויך די אנוסים פון מעשהעד. פון דאַנען זעען מיר, אַז די צייט פון זייער שמד איז ניט אַזוי ווייט ווי, למשל, פון די אַפרידן און אַנדערע שבטים.

(3) מ׳דערציילט, אַז פון דעם שבט יוסוף־סאַי האָט מען געבראַכט אַ מתנה דעם פּערסישן הערשער, נאַדיר־שאַך (1688—1747) — אַ תנ״ך און נאָך כלי־קודש. אַזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט וואָס זיינען דאָס פאַר אַ זאַכן, האָט מען גערופן אַ ייִדישן סאָלדאַט פון זיין מיליטער און ער האָט אים מסביר געווען.

ס׳גייען אַרום אַ סך מעשיות וועגן ייִדישע טראַדיציעס ביי אַפגאַנישע שבטים. איך האָב זיך באַגנוגנט מיט עטלעכע ביישפּילן, וועלכע גיבן אונז אַ פאָרשטעלונג פון דעם ענין און באַווייזן, אַז די טראַדיציע פון זייער אָפּשטאַ־מונג פון בני ישראל איז אַן אַלטע טראַדיציע, און איז לעבעדיק ביי זיי ביזן היינטיקן טאָג.

כאָטש זיי זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון כלל ישראל מיט אַ סך דורות צוריק, און אַפילו מיט דעם עלנטן ייִדישן ישוב אין אַפגאַניסטאַן קומען זיי ניט אין באַרירונג, טליעט נאָך אַלץ ביי זיי אין האַרצן אַ פונק פון ייִדישקייט,

„דאָס פינטעלע ייד‟, און פון זייערע רייד הערט זיך ווי אַ מין בת־קול פון אַן אַלטער לעגענדע, וועלכע זיי קענען ניט פאַרגעסן.

די עליה פון אַפגאַניסטאַן האָט אונז געבראַכט יידן, סוחרים און פעדלער, וועלכע פלעגן פאָרן צו יענע שבטים צוליב זייערע געשעפטן און פאַרברענגען ביי זיי אַ געוויסע צייט. זיי האָבן געזעען מיט זייערע אויגן די מנהגים פון די אַפגאַנישע שבטים און געהערט פון זיי אַליין זייערע טראַדיציעס און זכרונות. די דאָזיקע יידן זיינען פאַר אונז דער בעסטער מקור פון אויטענטישער אינ־פאָרמאַציע וועגן דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונז; אַ זעלטענע מעגלעכ־קייט צו באַרייכערן אונזער קאַרגן וויסן און מאַכן אַ ממשותדיקן פאַקט פון דעם וואָס מ׳האָט געהאַלטן פאַר אומבאַגרינדעטע קלאַנגען. פאַרשטייט זיך, די ידיעות פון דעם מקור דאַרף מען גוט בודק זיין. אָבער שוין היינט איז קלאָר, אַז אין יענע בערג, צווישן אַפגאַניסטאַן און פערסיע און רוסישן טור־קעסטאַן, פון איין זייט, צווישן אַפגאַניסטאַן, פאַקיסטאַן און באַלוטשיסטאַן, פון דער אַנדערער זייט, געפינען זיך מוסולמענישע שבטים, וועלכע האָבן ניט פאַרגעסן זייער ידישן עבר, וועלכע היטן די ריינקייט פון זייער אָפּשטאַ־מונג און פון זייער פאַמיליען־לעבן, און זיינען נאָך מקיים אייניקע מצוות פון זייער פריערדיקער אמונה. פאַרשטייט זיך, דאָס איז נאָר אַ היסטאָרישער אינטערעס; קיין פראַקטישע באַדייטונג האָט עס ניט. דאָך, דאָס וויסן אַליין איז וויכטיק — אין געוויסע אומשטענדן קען דאָס ווערן אַן אַקטיוור פאַקטאָר.

בני בנימין

א.

ביי די פּערסישע יידן, און ביי די יידן אין די אַרומיקע לענדער, וועלכע שטאַמען פון פּערסיע, לעבט ביז היינט די טראַדיציע, אַז זיי קומען אַרויס פון די פאַרוואָגלטע שבטים פון ישראל: אַ טייל פון שבט בנימין, אַנדערע פון די עשרת השבטים און נאָך אַנדערע פון שבט יהודה און פון די גולי בבל. אַ סימן אַז יידן פון שבט בנימין זיינען געווען אין פּערסיע אין דער צייט פון די אַכעמענידן האָבן מיר אין מגילת אסתר: וועגן „מרדכי היהודי" שטייט

בפירוש: „איש ימיני“. אַזוי אויך פון אַנדערע שבטים. די טראַדיציעס פון די שבטים זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור, ביז אונזער צייט. די יידן פון דאַמאַוואַנד, למשל, זיינען זיך מתייחס צו די גולים פון גלעד (ד. ה. צום שבט מנשה), וועלכע תגלת פלאסר האָט פאַרטריבן אין די טעג פון פקח בן־רמליהו, ד. ה. נאָך פאַר גלות שומרון.

די יידן פון אורמיה, אויף דער גרענעץ פון איראַן און טערקיי, האַלטן אַז זיי שטאַמען פון גלות שומרון, און ניט נאָר די יידן; ס׳זיינען דאָרט דאָ קורדישע שבטים, סוניטן, וועלכע גלויבן אַז זייערע אָבות זיינען געווען יידן; מ׳זאָגט, אַז זיי זיינען זיך נוהג צו מאַכן אַ ברכה אויף פירות.

אינטערעסאַנט איז וואָס אייניקע פון די גויישע שבטים זיינען זיך מתייחס דווקא צום שבט בנימין. פון דעם — שפּעטער. צוערשט וועל איך ברענגען אַביסל ידיעות וועגן יידישע אנוסים, וועלכע זיינען איינגעזונקען אין ניט־יידישע סביבות. די אנוסים פון מעשהעד געהערן ניט צו דער קאַטעגאָריע; זיי האָבן זיך ניט אויסגעמישט און ניט אַסימילירט מיט דער מוסולמענישער באַפעלקערונג, און האָבן אָפּגעהיט און באַוואַרט באַהאַלטענערהייט זייער יידישן וועזן.

איך האָב געהערט, אַז אין מאַזאַנדעראַן זיינען דאָ אנוסים, וועלכע האָבן פאַרגעסן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום יידישן גלויבן, אויסער יום־כיפור און פסח. זיי וואוינען אין קיאַ־קאַלאַ, אַ דאָרף וואָס געהערט צו דער משפחה פון פעהלעווי (די איצטיקע קעניגלעכע דינאַסטיע אין פּערסיע). די פּויערים פון יענעם דאָרף האָבן אַ נטיה צו קומען אין ערטער, וואו ס׳געפינען זיך יידן. ווען דער פריערדיקער קעניג, ריזאַ־שאַך, האָט באַזוכט די געגנט, האָט מען אים דערציילט, אַז די פּויערים פון זיין דאָרף קיאַ־קאַלאַ זיינען נאָך אַלץ צוגעבונדן צו זייער אידישער אָפּשטאַמונג. דעמאָלט האָט ער זיי געצוואונגען חתונה־האָבן מיט זייערע מוסולמענישע שכנים. מ׳זאָגט, אַז שמדן זיך האָט זיי געגנויט אַ משומד, אבולחסן (אַבולכאַסאַן): ער האָט אויפגעהעצט די מוסולמענישע פאַנאַטיקער און געבראַכט אַן עפּאָכע פון גרויסע רדיפות אויף יידן. דאָס איז געשען אין די טעג פון שאַך אַבאַס (1587—1628).

צווישן האַמאַדאַן (אחמתא) און קאַזווין זעט מען דערפער, וואו די מאָסקן זיינען געבויט אַזוי ווי יידישע שולן; און די איינוואוינער ווענדן זיך ביים דאַוונען אין מערב־זייט (ד. ה. אין דער ריכטונג פון ירושלים), ווי די יידן אין פּערסיע, און ניט אין דרום־זייט, ווי די מאַכמעדאַנער.

די געגנט פון סע־דע האָב איך שוין דערמאָנט אין דעם פאַריקן קאַפּיטל, אין אַ באַמערקונג. דאָרט זיינען די דריי גרויסע דערפער, וועלכע האָבן אַ טראַדיציע פון אַ ייִדישער אָפּשטאַמונג; מ׳שאַצט זייער באַפעלקערונג אין דרייסיק טויזנט נפשות. זיי לעבן פון לאַנדווירטשאַפט. אויך זיי זיינען געווען געצוואונגען צו שמדן זיך אין דער צייט פון די גזירות, וועלכע דער משומד אַבולחסן האָט אַרויסגערופן. מ׳זאָגט, אַז זייערע ווייבער צינדן אָן ליכט ערב־שבת באַהאַלטענערהייט. די ליכט טוען זיי אַריין אין אַ קרוג, ס׳זאָל ניט זיין קאָנטיק אין דרויסן.

ב.

מיר האָבן שוין גערעדט פון די אַפגאַנישע שבטים, וועלכע זיינען זיך מתייחס צו בני ישראל, אַ טייל פון זיי — צום שבט בנימין. די בנימינישע טראַדיציע איז אויך פאַרשפרייט ביי אייניקע שבטים אין פערסיע און אין קורדיסטאַן. דאָס ווערט באַשטעטיקט פון פאַרשידענע טוריסטן און פאָרשער, ייִדן און ניט־ייִדן, וועלכע זיינען געווען אין יענע לענדער. סער וויליאַם דזשאָנס, אַן ענגלישער פאָרשער, וועלכער האָט געלעבט אין קאַלקוטאַ צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט, שרייבט: אַלע וויכטיקע פערסישע היסטאָריקער זאָגן, אַז די אַפגאַנער שטאַמען פון ייִדן. די טראַדיציעס פון ייִדישער אָפּשטאַמונג, וועלכע גייען אַרום אין מיטל־אַריענט, זיינען ניט פאַנטאַזיעס אין דער וועלט אַריין. ס׳איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אין 11טן—12טן יאָרהונדערט זיינען געווען אין מיטל־אַזיע גרויסע ייִדישע שבטים — זיי זיינען שפּעטער פאַרשאָטן געוואָרן פון דער מאָנגאָלישער לאַווינע; און די וועלכע האָבן איבערגעלעבט די קאַטאַסטראָפע און געבליבן אויף זייערע ערטער, האָבן ווייטער געפירט זייער לעבן אין אַ מוסולמענישן שלייער. ביי אַזעלכע שבטים געפינט מען נאָך היינט רעשטן פון ייִדישע טראַדיציעס און מנהגים.

ר׳ בנימין פון טודעלאַ איז געווען אין פערסיע אין די יאָרן 1169 — 1171. ער שרייבט אין זיין חיבור, אַז אין די בערג פון „גיבסון״ און די שטעט פון „ניסבור״, ביים טייך גוזן, זיצן פיר ייִדישע שבטים: דן, זבולון, אשר און נפתלי. זייער לאַנד איז גרויס, „צוואַנציק טעג גאַנג, און זיי האָבן מדינות און גרויסע שטעט אין די בערג. פון איין זייט רינגלט זיי אַרום דער באַרג גוזן. זיי זיינען ניט אונטערטעניק פון גוים; זיי האָבן איין נשיא, זיין נאָמען

איז ר׳ יוסף המרכלי (אָדער אמרכלא) הלוי („אמרכל״ מיינט אַ פֿאַרשטייער, אַ פֿאַרוואַלטער). זיי האָבן תּלמידי־חכמים, זיי זייען און שנײַדן, (תבואה), זיי גייען דורך וויסטעניִשן מלחמה־האַלטן אינעם לאַנד כוש. און זיי האָבן אַ בונד מיטן ׳כּפר אל־תורך׳״, א. אַ. וו. „כּפר אל־תורך״ — אַזוי האָבן די אַראַבער גערופֿן די טערקן אײדער יענע האָבן אָנגענומען איסלאַם; און מיטן „לאַנד כוש״ זיינען געמיינט די בערג פֿון הינדו־קוש, אין מערב־זייט פֿון די הימאַלאַיאישע בערג — און דאָס איז דער הײַנטיקער אַפֿגאַניסטאַן.

די עקזיסטענץ פֿון אַ אידישער באַפֿעלקערונג אין יענע געגנטן באַשטעטיקן, ווי געזאָגט, טראַדיציעס און מנהגים פֿון די דאָרטיקע שבטים. ר׳ מנשה בן־ישׂראל ברענגט אין זיין בוך „מקוה ישׂראל״, אין נאָמען פֿון דעם קריסטלעכן געאָגראַף אברהם אָרטעלי, אַז אין די טעג פֿונעם פּערסישן שאַך פּירוז (צווייטע העלפֿט פֿונעם 5טן יאָרהונדערט) האָבן די שבטים דן און נפתּלי איינגענומען „טאַרטאַריאַ״. אין זיין קאַרטע פֿון אַזיע שטייען זייערע נעמען פֿאַרצייכנט: „נאַפֿטאַליטן״ און „דאַניטן״.

דער קריסטלעכער שרייבער אַגאַטיוס דערציילט, אַז דער פּערסישער קעניג פּירוז האָט מלחמה געהאַלטן צוויי מאָל מיט בני נפתּלי. אין דער ערשטער מלחמה האָט ער געהאַט אַ גרויסע מפּלה און געבעטן שלום. בני נפתּלי האָבן מסכּים געווען בתּנאי ער זאָל צוזאָגן, אַז מער וועט ער ניט קומען אין זייער לאַנד; און אַ צווייטער תּנאי — ער זאָל זיך בוקן פֿאַר זיי און דערמיט מודה זיין אַז ער איז באַזיגט. ער האָט אָנגענומען די תּנאים, אָבער — פֿאָלגנדיק אַן עצה פֿון זיינע געצנדינערישע האַרן — האָט ער זיך געבוקט אין מזרח־זייט, צו דער זון. שפּעטער האָט ער געבראָכן זיין וואָרט און איז אַ צווייטן מאָל אָנגעפֿאַלן אויף בני נפתּלי. אין דער צווייטער מלחמה האָט ער ווידער געליטן אַ מפּלה און איז דערביי אַליין אויך אומגעקומען.

פּיעדראַ טאַקסײַראַ רעדט אויך פֿון אָט־די מלחמות, אין זיין געשיכטע פֿון דער פּערסישער מלוכה (קאַפּיטל 32), אָבער אַנשטאָט בני נפתּלי שרייבט ער עפּטאַליטן. דער נאָמען שטאַמט פֿון ביזאַנטישע קוועלן. פּראָקאָפּיוס דערמאָנט אויך די עפּטאַליטן. ווער זיינען זיי געווען, איז ביז הײַנט ניט אויפֿגעקלערט. אין אינדיע האָט מען זיי גערופֿן הונא; אין אייראָפּע — ווייסע הונען. מיט דעם איז ניט געזאָגט, אַז זיי האָבן טאַקע געהאַט אַ שייכות צו די הונען. אדרבא, פֿון דער באַצייכענונג ווייסע הונען איז געדרונגען, אַז זיי זיינען ניט די מאָנגאָלישע הונען. אַלטע שרייבער האָבן אָנגענומען, ווי

מיר האָבן געזעען, אַז דאָס פאָלק, אין מיטל־אַזיע, וואָס מ׳האָט אויף גריכיש גערופן Ephthalitoi, זיינען „נאַפטאַליטן״, בני נפתלי. די פראַגע איז נאָך אַלץ אַן אומגעלייזט היסטאָריש רעטעניש.

ג.

ווי געזאָגט, די בנימינישע טראַדיציע איז באַזונדערס פאַרשפרייט ביי די קורדן אין צפון פון איראַק, און אַביסל אויך אין פערסיע.

עטלעכע יאָר האָב איך קאָרעספּאָנדירט מיט שלמה עזריה, וועלכער האָט זיך פיל אָפּגעגעבן מיט פאָרשן די טראַדיציע פון געוויסע קורדישע שבטים און דערפער וועגן זייער אָפּשטאַמונג פון שבט בנימין. אין אָקטאָבער, 1935, האָט ש. עזריה מיר צוגעשיקט אַ ליסט פון 38 דערפער, מיט אַ באַפעלקערונג פון 24,000 נפשות בערך, וואו די טראַדיציע איז פאַרשפרייט און טיף איינ־געוואָרצלט. איך ברענג דאָ נאָך פרטים, וואָס איך האָב באַקומען פון ש. ע., וועגן זייערע מנהגים און אמונות.

א) זיי פאַרערן בנימין בן יעקב אבינו, ע״ה. זיי רופן אים פירי בנימין („פירי״ מיינט זיידע אָדער הייליקער). זיי פאַרערן אויך דוד המלך. זיי וויסן אַז דוד המלך איז געווען אַ פאַסטוך; זיי גלויבן אַז ער לעבט נאָך. דאָס הערט זיך אָן ווי ביי אונז דער אויסרוף: „דוד מלך ישראל חי וקיים!״

ב) דער קבר פון בנימין הקדוש געפינט זיך, לויט זייער גלויבן, אויף אַ באַרג, אין פערסיע, ניט ווייט פון קאַסרי־שירין. די מיטגלידער פון דער סעקטע קומען אַהין אין די טויזנטער, אין באַשטימטע צייטן: זיי פאַלן אַנידער פאַרן קבר, זאָגן געוויסע תפילות און ברענגען קרבנות, ווי ס׳פירט זיך אין אַ קולט פון הייליקע קברים.

ג) אין אַ בריוו פון 30טן דעצעמבער, 1937, האָט ש. ע. מיר געשריבן:

זיי האָבן אַ הייליקן ספר אָדער עטלעכע ספרים, אָבער זייער ווייניק קאָפּיעס. איין עקזעמפּלאַר, וועלכן ש. ע. האָט געזעען, איז אַ קליין ספרל אויף קורדיש, אַן עקסטראַקט פון „דיוואַן גבראַ״, ד. ה. פון דעם „גרויסן בוך״. אין ספרל זיינען דאָ ברכות אויף שחיטה און אויף „זבח״, ד. ה. ביים ברענגען אַ קרבן, און אויך נעמען פון תנ״ך און אַנדערע, ווי למשל: משה, בנימין, דוד, ראזבער, מאיר, חמוש, א. אַ. וו.

ש. ע. האָט זיך זייער משתדל געווען צו קריגן פון זיי אַ ספר אָדער אַ קאָפּיע פון זייערן אַ ספר, אָבער אָן הצלחה. זיי היטן די ספרים און לאָזן זיי ניט אַרויס פון האַנט. און די קאָפּיע פון ספר, וועלכע געפינט זיך אין קערענד (אין פּערסיע), איז אים ניט געלונגען אַפילו צו זעען. אין אַ בריוו פון 1טן פעברואַר, 1938, וואו ער באַשרייבט זיינע באַמיאונגען, זיינען דאָ אינטערעסאַנטע פּרטים:

„איך האָב זיך באַפרייט אויף עטלעכע טעג און האָב פאַרבראַכט פיר נעכט אין זייערע דערפער. איך האָב געהאַט אַ בריוו פון אַ פריינט צו זיינעם אַ (דאַרטיקן) פריינט, מ׳זאָל אונז געבן דעם ספר. מיט מיר איז געפאָרן אַ באַגלייטער, איינער פון זיי, אויף צו ווייזן דעם וועג. דעם ספר האָט מען געזאָלט געבן אים אין האַנט, ווייל ער איז פון זייער אמונה, און ער האָט געזאָלט געבן אים מיר. קומענדיק אויפן אָרט — אַ מהלך פון 120 מייל פון מיין שטאָט — האָב איך זיך באַגעגנט מיט דעם מענטשן וואָס ביי אים איז דער ספר. ער האָט מיך אויפגענומען זייער פיין, און ווען איך האָב אים דער־לאַנגט דעם בריוו, האָט ער אים גענומען מיט גרויס כבוד, און באַלד האָט ער אונז באַוויזן דעם ספר. דער ספר איז 3 פינגער אין דער גרעב און 8 פינגער אין דער לענג. ער איז דורכויס געשריבן מיט דער האַנט. איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט אַריינקוקן אין אים און לייענען עטלעכע זייטלעך (הייסט דאָס, ס׳איז געשריבן מיטן אַראַבישן כתב. — י. ב. צ.). אָבער ווען מיר האָבן געבעטן, ער זאָל אונז געבן דעם ספר, האָט ער געזאָגט, אַז ס׳איז אים גרינגער אַוועקגעבן זיין לעבן ווי צו שיידן זיך מיטן ספר. אַלע אונזערע טענות און בקשות זיינען געווען אומזיסט. פון זיין אָפּזאָג האָב איך געהאַט גרויס צער.

ער האָט אָנגעגעבן דערצו צוויי טעמים: ערשטנס, דאָס איז די איינציקע קאָפּיע, וועלכע זיי (אין צפון־איראַק) האָבן; און אָן דעם ספר קענען זיי ניט זיין — ער איז זייער וועגווייזער אין לעבן. צווייטנס, זיי קענען ניט געבן אים, ווייל זיי האָבן מורא, אַז זיי וועלן ניט קריגן קיין אַנדער עקזעמפּלאַר. אַן עצה האָט ער אונז געגעבן, מיר זאָלן פּרוּוון זוכן אַן עקזעמפּלאַר אין פּערסיע. אין דער שטאָט — ניט ווייט פון יענעם קורדישן דאָרף — האָב איך געהאַט אַ קרוב. איך האָב אים דערציילט וואָס פאַר אַן עגמת נפש איך האָב געהאַט, און ווי שווער עס איז צו קריגן דעם ספר. האָט ער מיר געזאָגט, אַז זיינער אַ פּלימעניק איז אַ גרויסער סוחר אין קערענד, וואו ס׳געפינען

זיך אַ סך מענטשן פון דער דאַזיקער סעקטע. זיי האָבן אַן אָרט וואָס הייסט באבא יאדיגיאר, און דאָרטן האָבן זיי אַזאַ ספר. ער איז זיכער, אַז זיין פלימעניק וועט אים קענען קריגן פון זיי. האָבן מיר ביידע — איך און מיין קרוב — געשריבן אַ בריוו קיין קערענד מיט דער האָפנונג צו באַקומען אַ תשובה.

אָבער אין קערענד, ווי געזאָגט, האָט זיך אים ניט איינגעגעבן אפילו נאָר צו זעען דעם ספר.

די צאָל פון די קורדן, וועלכע זיינען זיך מתיחס צום שבט בנימין, איז ביי 8 טויזנט נפשות. זיי האָבן אַ היפּש ביסל דערפער. אָפיציעל זיינען זיי מוסולמענער; אָבער זייערע מאַכמעדאַנישע שכנים האַלטן זיי פאַר „אַפּטרי־ניקעס", ווייל זיי זיינען ניט מקיים די מצוות פון איסלאַם און גייען ניט דאַווענען אין די מאָסקן.

מ׳דערציילט, אַז מיט יאָרן צוריק, אין דער טערקישער צייט, איז געקומען קיין מאָסול אַ נייער וואַלי (גובערנאַטאָר), אַ פאַנאַטישער מוסולמענער. ער האָט געגעבן די דאָזיקע קורדן צו בויען מאָסקן אין זייערע דערפער. זיי האָבן געבויט געצוואונגענערהייט, אָבער אין ענין פון גיין צו די תפילות זיינען זיי געווען ניט פלייסיק. און ווען מ׳האָט דעם וואַלי צוגענומען פון זייער פראָווינץ, האָבן זיי פון די מאָסקן געמאַכט שטאַלן פאַר זייערע פערד.

פון זייערע מנהגים וויסן מיר, אַז זיי פאַסטן דריי טעג אין חודש דעצעמ־בער; דערביי זיינען זיי מקריב עופות, אַן עוף אויף זעקס נפשות (?). אין פּערסיע רופט מען זיי „עלי אַללה" (עלי איז דער גאָט) און אין איראַק „קאַקאַי" (ברידער). די וואָנסעס גאָלן זיי ניט, און פרומע לייט לאָזן וואַקסן אַ באָרד.

סאָציאַל צעטיילן זיי זיך אין דריי קלאַסן: סאַאיד, באַבאַ און מאַיום. קיין תפילות האָבן זיי ניט. זייער צייט־רעכענונג איז פון בריאת העולם. זיי האָבן אַביסל קענטענישן פון אונזער געשיכטע. זיי זאָגן: „דער חילוק צווישן אונז און זיי איז ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזענע איי".

זיי גלויבן אין גלגול נשמות: די נשמה פון אַ געשטאָרבענעם, זאָגן זיי, קומט צוריק, גייט אַריין אין אַ לייב פון אַ מענטשן און לעבט אַ ניי לעבן אויף דער וועלט.

פון שלמה עזריה האָב איך באַקומען אַ ליסט פון זייערע דערפער:

אין דער געגנט פון מאָסול זיינען פאַראַן עלף דערפער פון זייער סעקטע: טעל־אַל־לאַבען; זאַנגעל; כאַלאַך; גאַזאַקון; קאַראַקאַשאַ; מאַטרוד; טעל־אומאַאיד; כאַבאַרלי; באַדאַנאַ; וואַראַדעך; סופאַיאַ.

אין דער סביבה פון קערקוק: אֶלי סעראַי; טאַפּ־זאַוואַ; מאַטיק; טעל־אל־ראַאַבאַ; דאללים; גוראַידאַ; אל־מאַהמאַד; אַראַב־קוי; זאַגלאַוואַ; אַלבור־סאראדש; רובאַיזאַ; בינעז. בסך־הכל צוועלף דערפער.

אַזאַ צאָל אויך אין דער סביבה פון כאַנאַקין: כאַני־נאַזי; דריי דערפער מיטן נאָמען מעכס; טשאַמשא־קאַל; קאַראַפּולאַ; מערקאַז; אַמין באַפיר; אַמאַראַו; גאַביאַ, סיוואל; סאַלאַמע.

אין טערקיי, אין דער געגנט פון סולייַמאַניאַ, איין דאָרף: האַוואַר.

אין פּערסיע, אין דער געגנט פון קאַסר־שירין, פיר ערטער: קערענד; סייד סאַאַ; סאַהאַד־כאַליל; סייד כאַסאַן.

די „בנימיניטן" פון אַפגאַניסטאַן האָבן זיך אָפּגעצווייגט אין אַלטע צייטן פון די „בנימיניטן" פון מעסאָפּאָטאַמיע; אַנדערע האָבן געוואַנדערט אין צפון־זייט און דערגרייכט ביז קאַווקאַז. אין פּערסיע טרעפט מען זיי אין דער סביבה פון קערענד, וואו מ'ווייזט דעם קבר פון „הייליקן בנימין" (פּירי בנימין" — איך האָב אים געזעען פון ווייטן. — י. ב. צ.), און אויך אין דער אומגעגנט פון טעהעראַן. מ'זאָגט, אַז דאָרטן האָבן זיי זייערע הייליקע ספרים.

צו דער סעקטע פון „בני בנימין" געהערט אין איראַק אויך דער שבט סאַנדשאַווי, און אין פּערסיע — דשוראַן.

די בנימינישע טראַדיציע האָט אַ באַזונדערן היסטאָרישן אינטערעס. אַ סברה, אַז אירע וואָרצלען שטעקן אין דעם ווייטסטן עבר פון די העברעער. אין דאָקומענטן פון מאַרי (אַן אַלטע מלוכה פון מערבדיקע, ד. ה. העברעאיש־רעדנדיקע, סעמיטן, אויפן טייך פרת) פון פאַר פיר טויזנט יאָר בקירוב, ווערן דערמאָנט צוויי שבטים: בני־ימין און בני־שמאל. מסתמא זיינען זיי געווען פריער טיילן פון איין גרויסן העברעאישן שבט, וועלכער האָט זיך מיט דער צייט צעטיילט אין צווייען (אַזוי ווי, למשל, דער שבט יוסף האָט זיך צעטיילט אין מנשה און אפרים, און מנשה האָט זיך ווידער צעטיילט אין צוויי העלפטן); איין טייל איז געגאַנגען אין צפון־זייט, האָט מען זיי גערופן „בני שמאל" (און טאַקע, אין צפון־זייט פון ים־בוזים פון אַדאַנאַ, איז געווען, נאָך מיט טויזנט יאָר שפּעטער, אַ קליינע מלוכה מיטן נאָמען שמאל; אין די אויפשריפטן פון אירע קעניגן הייסט זי יאָודי — מ'ווייסט ניט אויב דער נאָמען האָט אַ שייכות צו יהודה), און „בני־ימין" זיינען געגאַנגען אין דרום־זייט („ימין" מיינט רעכטס, און דרום ליגט רעכטס, לויט די פאָרשטעלונגען פון די אַלטע העברעער און אַנדערע סעמיטן; צפון, ווידער, איז „שמאל", ד. ה.

לינקס) און האָבן געפירט מלחמות מיט מאַרי. אין 18טן יאָרהונדערט האָט זימרילים, אַ קעניג פון מאַרי, באַזיגט די בני־ימין און דערהרגעט זייער פירער, דוידום (דאַווידום, דויד). אַ סברה, אַז בני־ימין — אונטערן דרוק פון מאַרי און פון אַשור — האָבן געוואַנדערט אין מערב־זייט ביז ארץ־ישראל, און שפּעטער אַנגעשלאָסן זיך אין דעם בונד פון דאָרטיקע העברעאישע שבטים, פון וועלכע ס'האָט זיך אויסגעבילדעט מיט דער צייט דאָס פאָלק ישראל. אָבער אַ טייל פון יענע פאַרצייטיקע בני־ימין זיינען זיכער געבליבן אין מעסאָפּאָטאַמיע, און ס'זעט אויס, אַז פון זיי ציט זיך דורך די אַלע יאָר־טויזנטער די בנימינישע טראַדיציע, וואָס אויף אירע רעשטן שטויסן מיר זיך אַז נאָך היינט אין איראַק, אין מיטל־אַזיע און אַפילו אין קאַווקאַז.

גלעד אין פערסישן גלות

„און די זין פון ראובן... חנוך... בארה, זיין זון, וועמען תגלת פלנאסר (ד. ה. תגלת פלאסר), דער קעניג פון אַשור, האָט פאַרוואָגלט, ער איז (געווען) דער נשיא פון (שבט) ראובן... און ער איז געזעסן אין מזרח־זייט ביז צום מדבר, פון דעם טייך פרת אָן, ווייל זיינע סטאַדעס האָבן זיך פאַרמערט אין לאַנד גלעד. און אין די טעג פון שאול האָבן זיי געמאַכט אַ מלחמה מיט די הגריאים און האָבן זיי איינגענומען, און זיינען געזעסן אין זייערע געצעלטן אין דער גאַנצער געגנט אין מזרח זייט פון גלעד" (דברי הימים א, ה, א־י).

„בני ראובן און גד און דער האַלבער שבט מנשה, זייערע וואוילע־יונגען, מענטשן וואָס טראָגן אַ שילד און אַ שווערד, וואָס ציען פיילנבויגנס און זיינען געניט אין מלחמה־זאַכן, פיר און זעכציק טויזנט און זיבן הונדערט און זעכציק קריגער, האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די הגריאים און יטור און נפיש און נודב און זיינען זיי ביײגעקומען; די הגריאים זיינען אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט מיט אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט; ווייל זיי (די בני ישראל) האָבן גערופן צו גאָט אין דער מלחמה, און ער האָט זיי געהאָרכט, ווייל זיי האָבן זיך פאַרלאָזן אויף אים. און זיי האָבן געפאַנגען זייערע סטאַדעס... און פון די מענטשן הונדערט טויזנט נפשות... און זיי זיינען געזעסן אויף זייער אָרט ביז צום גלות" (דאָרטן, י"ח—כ"ג).

„און גאָט פון ישראל האָט אויפגעוועקט דעם גייסט פון פול, דעם קעניג פון אַשור, און דעם גייסט פון תגלת פלנסר, דעם קעניג פון אַשור (ביידע, געוויס, דער זעלביקער קעניג: תגלת פלאסר), און ער האָט אַוועקגעפירט אין גלות ראובן און גד און דעם האַלבן שבט מנשה (734 אָדער 733 פאַר דער קריס. רעכ.), און האָט זיי געבראַכט קיין חלח און חבור און הרא און דעם טייך גוזן — ביזן היינטיקן טאָג" (דאָרטן, כ"ו).

„אין דעם יאָר צוויי און פופציק פון עזריה, דעם קעניג פון יהודה, איז פקח בן רמליהו געוואָרן אַ קעניג פון ישראל אין שומרון (741—722 פאַר דער קריס. רעכ) (און ער האָט געקיניגט) צוואַנציק יאָר. ער האָט געטאָן שלעכטס אין די אויגן פון גאָט... אין די טעג פון פקח, דעם קעניג פון ישראל, איז געקומען תגלת פלאסר, דער קעניג פון אַשור, און האָט גענומען עיון און אָבל בית־מעכה און ינוח און קדש און חצור און גלעד און גליל — דאָס גאַנצע לאַנד פון נפתלי — און האָט זיי (די איינוואוינער) אַוועקגעפירט קיין אַשור" (מלכים ב, ט"ז, כ"ז—כט).

דאָס איז געווען דער ערשטער גלות — אַ יאָר עלף אָדער צוועלף פאַר גלות שומרון. און ס'שטייט בפירוש, אַז דעמאָלט זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן די דערמאָנטע צוויי מיט אַ האַלב שבטים, גלייך ווי ס'שטייט בפירוש (מלכים ב, י"ז, ו) וועגן די איבעריקע שבטים פון ישראל, אַז זיי זיינען אויך פאַרוואָגלט געוואָרן אין די זעלביקע ערטער — נאָר „די שטעט פון מדי" זיינען צוגעקומען.

בעת איך בין געווען אין טעהעראַן האָב איך געהערט אַ מעשה וועגן דעם דאָרף גילארד, וואָס ליגט אַ 70 קילאָמעטער פון דער הויפּט־שטאָט. די פערסישע יידן זאָגן, אַז דער אמתער נאָמען פון דעם דאָרף איז גלעד, און גילארד

איז אַ פאַרדרייטער נוסח פון דעם נאָמען. די גרינדער פון אַט־דעם פּערסישן גלעד זיינען געווען גולים פון גלעד, זעכציק טויזנט נפשות, וועלכע דער קעניג פון אַשור האָט אַהער געבראַכט. זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט, געבויט אַ גרויסע שטאָט און אַ סך דערפער אַרום איר. פיל דורות האָבן זיי געלעבט רואיק אין יענע בערג, באַארבעט זייערע פעלדער, געווען פריי פון אַ פרעמדן יאָך, און אַפילו אַנגעוואָרפן אַ מורא אויף די אַרומיקע שבטים.

ווייטער זאָגט די לעגענדע, אַז אין דער צייט פון שיבת ציון האָבן עזרא און נחמיה געשיקט שליחים צו אַלע יידן אין פּערסיע און גערופן זיי אומקערן זיך קיין ארץ־ישראל. עזרא איז אַליין געקומען אין פּערסישן גלעד און אויפֿגעפאָדערט די קינדס־קינדער פון די גלעדער גולים צו פאַרלאָזן זייערע פעלדער און הייזער און גיין צוזאַמען מיט די איבעריקע יידן צוריק אין זייער פאָטערלאַנד. זיי, אָבער, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין, טענהנדיק, אַז ארץ־ישראל איז פול מיט מלחמות; און דאָ, אין זייער נייעם לאַנד, לעבן זיי רואיק און פריי, האָבן באָדן, וואַסער און לופט. צוליב וואָס דען זאָלן זיי פאַרלאָזן דעם אָרט און וואַנדערן אין דער וועלט?

האָט זיי עזרא הכהן געזאָגט, אַז אַט־דער גוטער צושטאַנד וועט פאַרגיין ווי אַ שאָטן. ער זעט אין פאָרויס, אַז שלעכטע צייטן וועלן קומען אויף זיי. אַלץ וואָס זיי האָבן וועלן זיי פאַרלירן; זייער פאַרמעגן וועט גיין צו גרונד; אַ ביטערער גלות שטייט זיי פאָר, אויב זיי האָרכן ניט דעם קול, וועלכער רופט זיי גיין צוריק אין זייער לאַנד. אָבער זיי האָבן זיך איינגעשפּאַרט און געבליבן טויב צו אַלע זיינע רייד און וואָרענונגען.

האָט ער זיי געזאָגט, זיי זאָלן ניט גלויבן אַז ווייל זיי זיינען היינט אַ סך, וועלן זיי אַלעמאָל זיין אַ סך. „עס קומען טעג, זאָגט גאָט, און ס׳וועלן ניט בלייבן פון זיי צען מענטשן צוזאַמען". איז דער עולם געווען מלא כעס אויף עזראן און האָט אים געשאָלטן, ער זאָל ניט דערלעבן קומען קיין ירושלים. און אַזוי איז טאַקע געשען, האָט באַמערקט דער דערציילער,ביידע קללות זיינען מקוים געוואָרן: עזרא איז געשטאָרבן אין וועג, און אין דעם פּערסישן גלעד איז אַציקנד ניטאָ אַפילו אַ מנין צום דאַווענען.

אָבער די פּערסישע יידן פאַרערן ביז היינט דעם בית־עולם פון גלעד; די יידן פון דעמאַווענד, און אויך פון טעהעראַן, זיינען מקבר דאָרטן זייערע מתים. די לעגענדע דערציילט, אַז אין בית־עולם פון גלעד איז דאָ אַ מערה, פון וועלכער אַ באַהאַלטענער, אונטערערדישער גאַנג פירט גלייך קיין ירושלים. און ס׳וועט

קומען אַ טאָג, ווען אַלע מתים וועלכע רוען אין גלעד, וועלן האָבן קפיצת הדרך און אַריבערטראָגן זיך אין הייליקן לאַנד. דר. חביב לוי האָט מיר דערציילט פון זיין באָבען: די אַלטע און פרומע יידענע האָט ביים לעבן געקויפט פאַר זיך אַן אָרט אויפן הר הזיתים און געהאַט אַ קוויטל פון חברה קדישא אין ירושלים. אָבער ס׳איז איר באַשערט געווען צו שטאַרבן אין גלות; האָט מען זי מקבר געווען אין גלעד, און דאָס קוויטל פון דער ירושלימדיקער חברה־קדישא האָט מען איר אַריינגעלייגט אין האַנט, ס׳זאָל דינען ווי אַ באַווייז, אַז איר אָרט אויפן הר הזיתים בלייבט פאַר איר, גלייך ווי זי וואָלט שוין זיין דאָרטן, ווייל צווישן דעם פערסישן גלעד און ירושלים עקזיסטירט אַ שטענדיקע און זיכערע פאַרבינדונג.

איך האָב באַשלאָסן צו באַזוכן דאָס דאָרף און דעם בית־עולם; און אין אַ פרייטיק, ג׳ באב, תרצ״ה (1935), בין איך געפאָרן פון טעהעראַן קיין גילארד־גלעד אין אַן אויטאָ, צוזאַמען מיט עטלעכע חברים. דער וועג דרייט זיך ווי אַ שלאַנג און קריכט אַרויף צווישן הויכע בערג און טיפע אָפּגרונטן, ביז ער ברענגט אונז צום פּלאַטאָ פון גלעד. פאַר דער ווענדונג אין דער ריכטונג פון דעמאַוועַנד פאַרקערעווען מיר זיך און קומען צום בית־עולם, וואָס ליגט לעבן דעם דאָרף גלעד.

דער בית־עולם איז אויף אַ בערגל, ניט אַרומגעצאַמט — יידישע בית־עולמס אין פערסיע האָבן ניט קיין צאַמען. פון די אויפשריפטן אויף די מצבות זעען מיר, אַז דאָס רוב קברים זיינען נייע. דער אַלטער בית־עולם איז צעשטערט, זיינע מצבות האָט מען אַרויסגעריסן און אַוועקגעשלעפּט, קיין זכר פון זיי ניט געלאָזן. פריער מיט עטלעכע יאָר האָט איינער פון די פערסישע „סידים״ (וויכטיקע כלי־קודש) פאַרכאַפּט, אומגעצוזעלעד, דעם גאַנצן פּלאַץ, וועלכער געהערט צו יידן פון די אַלטע צייטן. איצט סטאַרעט ער זיך אָפּמעקן אַלע סימנים פון יידישן עבר, כדי די יידן זאָלן ניט האָבן קיין קאָנקרעטן באַווייז אַז די ערד איז געווען זייערע; און ס׳זעט אויס, אַז אין גיכן וועט טאַקע ניט בלייבן קיין סימן פון יידישע אַלטערטימער אין גלעד.

נאָך פיל מי איז מיר געלונגען, מיט דער הילף פון מיינע באַגלייטער — געבוירענע פון נאָענטן דעמאַוועַנד — צו געפינען פיר שטיינער פון אַ גרויסער מצבה מיט אויפשריפטן פון 16טן יאָרהונדערט. די שטיינער וואַלגערן זיך ווייט איינע פון די אַנדערע, אין סאַמע עק פון דעם בית־עולם. איך האָב זיי פאָטאָגראַפירט און אָפּגעשריבן די אויפשריפטן.

אויף איינעם פון די שטיינער שטייט פון איין זייט:

יום אסיפת הצדיק
הכשר יוסף בן יצחק סעדי
שנת אלפא ותמני מאה ותמניתא
תמני ונולד א׳ ...לשטרות

פון דער אנדערער זייט שטייט:

יום אסיפת העניו הבחור
הכשר יוסף בר יצחק סעדין
בשנת א׳ תתפח לשטרות

ביידע אויפשריפטן זאָגן, אַז דער כשרער צדיק, יוסף בן יצחק סעדי(ן), איז געשטאָרבן אין יאָר 1888 לשטרות, ד. ה. אין 1577 לויט דער קריס. רעכ.

די אויפשריפט אויפן צוויטן שטיין איז 80 סאַנטימעטער אין דער לענג און 30 אין דער ברייט. זי זאָגט:

יום אסיפת העניו הבחור
הכשר יעקב בן שמעון
אסמעיל שנת אתתע״ה לשטרות

אין איר איז פאַרצייכנט דאָס יאָר אין וועלכן דער בחור יעקב בן שמעון אסמעיל איז נפטר געוואָרן. זי איז עלטער מיט 13 יאָר פאַר די פריערדיקע: 1564 נאָך דער קריס. רעכ.

די אויפשריפט אויפן דריטן שטיין האָט פיר שורות. די אותיות זיינען אַזוי פאַרווישט אַז ס׳איז כמעט ניט מעגלעך צו לייענען. מיט דער הילף פון מיינע חברים האָב איך דורכגעלייענט שטיקלעך פון דער דריטער און פון דער פערטער שורה:

סאל שת השת סד שמת חפת

מיר דוכט, אַז דאָס מיינט 1865 לשטרות, ד. ה. 1554 לויט דער קריס. רעכ.

אויף דעם פערטן שטיין איז אויסגעקריצט:

יום אסיפת העניו
הבחור סעדין בר יצחק

דער טאָג ווען דער בחור סעדין בר יצחק איז נפטר געוואָרן. דאָס איבע־ריקע איז אַזוי פאַרווישט אַז מ׳קען ניט וויסן די דאַטע.

דערנאָך בין איך געגאַנגען זעען די חורבות פון דער שול. מיר האָבן

באַגעגנט אַ יונגן פויער, פון די היגע דאָרפסלייט, און האָבן אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ חורבות זיינען דאָס. ער האָט באַשטעטיקט, אַז די חורבות זיינען יידישע, און די ערד געהערט צו יידן; און דער מענטש, וועלכער האָט געגזלט די ערד ביי די יידן, האָט ער געזאָגט, וועט קריגן זיין פסק אויף יענער וועלט.

ס'איז קלאָר, אַז צום סוף פון 16טן יאָרהונדערט איז נאָך געווען אין אָט־דעם גלעד אַ באַדייטנדיקער יידישער ישוב.

פון גלעד זיינען מיר געקומען קיין דעמאַוועגד, אַ קליין דאָרף, מיט אַ רעשט פון אַ יידישן געטאָ. מיט עטלעכע יאָר פריער איז נאָך דאָרט געווען אַ יידישער ישוב פון 500 נפשות; אויף דעם זאָגן עדות אויך די דריי שולן, וועלכע זיינען דאָ אין דאָרף. אָבער בעת מיין באַזוך איז שוין פון יענעם ישוב געבליבן ניט מער ווי אַ פינפטל.

די דעמאַוועגדער יידן האָבן אונז באַגעגנט מיט פרייד. זיי האָבן גע־קוילעט אַ שאָף, געמאַכט אַ בראָטן פון פלייש מיט רייז און געגעבן אונז אָן אָרט אויף אָפּרוען זיך. נאָכן רוען זיינען מיר געגאַנגען זען די שולן און דאָס אַלטע געטאָ אין באַגלייטונג פון די זקני העדה. גייענדיק האָבן מיר געשמועסט וועגן דער געשיכטע פונעם יידישן ישוב אין גלעד.

חכם יהודה, דער שוחט, האָט געזאָגט, אַז דער יידישער ישוב אין גלעד האָט זיך אָנגעהויבן מיט די געפאַנגענע, וועלכע די אַשורים האָבן געבראַכט פון ארץ־ישראל: זעכציק טויזנט נפשות. איינמאָל איז געווען אַ מלחמה; דערנאָך איז געקומען די כאָליערע. דאָס רוב איינוואוינער זיינען אומגעקומען אין דער מגפה. פיר ברידער מיט זייערע משפחות זיינען אַנטלאָפן אין די בערג און באַזעצט זיך אין דעמאַוועגד. דאָס איז געשען מיט אַ יאָר 200־250 צוריק. פון די פיר ברידער זיינען דריי אַוועק קיין טעהעראַן, און נאָר איינער איז געבליבן, מיט זיין פאַמיליע, אין דעמאַוועגד. דער גרעסטער טייל פון די היינטיקע דעמאַוועגדער יידן איז זיך מתיחס צו דער משפחה.

דר. חביב לוי האָט געזאָגט, אַז מיט צען יאָר פריער איז נאָך געווען ביים לעבן אַ 120־יעריקער זקן. ער האָט דערציילט, אין נאָמען פון זיין טאַטן און זיידן, אַז די יידן האָבן פאַרלאָזן גלעד בעת די אַפגאַנער האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער געגנט; און דאָס איז געשען, לויט דער רעכענונג פון דר. ח. ל., אין די צוואַנציקער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט. איך האַלט אויך, אַז דאָס שטימט מיט די פאַקטן און מיט די דאַטן פון די דערמאָנטע מצבות: די מצבות זיינען עדות, אַז אין זייער צייט איז נאָך געווען אַ היפשער יידישער ישוב אין גלעד.

ווייטער האָט דר. ה. ל. דערציילט, אין נאָמען פון זיין זיידן, אַז — מיט יאָרן צוריק — האָבן רייכע יידן געהאַט שטאַלן מיט פערד אין באַכור־באַדין, און דאָס גאַנצע לאַנד, פון גלעד ביז באַכורבאַדין, האָט געהערט צו יידן. דאָך מיינט ער, אַז דער אַמאָליקער קאָמפּאַקטער, לאַנדווירטשאַפטלעכער יידישער ישוב איז חרוב געוואָרן אַ לאַנגע צייט פאַר דעם — בעת דער איג־וואַזיע פון די מאָנגאָלן (דר. ה. ל. איז אַ פאָרשער פון דער יידישער געשיכטע אין פערסיע; זיין גרויסער היסטאָרישער חיבור אין דריי בענדער, אויף פּערסיש, איז שוין פאַרעפנטלעכט).

חכים בנימין, אַ הונדערט־יעריקער זקן, האָט געזאָגט, אַז אין גלעד זיינען געזעסן גולים פון די שבטים ראובן, גד, א. א. וו. זיין פאָטער האָט אים דערציילט, אַז מיט אַ הונדערט יאָר פריער האָט מען געפונען אין אַ מערה אַ מומיע און לעבן דער מומיע אַ שטיין מיט אַן אויפשריפט. אין דער אויפ־שריפט איז געשטאַנען, אַז איינע אַ יידענע האָט געקויפט ערד, אַ שטח פון דריי פאַראסאנגען, ד. ה. ביי אַ צוואַנציק קילאָמעטער, און האָט באַצאָלט דער־פאַר אַ ציגל גאָלד און אַ ציגל זילבער. ער האָט באַמערקט, אַז די יידן האָבן פאַרלאָזן גלעד און אַריבער קיין דעמאַוועגד נאָך דעם ווי נאַדיר־שאַך איז דערהרגעט געוואָרן (1747). פון די אַלע דערציילונגען קומט אַרויס איין זיכערער פאַקט: דער סוף פון דעם יידישן ישוב אין גלעד איז געווען אין אָנהויב פון דעם 18טן יאָרהונדערט, און זיינע רעשטן זיינען אַריבער קיין דעמאַוועגד.

מיט אַ שווערן האַרץ האָבן מיר זיך געזעגנט מיטן ביסל פאַרבליבענע יידן, וועלכע קעמפן נאָך אַלץ פאַר זייער קיום אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל און פאַר זייער רעכט אויף דעם אַלטן בית־עולם אין זייער גלעד, דעם לעצטן זכר פון גלעד אין לאַנד פון זייערע אבות, געגזלט פון גוים־תקיפים. איך האָב געטראַכט פון די ווערטער פון עזרא: ער האָט געוואָרנט די אבות פון אַט־די יידן און האָט זיי אויפגעפאָדערט צו גיין אין זייער פאָטערלאַנד מיט אַלע שבי ציון, און האָט זיי פאַרויסגעזאָגט, וואָס זייער גורל וועט זיין, אויב זיי בלייבן.

האָט דען עזרא הסופר געמיינט נאָר די יידן פון גלעד? איז דען זיין נבואה ניט מקוים געוואָרן אויך אין אונזער צייט אין דייטשלאַנד, אין צענטער פון אייראָפּע*) — ניט נאָר אין די אַלטע צייטן, אין די בערג פון מדי?

*) געשריבן אין יאָר 1935.

ח

כוואַרעזם
און
די כאָזאַרן

אונזער וויסן פון דער יידישער געשיכטע אין די לענדער פון איסלאַם און נאָנטן מזרח האָט אַ סך בלאַנקע שטעלן. אונזערע בעסטע היסטאָריקער און פאָרשער, סיי פון מזרח־אייראָפּע און סיי פון מערב, האָבן זיך באַגנוגנט — קומענדיק צו דער געשיכטע פון די יידן אין די מזרח־לענדער — מיט אַלגע־מיינע ידיעות, און געלאָזן פיל וויכטיקע פּעריאָדן ניט אויפגעקלערט. די סיבות זיינען באַקאַנט: קנאַפּקייט פון מאַטעריאַל און ווייטקייט. אָבער דאָס

וואָס איז געווען נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך אין 19טן יאָרהונדערט, קען ניט באַרעכטיקן די יידישע היסטאָריקער אין אונזער צייט, און בפרט די היסטאָריקער פון מדינת ישראל.

דריי שטוינענדיקע היסטאָרישע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען פאַר אונזערע אויגן אין די לעצטע צוואַנציק יאָר: די סאַדיסטישע הריגה פון זעקס מיליאָן יידן, דאָס אויפקומען פון מדינת ישראל און די באַוועגונג פון קיבוץ הגלויות. איין רעזולטאַט פון דער פאַרניכטונג פון מיליאָנען יידן אין אייראָפּע איז די גרויסע ראָלע וואָס דאָס מזרח־יידנטום וועט האָבן צו שפּילן אין יידישן לעבן. די אויסוואַנדערונג פון די יידן פון אַראַבישע לענדער און זייער זאַמלונג אין ארץ־ישראל האָט דערנעענטערט דאָס יידנטום פון דער מערב־וועלט צום יידנטום פון די מוסולמענישע גלותן, אַ דערנעענטערונג, וועלכע האָט איר גלייכן ניט געהאַט אין די טויזנטער יאָרן פון יידישער צעזייאונג און צעשפּרייטונג; דאָס לייגט אויף אונז אַרויף אַ חוב. און דאָס גרויסע געשעעניש, צו וועלכן אונזער דור האָט זוכה געווען — די באַנייאונג פון יידי־שער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ־ישראל — וועקט ביי אונז אַ נייעם אינטערעס צו אַ באַזונדערער היסטאָרישער פּראָבלעם, אַ פענאָמען וועלכער האָט קיין קיום ניט געהאַט אין קריסטלעכע לענדער — בלויז אין מזרח און אין תחום פון איסלאַם [2].

איך בין אויסן די וואונדערלעכע היסטאָרישע פענאָמענען, וועלכע האָבן עקזיסטירט אַ ווײַלע און פאַרשוואונדן, און מיר האָבן פון זיי אַ גאַנץ אויבער־פלעכלעכע פאָרשטעלונג, ווי למשל די פאַרשפּרייטונג פון יידנטום אין דער פאַרטישער מלוכה. אין ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער רעכענונג האָבן זיך די קעניגן פון אַדיאַבענע מגייר געווען און זיינען געווען אַזוי

1) דער רוסישער פאָרשער טאָלסטאָוו האָט פאַרעפנטלעכט — אין זיינע אַרטיקלען און אין זיין וויכטיקן בוך „אין די פוסטריט פון דער פאַרצייטיקער כוואַרעזמער קולטור", 1948 — נייעם מאַטעריאַל וועגן די באַציאונגען צווישן כוואַרעזם און כאָזאַריע.

2) דאָס איינציקע נייע בוך אויף העברעאיש (תל־אביב, 1943), וואָס רעדט אַרום ברייט די פּראָבלעם פון די כאָזאַרן, איז דער חיבור פון אב. נ פּאָלאַק: כזריה: תולדות ממלכה יהודית באירופה. אין דעם בוך ווערט דערציילט אין פולן ווי די כאָזאַרן האָבן זיך מגייר געווען, און דער ווייטערדיקער גורל פון זייער מלוכה. די מאַטעריאַלן זיינען געזאַמלט מיט פלייס און גוט אַנאַליזירט. דער מחבר האָט פיל אָריגינעלע אידעען, כאָטש ניט תמיד געניג־באַגרינדעטע. ער זוכט אויך דעם מקור פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין כאָזאַריע. דער געדאַנק איז ניט ניי; מיר געפינען אים אין הרכבי׳ס בוך, וואָס איז אַרויס מיט הונדערט יאָר צוריק: „היהודים ושפת הסלאַווים" (יידן און די סלאַווישע שפּראַך), ווילנע, תרכ"ד (1864).

צוגעטאָן צום יידנטום, אַז זייערע זין האָבן זיך באַטייליקט, דעם זעלביקן יאָרהונדערט, אין דעם יידישן קאַמף מיט רוים פאַר פרייהייט פון יהודה (דעם וויכטיקן היסטאָרישן פאַקט דערמאָנט טאָלסטאָוו ניט).

די אַרכעאָלאָגישע פאָרשונג אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וועלכע גיט זיך אָפּ מיט די פּראָבלעמען פון אַלטע קולטורן אין מערב־אַזיע, האָט אָגב אויפגעדעקט די וואָרצלען פון דער כאַזאַרישער מלוכה; און באַקאַנטע פאָרשער זיינען געקומען צום געדאַנק, אַז דער מקור פון כאַזאַרישן יידנטום איז געווען אין כוואַרעזם — זיי האָבן געפונען, אַז אין כוואַרעזם האָט זיך באַוויזן אַ באַוועגונג פון גיור אין 7טן יאָרהונדערט, אַ קורצע צייט פאַרן קומען פון איסלאַם. צווישן דעם אויפקומען פון צוויי יידישע מדינות — אין מעסאָפּאָטאַמיע און אין דער סביבה פון קאַספּישן ים — זעען מיר אַזאַ פענאָמען אין מערב זייט פונעם אַראַבישן האַלבאינזל: אַ יידישע מלוכה אין חמיר (כימיאַר) און זעלבסטשטענדיקע יידישע שבטים אין חג׳אז (כעדשאַז). די דאָזיקע יידישע פּאָליטישע אָרגאַניזמען האָבן עקזיסטירט אין אַראַביע עטלעכע הונדערט יאָר פאַר דעם איסלאַם. פון דעם וואָס דער פענאָמען פון יידישע מלוכות אין גלות־לענדער האָט זיך איבערגעחזרט ווידער און ווידער, זעען מיר אַז דאָס איז ניט קיין צופאַל, נאָר אַן אויסדרוק פון דעם מעכטיקן ווילן צו לעבן פריי און זעלבסט־שטענדיק — אַ ווילן, וועלכער איז ניט געבראָכן געוואָרן, און אַ פעאיקייט צו בויען מלוכה־אָרגאַניזמען, וועלכע האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון אונזער פאָלק אין גלות און אין געפאַנגענשאַפט. דער יצר פון פּאָליטישער, אַקטיווער זעלבסטשטענדיקייט האָט אויסגעבראָכן פון דאָס ניי ביי יעדער פּאַסנדיקער געלעגנהייט און האָט זיך רעאַליזירט אין קאָנקרעטע פאָרמען.

די דאָזיקע אויסבילדונגען האָבן געהאַט אַ ווערדע ניט בלויז אין זייער צייט און אין זייער תחום — זייער השפעה אויפן גאַנצן פאָלק איז געווען גרויס אָן אַ שיעור און האָט אָנגעהאַלטן דורות־לאַנג. פון דעסטוועגן זיינען זיי ניט אויסגעפאָרשט ווי ס׳דאַרף צו זיין. אייניקע פאָרשער האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט די פּראָבלעמען פון יידישן פּאָליטישן וועזן אין דרום־ און צפון־אַראַביע, אָבער די יידישע פּאָליטישע שאַפונגען אויפן טייך פרת, אין צפון פון פּערסיע, אין כוואַרעזם און אין כאַזאַריע, האָט מען געווידמעט גאַנץ ווייניק אויפמערקזאַמקייט.

אינטערעסאַנט איז וואָס דווקא אין סאָוויעטן־לאַנד, וואו יידישע פּראָב־לעמען זיינען חס מלהזכיר, האָט מען פּובליקירט אַרטיקלען און פאָרשונגען,

אַפילו גאַנצע ביכער, וועגן די כאַזאַרן. אין איינעם פון די אַרטיקלען זוכט דער שרייבער דאָס פאַרבינדונגס־גליד צווישן דעם פּערסישן און בבלישן יידנטום, וואָס אונטער זייער השפּעה האָט זיך אויסגעבילדעט די יידישע מלוכה אין אַדיאַבענע, און דעם פאַריידישן פון די כאַזאַרן מיט עטלעכע הונ־דערט יאָר שפּעטער. דאָס דאָזיקע פאַרבינדונגס־גליד איז געווען כוואַרעזם.

דער ענין פון די כאַזאַרן און כאַזאַרישן יידנטום האָט זוכה געווען צו געווינען די אויפמערקזאַמקייט פון דער סאָוויעטישער פאָרשונג מער ווי אַלע אַנדערע פּראָבלעמען פון דער יידישער געשיכטע. אין 1935 האָט די רוסישע וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע אַרויסגעגעבן די קלאַסישע אַרבעט פון פּ. ק. קאָקאָווצעוו: „יידיש־כאַזארישער בריוו־וועקסל אין 10טן יאָרהונדערט". אין דעם בוך זיינען געגעבן געוואָרן אַלע העברעאישע און פּערסישע טעקסטן, וועלכע זיינען נאָך ניט געווען פאַרעפנטלעכט אין אַ וויסנשאַפטלעכער אויס־גאַבע. מנחם לאַנדאָו האָט שוין געשריבן וועגן דעם אין זיין אַרטיקל „על מעמדה הנוכחי של בעית הכוזרים" („דער היינטיקער צושטאַנד פון דער כאַזאַרן־פּראָבלעם", „ציון", 8ער יאָר, 2ער באַנד, 1943). נאָך קאָקאָווצעווס בוך זיינען פּובליקירט געוואָרן, אין די זאַמלביכער פון דער „סאָוויעטישער עטנאָגראַפיע", אַ פּאָר נייע אַרטיקלען וועגן דער פראַגע.

דער ערשטער און קירצערער אַרטיקל, מיטן נאָמען „אַנטראָפּאָלאָגישע פאַקטן מכוח דער עטנישער אָפּשטאַמונג פון די כאַזאַרן", איז פון וו. וו. גינזבורג, אַן אַרכעאָלאָג, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין אויסגראָבן אַלטע פאַרלאָזענע קורגאַנעס (קברים־בערגלעך) אין דער סביבה פון סאַרקעל, די צווייטע כאַזאַרישע הויפּטשטאָט, אין דער נידערונג פון דעם טייך דאָן, ניט ווייט פון דער סטאַנציע צימליאַנסקאַיאַ. גינזבורג באַשעפטיקט זיך מיט דער פראַגע פון די עטנישע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג אין כאַזאַריע, אין דער ערשטער צייט פון דער כאַזאַרישער מלוכה. אַ צווייטער אַרטיקל, פון וועלכן די רייד וועט זיין שפּעטער, גיט זיך אָפּ מיט דער היסטאָרישער זייט פון דער פּראָבלעם, און דערביי אויך מיט דער פראַגע, וואָס איז געווען דער מקור פון יידנטום אין כוואַרעזם און אין כאַזאַריע — די צוויי לענדער זיינען געווען, אַ לאַנגע צייט, ענג פאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער.

אין דער סביבה פון סאַרקעל, לינקס פונעם טייך דאָן, האָט די אַרכעאָלאָגי־שע עקספּעדיציע בודק געווען אַ גרויסן קורגאַן, און ניט ווייט פון אים 16 קלע־נערע קורגאַנעס. אין די קברים פון 10טן—12טן יאָרהונדערט האָט מען געפונען

ביינער פון די איינוואוינער פון סאַרקעל (סאַרקעל מיינט „די ווייסע פעסטונג") — די כאַזאַרן האָבן געבויט די באַפעסטיקטע שטאָט אין דער ערשטער העלפט פון 9טן יאָרהונדערט כדי צו פאַרצאַמען דעם וועג די פּעטשענעגן, די פּאָלאָווצעס (קומאַנעס) און אַנדערע נאָמאַדן, וועלכע פלעגן אַריינרייסן זיך אין די גרענעצן פון דער כאַזאַרישער מלוכה. די קורגאַנעס פון 10טן יאָרהונדערט זיינען פון פאַרן חורבן, וואָס איז געקומען אויף דער כאַזאַרישער אימפּעריע פון די הענט פון דעם קיִעווער פירשט סוויאַטאָסלאַוו (964—972) אין 969. אב. נ פּאָלאַק האָט דערוויזן אין זיין אויבנדערמאָנטן בוך, אַז דער חורבן איז ניט געווען קיין פולשטענדיקער: אַ קליינע כאַזאַרישע מלוכה איז געבליבן אין דער סביבה פון קרים און האָט עקזיסטירט ביז דער אינוואַזיע פון די מאָנגאָלן אין מזרח־אייראָפּע אין 13טן יאָרהונדערט.

פון די טיפּן פון די אויסגעגראָבענע סקעלעטן און כלים זעט מען, זאָגט גינזבורג, אַז די באַפעלקערונג איז געווען אַ געמישטע. די טיפּן זיינען מערסטנס סלאַווישע, צום טייל קורצקעפּיקע „אייראָפּעאידן", און גאַנץ ווייניק מאָנגאָלן. די לעצטע זיינען מסתמא פון הוניש־טערקישע שבטים, וועלכע האָבן איינגענומען דאָס לאַנד און געגרינדעט די כאַזאַרישע מדינה; זיי זיינען געוואָרן אין איר אַ מיליטערישער און אַריסטאָקראַטישער קלאַס.

דאָס זיינען געווען די אויספירונגען פון אַרטעמאַנאָווס אויסגראָבונגען אין די יאָרן 1934—1936. דעם המשך אין דער געגנט פון סאַרקעל האָט אָנגעפירט ריאַבושקין אין זומער 1939. ער האָט געגראָבן אין אַ בית־עולם אויפן רעכטן ברעג פון דאָן. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער בית־עולם איז עלטער מיט אַ הונדערט יאָר פאַר דעם וואָס אויף דער לינקער זייט פונעם טייך. די שטאָט, וועלכע איז געשטאַנען אויפן רעכטן ברעג פון דאָן, איז חרוב געוואָרן אין אַ מלחמה און אירע איינוואוינער זיינען געפאַלן אין קאַמף — דאָס איז קאָנטיק פון דער לאַגע פון די סקעלעטן, און פון דעם וואָס די געפאַלענע זיינען געווען על פי רוב יונגע מענטשן. די טיפּן זיינען דאָ אויך מערסטנס אייראָפּעאישע, קורצקעפּיקע, און נאָר איינצלנע מאָנגאָלישע. פון דאַנען איז געדרונגען, זאָגט דער מחבר, אַז די אָרטיקע באַפעלקערונג פון כאַזאַריע האָט געהערט צו דער אייראָפּעאישער קורצקעפּיקער ראַסע און ניט צו דער מאָנגאָלישער. צוערשט האָבן דאָס רוב פאָרשער אָנגענומען, אַז די כאַזאַרן זיינען געווען אַ טערקישע האָרדע, וועלכע איז געקומען קיין מזרח־אייראָפּע אין זעקסטן יאָרהונדערט, נאָך די הונען; אַנדערע האָבן געמיינט,

אַז דאָס זיינען געווען אוגראָ־פינישע שבטים. נ. י. מאַר האָט געהאַלטן (און מיט אים אַרטעמאַנאָוו), אויפן גרונד פון פילאָלאָגישע סברות, אַז די כאַזאַרן האָבן געהערט צו דער הונאָ־בולגאַרישער פעלקער־גרופּע, און האָבן זיך פאַרמירט ווי אַ כאַזאַריש פאָלק אין אַ סקיטיש־סאַרמאַטיש־יפתישער סביבה; און פיל שפּעטער, אונטערן דרוק פון די טערקישע האָרדעס, וועלכע האָבן איינגענומען דאָס לאַנד אין זעקסטן יאָרהונדערט, האָט מען אָנגעהויבן באַטראַכטן די באַפעלקערונג ווי אַ טערקישע. אַזוי צי אַזוי, טערקישע עלעמענטן האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער קולטור פון די כאַזאַרן; דעריבער האָבן די היסטאָריקער ווידער גענומען נייגן צום געדאַנק, אַז די כאַזאַרן זיינען אין גרונד געווען אַ טערקיש פאָלק.

גינזבורג דערמאָנט ניט מיט קיין וואָרט דעם יידישן כאַראַקטער פון דער כאַזאַרישער מלוכה — נישט ער לייקנט דאָס אָפּ, נישט ער באַשטעטיקט. אַנדערש איז דער צווייטער אַרטיקל, געשריבן פון דעם רוסישן אַרכעאָלאָג און היסטאָריקער טאָלסטאָוו. דאָ האָבן מיר אַן אוצר פון וויכטיקע מאַטעריאַלן און אינטערעסאַנטע השערות מכוח דעם יידישן וועזן פון דער כאַזאַרישער מדינה און דעם מקור פון איר יידנטום; און דער עיקר — מאַטעריאַלן וועלכע וואַרפן אַ נייעם ליכט אויף דער געשיכטע פון כוואַרעזם.

וואָס איז כוואַרעזם?

כוואַרעזם איז אַ לאַנד, וואָס האָט געהאַט אַן אַלטע קולטור; אין דער צייט איז דאָס לאַנד געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען כיוואַ. אין דער צייט פון דער פּערסישער דינאַסטיע פון די אַכעמענידן (550—330 פאַר דער קריסטלעכער רעכענונג) איז כוואַרעזם געווען אַ טייל פון דער פּערסישער אימפּעריע. בעת דער מלחמה פון אחשורוש (קסערקסעס) מיט די גריכן האָבן כוואַרעזמער און פּאַרטישע סאָלדאַטן געבילדעט איין „דיוויזיע". מיט דער צייט האָט כוואַרעזם אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּערסישן יאָך און געוואָרן אַ מלוכה פאַר זיך; דער טיטל פון אירע מלכים איז געווען כוואַרעזמשאַך. די כוואַרעזמער מלוכה האָט עקזיסטירט הונדערטער יאָרן — ביז דער אַראַבישער אינוואַזיע אין אַכטן יאָרהונדערט. די באַפעלקערונג האָט זיך איסלאַמיזירט, אָבער, אַ וויילע שפּעטער, ווידער געוואונען איר פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט און געוואָרן אַ צענטער פון אינדוסטריע, האַנדל און גייסטיקער רעליגיעזער קולטור פאַר גאַנץ מיטל־אַזיע. טשינגיז־כאַן האָט חרוב געמאַכט דאָס לאַנד; דערנאָך האָבן דאָס געירשנט די כאַנעס פון דער „גאָלדענער האָרדע".

פון 1558 האָט כוואַרעזם געטראָגן דעם נאָמען קיאַט אָדער אויך אורגענטש (ביידע זיינען געווען די נעמען פון איר הויפּטשטאָט, און פון דער הויפּט־שטאָט אַריבער אויפן גאַנצן לאַנד). דער אַלטער פאַרגעסענער נאָמען כוואַ־רעזם האָט אויפגעלעבט אויף אַ קורצע צייט, אין 1920, ווען מ׳האָט פּראָקלאַ־מירט די „כוואַרעזמישע סאָוויעטישע פאָלקס־רעפּובליק". אין 1924 האָט מאָסקווע בטל געמאַכט די כוואַרעזמישע רעפּובליק און צעטיילט דאָס לאַנד צווישן סאָוויעטישן אוזבעקיסטאַן און סאָוויעטישן טורקעסטאַן. לזכר פון אַמאָל האָט מען דעם אוזבעקישן טייל פונעם צעטיילטן לאַנד געלאָזן דעם נאָמען „כוואַרעזם".

טאָלסטאָוו ציטירט אין זיין אַרטיקל: „די ׳קאַלענדאַס׳ פון ראש השנה ביי די כוואַרעזמער קריסטן אין אָנהויב פון עלפטן יאָרהונדערט און איר פאַר־בינדונג מיט די באַציאונגען צווישן כוואַרעזם און כאַזאַריע" (סאָוויעטישע עטנאָגראַפיע, 2, 1946), אַ קעפּל פון דעם אַראַבישן געאָגראַף יאַקות חמאוי (כאַמאַווי, ד. ה. פון דער שטאָט חמת; 1179—1229), וואָס זאָגט: „האָט געזאָגט איבן אל־כלבי (קאַלבי): און יצחק דער זון פון אברהם אל־חליל (אברהם אבינו) האָט געבוירן כאַזאַר און באַזאַר און בורסול און כוואַרעזם און פּיל". אייגנטלעך באַשעפטיקט טאָלסטאָוון די פראַגע, ווי דאָס קריסטנטום האָט זיך פאַרשפּרייט אין כוואַרעזם און אין כאַזאַריע; דערביי אָבער פּרוּווט ער אויפקלערן אויך די פּאָזיציע פונעם יידנטום אין די ביידע לענדער.

אַ יידישער ישוב האָט עקזיסטירט אין כוואַרעזם נאָך אין דער צייט פון דער פּערסישער הערשאַפט, לאַנג פאַרן איסלאַם. דער רוסישער היסטאָריקער ק. אינאָסטראַנצעוו האָט פעסטגעשטעלט, גייענדיק אין די פוסטריט פון ל. גריי, אַז די שטאָט כוואַרעזם האָט געגרינדעט אַ פּערסישער פּרינץ מיטן נאָמען נאַרסאַ, און די שטאָט האָט דעמאָלט געהייסן קיאַט. דאָס רוב היסטאָריקער האַלטן, אַז נאַרסאַ איז געווען אַ ברודער פון דעם שאַך וואַראַכראַן דעם 5טן (אַנדערש: באַכראַם־גור), דעם זון פון יעזדיגערד דעם 1טן (399—420). די מוטער פון נאַרסאַ איז געווען אַ יידישע פרוי, די באַרימטע קעניגין שושאַנ־דאָכט. שושאַנדאָכט המלכה איז אונז באַקאַנט אויך פון דער יידישער געשיכטע: זי האָט אַ סך געטאָן פאַר די יידישע קהילות אין פּערסיע. איר און איר זון פּירוז שרייבט מען צו די גרינדונג פון דער שטאָט איספאַהאַן; ביי די אַראַבער האָט איספאַהאַן געהייסן דאַר אל־יהוד (די יידישע שטאָט), און נאָך היינט איז דאָרטן פאַראַן אַן אַלטע שכונה מיטן נאָמען „יהודיה". מ׳האַלט, אַז די

יידישע קהילה אין אחמתא (היינט האַמאַדאַן) איז אויך געווען געגרינדעט פון שושאַנדאַכט. דער קבר פון שושאַנדאַכט שטייט נאָך גאַנץ אין האַמאַדאַן, אָבער ביי די יידן טראָגט ער דעם נאָמען פון „קבר מרדכי ואסתר המלכה״ [3].

די יידישע טראַדיציע — און אַזוי אויך די פּערסישע — זאָגט אַז שושאַנ־דאַכט איז געווען די טאָכטער פון אַ ראש הגולה. די פראַגע איז, פון וועלכן ראש הגולה — מר כהנא אָדער מר יימר אָדער מר זוטרא? ווי ס׳זאָל ניט זיין, מ׳דאַרף אָננעמען, אַז אין דער שטאָט קיאַט, וועלכע איר זון האָט געבויט, איז געווען, גלייך פון אָנהויב, ד. ה. אין 5טן יאָרהונדערט, אַ יידישע קהילה, אַזוי ווי אין איספאַהאַן און אין האַמאַדאַן. אַלע דריי שטעט זיינען פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פון דער יידישער קעניגין שושאַנדאַכט.

פון אַנדערע קוועלן ווייסן מיר, אַז אין מיטל־אַזיע האָט עקזיסטירט, ביז דער אינוואַזיע פון די מאָנגאָלן, אַ גרויסער יידישער ישוב. אין דעם קאַפּיטל „די יידן פון בוכאַראַ״ האָב איך שוין געבראַכט די ציפערן, וועלכע מיר געפינען ביי ר׳ בנימין פון טודעלאַ: 8,000 יידן אין כיוואַ און 50,000 אין סאַמאַרקאַנד. אַט־דער וויכטיקער פאַקט איז טאָלסטאָוון ניט באַקאַנט. ער בויט זיינע טעאָריעס אויף די רעזולטאַטן פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראַבונגען אין כיוואַ און אין אַנדערע מיטל־אַזיאַטישע לענדער. ער אונטערשטרייכט דעם פאַקט, אַז פאַרצייטנס איז אין כוואַרעזם געווען אַ יידישער ישוב, און ער ברענגט אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל אויף צו דערווייזן אַז די יידן האָבן געהאַט אַ שטאַרקע פּאָזיציע אין כוואַרעזם, און בכוח פון זייער השפעה האָט זיך דאָרטן אויפגעהויבן — אַ קורצע צייט פאַרן איסלאַם — אַ באַוועגונג פון גיור.

די השפעה פון די יידן האָט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה, זאָגט טאָלסטאָוו, אין אָנהויב פון אַכטן יאָרהונדערט, ווען די אַראַבער זיינען שוין געווען נאָענט פון די טויערן פון כוואַרעזם. אויף צו שטיצן זיין שטאַנדפּונקט ברענגט ער צוויי ראיות: ערשטנס, ס׳איז פאַרשוואונדן די אָפּגעטערישע פיגור פון די כוואַרעזמער מטבעות — דער רייטער וואָס האָט סימבאָליזירט די „געטלעכע״ אָפּשטאַמונג פון דער קעניגלעכער פאַמיליע, סאַבאַזי סיוואַש. אויף די מטבעות פון פאַר דעם מוסולמענישן נצחון זעט מען מער ניט דעם דאָזיקן סימבאָל — אַ סימן אַז אין דער אָפּגעטערישער אידעאָלאָגיע פון די כוואַרעזמער איז פאַרגעקומען אַן איבערקערעניש. צווייטנס, דער כוואַרעזמער

3) זע מיין אַרטיקל „ספוני טמוני חול״ (פון זאַמד פאַרדעקטע), „תרביץ״, 22 יאָרגאַנג, בוך ג״ד, תש״א (1941).

כתב האָט זיך פלוצלונג געענדערט — אין דעם איז אויך קאַנטיק די השפּעה פון דעם העברעאישן קוואַדראַטן אלף־בית.

צו די צוויי ראיות קומט צו אַ דריטע, וואָס איר מקור איז אַ שפּעטער־דיקער ביזאַנטישער שרייבער, יוחנן קינאַמאָס (12טער יאָרהונדערט). ער זאָגט, אַז די כאַלוסער אָדער כאַליסער, ד. ה. עמיגראַנטן פון כוואַרעזם, זיינען געווען אָנהענגער פון משהס תורה. דער הונגאַרישער פירשט מעטאַקסאַני האָט זיי איינגעלאַדן פון כאַזאַריע — אין 970 — צו קומען העלפן אים אין זיינע מלחמות מיט ביזאַנטיע. הרכבי האָט משער געווען, אַז דאָס זיינען כאַזאַרן; טאָלסטאָוו אָבער מיינט, אַז די כאַלוסער זיינען די כוואַליסער פון דעם קיעווער כראָניק־שרייבער נעסטאָר (געשטאָרבן אין 1115), ד. ה. כוואַ־רעזמער, וועלכע זיינען דאַן געווען אין כאַזאַריע. פאַר אים האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג אַ פּוילישער שרייבער, ביעלקאָווסקי. טאָלסטאָוו שטיצט זיך אויף דער ידיעה פון יוחנן קינאַמאָס, אַז זיי זיינען געווען פון משהס רעליגיע, „אויב אַפילו זיי האָבן זי ניט ריכטיק אויסגעטייטשט". דער פאַקט האָט אַ סך צו זאָגן. טאָלסטאָוו האַלט, אַז די כוואַליסער האָבן געשטאַמט פון יידן אָדער פון כוואַרעזמער, וועלכע האָבן זיך מגייר געווען. פון כוואַרעזם האָבן זיי געבראַכט זייער „יידיש־פּערסישע" רעליגיע קיין כאַזאַריע און קיין הונגאַריע (זע די הוספה, צום סוף פון זיין בוך).

דאָ שטעלט זיך טאָלסטאָוו אָפּ צו באַטראַכטן די פראַגע, וואו איז געווען דער מקור פון דעם כאַזארישן יידנטום. זיין ענטפער איז: ניט אין ביזאַנטיע און ניט אין בבל, נאָר אין כוואַרעזם. און אויף דער פראַגע, ווער האָט משפּיע געווען אויף בולאַנען, דעם כאַזארישן קעניג, ענטפערט ער: ניט יידישע סוחרים, וועלכע זיינען כלומרשט געקומען פון קאַווקאַז אָדער פון גריכנלאַנד, נאָר די אַרמייען פון די כוואַרעזמער יידן. בולאַן האָט זיי גערופן קומען אין אָנהויב פון אַכטן יאָרהונדערט, און זיי האָבן געבראַכט די אמונה פון אברהם אבינו אָדער תורת משה, און פון זיי האָט בולאַן באַקומען די יידישע אמונה אין דער פאָרעם ווי זי איז געווען אָנגענומען ביי דער סעקטע פון כוואַרעזמער מיליטערישע יידישע מחנות. טאָלסטאָוו איז משער, אַז בולאַן אַליין איז געווען אַ כוואַרעזמער מיליטערישער פירער, און מיט אים — דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער מחנה, כאַמדשאַרד אָדער כאַנגירי; און דער דאָזיקער כאַנגירי איז, לויט טאָלסטאָווס מיינונג, (יצחק) סאַנגאַרי, דער לערער פון בולאַן, וועלכער האָט אים געבראַכט צו מגייר זיין זיך.

נאָך אַ ראיה ברענגט טאָלסטאָוו פון דעם וואָס דער כאַזאַרישער קעניג יוסף האָט געשריבן אין זיין בריוו צו חסדאי איבן שאַפּרוט, דהיינו, אַז זיין עלטער־עלטער זיידע, בלאַן, האָט אָנגענומען די אמונה פון אַברהם אָבינו און האָט געמאַכט אַ משכן און די נויטיקע קולטישע כלים, אַלץ ווי ס׳שטייט געשריבן אין דער תורה שבכתב; און ערשט עובדיה, זיין אייניקל, האָט איינגעפירט אויך די תורה שבעל־פּה. אין דער דעה, אַז דער פּראָצעס פון גיור אין כאַזאַריע האָט געהאַט צוויי עטאַפּן, איז ניטאָ קיין חידוש; זי איז שוין לאַנג אָנגענומען ביי די היסטאָריקער. דער ערשטער עטאַפּ איז געווען, אין אַכטן יאָרהונדערט, בולאַנס איינטריט אין ברית פון אברהם אבינו און זיין ווערן אַ גר־צדק; דער צווייטער — אין די טעג פון זיין אייניקל אָדער און־אייניקל, עובדיה־עבדאללה, אין מיטן פונעם נײַנטן יאָרהונדערט. און וואָס נוגע טאָלסטאָווס סברה, אַז דאָס יידנטום איז געקומען צו די כאַזאַרן פון כוואַרעזם און פּערסיע, און ניט דווקא פון ביזאַנטיע און בבל, דאָס איז אַ נייער געדאַנק, וועלכער פאַרדינט אַן ערנסטע אויספאָרשונג.

טאָלסטאָוו אונטערשטרייכט די באַזונדערע באַדייטונג פון צוויי שטעט, כיוואַ און איטיל — זיי זיינען געווען פאַרבינדונגס־גלידער צווישן די מזרח־לענדער פון אַלטער קולטור, פון איין זייט, און מזרח־אייראָפּע און מערב־סיביר, פון דער אַנדערער זייט. אין כוואַרעזם — פון אַכטן יאָרהונדערט אָן — האָט געהערשט איסלאַם, אין איטיל — יהדות. צווישן די צוויי הויפּטשטעט האָבן עקזיסטירט ענגע עקאָנאָמישע, קולטורעלע און אויך פּאָליטישע באַצי־אונגען. די קעניגן פון כוואַרעזם און כאַזאַריע, זאָגט טאָלסטאָוו, זיינען געווען קרובים; אָבער דער כוואַרעזמער צווייג האָט זיך איסלאַמיזירט און דער כאַזאַרער — פאַריידישט. איינע פון טאָלסטאָווס ראיות איז די אידענטישקייט פון זייערע נעמען: עבדאַללה, דער מוסולמענישער קעניג פון כוואַרעזם, און עובדיה, דער יידישער קעניג פון כאַזאַריע, זיינען געווען צווייגן פון איין משפחה און האָבן געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען. צו דעם וואָלט איך מוסיף געווען דעם נאָמען פון איינעם פון די אַלטע קעניגן פון כוואַרעזם, סאַברי — סבריאל.

לויט דעם אַראַבישן היסטאָריקער, איבן אַל־אַתיר (אָנהויב פון 13טן יאָרהונדערט), האָבן די כאַזאַרן געבעטן הילף ביי כוואַרעזם קעגן די רוסן און קעגן די טערקישע נאָמאַדן. אַל־מוקאַדאַסי (געבוירן אין ירושלים אין 946) האָט געהערט, אַז דער כאַליף אַל־מאַמון (813—833) האָט אַטאַקירט די כאַזאַרן

פון דשורדשאַני (אורגענטש) אויס, ד. ה. קומענדיק פון כוואַרעזם, און האָט זיי געצוויט איסלאַמיזירן זיך; פון דער אַנדערער זייט איז אָנגעפאַלן אויף זיי אַ שבט פון „רוס" (ד. ה. די רוסן) און האָט איינגענומען זייער לאַנד. איבן חוקל (כאַווקאַל), אַן אַראַבישער געאָגראַף (צווייטע העלפט פון 10טן יאָר־הונדערט), זאָגט, אַז נאָך דער מפלה פון די כאַזאַרן אין דער מלחמה מיט סוויאַטאָסלאַוון, זיינען זיי אַפּגעטראָטן צום קאַספּישן ים און באַזעצט זיך אויפן האַלבאינזל סיאַ־קוואָ, אָדער מאַנגישלאַק, אונטער דער שוץ פון כוואַרעזם.

טאָלסטאָוו שטרייכט אונטער די גרויסע השפעה פון יידנטום אין כוואַרעזם פאַר דעם ווי די אַראַבער האָבן איינגענומען דאָס לאַנד. דער כוואַרעזמשאַך האָט זיך שטילערהייט פאַרבונדן מיט דעם אַראַבישן קאָמאַנדיר, קוטייבאַ — קעגן דעם שאַכס ברודער און קאָנקורענט — און האָט אים (קוטייבאַן) גערופן קומען קיין כוואַרעזם. גלייכצייטיק, כדי אָפּלענקען די אויפמערקזאַמקייט פון דער באַפעלקערונג, האָט ער איינגעלאַדן צו אַ צוזאַמענפאָר הויכע כלי־קודש און פירשטן. ווער זיינען געווען די כלי־קודש? טאָלסטאָוו רופט זיי „אַחבאַר", בלשון יחיד — „חבר"; און ער פאַררופט זיך אויף אַבו־עבדאַללה, אַ כוואַרעזמער שרייבער און מאַטעמאַטיקער (ערשטע העלפט פון 9טן יאָרהונדערט), וועלכער זאָגט, אַז מיט „חבר" מיינט מען אויף אַראַביש נאָר אַ יידישן למדן אָדער אַ רב (איינער אַ ייד, וועלכער איז צוגעשטאַנען צו מוחמדן, האָט געהייסן כעב [קאַאַב] אל־אַחבאַר היהודי). איך האַלט ניט, אַז מיט דעם איז דערוויזן, אָן אַ ספק, די יידישקייט פון די כוואַרעזמער כלי־קודש. פון אונזערע מקורות ווייסן מיר, אַז מיט דעם טערמין „חברים" האָט מען גערופן דווקא די פּערסישע, זאַראַטוסטראַשע, כהנים, די פייער־דינער [4]). פון דער אַנדערער זייט איז דאָך באַקאַנט, אַז אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש האָט מען גערופן יידישע תלמידי־חכמים — חברים.

לויט טאָלסטאָוו האָט זיך די באַוועגונג פון גיור אָנגעהויבן אין כוואַרעזם פאַרן איסלאַם און האָט אָנגעהאַלטן אויך ווייטער. די אָנפירער זיינען געווען כורזאַד, אַ ברודער פון דעם שאַך, און כאַמאַדשערד, דער פעלדמאַרשאַל. די באַוועגונג האָט אויך געהאַט אַ נייגונג צו סאָציאַלע רעפאָרמען. קוטייבאַ האָט

4) אין „ערוך" (אַ תלמודיש ווערטערבוך פון 11טן יאָרהונדערט) שטייט: „די פּערסן פלעגן רופן זייערע גלחים ׳חברים׳. די חברים זיינען געווען זייער שלעכט און האָבן געפּלאָגט ישראל". דאָך געפינען מיר, אַז מ׳האָט אָנגעווענדעט דעם טערמין „חבר" אויך אויף יידן. אין „כוזרי" פון ר׳ יהודה הלוי קומט דאָס פאָר אַ סך מאָל.

גערודפט און גרויזאַם אונטערדריקט די באַוועגונג. איז דען ניט מעגלעך, זאָגט טאָלסטאָוו, אַז קוטייבאַס רדיפות האָבן געשטויסן מאַסן כוואַרעזמישע גרים צו עמיגרירן קיין כאַזאַריע? אל־בירוני (973—1043) שרייבט בפירוש וועגן גירוש פון געלערנטע (יידן?) פון כוואַרעזם אין יאָר 712. ר׳ יהודה הלוי, רעדנדיק פון די יידישע כאַזאַרן, דערמאָנט דאָס יאָר 740. דער כאַזאַרישער קעניג בולאַן, וועלכער האָט זיך מגייר געווען, האָט איינגענומען די שטאָט אַרדעביל אין אַזאַרביידזשאַן אין 730 — פון דאַנען זעען מיר, אַז דער גיור פון די כאַזאַרן איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָר 10־20 פריער.

דער ביזאַנטישער קיסר און כראָניק־שרייבער, קאָנסטאַנטין פּאָרפיראָ־גענעטאָס (905—959) דערציילט פון כאַבאַרן, וועלכע זיינען געקומען קיין הונגאַריע, פון דעם כאַזאַרישן כוואַרעזם, אין 9טן יאָרהונדערט. טאָלסטאָוו אידענטיפיצירט „כאַבאַר" מיט „חבר" און כוואַרעזם מיט „חבר־זעם" („זעם" מיינט ערד, לאַנד, אויף פּערסיש): „דאָס לאַנד פון די חברים" — אַזוי האָבן זיי זיך גערופן אין זייער לשון. ער האַלט, אַז די „כאַבאַרן" פון קאָנסטאַנטין פּאָרפיראגענעטאָס און די „כאַליסן" פון קינאַמאָס זיינען דאָס זעלביקע פאָלק.

די כאַבאַרן האָבן פאַרלאָזן כאַזאַריע מחמת אַ מלחמה מיט אַ צווייטער כאַזאַרישער סעקטע. יענע סעקטע האָט געזיגט. אַ טייל פון די באַזיגטע זיינען אומגעקומען; די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן אין לאַנד פון די מאַדיאַרישע פּעטשענעגן. דאָס איז געשען אין אַכטן יאָרהונדערט. דער דאָזיקער אינ־ווייניקסטער קאַמף איז מסתמא פאָרגעקומען אין דער צייט פון עובדיה, דעם אייניקל פון בולאַן, ד. ה. אין די זעכציקער יאָרן פונעם אַכטן יאָרהונדערט. און דעמאָלט טאַקע, ווי מיר הערן, זיינען די כאַבאַרן געקומען אין לאַנד פון די מאַדיאַרישע פּעטשענעגן.

די אויספירונגען פון טאָלסטאָוו זיינען אַזוי:

א) די כוואַרעזמער גרים, קומענדיק קיין כאַזאַריע, האָבן געבראַכט מיט זיך אַ מין יידישע סינקרעטישע רעליגיע; זיי האָבן באַוועלטיקט די כאַזאַרן צוערשט אידעאָלאָגיש און דאַן אויך פּאָליטיש.

ב) אין די טעג פון דעם קעניג עובדיה איז שטאַרקער געוואָרן, אין כאַזאַריע, די השפּעה פון רבנישע יידן, וועלכע זיינען געקומען פון באַגדאַד, פון כאָראַסאַן און פון גריכנלאַנד. ווי איז דאָס געשען? דער קעניג עובדיה און די כאַזאַרישע אַריסטאָקראַטיע האָבן אויסגענוצט אַ גינסטיקע געלעגנהייט

צו באַפרייען זיך פון דער השפעה פון די כוואַרעזמישע כאַבאַרן. די געשלאָ־
גענע כאַבאַרן האָבן עמיגרירט קיין הונגאַריע; און אין כאָזאַריע האָט די
תלמודישע סעקטע גובר געווען אויף די „גרי־צדק", די ערשטע שיכט פון
די כאָזאַרישע גרים, וועלכע האָבן זיך נאָר האַלב־פאַריידישט.

פ ע ר ט ע ר   ט י י ל

נסיעות אין
מזרח־לענדער

אַ נסיעה קיין פּערסיע

ארץ־ישראל ליגט צווישן מדבר און ים; דער ים און דער מדבר באַשטימען איר נאַטור. מיר ווייסן גאַנץ גוט וואָס ס׳טוט זיך אויף יענער זייט פון ים התיכון, אין די לענדער פון וועלכע דער גרעסטער טייל פון אונז איז געקומען; אָבער מיר זיינען גאָר ניט קלאָר אין דעם וואָס קומט פאָר פון דער אַנדערער זייט פון אונזער לאַנד, פון דער מזרח־זייט; און בפרט זיינען קאַרג אונזערע ידיעות מכוח דעם מדבר און די לענדער וועלכע ליגן היגטערן מדבר.

ס׳איז אונזער זינד וואָס מיר האָבן ניט געזוכט צו דערקענען דעם מדבר, און די שטראָף דערפאַר איז וואָס דער מדבר בלייבט פאַר אונז אַ גרויסער נעלם, און מ׳סטראַשעט אונז מיט די ווילדע מדבר־שבטים און מיט די פאַרבאָרגענע לענדער פון יענער זייט מדבר. אַזעלכע סטראַשונקעס הערן מיר פון אונזערע פיינט, און אָפט אויך פון אונזערע גוטע פריינט פון „ברית שלום״. דעריבער איז נויטיק מיר זאָלן זיך אַביסל אומקוקן אויף די לענדער אין מזרח פון ארץ־ישראל, און באַזונדערס — אויף דער לאַגע פון די יידן דאָרטן.

דאָ וועט זיין די רייד פון פערסיע, אַ לאַנד וואָס האַלט זיך היינט אין באַנייען אונטערן נאָמען פון איראַן (אויך אַן אַלטער נאָמען). צוויי וויסטעניש שיידן אונז אָפּ פון איראַן: איינס איז גרויס; אַ טויזנט קילאָמעטער ווייט שטרעקט זיך אויס דער מדבר צווישן אונז און איראַק, דאָס וואונדערלעכע לאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן „צווישן דעם טייך פרת און דעם טייך חידקל״. און פון יענער זייט חידקל גייט ווייטער אַ מדבר — אַ מחיצה צווישן איראַק און איראַן.

די נאַטור פון פערסיע איז אַנדערש ווי די נאַטור פון אַראַביע: אַנדערע מענטשן, אַן אַנדער לאַנד, אַן אַנדער ממשלה. מיר זעען אַנדערע פנימער, און באַלד דערקענען מיר, אַז די נאַטירלעכע גרענעץ צווישן דעם מעסאָפּאָטאַמישן טאָל און דעם איראַנישן בערגלאַנד איז אויך אַ נאַטירלעכע גרענעץ צווישן די מענטשלעכע ראַסן, וועלכע באַוואוינען די צוויי קאַנטן. פון איראַק קיין איראַן פאָרט מען אַרויף, אין דער הויך; ס׳איז אַ לאַנד פון בערג און בערגלעך און די איינוואוינער שיידן זיך אָפּ פון די איראַקער אין לשון, אין זייערע מלבושים, אין אויסזען, אין לעבנסשטייגער.

ווען דו טרעטסט איבער די גרענעץ, באַלד פרעגסטו זיך: וואָס פאַר אַ לאַנד איז דאָס? אונטער וועמענס השפעה? ס׳איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך, אַז אַלע לענדער און פעלקער, וועלכע זיינען ניט־אייראָפּעאיש און ניט־אַמעריקאַניש, געהערן צו אַ וואָסער־ניט־איז „תחום פון השפעה״. אם כן, צו וועלכן תחום געהערט איראַן? צום ענגלישן, צום פראַנצויזישן אָדער צום רוסישן?

מחמת איראַן איז אַזוי ווייט פון דער מערב־וועלט, און אַזוי אָפּגעזונדערט געאָגראַפיש און פּאָליטיש, איז קיין פרעמדע השפעה ניט קאַנטיק אין דעם לאַנד אין אַזאַ מאָס ווי, למשל, אין איראַק און אין מצרים. אמת, דאָ און דאָרט פילט מען אַביסל ענגלישע וויאַזונגען אָדער ברעקלעך פון פראַנצויזישער קולטור (נאָר די „אינטעליגענציע״ פאַרשטייט מער־ווייניקער פראַנצויזיש

אָדער ענגליש). אָבער, בדרך־כלל, איז ניטאָ קיין קאָלאָניאַלע אַטמאָספערע. ווי נאָר דו קומסט אַריבער, פילסטו די זעלבסטשטענדיקייט פון איראַן. דאָס לאַנד איז פרוכטבאַר און רייך. פון ביידע זייטן וועג קוועלט דאָס לעבן: וואַסער־קוואַלן, נעפט־קוואַלן, שאַכטעס פון קופּער און בליי. אַ רויך ציט זיך אין דער הויך און טראָגט זיך איבער די שאַכטעס; סטאַדעס שאָף און רינדער פּאַשען זיך אויף די זייטן פון די בערג און אין די טאָלן. בקיצור, דו ביסט דאָ אין אַ לאַנד וואָס איז באַשאַנקען מיט נאַטירלעכע אוצרות. זעענדיק דאָס אַלץ, וועקט זיך ביי דיר אַ חשק צו דערקענען פון דער נאָענט דאָס דאָזיקע געבענטשטע לאַנד, און אויך די רעשטן פון זיין פאַרצייטיקער קולטור, וואָס חורבות אַן אַ צאָל זיינען אירע קאָנקרעטע עדות. און טאַקע, יעדע 25־30 קילאָמעטער זעען מיר מעכטיקע געביידעס, אַמאָליקע „קאַראַוואַן־סאַרייס״, ד. ה. אכסניות פאַר דורכפאָרער, וואָס שאַך אַבאַס האָט געלאָזט בויען: מ׳זאָגט, אַז אין זיין צייט האָט מען אויסגעבויט 999 אַזעלכע אכסניות.

ביז ניט לאַנג האָט פּערסיע געהאַט אַ נאָמען פון אַ לאַנד, וואו מען איז ניט זיכער מיטן לעבן. אין די מערות און אין די שפּאַלטן פון די בערג האָבן גענעסטעט גזלנים — פּלוצלונג פלעגן זיי אַרויסשפּרינגען פון זייערע באַהעל־טענישן און באַפאַלן די פאַרבייפאָרער. די נייע רעגירונג האָט אַנטוואָפנט אַלע אַרומיקע איינוואוינער און אויף אַזאַ אופן געמאַכט אַן עק צו די רויבער־באַנדעס און צו די מלחמות צווישן די דערפער. דערצו האָט די רעגירונג געשאַפן אַ נייע רעגולערע אַרמיי פון 120 טויזנט מאַן (אַנדערע זאָגן: פון 150 טויזנט). די סאָלדאַטן זיינען גוט געקליידעט, געגאַרטלט, האָבן שיך (ניט ווי אַמאָל די טערקישע). אויך זייער געהאַלט באַקומען זיי רעגלמעסיק. די נייע אַרמיי האָט טויזנטער אָפיצערן מיט אַ ריכטיקער מיליטערישער אויס־בילדונג. דער גאַנצער קיום פון די סאָלדאַטן און אָפיצערן הענגט אָפּ פון דעם קיום פונעם נייעם רעזשים — דערפאַר זיינען זיי אים איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן.

די וועגן זיינען אַצינד זיכער. אויטאָמאָבילן לויפן בייטאָג און ביינאַכט; זיי פירן קעראָסין, שאָף, וואָל און אַלערליי סחורות. קיין אייזנבאַנען זיינען כמעט ניטאָ. דער גאַנצער טראַנספּאָרט גייט מיט אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן, לאַסט־אויטאָס, טאַנקן א. אַ. וו. מ׳פילט, אַז ס׳איז דאָ אַן אויג אויף אַלץ און אויף אַלעמען. ווען איינער פאַרט פון איין שטאָט אין אַן אַנדערער איז מען בודק זיין דערלויבעניש און מ׳פאַרשרייבט די נעמען פון אַלע מיטגלידער פון

זיין הויזגעזינד — אָן דעם קען מען זיך ניט רירן פון אָרט. מען איז בודק אומעטום: ביים אַריינקומען אין שטאָט, ביים אַרויספאָרן פון שטאָט, אין מיטן וועג. מ׳האָט אַן איינדרוק, אַז קיינער קען ניט אויסבאַהאַלטן זיך פון דער פּאָליציי — ניט קיין היגער און ניט קיין פרעמדער — און דאָס הויבט זייער דעם פּרעסטיזש פון דעם רעזשים. די גרויסע צאָל פון פּאָליציי־לייט העלפט גאַנץ גוט צו פאַרזיכערן רו און פרידן אין לאַנד.

ווען דו שפּאַנסט אַריבער די גרענעץ־ליניע פון איראַק קיין איראַן, האָסטו געלאָזן הינטער זיך די מלוכה פון לאַנגן היטל (מ׳רופט דאָס „סידארא״), וואָס זיצט אויפן קאָפּ פון יעדן איראַקער, אָן אונטערשיד פון רעליגיע און לשון. דאָס איראַקישע היטל — ווי ס׳איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן אויף דיין וועג, אַזוי איז דאָס פּלוצלונג פאַרשוואונדן פון דיינע אויגן. אין פּערסיע טראָגן אַלע איירָאָפּעאישע היטלעך. דאָס איז אַ מוז; דער מין און פאַסאָן מאַכט ניט אויס. יעדער מאַן מוז אַנטאָן אַן איירָאָפּעאיש היטל, אויב ס׳פּאַסט אים אָדער ניט; ווען ניט — איז ער פּשוט אַ מורד במלכות. פון דעם קעניג איז פּלוצלונג אַרויס אַן איסור אויף אַלע פּערסישע היטלעך, אויף די „פּעהלעוויעס״ (אַזוי־גערופן אויפן נאָמען פון דער איצטיקער דינאַסטיע פּעהלעווי) — די היטלעך פון דער צייט פון דער פריערדיקער דינאַסטיע זיינען שוין לאַנג בטל געוואָרן; בלויז אויף די בילדער פון זיין מייעסטעט, וועלכע באַשיינען יעדן אָפּיציעלן אַנשטאַלט, זעט מען נאָך אַלץ דאָס פּעהלעווישע היטל. דער פאַקט אַליין, אַז דער קעניג האָט געקענט מיטאַמאָל אַרויפטאָן אויף די קעפּ פון זעקס אָדער זיבן מיליאָן מאַנסבילן איירָאָפּעאישע היטלעך, איז אַ מערקווירדיקע זאַך — אַ באַווייז, אַז דאָס פאָלק איז גרייט מקבל צו זיין אַ מיליטערישע דיסציפּלין.

אמת, ס׳זיינען געווען ערטער וואו דער באַפעל האָט זיך אַנגעשטויסן אויף ווידערשפּעניקייט. אין מעשהעד, למשל, אין דעם נעסט פון שיאיטישן פאַנאַ־טיזם, האָבן די כלי־קודש געטענהט, אַז אַן איירָאָפּעאיש היטל איז אַ שטערונג בעת דער תפילה: דער מתפלל קען ניט — ביים קניען און בוקן זיך — ריכטיק מקיים זיין די מצוה פון באַרירן די ערד מיטן שטערן, און זיין פאַלן כורעים איז אַ ברכה לבטלה. אָבער דינא דמלכותא דינא (ווען אַ קעניג הייסט דאַרף מען פאָלגן): דער סוף איז, אַז אַ סך מתפללים דאַוונען גאָר אָן אַ היטל. ווען איך האָב דאָס געזעען אין די שיאיטישע מאָסקן, בין איך נשתומם געוואָרן. אויף מיין שאלה, אויב מ׳מעג — על־פּי־דין פון איסלאַם — דאַוונען בגילוי ראש, האָט מען מיר געענטפערט: אדרבא, דער עיקר — ס׳זאָל ניט זיין קיין

מחיצה צווישן דעם שטערן און די ערד. אָבער, ווי געזאָגט, ניט אַלע האָבן מקבל געווען די גזירה באהבה און באַרואיקט דאָס האַרץ מיט אַזעלכע פּירושים. אין מעשהעד האָט די רעגירונג געמוזט באַווייזן איר שטאַרקע האַנט: עטלעכע קעפּ זיינען געפאַלן צוזאַמען מיט זייערע „טשאַלמעס" (די טראַדיציאָנעלע מוסולמענישע קאַפּטיכער), אַ סך זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן און הונדערטער האָט מען אַריינגעוואָרפן אין תפיסה.

דער באַפעל מכוח איראָפּעאישע היטלעך איז, פאַרשטייט זיך, דער ערשטער שריט אויפן וועג צו ווייטיקערע רעפאָרמען. פערסיע גייט אין די פוסטריט פון טערקיי. די פּערסישע ווייבער גייען אַרום שוין היינט מיט אָפּגעדעקטע פּנימער. אמת, זיי טראָגן נאָך אַלץ זייערע טראַדיציאָנעלע מלבו־שים: אַ שוואַרצן מאַנטל („טשאַדר") און אַ שלייער אויפן קאָפּ; אָבער, ווי געזאָגט, דאָס פּנים דעקן זיי ניט צו; און אַזוי קומען זיי אַריין, בגילוי פרצוף, אין אַלע אַנשטאַלטן, אין רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער, אין גאַרטנס און אין סינעמאַס, בייטאָג און ביינאַכט, אייניקע געאַרעמט מיט זייערע מענער — אַ מנהג וואָס איז גאָר פרעמד די מאַכמעדאַנער.

נאָך אַ רעפאָרם — מען האָט זי דערוויל גאַנץ וויניק באַמערקט אין חוץ־לאַרץ — איז נוגע די הקדשות, וועלכע זיינען, ווי באַקאַנט, דער הויפּט־מקור פון די גוואַלדיקע הכנסות פון די רעליגיעזע אַנשטאַלטן און פון דער מאַכט פון זייערע פאַרוואַלטער. די גבאים און פּקידים פון די דאָזיקע אַנ־שטאַלטן („סיד'ן", „מולאַ'ס", „כאַטיב'ן"), וועלכע ציען זייער חיונה פון קדושה, און אַלערליי „דאַרווישן", וואָס פערסיע איז פול מיט זיי, קעמפן פאַנאַטיש מיט דעם גייסט פון דער נייער צייט. אַגב, זיי זיינען אויך דער קוואַל פון שנאה צו יידן; זיי האָבן געמאַכט די יידן פאַר „פאַריעס". אין דעם ענין פון הקדשות האָט די רעגירונג דורכגעפירט אַ גאָר ווייטיקע רעפאָרם — אַ רעפאָרם וואָס אַנדערע, כלומרשט־פּראָגרעסיווע, רעגירונגען האָבן קיין מוט ניט געהאַט דורכצופירן — צוגענומען ביי די כלי־קודש זייער פול־אַנגעשטאָפּטן טייסטער. די הקדשות זיינען אַצינד אין די הענט פון דעם בילדונגס־מיניס־טעריום. דאָס מיניסטעריום טראָגט איצט דעם נאָמען: „וויזיראַת מועראַף ואווקאף" (בילדונג־און־הקדשות־מיניסטעריום). אַלע הכנסות פון די הקדשות קומען אַריין אין דער קאַסע פון אַט־דעם מיניסטעריום און דאָרט באַשטימט מען, וועלכע שולע דאַרף געשטיצט ווערן, און וועלכע פּקידים זיינען ווערט מ'זאָל זיי לאָזן אויף זייערע שטעלעס. טערקיי איז געווען די ערשטע מוסול־

מענישע מדינה, וואָס האָט אָפּגעשאַפן די אויטאָנאָמיע פון די הקדשות; נאָך איר איז פּערסיע אַרויפגעטראָטן אויף דעם וועג. דאָס איבערגעבן פון די הקדשות אין די הענט פון אַ וועלטלעכער פאַרוואַלטונג איז אַזאַ גוואַלדיקע רעפאָרם — אין די אויגן פון דער ענגלישער מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל — אַז זי האָט ניט געוואַגט אַפילו חלומען פון דעם.

פון די שוין־דורכגעפירטע רעפאָרמען וועל איך דאָ דערמאָנען צוויי, וועלכע זיינען מיר אויפגעפאַלן: די ענדערונג פון דעם לוח און פון די טיטלען. דער נייער רעזשים האָט איינגעפירט אין פּערסיע אַ זונען־לוח. די צייט־רעכענונג ווערט ווייטער געפירט פון דער „הג׳רה" (הידשראַ — דאָס אַנטלויפן פון מוחמד פון מעקאַ), אָבער ניט נאָכן ביזאַהעריקן לבנה־לוח, נייערט נאָכן נייעם זונען־לוח. למשל, דאָס יאָר 1354 לויט דעם אָנגענומענעם מוסולמענישן לוח (1935 לויט דעם קריסטלעכן לוח) איז היינט אין פּערסיע 1314 פון זינט דער „הידשראַ". די צווייטע רעפאָרם האָט צו טאָן מיט די טיטלען. דער באַפעל איז אַרויס גראָד בעת איך בין געווען אין טעהעראַן. ווי באַקאַנט, האָבן די פּערסן שטאַרק געהאַלטן זיך ביי אַלטע דערהויבענע טיטלען. אַ מיניסטער האָט מען מכבד געווען מיטן טיטל „מירזאַ" (פאַרקירצט פון „אַמיר־זאַדע" — דער זון פון אַ פּרינץ); אַ פירשט — „זאתי מוקדש" (אַ הייליקע פּאַרשוין); און צו יעדן חשובן פּקיד, און גלאַט צו אַ פּריץ, האָט מען זיך געווענדעט בלשון „כאַן" (פירער, הערשער). איצט האָט דער שאַך אַרויס־געלאָזן אַ באַפעל בטל צו מאַכן די אַלע גוזמאַדיקע טיטלען און באַגנוגענען זיך מיט פּראָסטערע און פּאַסיקערע, ווי ס׳פירט זיך אין איראָפּע. אויך זיין אייגענעם טיטל האָט ער געקירצט און איבערגעלאָזן זיך אַ באַשיידענעם נוסח: „חאזראת הומאיון שאַכין־שאַך" (זיין מאַיעסטעט דער קעניג פון די קעניגן).

מ׳דאַרף זאָגן, אַז דער נייער רעזשים האָט אַ סך אויפגעטאָן אויפן געביט פון בילדונג. די רעגירונג שיקט קיין אויסלאַנד יונגעלייט צו לערנען פאַר־שידענע נויטיקע פאַכן; יעדן יאָר האַלט זי אויס 2,500 פּערסישע תלמידים אין אַ סך לענדער (אין ביירוט, מצרים, איטאַליע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטש־לאַנד און אַמעריקע). ווען זיי קומען צוריק זיינען זיי פאַרזיכערט מיט שטעלעס אין דער אַדמיניסטראַציע. דאָס איז אַ ריכטיקער וועג צו האָבן געבילדעטע און געטרייע פּקידים. די רעגירונג האָט פאַרמערט די צאָל פון פאָלקשולעס און זי באַמיט זיך איינריכטן העכערע שולעס. אין טעהעראַן האָב איך געזען

די נייע געביידע פון אוניווערזיטעט. דער מעדיצינישער פאַקולטעט איז שוין פאַרטיק, און ער האָט אַן אַנאַטאָמישע אָפּטיילונג. דאָס איז ממש אַן איבער־קערעניש: פּאַלמעסן טויטע אין לאַנד פון די פאַנאַטישע שיאיטן! ס׳איז שוין אויך דאָ אַ יורידישער אינסטיטוט, אַ לערער־סעמינאַר, אַ טעכנישער אינסטי־טוט און אַ סך מיטל־שולעס.

פאַראַן אין טעהעראַן אַ מין קונסט־אַקאַדעמיע: פּערסישע קינסטלער אַרבעטן דאָרט אויס מוסטערן. זיי באַמיען זיך אויפצולעבן די אַמאָליקע פּערסישע קונסט פון דעם סאָרט ווי פאַרן איסלאַם אָדער אויך אין דעם סטיל וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער צייט פון שאַך אַבאַס. די מוסטערן, וועלכע מ׳פאַרטיקט אויס אין דער אַקאַדעמיע, ווערן נאָכגעמאַכט אין אַלע פּריוואַטע און רעגירונגס־אינדוסטריעס: אין וועבערייען, אין פאַבריקן פון טעפּיכער, קופּער, זילבער, האָלץ און ליים־פּראָדוקטן.

איך האָב באַזוכט דעם פּאַרלאַמענט אין דער צייט פון זיין אַרבעט. דאָס הויז איז גרויסאַרטיק. די אויסערלעכע אָרדענונג פון דער אַרבעט איז אייראָ־פּעאיש מיט אַלע פּיטשעווקעס: דער מיניסטער רעפערירט, די דעפּוטאַטן פרעגן שאלות און דעבאַטירן; צום סוף פון די דעבאַטן ענטפערט אַ פאַר־שטייער פון דער רעגירונג. בראש פון דער אסיפה זיצט דער פּרעזידענט פון פּאַרלאַמענט און לעבן אים זיין סעקרעטאַר. כמעט אַלע דעפּוטאַטן זיינען אייראָפּעאיש געקליידט; די ווייניקע, וועלכע טראָגן טראַדיציאָנעלע מלבושים, זיינען כלי־קודש אָדער שעכן. בכלל פּילט מען דאָ אַן אייראָפּעאיזאַציע, פון איין זייט, און אַ וואַקסנדיקע נאַציאָנאַליסטישע שטימונג, פון דער אַנדערער זייט. דער כוח, וועלכער לענקט היינט דאָס לעבן אין פּערסיע, איז נאַציאָנאַליזם, ניט רעליגיע. די פּערסישע משכילים זיינען זיך נוהג צו באַטאָנען, אַז זייער רעליגיע איז אייגנטלעך אַ נאַציאָנאַלע רעליגיע ווייל זי איז די אמונה פון אַלע פּערסן אין איראַן. אויך די שיאיטן אין אויסלאַנד האָבן אַ פּאָליטישע נייגונג צו פּערסיע; אַזוי זיינען די שיאיטן פון איראַק און פון אַנדערע לענדער — פאַר זיי אַלעמען איז פּערסיע אַ צענטער און אַ מעטראָפּאָל. דער שיאיטישער נוסח פון איסלאַם איז די הערשנדיקע רעליגיע אין פּערסיע. קיין פּראַקטישע סתירה צווישן איר און דעם פּערסישן נאַציאָנאַליזם איז ניטאָ; אדרבא, זי שטאַרקט די נאַציאָנאַליסטישע געפילן.

די פּערסן שטרעבן צו רייניקן זייער שפּראַך פון פרעמדע עלעמענטן, בעיקר פון אַראַבישע און טערקישע — אין דעם ענין האָבן זיי שוין אַ סך

אויפגעטאָן. ס'איז דאָ אַ שפּראַך־קאָמיטעט, אַזוי ווי ביי אונז אין ארץ־ישראל דער ועד הלשון, מיט דעם אונטערשיד וואָס זייער ועד האָט אַ בודזשעט פון דער רעגירונג און אַן אָפיציעלן אויטאָריטעט. דער שפּראַך־קאָמיטעט באַשטימט נייע טערמינען און פּובליקירט זיי. על פּי רוב פאַרבייט מען אַראַבישע און טערקישע טערמינען מיט פּערסישע; און באַלד ווי זיי ווערן פאַרעפנטלעכט, זיינען די רעגירונגס־אַנשטאַלטן און די ציטונגען מחויב איינצופירן זיי ביי זיך; און דער עולם געוואוינט זיך איין צו באַנוצן זיך מיט זיי, און פאַרלאָזט די פריערדיקע.

זיי האָבן אין טעהעראַן אַ שרייבער־פאַראיין. דער ועד פון דעם פאַראיין האָט מיך מכבד געווען מיט אַן איינלאַדונג צו אַ פריינטלעכן שמועס *). זיי האָבן מיר געשילדערט זייער שפּראַך־קאַמף און זייערע באַמיאונגען צו־פּאַסן פּערסיש צו די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער צייט; און איך האָב זיי דערציילט ווי העברעאיש האָט אויפגעלעבט, און האָב באַטאָנט די גלייכע מאָמענטן אין דער שטרעבונג פון די צוויי היסטאָרישע פעלקער, די יידן און די פּערסן, צו באַנייען זיך און אויפצובויען זייער לעבן אויף מאָדערנע יסודות. די פּערסן גיבן אַרויס איבערזעצונגען פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור און נייע ווערטערביכער.

אָבער דער נאַציאָנאַליסטישער עגאָאיזם האָט נאָך אַ דריטע זייט — און די פּערסן האָבן אויך די איבערגענומען פון אייראָפּע — אַ שאָוויניסטישן גייסט, פון וועלכן עס ליידן בעיקר די יידן. די שאָוויניסטישע שטימונג גייט און פאַרשפּרייט זיך אין פּערסיע. דאָס איז אַ ריכטונג, וועלכע פירט צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאַן־איסלאַמישער. דער טערקישער סולטאַן עבדול חמיד (1876—1909) האָט געמאַכט דעם לעצטן — אומגעלונגענעם — פּאַרזוך צו רעאַליזירן דעם פּאַן־איסלאַמישן געדאַנק. מער האָט מען אַזעלכע פאַרזוכן ניט געמאַכט, און ניט געקענט מאַכן. די מוסולמענישע פעלקער נאַציאָנאַליזירן זיך, יעדער פאָלק ווערט אַ נאַציאָנאַלע איינהייט פאַר זיך. אַזוי איז היינט אין טערקיי, אַזוי אין מצרים, אין איראַן און אומעטום. און פּערסיע האָט אויף וואָס צו בויען מער ווי אַנדערע מאַכמעדאַנישע לענדער. די היינטיקע איינוואוינער פון מצרים, כאָטש זיי שטאַמען פון די אַמאָליקע מצרים, האָבן

*) איך בין געגאַנגען אַהין מיט מיין פאַרשטאָרבענעם פריינט, עזיז נעים. ער איז געווען אַ באַגייסטערטער ציוניסט, אַ גרויסער קענער פון העברעאיש און אַ פּאָעט אויף פּערסיש. שפּעטער האָט ער געהאַט די שטעלע פון הויפּט־רב אין טעהעראַן.

פאַרלוירן יעדע שייכות צו זייער מקור: זייער רעליגיע איז איסלאַם, זייער לשון איז אַראַביש; זיי האָבן ניט קיין זכר און קיין פאַרשטעלונג פון זייערע פאַרצייטיקע אבות, פון דעם גרויסן היסטאָרישן עבר פון זייער לאַנד. דער עלנטער פאַרזוך פון אַ הייפל משכילים צו באַשאַפן אַ מין „פרעונישע" (פון דעם העברעאישן וואָרט „פרעה") באַוועגונג (אומקערן די הייניטיקע באַפעלקערונג צו דער אַמאָליקער עגיפּטישער קולטור) איז געווען לכתחילה אַ נפל: קיין עגיפּטער פאַלט אים גאָר ניט איין צו בייטן זיין אַראַבישן לשון און מאַכמעדאַנישע קולטור אויף דער קולטור און שפּראַך פון אַמאָליקן מצרים.

אַנדערש איז פּערסיע. די אַראַבער האָבן זי איינגענומען און באַהערשט 600 יאָר. זיי האָבן איינגעפלאַנצט אין פּערסישן פאָלק זייער איסלאַמישן גלויבן. אָבער די פּערסן האָבן אויפגעהיט זייער שפּראַך, און ניט פאַרגעסן זייער היסטאָרישן עבר. דאָס הייניטיקע פּערסיש איז אין גרונט די זעלביקע שפּראַך ווי די, אויף וועלכער זייערע אבות האָבן גערעדט פאַר דער אַראַבישער הערשאַפט און פאַר דעם איסלאַם. בלויז דער כתב האָט זיך געענדערט: אַנשטאָט דעם אַמאָליקן (אַסירישן) פלעקל־כתב און דעם קוואַדראַטן (העברעאיש־אַראַמעאישן) כתב, באַדינען זיי זיך — פון זינט זיי זיינען געוואָרן מוסולמענער — מיט דעם אַראַבישן כתב. און זייער באַזונדערער, שיאיטישער, נוסח פון איסלאַם האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ נאַציאָנאַלער רעליגיע און געשפּייזט זייערע נאַציאָנאַלע געפילן. די פּערסן האַלטן ניט פון די סוניטישע כאַליפן; זיי פאַרערן נאָר די אימאַמען, און צו זייערע קברים זיינען זיי עולה־רגל. די עליה־לרגל קיין קופא, קיין קערבעלאַ און צו די בערג פון נעדשעף, איז ביי זיי הייליק גלייך ווי די עליה־לרגל קיין מעקאַ און מדינה. אינטערעסאַנט איז וואָס ביז היינט זיינען נאָך פאַראַן אַביסל אָנהענגער פון דער אַלטער פּערסישער רעליגיע — עטלעכע טויזנט חסידים פון אָרמוזד און אַהרימאַן. פריער האָט מען זיי גרויזאַם גערודפט; איצט אָבער, ווען די נאַציאָנאַליסטישע שטימונג איז געוואָרן שטאַרקער ווי די ריין־רעליגיעזע, באַציט מען זיך צו זיי מיט כבוד, מ'זעט אין זיי די פאַרקערפּערונג פון דעם לויטערן פּערסישן וועזן; כאָטש, פאַרשטייט זיך, קיינער טראַכט ניט פון ווידעראויפלעבן די רעליגיע פון זאַרטוש (זאַראַטוסטראַ). בקיצור, די נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין פּערסיע זיינען אַ סך ממשותדיקער, ווי די געקינצלטע „פרעונישע" און אַנדערע אַזעלכע שפּילערייען ביי די קינדס־קינדער פון די פאַרצייטיקע מצרים, בבלים און פעניקער, היינט אין מצרים, אין איראַק און אין לבנון.

פערסיע פאַרנעמט אַ שטח פון מער ווי אַ מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער, און איר באַפעלקערונג שאַצט מען אין 17 מיליאָן בערך. יידן זיינען דאָרט אַצינד ניט פיל: מ׳רעכנט אַז אַרום זעכציק טויזנט. ווען מיר דערמאָנען זיך וואָס איז געווען אין 12טן יאָרהונדערט — ר׳ פתחיה רעדט פון „ששים רבוא" (זעקס הונדערט טויזנט), און ר׳ בנימין מטודילא פון 150,000 משפחות, ד. ה. זעקס ביז זיבן הונדערט טויזנט נפשות — זעען מיר, מיט אַ שווערן האַרצן, וואָס איז געוואָרן פון דעם פערסישן יידנטום *). וואו זיינען אַהינגעקומען די יידן פון איראַן? האָט מען זיי אויסגעהרגעט אָדער האָבן זיי אויסגעוואַנדערט אָדער זיינען זיי געוואָרן פאַרזונקען אין דער גויישער סביבה? אויסער דעם ביסל ידיעות אין אַ פּאָר כראָניקעס ווייסן מיר גאָרנישט פון זייער גורל.

די יידן פון פערסיע האָבן ניט קיין געשריבענע געשיכטע. קיין שום אויטענטישע דאָקומענטן פון זייער גרויסן עבר זיינען ניט געבליבן. פון די ברעקלעך, וועלכע זיינען געזאַמלט ביי גרעצן, קענען מיר ניט געווינען קיין פאַרשטעלונג פון דער יידישער געשיכטע אין פערסיע נאָך טשינגיז־כאַנען; און מיר האָבן ניט קיין ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס איז די סיבה וואָס דער יידישער ישוב אין פערסיע איז אַזוי שרעקלעך פאַרמינערט געוואָרן? ניט נאָר היסטאָרישע דאָקומענטן האָבן די פערסישע יידן פאַרלוירן — אין די פּורעניות, וועלכע האָבן זיי געטראָפן, איז אומגעקומען דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

וואָס נוגע דעם קולטורעלן צושטאַנד פון די פערסישע יידן אין אונזער צייט, מערקן זיך באַזונדער די רעזולטאַטן פון דער דערציאונגס־אַרבעט פון

*) ר׳ בנימין האָט געפונען אין האַמאַדאַן (מסתמא, מיט דער אַרומיקער סביבה) 50,000 יידישע משפחות; אין סענע — 1000־2000; אין קערמאַנשאַך — 500־600; אין שיראַז — ביי אַ 10,000 משפחות און היינט זיינען דאָרט דאָ 10,000־12,000 נפשות. די צאָל פון יידן אין אַנדערע קהילות, אין אונזער צייט (אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן פון דעם יאָרהונדערט — שפּעטער איז זי באַדייטנדיק געמינערט געוואָרן מחמת דער עמיגראַציע קיין טעהעראַן און קיין ארץ־ישראל) איז געווען אַזוי (לויט דער סטאַטיסטיק פון מיין פריינט, דר. חביב לוי — ער האָט געזאַמלט די מאַטעריאַלן דירעקט פון די קהילות): טעהעראַן 10־11 טויזנט נפשות; יעזד 4־5 טויזנט; סולטאַנאַבאַד 300־400; קאַזווין 50־60; בידשאַר 900־1000; דעמאַוועגד 200־300; באַרפורושאַך 300־400; קערענד 100־150; בירודשערד 600־700; קאַשאַן 2500־3000; קאַראַמאַן 800־1000; ראַפאַמאַנדשאַן 150־200; נעהאַוועגד 350־400; קולפּעאַגאַן 300־350; קונעסאר 300־360; קואַן 150־200; טוסערכאַן 300־400; רעשט 1000־1200; מעלאַיאַר 200־250; קאַטשראַ 250־300; סעגיזבאַן 350־400; בושיר 450־500; מיאַן־דואַבאַ 100־150; ארומיה (ראַזיא) 150־200; קורמאַן־אַבאַד 200־250; מעשהעד (אנוסים) 1200־1500.

„אַליאַנס". בעת איך בין געווען אין טעהעראַן האָט די דאָרטיקע קהילה (די גרעסטע אין לאַנד) געציילט ביי אַ 13 טויזנט נפשות. אין אַנדערע גרויסע קהילות — שיראַז, איספאַהאַן, האַמאַדאַן — איז ניט געווען מער ווי 7־8 טויזנט; אין קערמאַנשאַך בלויז 3000; אין בידשאַר אַרום 1500. איך האָב באַזוכט כמעט אַלע גרויסע קהילות, אויך עטלעכע פון די קלענערע, און האָב זיך געטראָפן, אין יעדן אָרט, סיי מיט די רייכע און סיי מיט די אָרעמע.

די מאַטעריעלע לאַגע פון דעם גרעסטן טייל פון די יידן איז שווער. דאָס רוב וואוינען זיי נאָך אַלץ אין געטאָס — זיי רופן זייערע אָפּגעזונדערטע שטאָט־טיילן: „מחנה ישראל". און גלייך ווי די געטאָס, אַזוי האַלטן אָן ביי זייערע תושבים, און ביי די מוסולמענישע שכנים, זכרונות פון נאָענטן עבר, ווען די מאַכמעדאַנער האָבן זיך אויפגעפירט מיט די יידן ווי מיט געפאַנגענע אָדער ווי מיט מענטשן פון אַ נידעריקער קאַסטע. די יידן געדענקען גוט ווי די גויים, נאָך היינט זייערע שכנים, האָבן זיי געשלאָגן מיט שטיינער און שטעקנס, מיט אַ יאָר פופצן צוריק. ניט איין מאָל האָבן מיינע פריינט מיך געפירט דורך די געסלעך און באַוויזן די ערטער, וואו די גויים פלעגן אָנפאַלן אויף זיי מיט מערדערישע קלעפּ. אויב אַ ייד פלעגט אַרויסגיין אויף דער גאַס בעת אַ רעגן, פלעגן ער קריגן געשלאָגן מיטן אויסרייד, אַז ער מאַכט טמא דאָס רעגנוואַסער; דעריבער האָבן יידן ניט געטאָרט זיך ווייזן אין דרויסן אין אַ רעגנדיקן טאָג. ס'זיינען דאָ גאַסן, וואו אַ ייד האָט בכלל ניט געטאָרט גיין, אויך ווען ס'האָט ניט גערעגנט. איצט, אונטער דעם נייעם רעזשים, איז דער מנהג בטל געוואָרן; אָבער אין אַ פּערסישער באָד טאָרן יידן נאָך היינט ניט אַריינגיין.

אויף די קליידער האָבן די יידן געמוזט האָבן אַ געלן פלעק, כדי אָפּשיידן זיי באַשיינפּערלעך פון די מוסולמענער. ניט זעלטן האָבן זיך יידן געשמדט — מחמת שוואַכקייט אָדער מחמת צוואַנג. „איידעלע משומדים" פלעגן צושטיין צו דער באַהאַאישער סעקטע. אָבער אין דער אמתן איז אַזאַ שמד געווען ניט אַנדערש ווי יעדער אַנדערער שמד — זיי האָבן געזוכט ראַטעווען זייער הויט. ווען אַ משומד איז געשטאָרבן, האָט זיין יידישע משפחה ניט געקענט ירשענען זיין פאַרמעגן, אויב ס'איז געבליבן פון אים אַ פאַרמעגן — אַלץ וואָס ער האָט געהאַט האָבן געירשנט זיינע מוסולמענישע „קרובים" אָדער די קרובים פון זיין מוסולמענישער ווייב. דער דירעקטאָר פון אַן אַליאַנס־שולע האָט מיר דערציילט, אַז פריער — אויב אַ מוסולמענער האָט דערהרגעט

אַ יידן — איז זיין געזעצלעכע שטראַף געווען צו באַצאָלן אַ קנס פון 20 טומאַנעס (אַ טומאַן האָט געהאַט דעם ווערט פון עלף פּיאַסטער בערך).

אַרומגייענדיק אין די געסלעך פון „מחנה ישראל", האָב איך געפרעגט מיינע באַגלייטער, וואָס צאָלט מען פאַר אַ דירה אָדער פאַר אַ שטוב אין געטאָ. האָבן זיי געזאָגט: וואָס די שטוב איז ווייטער פון דרויסן און מער פאַרוואָרפן, איז איר פּרייז העכער, ווייל זי איז ווייניקער אויסגעשטעלט דער אימה פון גויישע אָנפאַלן. אַצינד איז די לאַגע אַביסל בעסער. דער היינטיקער רעזשים לאָזט ניט צו קיין פּאָגראָמען, אָבער די יידן — איך מיין, די פאַרשטענדיקע — ווייסן אַז זיי זיצן אַלע אויף אַ ווולקאַן, און יעדער טרייסל קען מאַכן אַ סוף צו זייער „גלייכבאַרעכטיקונג" און ווידער לויז־לאָזן די צייטווייליק־געצוימטע פּאָגראָם־כוחות.

די עקאָנאָמישע לאַגע איז שווער: די רעגירונג האָט איינגעפירט אַ השגחה אויף סחורות פון חוץ־לארץ. זי באַשטימט וואָס פאַר אַ סחורות, און וויפל, מ'מעג אַריינברענגען, און לויט דעם באַקומען די סוחרים זייערע דערלויבענישן. אָן דעם קען דער סוחר גאָרנישט ניט באַשטעלן פון אויסלאַנד. פריער זיינען יידן געווען די איינציקע סוחרים אויפן פּערסישן מאַרק. היינט האָט זיך דאָס גאָר געענדערט. ס'איז אויפגעקומען אַ קלאַס פון פּערסישע מוסולמענישע סוחרים, און די רעגירונג גיט קודם־כל זיי די נויטיקע דערלויבענישן. די יידן ווערן געקרימט און תמיד מער אַרויסגעשטויסן פון דעם עקאָנאָמישן פעלד, וואו זיי זיינען געווען באַשעפטיקט דורות־לאַנג, פון מסחר. דערצו ליידט דער עקספּאָרט פון שלעכטע וועגן. דער טראַנספּאָרט איז אין אַ קלעגלעכן צושטאַנד ווייל ס'פעלן אייזנבאַנען. יידן, וועלכע ציען זייער חיונה פון האַנדל, פילן דאָס מער ווי אַנדערע. פון ביידע זייטן ווערן זיי געקוועטשט און צעריבן: פון מסחר שטויסט מען זיי אַרויס און צו אַנדערע עקאָנאָמישע צווייגן לאָזט מען זיי ניט צו. אין דער אַרמיי, האָט מען מיר געזאָגט, דינען ביי אַ 1200 יידן; און איך האָב טאַקע געטראָפן אין שול יידישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען געקומען דאַווענען; אָבער קיין יידישע אָפיצערן האָב איך ניט געזען — און ניט קיין יידישע פּקידים אין דער פּאָליציי אָדער אין דער אַדמיניסטראַציע. אמת, מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ס'זיינען פאַראַן איינצלנע, למשל, דאָקטוירים. טרויעריק זיינען די אויסזיכטן פון דעם יונגן דור, בפרט פון די יונגעלייט, וועלכע האָבן געענדיקט מיטעלע אָדער הויכע שולעס אין פּערסיע אָדער אין אויסלאַנד, און איצט האָבן זיי גאָר קיין האָפענונג ניט

צו קריגן אַ שטעלע ביי דער רעגירונג, מעגן זיי זיך אויסצייכענען מיט זייערע פעאיקייטן און קענטענישן וויפל זיי ווילן; צוגלייך גיט מען זייערע מוסול־מענישע חברים, וועלכע זיינען ניט בעסער — אויב ניט ערגער — פאַר זיי, אַלע שטעלעס און אַלע מעגלעכקייטן צו שטייגן אין פּאָזיציע און אין געהאַלט.

דער נייער רעזשים לאָזט ניט צו קיין שום געזעלשאַפטלעכע פאַראייני־קונגען, אַ גזירה וואָס טרעפט באַזונדער שווער די יידן. יידן טאָרן ניט זאַמלען געלט פאַרן קרן־קיימת און פאַרן קרן היסוד; טאָרן ניט פאַרקויפן שקלים, אויסקלייבן קאָמיטעטן, צונויפרופן פאַרזאַמלונגען; און פאַר איבערטרעטן די פאַרבאָטן באַקומט מען שווערע שטראָפן. עס ליגט אַן אימה אויפן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. צום טייל זיינען יידן שולדיק אין דעם צושטאַנד: די מכה פון מוסרים איז פאַרשפרייט ביי זיי און זי איז אַן אמתע פלאָג פאַר אונזערע ברידער אין פערסיע.

די פערסישע יידן צייכענען זיך אויס מיט זייערע גוטע מידות, בפרט מיט דער מידה פון אברהם אבינו — הכנסת אורחים. אַ ייד אַן אורח אָדער אַ פליט — מעג ער קומען פון וואַנעט ער וויל — נעמט מען אים אויף גאָר פריינטלעך. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן די יידן נאָך געקענט באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. היינט איז שווער צו גלויבן, אַז פאַר צוועלף יאָרן זיינען געווען אין פערסיע פיר און צוואַנציק ציוניסטישע אגודות און זיי האָבן פאַרקויפט 5000 שקלים. פאַר זעקס יאָרן (אין 1929) איז חבר י. קאַפעלעוויטש (אלמוג) געווען אין פערסיע און אויפגעקלערט דעם ענין פון ציוניזם אין אַ סך יידישע קהילות; און אין יאָר 1931, אַ צייט נאָך זיין אַוועקפאָרן, האָבן די פערסישע ציוניסטן אים אויסגעקליבן פאַר אַ דעלע־גאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס. אָבער ביי די היינטיקע אָרדענונגען קען קיין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ניט עקזיסטירן דאָרט — ס'איז כמעט ווי אין מאָסקווע. די יידן זיינען אין דער לאַגע פון אנוסים, אויב ניט קיין רעליגיעזע איז נאַציאָנאַלע: זיי זיינען געצוואונגען צו פאַרלייקענען זייערע נאַציאָנאַלע געפילן און שטרעבונגען. אָבער דאָס רוב יידן האָבן ניט פאַרגעסן און ניט אויפגעגעבן זייער ציוניסטישע האָפענונג. אַזוי איז געווען אין די דרייסיקער יאָרן. שפעטער האָט פערסיע אָפגעטרייסלט פון זיך די רעאַקציאָנערע השפעה פון אירע אַראַבישע שכנים, און אויך די אָפיציעלע באַציאונג צו יידן האָט זיך געענדערט צום גוטן.

די יידישע משכילים באַנוצן זיך, אויסער פערסיש, מיט פראַנצויזיש,

וואָס זיי האָבן געשעפּט, בעיקר, פון די אַליאַנס־שולעס. אַ יובל יאָרן האָט אַליאַנס געטאָן איר וויכטיקע שליחות ביי די יידן אין מזרח, אַ היסטאָרישע שליחות. זי האָט אויפגעהויבן דעם קולטורעלן ניווא פון די יידן אין פּערסיע. פון דער אַנדערער זייט האָט זי אָפּגעפרעמדט אירע תלמידים פון דער תורה. די אַליאַנס־שולעס האָבן צום טייל געירשנט די „כותאבן" (טראַדיציאָנעלע חדרים); אָבער זיי האָבן ניט געגעבן זייערע תלמידים — אַנשטאָט די פּאַר־לאָזטע רעליגיעזע טראַדיציעס — נאַציאָנאַל־קולטורעלע ווערטן, אַ געזונטן נאַציאָנאַלן געפיל; ניט געלערנט זיי די געשיכטע פון זייער פאָלק; ניט געגעבן קיין פאַרשטעלונג פון דער אַלטער און נייער העברעאישער קולטור. די תפילות און די „פרשה" און די קלעגלעכע פיגור פון דעם מלמד אין דער אַליאַנס־שולע, האָבן ניט געקענט וועקן ביי די קינדער אַ געפיל פון כבוד צו דער יידישער קולטור. פון אַזאַ שולע זיינען זיי אַרויס מיט אַ ליידיקער נשמה. די כוונה פון די אַליאַנס־לייט איז געווען צוצוגרייטן זיי צום פּראַקטישן לעבן. אָבער אויך אין דעם האָבן זיי ניט געהאַט קיין הצלחה. ביי זיי אין מוח זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אידעען פון פאַריקן יאָרהונדערט; זיי האָבן ניט פאַר־שטאַנען די פאָדערונגען און באַדערפענישן פון אונזער צייט און האָבן ניט געקענט צופּאַסן זיך צו זיי.

אמת, פראַנצויזיש איז געווען די שפּראַך פון בילדונג און פון געבילדעטע אין מזרח, און ווער ס'האָט געקאָנט גוט פראַנצויזיש, האָט געקענט האָפן אויף אַ גוטער פּאָזיציע. אָבער די צייטן האָבן זיך געביטן: פון איין זייט האָבן די פּערסישע מוסולמענער געלערנט פראַנצויזיש מער ווי די יידן; פון דער אַנדערער זייט האָט פּערסיש געהאַלטן אין צוריקשטויסן פראַנצויזיש. פאַר יידן האָט זיך דאָס אויסגעלאָזן מיט אַ העק. די תלמידים פון אַליאַנס זיינען געבליבן ניט אַהין און ניט אַהער: זייער לשון האָבן זיי פאַרלאָזן, און קיין אייגענע גייסטיקע ווערטן האָבן זיי מער ניט געהאַט. שולדיק אין דעם איז אַליאַנס. דערמיט וויל איך ניט לייקענען דעם נוצן וואָס אַליאַנס האָט געבראַכט די יידן אין מזרח בכלל, און אין פּערסיע בפרט. אדרבא, ביז היינט איז זי אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער היגער יידישער בילדונגס־אַרבעט. דאָך גייט זי און פאַרלירט איר באַדייטונג. זי קען מער ניט באַפרידיקן די באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דורך די באַמיאונגען פון עטלעכע היגע כלל־טוער איז געגרינדעט געוואָרן אין טעהעראַן אַ שולע אויפן נאָמען פון כורש, אין וועלכער מען לערנט

העברעאיש מער ווי אין די אַליאַנס־שולעס. ס׳איז אויך דאָ אַ מיינונג, אַז מ׳קען משפיע זיין אויף אַליאַנס זי זאָל אָנשטעלן מאָדערנע העברעאישע לערער אין אירע שולעס. מ׳דאַרף וויסן, אַז אַ סך אָרעמע משפחות, וועלכע קענען ניט צאָלן לערן־געלט, שיקן זייערע קינדער אין מיסיאָנס־אַנשטאַלטן. איך האָב געהערט, אַז אין טעהעראַן גייען 600 יידישע קינדער אין דער מיסיאָן. זיי זיינען אַלע פריער געווען אין אַליאַנס און זיינען אַוועק פון דאָרטן — אָדער די עלטערן האָבן זיי אַרויסגענומען — ווייל מ׳זעט ניט קיין תכלית אין דער אַליאַנס־שולע. בכלל מערקט זיך, ביי די פּערסישע יידן, אַ גרויסער אינטערעס צו העברעאיש. די טעמים זיינען ניט דווקא טראַדיציאָנעלע און רעליגיעזע, נאָר בעיקר פּראַקטישע, ווייל דאָס רוב שטרעבט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

די יידן פון צפון־פּערסיע, בפרט פונעם תחום פון אַמאָליקן מדי, האַלטן אַז זיי שטאַמען פון די עשרת השבטים; אָבער די איספּאַהאַנער פירן זייער אָפּשטאַמונג פון שבט יהודה; אויך אויף פּערסיש האָט איספּאַהאַן אַ צונע־מעניש: „דאר יהודה". ווידער, די יידן פון דעמאַוועגד זיינען זיך מתייחס צו ראובן, גד און דעם האַלבן שבט מנשה, די פאָרטריבענע פון שומרון.

די פּערסישע יידן האָבן אינטערעסאַנטע לעגענדעס. מ׳דערציילט פון אַ נס וואָס איז געשען די יידן פון איספּאַהאַן. דער שאַך אַבאַס פלעגט רודפן די יידן. איינמאָל, גייענדיק אויף געיעג, האָט ער פּלוצלונג דערזען אַ גאַזעל. ווען ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר, איז זי אַנטלאָפן אין אַ מערה. דער שאַך איז איר נאָכגעלאָפן און אויך אַריין אין דער מערה. די גאַזעל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אים און האָט געזאָגט: איך, סרח די טאָכטער פון אשר, וואָרן דיך, דו זאָלסט זיך ניט דערוואַגן טשעפּען די יידן. דער שאַך האָט געהאָרכט די וואָרנונג פון הימל און האָט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן יידן. די יידן האָבן געבויט דאָרטן אַ שול, און ביז היינט האַלטן זיי דעם אָרט פאַר הייליק, און פאַרערן אים; נאָר דער קבר פון מרדכי און אסתר אין האַמאַדאַן ווערט געהאַלטן העכער אין הייליקייט און פאַרערונג. דער מקור פון דער לעגענדע איז מסתמא דאָס וואָס שטייט אין די מדרשים וועגן סרח: זי האָט געבראַכט יעקב אבינו די בשורה אַז יוסף לעבט, און איז דערפאַר באַלוינט געוואָרן מיט אריכות ימים. זי איז איינע פון די ניין צדיקים, וועלכע זיינען ניט געשטאָרבן, נאָר אַריין אין גן־עדן לעבעדיקערהייט.

אין איספּאַהאַן האָב איך געהערט פון אַ מאָסק, וועלכע מ׳רופט „וואלאאית

הארון״. די יידן זאָגן, אַז די מאָסק איז אַמאָל געווען אַ יידישע שול, נאָר די מוסולמענער האָבן זי געגזלט. געשען איז דאָס אַזוי: איינמאָל, יום־כיפור, בעת דער גאַנצער עולם איז געווען אַריינגעטאָן אין דאַוונען, איז פאַרבייגעריטן טימור־לענק, דער באַרימטער מאָנגאָלישער הערשער און קריג־פירער. גראָד דעמאָלט האָט מען געהאַלטן אין שול ביי „קדושה״, און אין דעם מאָמענט ווען ער איז פאַרבייגעפאָרן האָט דער גאַנצער עולם אויסגעשריען מיט איין קול: „קדוש, קדוש, קדוש, ה׳ צבאות!״ זיין פערד האָט זיך איבערגעשראָקן פון דעם פּלוצלעכן ליאַרם, האָט זיך געשטעלט דיבאָם און אַראָפּגעוואָרפן דעם רייטער. טימור האָט זיך צעבראָכן אַ פוס און איז געבליבן הינקעדיק זיין גאַנצן לעבן. פאַר כעס און פאַרדראָס האָט ער צוגענומען די שול ביי די יידן און געמאַכט פון איר אַ מוסולמענישע מאָסק.

די מעשה מיט טימור־לענק האָט ניט קיין היסטאָרישן גרונט. זי איז אַן אָפּקלאַנג פון דעם באַקאַנטן פאַקט, אַז די פערסישע מאַכמעדאַנער האָבן אַ סך מאָל געראַבעוועט יידישע שולן און איינגעריכט אין זיי זייערע מאָסקן. דאָס זעלביקע איז פאָרגעקומען אין אַנדערע מוסולמענישע לענדער: די מאָסק „אלחאיאט״ אין אַלעפּאָ איז אַ געגזלטע יידישע שול; אַזוי אויך די „גרינע מאָסק״ אין שכם; און ס׳איז געווען אַ צייט אַז די אַראַבער האָבן געלייגט אַ האַנט אויף דעם רמב״נס שול אין ירושלים.

די יידישע געשיכטע אין פּערסיע איז זייער אַלט. אין דער לאַנגער צייט זיינען אַריבער אויף די יידן דאָרטן ניט־ווייניק פּאָגראָמען, גרויסע הריגות; ס׳זיינען אויך געווען פאַלן פון געצוואונגענעם שמד. אַזאַ שמד איז געשען אין שיראַז נאָך אין דער ערשטער העלפט פונעם 19טן יאָרהונדערט; און פאַר דעם — אין טאַווריז. ווען ס׳איז געוואָרן רואיקער, האָבן זיך די יידן פון שיראַז עפנטלעך אומגעקערט צו זייער יידישקייט; און אין טאַווריז איז כמעט קיין ייד ניט געבליבן. קיין פּרטים פון די אַלע גזירות און פּורעניות זיינען אונז ניט באַקאַנט. וועגן דעם שמד פון דער גאַנצער קהילה פון מעשהעד האָבן מיר שוין גערעדט. פון יענער צייט, מער ווי 120 יאָר, פירן זיי דאָס לעבן פון אנוסים; דאָך זיינען זיי געבליבן די גאַנצע צייט געטריי זייער פאָלק און זייער אמונה. איך האָב קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט צו פאָרן קיין מעשהעד. אָבער די שמועה פון מיין קומען האָט דערגרייכט די אנוסים, און איניקע פון זיי האָבן מיך באַזוכט אין האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען, אין טעהעראַן. אין מעשהעד זיינען דאָ ביי 2000 נפשות (אַנדערע זאָגן — נאָר 1200),

קינדס־קינדער פון די וואָס מ׳האָט געצוויט שמדן זיך בעת דעם בלוטיקן פּאָג־ראָם אין 1839. זיי זיינען געבליבן יידן: אין דער היים זיינען זיי מקפּיד מקיים צו זיין שטילערהייט אַלע מצוות, און זיי האַלטן זיך אָפּ פון אויסמישן זיך מיט די גויים. אַ טיפן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט זייער אויפפירונג אין טעהעראַן: זיי האַלטן זיך ווי יידן, קומען אין שול בפרהסיא, רעדן העברעאיש.

אין מעשהעד האָבן זיי אַ מאָסק למראית עין און אַ באַהאַלטענע שול. זייענדיק געצוואונגען עפּענען זייערע קלייטן שבתים און ימים־טובים, און באַזונדער אום יום־כיפּור, לאָזן זיי איבער אין די קלייטן קינדער און מאַכן ניט קיין שום געשעפטן יענעם טאָג (אַזוי פלעגן טאָן אויך די „דאָנמע״, די „שבתי־צביניקעס״, אין סאַלאָניקי). די אנוסים פון מעשהעד זיינען צוגעבונדן מיט לייב און לעבן צום יידנטום. ווער נאָר ס׳קען ראַטעוועט זיך אַרויס פון מעשהעדער גיהנום און זוכט אַ וועג קיין ארץ־ישראל. דאָ געפינען זיי די מעגלעכקייט צו לעבן ווידער אַ פרייען יידישן לעבן.

די פּאָליטיק פון דער רעגירונג (אין יענער צייט) איז געווען, ווי געזאָגט, איראַפּעאיזאַציע פון איין זייט און איראַנישער נאַציאָנאַליזם פון דער אַנדערער זייט. זיי זיינען ניט קיין נאַצים, ווי די דייטשן, אָבער זיי האָבן אַ נטיה צו אַ מין ראַסן־שאָוויניזם. די צוקונפט פון די יידן אין איראַן האָט אויסגעזען גאַנץ טונקל. אונזער חוב איז צוגרייטן זיי צום אויפבוי פון אונזער לאַנד און צו זייער אויפבוי דאָ, אין מדינת ישראל. די עליה קיין ארץ־ישראל איז אַ מוז פאַר די יידן פון נאָענטן אָריענט. מיר דאַרפן פאַרגרינגערן זיי די עליה און דאָס צופּאַסן זיך צו די נייע באַדינגונגען. קודם כל דאַרף מען דערציען אין זיי אַ פּיאָנערן־גייסט — זיי זאָלן וועלן און קענען אַרבעטן. זייער אַ גוטן מאַטעריאַל געפינען מיר אין דער יוגנט פון מעשהעד. די ערשטע זאַך איז — לערנען העברעאיש און דערקענען די העברעאישע קולטור. דאָס פּערסישע יידנטום איז אין דער לאַגע פון אַ מענטשן אין קייטן; דאָס זיינען אַלטע היסטאָרישע קייטן, דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע, אָבער מ׳קען זיך אַליין ניט באַפרייען פון זיי. די פּערסישע יידן וואַרטן אויף הילף פון זייערע ברידער אין ארץ־ישראל.

צום סוף, אַ גרוס פון בוכאַרער גולים אין פּערסיע. זיי גייט דאָס נאָך ערגער ווי די היגע יידן. צוערשט איז דאָ אָנגעקומען אַ גאַנצער שטראָם פּליטים פון בוכאַראַ און פון אַנדערע מיטל־אַזיאַטישע לענדער, וועלכע האָבן

זיך באַקענט פון דער נאָענט מיטן רוסישן פויסט. אַ סך פון זיי איז געלונגען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אָדער ערגעץ־וואו אַנדערש. איצט זיינען דאָ געבליבן ניט מער ווי 150 משפחות, ביי אַ 500 נפשות. זיי זיינען אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. דאָס רוב וואַלגערן זיי זיך אין שול־הויפן. זיי הונגערן, און צו קיין אַרבעט לאָזט מען זיי ניט צו: ס'איז אָפיציעל פאַרבאָטן צו געבן זיי רעגלמעסיקע אַרבעט, ווייל זיי זיינען פרעמדע, ניט קיין איראַנער; קוים וואָס מען טאָלערירט זייער קיום. פאַראַן פון זיי שיכפּוצער, טרעגער; אַנדערע גייען איבער די הייזער. מ'מוז זיי העלפן, און טאַקע וואָס גיכער. פריער האָט מען געקענט אַביסל אונטערשטיצן זיי מיט געלט פון חוץ־לארץ; אַצינד האָט אויפגעהערט די תמיכה. מיר אַלע — און בפרט די בוכאַרער קהילה אין ארץ־ישראל — דאַרפן זעען העלפן זיי און ברענגען זיי אין אונזער לאַנד [1]).

חוץ די בוכאַרער שטעקן אין טעהעראַן עטלעכע צענדליק יידישע פּליטים פון רוסלאַנד: אשכנזים און קאַווקאַזער; זייער לאַגע איז ניט בעסער ווי פון די בוכאַרער. זיי בעטן רחמים, מ'זאָל זיי אַריינלאָזן אין ארץ־ישראל. מיט די מערסטע פון זיי האָב איך געשמועסט: פאַראַן אַרבעטער, שאָפערן, בעלי־מלאכות. אין פּערסיע קענען זיי לאַנג ניט אויסהאַלטן, און אין ארץ־ישראל װעלן זיי זיין נוצלעכע אַרבעטער.

ובכן, מיר האָבן איצט אין איראַן דריי סאָרטן יידן, וועלכע מען מוז אויסלייזן אַזוי שנעל ווי מעגלעך: די אנוסים פון מעשהעד, פּליטים פון בוכאַראַ און פּליטים פון רוסלאַנד. אונזער חוב איז צו העלפן די יידן אין יענע קאַנטן און ברענגען זיי קיין ארץ־ישראל, כדי זיי זאָלן דאָ בויען, צוזאַמען מיט אונז, דאָס לאַנד און באַנייען זייער לעבן.

1) היינט זיינען זיי שוין אַלע אין אונזער לאַנד.

אַ נסיעה קיין דמשק

(בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך)

אין שטח איז סיריע, אָן לבנון, אַכט מאָל אַזוי גרויס ווי ארץ־ישראל.

אָנגעגעם איז די נסיעה קיין דמשק אין אונזער הייסן הערבסט: מ׳פאָרט פאַרביי דעם באַרג חרמון און דער שניי בלאַנקט מיט זיין ווייסקייט. דער וועג גייט דורך דעם רחבותדיקן לאַנד פון שבט מנשה — היינט איז די געגנט אין תחום פון פראַנצויזישן מאַנדאַט. מיר האָבן דאָרטן 70 טויזנט דונאָם ערד (להלכה), אַ ירושה פון באַראָן, אָבער אונזער וועג פירט אונז

ניט פאַרביי. ווען מ'פאָרט מיט דער באַן זעט מען די „נחלה". זי ליגט וויסט און פאַרלאָזן. קיין יידישער ישוב האָט דאָרט ניט געקענט עקזיסטירן. אַלע אָנהויבן זיינען פאַרטשאַכניעט געוואָרן מחמת דער ווייטקייט און דער רשעות פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. בלויז היסטאָרישע נעמען, וועלכע לויפן אונז אַנטקעגן, ברענגען אונז גריסן פון ווייטן עבר: דער ווייסער חרמון (היינט רופט מען אים „דשעבל אַ־שייך"), דאָס דאָרף סאסא, די דמשקער טייכן פרפר און אמנה, און נאָך. דמשק ליגט אויף די ברעגן פונעם טייך אמנה. די שטאָט האָט זיך צעוואָרפן ווייט און ברייט: הויפן, גערטנער און הייזער זיינען צעזייט אין אַלע זייטן; און צווישן זיי ליגן גרויסע שטרעקעס פון ליידיקער ערד. ווען דו קומסט אויבן, אויפן באַרג צלחיה (סאַלאַכיע), האָסטו פאַר דיינע אויגן די גאַנצע שטאָט. דמשק האָט קרוב צו 300 טויזנט איינוואוינער; זי איז די גרעסטע שטאָט אין נאָענטן מזרח.

מיר האָבן ניט ווייניק היסטאָרישע זכרונות פון דמשק. עס שוועבן פאַר אונז די סילועטן פון דוד המלך און פון אלישע הנביא. ניט ווייט פון דמשק, אין דשובר, שטייט אַן אַלטע שול מיט אַ מערה פון אליהו הנביא. דאָרט באַווייזט מען אויך אַ שטיין, אויף וועלכן אלישע האָט געזאַלבט חזאלן פאַר אַ קעניג פון ארם. באַלד דערמאָנען מיר זיך פון די „חוצות" (גאַסן, שכונות), וועלכע אַחאָב מלך ישראל האָט געבויט אין דמשק. דאַן קומט אונז אויפן זינען נעמן (נאַאַמאַן), דער פעלדמאַרשאַל פון דער אַראַמעאישער אַרמיי, וועלכער האָט אָנגענומען די אמונה אין גאָט פון ישראל. די יידישע קהילה פון דמשק איז די עלטסטע אויף דער וועלט — זי עקזיסטירט דריי טויזנט יאָר, אָן הפסקות. אין דמשק זיינען דאָ אַ סך יידישע אַנטיקן: שולן מיט אַלטע תנ"כן, מיט „תגים" און „כתרי תורה", אַלטע בית־עולמס א. אַ. וו. דער דעפּאַרטאַמענט פון אַנטיקן האָט אַריבערגעפירט קיין דמשק די אַלטע שול, וועלכע מ'האָט מ'האָט אויסגעגראָבן ניט ווייט פון דורא־איראָפּאָס, ביים ברעג פון טייך פרת, און מ'האָט זי רעסטאַווירט און אויפגעשטעלט אַזוי ווי זי איז געווען. קיין שול פון יענער צייט, פון די וועלכע מ'האָט געפונען אין אונזער לאַנד, קען זיך ניט פאַרגלייכן אין פראַכט מיט יענעם וואונדערלעכן בית־כנסת. מיר זעען דאָרט פילפאַרביקע מאָזאַאיקעס, זעלטענע בילדער פון יציאת מצרים און קריעת ים־סוף, פון דער צייט פון די אבות, פון מגילת אסתר, און אַלטע אויפשריפטן אין קוואַדראַטן כתב. דריי ווענט שטייען גאַנץ ווי אַמאָל. אַריינגייענדיק אין אָט־דער רעסטאַווירטער שול, פילסטו זיך ווי אַריבערגעטראָגן

אין דריטן יאָרהונדערט. דו באַוואונדערסט די בילדער, די געשטאַלטן — ווערק פון יידישע קינסטלער און אַ קאָנקרעטער באַוויז פון דעם הויכן ניווא פון דער יידישער קונסט אין דער עפּאָכע פון משנה און תלמוד. מיר האָבן גאָר קיין פאָרשטעלונג ניט געהאַט ווי גרויסאַרטיק זעט דאָס דאָ אויס!

אגב, דמשק איז געווען דער איינציקער אָרט אויף דער וועלט, וואו די אַראַבער האָבן אויפגעהיט, און ניט צעשטערט, יידישע אַנטיקן. די שול פון דורא־איירא־פאָס איז פון צווייטן אָדער דריטן קריסטלעכן יאָרהונדערט. די סירישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ העפטל אין פאַרשידענע שפּראַכן, אויך אויף העברעאיש, מיט פּרטים פון דער שול און אויפקלערונגען. דמשק איז פול מיט אַלטע בנינים, עדות פון אַמאָליקער אַראַבישער אַרכיטעקטור: מאָסקן פון די אַמאַיאַדישע כאַליפן, אַלטע מערק, דער קבר פון דעם קורדישן סולטאַן צלאח (סאַלאַד) אַ־דין האיובי. אָבער די אַלע מאַטעריעלע רעשטן זיינען גאָר־נישט אין פאַרגליַיך מיט די היסטאָרישע זכרונות, וואָס קיין מאַטעריעלער סימן איז פון זיי ניט געבליבן.

אַצינד לאָמיר זיך אומקערן פון עבר צום הוה. דמשק איז די הויפּטשטאָט פון דער נייער סירישער מדינה, דער צענטער פון איר פּאָליטישן לעבן. פראַנקרייך האָט איינגעוויליקט געבן זעלבסטשטענדיקייט די צוויי אַראַבישע רעפּובליקן, און די אָפיציעלע אָפּמאַכן זיינען דאָ ניט לאַנג געחתמעט געוואָרן. די שטימונג אין דמשק און אין גאַנץ סיריע איז אַ געהויבענע; מען איז נאָך שיכור פון די ערשטע טעג פון פרייהייט. ס׳איז כדאי אָפּצושטעלן זיך אויף אַ ווײַלע און וואַרפן אַן אויג אויף די סירישע אַנגעלעגנהייטן.

וואָס איז סיריע? ניט קיין מלוכה, ניט קיין געאָגראַפישע אָדער היסטאָרישע איינהייט, ניט קיין נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע איינהייט. מ׳קען זי ניט אַריינשטעלן אין איינע פון די ראַמען. פאַרצייטנס איז סיריע געווען אַ טייל פון אַראַמעאישן געביט. פון תנ״ך קענען מיר די נעמען פון ארם־צובה, ארם־דמשק, ארם־חמת, ארם־נהריים, און נאָך. דער תחום פון אַראַמעאישער פאַרשפרייטקייט איז אַלעמאָל געווען צעבראָקלט. קיין פּאָליטישע איינהייט האָט סיריע ניט געהאַט ניט אין דער צייט פון ערשטן בית־המקדש און ניט אין דער צייט פון דעם צווייטן. וואָס נוגע רעליגיעס און אמונות האָבן מיר אין סיריע היינט אויך אַזאַ אויסמישונג, אַז ס׳איז שווער צו געפינען איר גלייכן אויף דער וועלט. אמת, די הערשנדיקע און פאַרשפרייטסטע רעליגיע איז איסלאַם; אָבער איסלאַם איז ניט איינהייטלעך, ער איז געשפּאָלטן אין

סעקטעס און ריכטונגען. דערצו זיינען געבליבן אין סיריע, פון אַלטע צייטן, קריסטלעכע און יידישע קהילות — די צאָל פון די קריסטן איז גאַנץ באַדייטנ־דיק — און נאָך צוויי שטאַרקע, טיף־איינגעוואָרצלטע רעליגיעס פון מינדער־הייטן (אין סיריע און לבנון): די דרוזישע און די נוסיירישע־ישמעאלישע (די נוסיירא רופט מען אויך עלאוויס, אַלאַוויטן). די דרוזן און די נוסיירא זיינען אָבאָריגענע באַפעלקערונגס־גרופּעס, זיי האָבן ניט קיין המשך אין אַנדערע לענדער. נאָך אין אַ פּרט זיינען די צוויי גרופּעס גלייך: ביידע פירן זיי דאָס לעבן פון פאַרשטעלטע סעקטעס; ביידע באַהאַלטן די עיקרים פון זייערע אמונות ניט בלויז פון פרעמדע, נאָר אויך פון די אייגענע מאַסן, פון פּראָסטן פאָלק. ווייטער האָבן זיי בשותפות נאָר קעגנזייטיקע שנאה: זיי האָבן פיינט איינע די אַנדערע ניט ווייניקער ווי זיי האָבן פיינט אַלע אַנדערע רעליגיעס.

די דרוזן זיינען אַן אומה פאַר זיך. זייער צאָל איז ביי אַ 120 טויזנט נפשות (אַנדערע מיינען — 150 טויזנט) — פון דעם נאָר ביי אַ צען טויזנט אין ארץ־ישראל (היינט, אין מדינת ישראל — דריי און צוואַנציק טויזנט בערך). אַלע אַנדערע געפינען זיך אין סיריע און אין לבנון. די נוסיירא (אַלאַוויטן) זיינען אויך אַן אומה פאַר זיך. זיי זיינען כמעט אַלע קאָנצענטרירט אין צפון־סיריע; גאָר אַ קליינער טייל פון די נוסיירא לעבט אין לבנון.

די דרוזן זיינען אַ באַזונדער פאָלק אין פולן זין פון וואָרט; זיי האָבן אַלע אָנגענומענע סימנים פון אַ פאָלק: אַן אייגענע רעליגיע, אַ נאַציאָנאַלע איינ־קייט, אַ באַזונדערע געשיכטע, אַ באַזונדערן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. און דאָס וואָס זייער שפּראַך איז אַראַביש מאַכט זיי ניט פאַר קיין אַראַבער, גלייך ווי די יידן, אין די אַראַבישע לענדער, וואָס זייער שפּראַך איז אַראַביש, זיינען ניט קיין אַראַבער; גלייך ווי די שאָטלענדער אָדער אַמעריקאַנער, כאָטש זיי רעדן ענגליש, זיינען ניט קיין ענגלענדער. די דרוזן מישן זיך ניט אויס ניט מיט קיין קריסטן און ניט מיט קיין מוסולמענער און ניט מיט קיין שום אַנדערער גרופּע. אויך קערפּערלעך זעען זיי אויס אַנדערש ווי די אַראַבער. ס׳איז דאָ אַ סברה, אַז זיי האָבן אין זיך פּערסישע עלעמענטן.

די נוסיירא זיינען אויך אַ געמישט פאָלק. זייער צאָל איז איבער אַ פערטל מיליאָן נפשות. ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אַז די פאַרשידענע פעלקער־שאַפטן און סעקטעס, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט אויפן ברעג פון ים התיכון, אין צפון פון ארץ־ישראל, שטאַמען פון די פעניקער און כנענים. פאַר דעם

ווי די אַראַבער האָבן איינגענומען סיריע און לבנון און זייער לשון האָט פאַרדרענגט די אָרטיקע שפּראַכן, איז די אומגאַנגס־שפּראַך אין די דאָזיקע לענדער געווען אַראַמעאיש (און פאַר אַראַמעאיש — פעניקיש־העברעאיש). היינט זיינען געבליבן אין סיריע בלויז דריי דערפער, וואו מ׳רעדט נאָך אַן אַראַמעאישן דיאַלעקט. ס׳איז אינטערעסאַנט וואָס די קריסטלעכע מאַראָניטן, אויך אַ באַזונדער פאָלק, אייגנטלעך דאָס הויפּט־פאָלק אין לבנון (300,000 נפשות בערך), כאָטש זייער טאָג־טעגלעך שפּראַך איז אַראַביש, די שפּראַך פון זייערע תפילות און פון זייערע הייליקע ספרים איז אַראַמעאיש.

אין דרום פון לבנון (און אַביסל אין צפון־עק פון ארץ־ישראל) איז דאָ נאָך אַן אָפּגעזונדערטע גרופּע: מתואלים. זיי זיינען מוסולמענער, אָבער שיאיטן — דערמיט אונטערשיידן זיי זיך פון דער אַרומיקער מוסולמענישער באַפעלקערונג, וועלכע איז סוניטיש. זיי זיינען אַנדערש ווי זייערע סוניטישע שכנים אין זייערע אידעען, מנהגים און לעבנסשטייגער. זיי היטן זיך פון באַרירונג מיט פרעמדע; אַלץ און אַלע, וועלכע זיינען ניט זייעריקע, האַלטן זיי פאַר אומריין. אויך מאַטעריעל זיינען זיי אָפּגעזונדערט: זיי זיצן געדיכט אין דער געגנט פון דשעבל אַמאַל, צווישן צידון און צור. מען שאַצט זיי אין אַ פערטל מיליאָן נפשות. זיי מישן זיך ניט אויס מיט די סוניטן. זייער אמונה איז אַזוי ווי די פּערסישע; און כאָטש זיי רעדן אַראַביש איז דאָ אַ גרונד אָנצונעמען, אַז זייערע אָבות, מיט דורות צוריק, זיינען געווען עמיגראַנטן פון פּערסיע.

בלויז אין איין פּרט איז סיריע אמת־אַראַביש — אין דער שפּראַך. אַלע פאַרשידענע אָרטיקע גרופּעס, סעקטעס און פעלקערשאַפטן, רעדן אַראַביש. פון דאַנען קומט דער איינדרוק, אַז סיריע איז כלומרשט מער אַראַביש ווי אירע שכנות. אָבער דאָס איז אַן אויבערפלעכלעכער איינדרוק. סיריע איז טאַקע געווען דאָס ערשטע לאַנד וואָס האָט זיך שפּראַכלעך אַראַביזירט. דאָס איז געשען ווייל זי איז געלעגן אויפן וועג פון די בעדואינישע מחנות, וועלכע האָבן דערשמעקט גרינגע און רייכע רויב און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון כעדשאַז, מיט אַ הייליקער באַגייסטערונג, קיין סיריע און קיין איראַק. אין אַ קורצער צייט, און אָן גרויס מי, האָבן זיי געשלאָגן די צעפוילטע ביזאַנטישע אַרמייען, צעשטערט די דעגענערירטע אַדמיניסטראַציע און איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד. די מערהייט פון דער לעוואַנטינישער באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען קריסטלעך אונטער ביזאַנטישער הערשאַפט, איז — אונטער דער

אַראַבישער הערשאַפט — באַלד געוואָרן מוסולמעניש און אויסגעביטן איר אַראַמעאיש און גריכיש אויף אַראַביש. אָבער געוויסע טײלן פון דער באַפעל־קערונג, ווי מיר האָבן געזען, זיינען געבליבן פרעמד דער הערשנדיקער קולטור, און די אַראַבער האָבן ניט באַוויזן צו פאַרדייען די דאָזיקע זעלבסט־שטענדיקע עלעמענטן במשך פון 1300 יאָר. אַ לעבעדיקער ביישפיל זיינען די איבערגעבליבענע קריסטן, בפרט די מאַראָניטן און די גריכן. זיי אַלע רעדן אַראַביש, אָבער קיין מאַכמעדאַנער זיינען זיי ניט געוואָרן. זיי לעבן אָפּגעזונדערט און מישן זיך ניט אויס מיט די מוסולמענער. אין לבנון בילדן די מאַראָניטן צוזאַמען מיט אַנדערע קריסטן מער ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, און אין סיריע איז די צאָל פון די קריסטן איבער 300 טויזנט נפשות. די קריסטלעכע עלעמענטן האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דער מדינה פון לבנון.

אינטערעסאַנט זיינען די באַציאונגען צווישן סיריע און לבנון. צוערשט (נאָך דעם ווי די צוויי לענדער האָבן באַקומען זייערע אויטאָנאָמיעס פון פראַנקרייך) איז אַנגעגאַנגען צווישן זיי אַ פאַרשטיקטע ראַנגלעניש מכוח די גרענעצן. סיריע האָט פאַרלאַנגט אַן אַרויסגאַנג צום ים אין לבנון: צידון אין דרום פון לבנון אָדער טראַבלוס (טריפּאָלי) אין צפון. זי האָט ניט געקראָגן ניט דאָס און ניט דאָס, און ס'איז קאָנטיק אַז זי האָט זיך מתיאש געווען פון אַרויסקריגן וואָס־ניט־איז פון איר שכנטע. וועגן צידון איז אָפּגערעדט: די דאָרטיקע באַפעלקערונג זיינען מייסטנס מתואלים, שיאיטן, צווישן זיי גרויסע גוט־באַזיצער, אַנגעזעענע פריצים, מענטשן וואָס האָבן אַ דעה אין די רעגירונגס־קרייזן — האָבן זיי גאָר קיין חשק ניט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די סירישע סוניטן. די קריסטן האָבן געמאַכט איין האַנט מיט די שיאיטן (און געגעבן זיי ממשותדיקע הנחות אין אַגראַרע שטייערן). די שיאיטן, פון זייער זייט, האָבן איינגעזען, אַז ס'איז בעסער פאַר זיי צו זיין אַ באַדייטנדיקער מיעוט אין האַלב־קריסטלעכן לבנון (אַ פערטל מיליאָן, 31 פראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג) ווי אַן אומבאַדייטנדיקער מיעוט אין אַ לאַנד, וואו ס'הערשן זייערע ביטערסטע פיינט. די סוניטן האָבן געמאַכט אַ געפילדער, געפּרואווט אָפּשרייען דעם באַשלוס וועגן צוטיילן די געגנט פון די מתואלים דער מדינה פון לבנון: זיי האָבן געסטראַשעט מיט אַן אויפשטאַנד, געוואָלט שאַפן אַן אַקטיווע אָפּאָזיציע, אָבער זיי האָבן גאָרנישט ניט אויסגעפירט און זיינען אַנטשוויגן געוואָרן.

אויך טריפּאָלי איז אַ פאַרלוירענע זאַך פאַר סיריע. מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט מען נאָך געליאַרעמט אין דמשק: אַ קאַמף אויף לעבן און אויף טויט פאַר טראַבלוס! און היינט איז געוואָרן אַ שוויג; קיין צייטונג רעדט ניט מער ערנסט וועגן אַװעקנעמען טריפּאָלי פון לבנון. אַצינד האָבן די סיריער אַן אַנדער עסק: ס'קאָכט זיך וועגן אַלעקסאַנדרעטאַ. מ'שאַצט די באַפעלקערונג פון אַלעקסאַנדרעטער „סאַנדשאַק״ (ראַיאָן, דיסטריקט) אין אַ 220 טויזנט נפשות. פון זיי זיינען ביי אַ 40 פּראָצענט טערקן, 10 פּראָצענט אַראַבישע סוניטן, 30 פּראָצענט אַראַביש־רעדנדיקע, ניט קיין מוסולמענישע עלעמענטן (קריסטן, נוסיירא און אַנד.). די טערקן זאָגן, אַז דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג איז טערקיש לויט זיין שפּראַך: דאָס רוב אַראַבער אין „סאַנדשאַק״ קענען טערקיש; און די ניט־אַראַבער — קורדן, טשערקעסן, אַרמענער — רעדן אַלע טערקיש. אין דעם האָט טערקיי רעכט. אויך געאָ־גראַפיש און עקאָנאָמיש איז דער סאַנדשאַק מער פאַרבונדן מיט טערקיי ווי מיט סיריע. מ'דאַרף נאָך אַרויפטאָן אויפן וואָגשאָל די פעסטקייט און פּראַגרעס פון דער נייער טערקיי, פון איין זייט; די אָפּגעשטאַנענקייט פון סיריע און אירע כסדרדיקע לעוואַנטינישע איבערקערענישן, פון דער אַנדערער זייט. ס'איז קיין וואונדער ניט וואָס די באַפעלקערונג פון סאַנדשאַק מייסטנס נייגט צו טערקיי. אין דער פעלקער־ליגע האָט מען באַשטימט אָפּצוטיילן דעם סאַנדשאַק פון סיריע און געבן אים אַ מין אויטאָנאָמיע. דער פּאַרט פון אַלעקסאַנדרעטאַ וועט טיילוויז געהערן צו טערקיי און דער פאַרוואַלטער וועט זיין אַ טערק, פון די היגע איינוואוינער. אָבער די אַלגעמיינע מיינונג אין אַלעקסאַנדרעטאַ זאָל טיילוויז געהערן טערקיי און דער פאַרוואַלטער זאָל געהערן טערקיי (און אַזוי איז טאַקע געשען).

בעת איך בין געקומען קיין סיריע איז מען דאָרטן געווען באַשעפטיקט מיט דעמאָנסטראַציעס — דאָס מאָל ניט קעגן פראַנקרייך, נאָר קעגן אָפּרייסן אַלעקסאַנדרעטאַ פון דער סירישער מדינה, ד. ה. קעגן טערקיי. די דעמאָנ־סטראַציעס זיינען כלומרשט אַן אויסברוך פון פאָלקס־פּראָטעסטן, אָבער מ'פילט אין זיי די האַנט פון דער דמשקער רעגירונג; פראַנקרייך מישט זיך ניט. און זע אַ חידוש: די סירישע פּרעסע האָט אויפגעהערט צו העצן קעגן פראַנק־רייך. פון פּריוואַטע שמועסן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די סיריער דרינגען ניט מער אַזוי שטורעמדיק, אַז מ'זאָל אַוועקנעמען די פראַנצויזישע אַרמיי פון זייער לאַנד תיכף־ומיד; זיי האָבן מורא, אַז באַלד ווי די פראַנצויזן וועלן

אַוועקגיין, וועלן די טערקן אַריינגיין. זיי וואָלטן געוואָלט, אַז די פראַנצויזן זאָלן בלייבן נאָך אַ יאָר דריי; און אַנדערע זאָגן — ווייטער אויך. און די באַגייסטערונג פון שאַפן אַן אייגענע שטאַרקע אַרמיי האָט זיך אויך אָפּגעקילט: אַזאַ אַרמיי וועט קאָסטן אַ סך טייערער ווי זיי האָבן גערעכנט.

די רעאַלע אומשטענדן האָבן געהאַט אַ קאָנטיקע השפּעה אויף דער באַציאונג פון סירישע רעגירונגס־קרייזן צום פּאַן־אַראַבישן געדאַנק. די פּראַקטישע אָרטיקע פּראָבלעמען האָבן פאַרשאַרט אין אַ ווינקל די טעאָרעטישע אידעע פון אַראַבישער אייניקייט. און טאַקע: סיריע האָט געגנוג אינווייניקסטע פּראָבלעמען — אויסער די רייבונגען מיט לבנון און טערקיי — און קודם כל, די „דרוזישע פּראַגע". אין דזשעבל־דרוז (דער באַרג פון די דרוזן) זיצט אַ באַפעלקערונג פון 66 טויזנט נפשות. אמת, ס'איז דאָ אַ הסכם צווישן דמשק און די דרוזישע שעיכן: די שעיכן האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן ניט פאָדערן קיין רעכט פון אַ מיעוט פאַר זייער פאָלק און קיין באַזונדערע פּאָליטישע גאַראַנטיעס. מ'האָט אָפּגעמאַכט, אַז אַן אַדמיניסטראַטאָר, געשיקט פון דמשק, זאָל פאַרוואַלטן דעם באַרג פון די דרוזן; און שפּעטער וועט מען מאַכן וואַלן צום סירישן פּאַרלאַמענט. אין דמשק איז מען ניט זיכער מיט די ווייטערדיקע באַציאונגען צו די דרוזן.

דער ראַיאָן פון די אַלאַוויטן (נוסיירער־איסמאַעליטן) ליגט גאַנץ נאָענט צו אַלעקסאַנדרעטאַ. זיין באַפעלקערונג שאַצט מען אין 350 טויזנט נפשות, פון זיי צוויי־דריטל נוסירא. אין סיריע זיינען ניטאָ קיין סך מאַראָניטן; דאָס רוב קריסטן געהערן צו דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער קירכע אָדער צו דער רוימיש־קאַטאָלישער. יידן זיינען גאָר אַ קליינער מיעוט אין סיריע. זייער צאָל אין דמשק איז היינט (1937) ניט מער ווי 6000 נפשות. דער גרעסטער טייל פון די יידישע קינדער, יינגלעך און מיידלעך, לערנען אין דער גרויסאָרטיקער אַליאַנס־שולע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען קאַדורי. אין אַלעפּאָ זיינען דאָ קרוב צו 7000 יידן. קליינע יידישע קהילות געפינען זיך אין ביירוט, אין צידון און נאָך אין עטלעכע ערטער. בסך־הכל, קען מען אָננעמען, זיינען דעמאָלט געווען אין סיריע און לבנון ביי אַ 17,000 יידן. אָפיציעל האָט מען זיך באַצויגן צו זיי גאַנץ פריינטלעך. די דמשקער רעגירונג האָט זיך באַמיט צו באַווייזן אַז זי באַהאַנדלט מיט יושר די מינאָריטעטן. כאָטש די צאָל פון די יידן האָט ניט געסטייעט אויף אויסצוקלייבן מיט אייגענע כוחות אַפילו איין דעפּוטאַט צום פּאַרלאַמענט, האָט די רעגירונגס־פּאַרטיי געזען, אַז איינער

זאָל דאָך אויסגעקליבן ווערן. דאָס זעלביקע אויך אין פאַרשידענע קאָמיסיעס. למשל, די קאָמיסיע פאַר לופט־פאַרקער האָט אַריינגענומען צוויי פאָרשטייער פון קהל — אַ יידן און אַן אַראַבער. די דמשקער רעגירונג וויל, אַז פראַנקרייך און די פעלקער־ליגע זאָלן וויסן, אַז קיינע מיעוטים זיינען ניט געקרימט אין סיריע, אויך ניט די יידן *).

די קריסטן האָבן דעפוטאַטן אין סירישן פּאַרלאַמענט. דער פאָרזיצער פון דעם דעפוטאַטן־הויז איז אַ קריסט; אין די מיניסטעריומס האָבן אייניקע קריסטן וויכטיקע שטעלעס. פון דעסטוועגן קוקן די קריסטן — אַזוי ווי די יידן — מיט זאָרג אויף דער צוקונפט: מ'האָט מורא, אַז ווען פראַנקרייך וועט אָוועקגיין פון סיריע, וועט די סירישע „טאָלעראַנץ" צו די מיעוטים צעגיין ווי וואַקס און די באַציאונג וועט זיין ווי אין איראַק. און די קריסטן, וועלכע האַלטן חשובע שטעלעס ביי דער סירישער רעגירונג זיינען שוין היינט, אין די אויגן פון אַ סך פון זייערע ברידער, מער ניט ווי אַראַבישע משרתים, וואָס העלפן דער דמשקער רעגירונג צו פאַרשטעלן פון פרעמדע אויגן די אמתע לאַגע.

לבנון, ווי געזאָגט, איז אויך אַראַביש אין לשון, קולטור און אויסזען. אָבער דאָס וואָס צייכנט אים אויס איז ניט זיין אַראַבישקייט, נאָר זיין קריסט־לעכקייט. אַ גרויסער טייל פון די איינוואוינער פון לבנון האָט באַוואָרט פון אַלטע צייטן זיין קריסטלעכן כאַראַקטער, האָט זיך מקריב געווען פאַר זיין גלויבן, און וועט זיכער ווייטער אויך ניט מוותר זיין אויף דעם. פאַראַן פון זיי פאַרביסענע פיינט פון ציוניזם. דאָ האָבן מיר אַ באַזונדערע שמעלצונג פון איינגעזאַמפּטער קריסטלעכער שנאה צו יידן און אַ לעוואַנטינישן אונטער־חנפענען זיך צו דער שטימונג וואָס הערשט ביי די אַראַבער. אָבער אַ סך פון די לבנונישע קריסטן, בפרט די מאַראָניטן, זיינען דווקא צופרידן מיטן פראָגרעס פון דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. זיי זעען אין, אַז אַ נייער, ממשותדיקער, ניט־אַראַבישער פאַקטאָר, בשכנות מיט זיי, וועט שטאַרקן אויך זייער פּאָזיציע **).

*) אַזוי איז געווען די לאַגע אין יאָר פון מיין באַזוך אין סיריע. אָבער זינט אונזער באַפרייאונגס־מלחמה האָבן די יידן געהאַט אויסצושטיין דאָרטן און אין אַנדערע אַראַבישע לענדער, די גרויזאַמסטע רדיפות. ווער ס'האָט געקענט איז אַנטלאָפן, דאָס רוב קיין מדינת ישראל. בלויז אַן עלנד רעשטל איז נאָך דאָרט געבליבן.

**) אַ קורצע צייט האָבן הויכע פאָרשטייער פון דער מאַראָניטישער קירכע, בפרט דער פּאַטריאַרך, עפנטלעך אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע צום ציוניזם. אָבער די פּאָליטישע

אַ פּאָר וואָרטער וועגן דעם ביירוטער אוניווערסיטעט. זייענדיק אין ביירוט האָב איך געהערט פון מענטשן, אויף וועלכע מ׳קען זיך פאַרלאָזן, אַז דער דאָזיקער אַמעריקאַנישער אינסטיטוט איז געוואָרן אַ נעסט און אַ צענטער פון דער נידעריקסטער העצעריי קעגן יידן בכלל און קעגן ציוניזם בפרט. די אַראַבישע סטודענטן, וועלכע קומען אַהער פון אַלע מזרח־לענדער, האָבן דאָ אַ פרייע האַנט אין דעם ענין און „אַרבעטן״ מיט דער ברכה פון זייערע אַמעריקאַנישע פּאַטראָנען. נאָכדעם צעטראָגן זיי אין אַלע עקן פונעם מיטעלן אָריענט די זאָמען פון אַ פאַנאַטישער שנאה צו יידן. אָט־די דעמאַגאָגישע העצעריי גייט און פאַרשפּרייט זיך פון פּערסיע און איראַק ביז כעדזשאַז און תימן.

בעת איך בין געווען אין ביירוט האָבן געלערנט אין דעם אַמעריקאַנישן אוניווערסיטעט 140 יידישע סטודענטן; אָבער זיי האָבן גאָר קיין השפּעה ניט געהאַט. דאָס איז געווען אַ צופעליקער עלעמענט, אָן פאַרבינדונג, אָן פאַרשטייער, אָן אַ פירונג. וואו איז יענע צייט, ווען די יידישע סטודענטן אין ביירוטער אוניווערסיטעט זיינען געווען פון די ערשטע בויער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל און אייניקע פון זיי זיינען געשטאַנען בראש פון דער ציוניסטישער אַרבעט אין ביירוט און אין גאַנץ סיריע?

אין סיריע איז מען שיכור פון דער „וואַטאַנישער״ (פּאַטריאָטישער) באַגייסטערונג. אַלע זיינען געוואָרן פלאַמענדיקע פּאַטריאָטן. און כאָטש דער־ווילע היטן זיי זיך פון צו פּלאָגן די מיעוטים, מערקט מען גאַנץ גוט זייערע אמתע געפילן און תאוות, און מ׳ווייס אַז אויף קיין גוטס דאַרף מען זיך ניט ריכטן. אַנדערש איז די אַטמאָספערע אין לבנון. דאָרטן פילט מען ניט אַזאַ פינסטערן מאַסן־האַס צו יידן, ווי אין סיריע.

די באַציאונגען צווישן די קריסטן און די מוסולמענער אין לבנון זיינען אָנגעשטרענגטע. דער עולם האָט נאָך ניט פאַרגעסן די בלוטיקע צוזאַמענ־שטויסן, וואָס זיינען אויסגעבראָכן אין ביירוט באַלד ווי מ׳האָט געחתמעט דעם אָפּמאַך מיט פראַנקרייך. ווען ניט די פראַנצויזן, וואָלטן די מהומות געגאַנגען ווייטער און געוואָרן גרעסער. די רעגירונג פון לבנון האָט באַוויזן צו געווינען אויף איר זייט די מתואלים און די טריפּאָליטאַנער: פון איין זייט האָט מען זיי געגעבן גוטע שטעלעס, פון דער אַנדערער — באַפרייט די

מאַכערס, פון אויבן־דערמאָנטע טעמים, קריכן פון דער הויט צו באַווייזן זייער טריַיהייט צו דער אַראַבישער שטעלונג, כאָטש קיינער גלויבט זיי ניט.

פויערים פון אַ טייל שטייערן. דער פרעזידענט פון דער לבנונער רעפובליק איז אַ קריסט; אָבער דער פרעמיער און דער פאָרזיצער פון דעם דעפוטאַטן־הויז זיינען מוסולמענער — איינער פון זיי פון טריפּאָלי. אויף אַזאַ אופן האָט מען דערגרייכט אַ געוויסן גלייכגעוויכט: דער וואָגן פון דער קריסטלעך־מוסולמענישער רעפובליק גייט מיט קרעמעניש; אָבער ער גייט.

ביי די מאַראָניטן, ווי געזאָגט, איז קאָנטיק אַ סימפּאַטיע צום ציוניזם. דער עולם, אויסער די פּאָליטיקאַנטן, ווינטשט אין האַרצן אַז דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל זאָל וואַקסן. די מאַראָניטן פאַרשטייען, אַז זיי זיינען אַ קליינער אינזל אין אַ גרויסן מוסולמענישן ים, און זייער צוקונפט איז גאָר ניט זיכער. פון דעם וואוקס פונעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל זעען זיי ניט קיין סכנה פאַר זיך. אדרבא, דאָס פאַרבעסערט זייערע אויסזיכטן. לבנון האָט נויטיק גוטע האַנדלס־באַציאונגען מיט ארץ־ישראל, טוריסטן און זומער־געסט פון אונזער לאַנד. דאָס ניט־קומען פון יידישע זומער־געסט האָט זיך שוין אָפּגע־רופן גאַנץ דייטלעך אויפן עקאָנאָמישן צושטאַנד פון לבנון. אַ סך לבנונישע קריסטן ווילן פאַרקויפן זייערע באַדנס אין ארץ־ישראל, און זאָגן מיט צער אַז זיי געפינען ניט קיין קונים.

אין תימן
מיט די
עולים

(בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך)

1950

זונטיק, כ״ו בכסלו, תש״י (1950), אַזייגער זעקס פאַרנאַכט, בין איך אַרויס פון ירושלים און געפאָרן צום לופט־פּאָרט אין לוד. ניין אַזייגער בין איך אַריין אין דעם אַמעריקאַנער אַעראָפּלאַן, וועלכער ברענגט די עולים פון תימן און איז באַקאַנט געוואָרן מיטן נאָמען: „דער וואונדער־טעפּיך״.

דער אַעראָפּלאַן האָט פיר מאָטאָרן און איז ספּעציעל צוגעפּאַסט צו פירן אַ סך מענטשן; מ׳האָט אַריינגעשטעלט פאַר די עולים לאַנגע בענק, אויף יעדער

באַנק קענען זיצן פינף אַרע. בסך־הכל זיינען דאָ פאַראַן 32 בענק, 16 פון איין זייט און 16 פון דער אַנדערער, און צווישן זיי אַ שמאָלער דורכגאַנג. אויף די בענק קענען זיצן 160 נפשות. אָבער מחמת דער וואָג פון זייערע פעקלעך קען דער אַעראָפּלאַן ניט נעמען מער ווי 120 נפשות. פון לוד קיין עדן (אַדען) גייט דער אַעראָפּלאַן כמעט אַ לייִדיקער.

מיר זיינען געווען אין וועג די גאַנצע נאַכט. בלית ברירה האָב איך זיך צוגעלייגט אויף איינער פון די בענק. אויף אַ באַנק אַנטקעגן האָט זיך אויס־געצויגן נאַרמאַן בענטוויטש. מ׳קען ניט זאָגן, אַז ס׳איז געווען זייער באַקוועם אַזוי צו ליגן, אָבער דאָך באַקוועמער ווי די 120 עולים, וועלכע מוזן זיצן די גאַנצע צייט אין ענגשאַפט. אויסער אונז זיינען געווען אין אַעראָפּלאַן פינף־זעקס אָנגעשטעלטע פון די וואָס זיינען באַשעפטיקט אין לאַגער פון די עולים אין עדן. מיר זיינען אָנגעקומען קיין עדן פינף פאַרטאָג, זעקס אַזייגער נאָך דער דאָרטיקער צייט.

פון לופט־פּאָרט זיינען מיר געפאָרן אין אַן אויטאָ צום לאַגער פון די עולים, אין כאַשאַד. כאַשאַד ליגט 15 מייל פון עדן. די אָנגעשטעלטע פון לאַגער האָבן מיך באַגעגנט זייער פריינטלעך און איבערגעגעבן מיר די אַנטשולדיקונג פון לפידות, דעם דירעקטאָר פון לאַגער, וואָס ער האָט ניט געקענט קומען מיך מקבל פנים זיין; און זיין איינלאַדונג איינשטיין אין שטאָט אין זיין האָטעל, וואו ס׳איז שוין גרייט פאַר מיר אַ צימער. דאָרטן בין איך טאַקע איינגעשטאַנען די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין עדן.

ביי מיין אָנקומען זיינען געווען אין לאַגער בערך 2100 עולים. זיי זיינען געקומען פון אַלע עקן תימן און פון די קליינע אַראַבישע ברעג־מדינות, וועלכע געהערן צום בריטישן „פּראָטעקטאָראַט״. ביי מיין אַוועקפאָרן האָט מען שוין געציילט אין לאַגער קרוב צו 3000 נפשות, ווייל גרופּעס פון נייע עמיגראַנטן זיינען צוגעקומען כמעט יעדן טאָג. במשך פון דעם יאָר האָט דער „דזשאָינט״ אַריבערגעפירט קיין מדינת ישראל 30,000 עולים בערך; און די צאָל פון די וואָס זיינען געקומען איידער מ׳האָט איינגעריכט דעם לאַגער, שאַצט מען אין 8000. צוזאַמען מיט די עולים, וועלכע זיינען נאָך אין לאַגער, מאַכט דאָס אויס מער ווי 40 טויזנט.

וויפיל יידן זיינען נאָך געבליבן אין תימן? די שאלה באַשעפטיקט אַלע עסקנים פון דער עליה. אייניקע מיינען — 5000 נפשות, אַנדערע זאָגן — 15,000. מיין איינדרוק איז — אויפן סמך פון די שמועסן מיט די עולים —

אַז ס׳זיינען נאָך דאָ, אין יענע קאַנטן, זיבן־אַכט טויזנט יידן. דער פאַקט, וואָס אין די עטלעכע טעג פון מיין זיין אין לאַגער זיינען צוגעקומען כמעט טויזנט נייע עולים, באַווייזט אַז דער קוואַל איז נאָך וויַיט ניט אויסגעשעפּט; און אויב ס׳וועט אַזוי אָנגיין נאָך צוויי־דריי חדשים, וועלן צוקומען נאָך צען טויזנט — דאָס רעשט פון דעם יידישן ישוב אין תימן*).

אַ טייל פון די עולים זיינען געקומען פון די וויַיטסטע עקן פון תימן. באַקאַנט איז דער ענין פון די יידן פון ביחאַן, וועגן וועלכע ס׳זיינען אומגעגאַנגען פאַנטאַסטישע שמועות. ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען די צרות פון די יידן פון נאַדשראַן, אַ געגנט וועלכע איבן־סאַאוד האָט אָפּגעריסן פון תימן אין 1934. אַ גרופּע פון צוויי אָדער דריי הונדערט יידן זיינען אַריבער פון נאַדשראַן קיין תימן, אויפן וועג קיין עדן. איבן־סאַאוד, דער הערשער פון סאַאודישער אַראַביע, איז געוואויר געוואָרן דערפון און האָט באַלד געשיקט אַ פאָדערונג דעם אימאַם פון תימן, ער זאָל אים אומקערן זיינע אַנטלאָפענע אונטערטאַנען. דער אימאַם האָט זיי פאַרהאַלטן, אָבער דערווייַלע ניט אַרויסגעגעבן. מ׳פאַרהאַנדלט מיט אים. ער איז ניט שטאַרק געניי‍גט צו דערפילן די וואונטשן פון זיין אַגרעסיוון שכן, און ס׳איז דאָ אַ האָפענונג, אַז ער וועט לאָזן די נאַדשראַנער וואַנדערער גיין זייער וועג קיין עדן (און אַזוי איז טאַקע געוואָרן: היינט זיינען זיי אַלע אין אונזער לאַנד).

אַ סך שעהן האָב איך פאַרבראַכט מיט די עולים אין זייער לאַגער. צוזאַמען מיטן דירעקטאָר פון דעם לאַגער, לפידות, האָב איך באַזוכט די געצעלטן פון די עולים, די באַראַקן און די אַנשטאַלטן: שפּיטאָלן און קליניקעס פאַר מענער, פאַר ווייבער און פאַר קליינע קינדער, רעגיסטרירונג־־פּלעצער, סקלאַדן פאַר געפּעק, קיכן, בעדער, קלאָזעטן. אַ טייל פון די געביידעס, אין וועלכע ענגלישע מיליטער האָט פריער געהויזט, איז גאַנץ חרב; וואו מ׳קען, פאַרריכט מען. מ׳פאַרריכט אויך די וועגן אין לאַגער און די אָפּגוס־אינסטאַלאַציע. היגע אַראַבער אַרבעטן דערביי; אָבער מ׳גיט אויך די עולים אַ מעגלעכקייט צו באַטייליקן זיך און מ׳צאָלט זיי עטוואָס מער ווי די אָרטיקע אַרבעטער.

ס׳איז גוט וואָס מ׳גיט אַרבעט די עולים. דאָס ראַטעוועט אַ סך פון זיי

*) און טאַקע, נאָך מיין באַזוך, ד. ה. נאָך דעם 1טן יאַנואַר, 1950, זיינען געקומען צען טויזנט נייע עולים בערך, און בסך־הכל, פון זינט מדינת ישראל עקזיסטירט, בערך פופציק טויזנט עולים פון תימן.

פון ליידיקגייט, און זיי געוואוינען זיך צו האלטן אָרדענונג און אָפּהיטן ריינקייט. צו דעם באַקומען זיי שיעורים אין היגיענע און סאַניטאַציע און געווינען פאַרשידענע קענטענישן, וועלכע וועלן זיי צוניץ קומען אין דער צוקונפט. פאַר ניי־געקומענע האָט מען איינגעריכט ספּעציעלע באַראַקן. ביים אָנקומען פירט מען זיי אין די דאַזיקע באַראַקן, און נאָך דער רעגיסטראַציע וויזט מען יעדן איינעם זיין אָרט אין לאַגער. אַ גרופּע, וואָס איז געקומען איר צייט צו פליען קיין ארץ־ישראל, גייט אַריבער אין אַ ספּעציעל־פאַר־דעם־באַשטימטן באַראַק.

אין באַראַק דינט פאַר אַ שול; און ווען מ'דאַרף לייענען, ברענגט מען אַריין אַ ספר־תורה. וואָס נוגע עסן, באַקומט יעדע משפחה אירע פּאַרציעס און מאַכט אירע געריכטן ווי זי וויל. איך האָב געזען די ווייבער קאָכן און וואַשן וועש, און אַ טייל פון די מענער זיינען געווען באַשעפטיקט מיט רייניקן און ברענגען אין אָרדענונג דעם לאַגער. די שפּייז איז גוט און געזונט. די נייע־געקומענע, פאַרמאַטערטע און אָפּגעשוואַכטע פון וועג — האָט מען מיר געזאָגט — גיט מען אַ צוגאָב פון אייער, פלייש, א. אַ. וו., כדי צו שטאַרקן זיי. יעדן טאָג פירט מען סטאַדעס בהמות צום שעכט־הויז. מיט דער שחיטה עסקן זיך די עולים אַליין; ס'זיינען דאָ פון זיי געניטע שוחטים. אַ רב, ר' גמליאל, איז אָנגעשטעלט אַכטונג צו געבן אויף רעליגיעזע ענינים, אויף דיני אישות, מנהגים און אויפפירונג פון די מענטשן.

דער לאַגער איז באַוואַכט פון דרויסן פון היגע מיליטער — אַראַבישע און אינדישע סאָלדאַטן. די וואַך האָט אַ צווייענדיקע אויפגאַבע: א) פאַרהיטן די זאַכן פון די עולים פון אָרטיקע גנבים, וועלכע דרייען זיך אָן אַן אויפהער אַרום דעם לאַגער און לויערן אויף אַ געלעגנהייט אַוועקשלעפּן וואָס עס לאָזט זיך; ב) ניט לאָזן די עולים אַריינגנבענען זיך אין שטאָט. קיין סך נוצן האָט מען ניט געזען פון דער וואַך — ביז מ'האָט געמאַכט אַ צאַם אַרום דעם לאַגער. ביים אַריינגאַנג אין עדן האָט די אַדמיניסטראַציע אויפגעשטעלט אַ באַריער וואו מ'קאָנטראָלירט יעדן ווער ס'קומט און ווער ס'גייט.

דער דירעקטאָר פון לאַגער, לפידות, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איבערגעגעבנקייט און מענטשלעכער באַציאונג צו די עולים. כאָטש ער קען ניט קיין העברעאיש, און בויטיקט זיך אין אַ דאָלמעטשער, האָט ער אַ טיפן פאַרשטאַנד פאַר די באַדערפענישן פון די עולים. ער זאָרגט זיך וועגן אַלץ און אַלעם. פון אין־דער־פרי ביז שפּעט אין אָוונט איז ער פאַרנומען אין

לאַגער. אַ גוטן איינדרוק מאַכן אויך די איבעריקע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג: דער פאַרשטייער פון דער „סוכנות" (די יידישע אַגענטור), שלמה שמידט, דער רב גמליאל, די דאָקטוירים, און בפרט די שוועסטער, וועלכע אַרבעטן אַזוי געטריי, טאָג און נאַכט, אין די אַנשטאַלטן פאַר קליינע קינדער און באַזאָרגן סאָציאַלע הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע.

וואָס עס פעלט זייער איז קולטורעלע אַרבעט צווישן די עולים און באַזונדער צווישן די קינדער. דער לאַגער האָט נויטיק לערער און, לכל־הפחות, איין ספּעציאַליסט, וואָס זאָל קענען איינריכטן קורסן און זען אַז די יוגנט, און אויך דערוואַקסענע, זאָלן לערנען העברעאיש און איינגעוואוינען זיך צו רעדן מיט דער ארץ־ישראלדיקער אויסשפּראַך.

כאָטש דאָס רוב תימנער לייענען און רעדן העברעאיש, איז אָבער דאָ אַן אונטערשייד צווישן זייער אויסשפּראַך און אונזער ספרדישער אויסשפּראַך. אין געוויסע פּרטים איז זייער אויסשפּראַך נעענטער צו דער אשכנזישער ווי צו דער ספרדישער. אַזוי, למשל, דעם קמץ רעדן זיי אויס ווי אַ לאַטייניש 0; זייער חולם הערט זיך אַן כמעט ווי אונזער ליטווישער חולם; ג מיט אַ דגש איז „דזש", ד אָן אַ דגש — אַ מין ז. דאָס זיינען ניט קיין שרעקלעכע אונטערשיידן; פון דעסטוועגן איז גלייכער אַז די עולים זאָלן זיך געוואוינען וואָס גיכער צו דער אויסשפּראַך, וועלכע איז אָנגענומען אין מדינת ישראל. אַן אינטערעסאַנטן פאַקט האָט מען מיר דערציילט אין לאַגער: אַ קרייזל פון יונגע תימנער, וועלכע זיינען געקומען פון צנעא (סאַנאַאַ), די הויפּטשטאָט פון תימן, האָבן גערעדט העברעאיש מיט אַ ריכטיקער ספרדישער אויסשפּראַך. האָט מען זיך געוואונדערט, הערנדיק זיי, און געפרעגט, ווי קומט דאָס צו זיי. האָבן זיי געזאָגט: „מיר האָבן זיך כסדר צוגעהערט צום ראַדיאָ פון ירושלים און פון אים האָבן מיר געלערנט די אויסשפּראַך". און אויף דער שאלה, ווי קומען זיי צו אַ ראַדיאָ, איז געווען דער ענטפער: „פאַר געלט קריגט מען אַלץ".

בקיצור: ס'איז דרינגענדיק־נויטיק אַז דער לאַגער זאָל האָבן אַ לערער אַ ספּעציאַליסט און לערן־ביכער. פאַרשטייט זיך, אַז דער לערער דאַרף זיך אָפּגעבן בלויז מיט לערנען, און אָפּהאַלטן זיך פון יעדער פּאָליטישער פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע; און מ'טאָר ניט איינפירן קיין ריכטונגען אין לערנען — דאָס קען נאָר שאַדן. דער עיקר נויטיקט מען זיך דאָ אין ספרים, בפרט אין לערן־ביכער, אין דקדוק, תנ"ך א. אַ. וו.

בעת איך בין געקומען האָט מען גלייך דעם זעלביקן טאָג אַראַנזשירט

פאַר מיר אַ גרויסע פאָלקס־אסיפה אין דרויסן. דער עולם איז געזעצן אויפן זאמד — מענער באַזונדער און ווייבער באַזונדער — און האָט זיך צוגעהערט זייער אויפמערקזאַם צום געזאָגטן. דער רב גמליאל האָט איבערגעזעצט מיינע ווערטער אויף אַראַביש, געמישט מיט העברעאישע אויסדריקן, וועלכע ער האָט אויסגעשפּראָכן אויפן תימנער אופן. נאָך דעם ווי איך האָב געענדיקט, האָט מען אָנגעהויבן זינגען שירים בקהל, מיט אַ תימנער ניגון. מ׳האָט געזונגען פּרקים פון תהילים און שירים פון ר׳ שלום שבזי (שאַבאַזי), פון ר׳ יהודה הלוי, פון ר׳ ישראל נג׳ארה (נאַדזשאַראַ). אייניקע האָבן געבראַכט מיט זיך זאַמלביכער פון פּיוטים („דיוואנים״) אין הילצערנע קעסטלעך. נאָכן זינגען האָט מען געטאַנצט אָריגינעלע תימנער טענץ. געטאַנצט האָבן דריי אירע, די איבעריקע האָבן געפּאַטשט אין טאַקט. איך האָב זיך איינגעמידט פּאַטשנדיק, און זיי זיינען ניט מיד געוואָרן צו טאַנצן.

די עליה פון תימן וועט דויערן נאָך אַ פּאָר חדשים; די עולים וועלן באַלד זיין אין מדינת ישראל; און ס׳איז זייער וויכטיק, אַז מ׳זאָל ניט האַלטן זיי, און די אַלע וועלכע זיינען פריער געקומען, אַ לאַנגע צייט אין איבערגאַנגס־פּונקטן, נאָר מ׳זאָל זיי גלייך אַריבערפירן אין די ערטער וואו זיי וועלן זיך באַזעצן. אין האַרצן ביי די עולים פון תימן ברענט אַ פייערדיקער ציוניסטיש־משיחישער גלויבן, זיי זיינען גרייט צו יעדער שווערער אַרבעט — מ׳טאָר ניט צולאָזן, אַז אָט־דער טייערער מענטשן־עלעמענט זאָל פאַרלירן זיין מוט, זיין שטאַרקע התלהבות; און זיין מסירות־נפש זאָל גיין אין ניוועץ. מ׳דאַרף זעען באַזעצן זיי תיכף־ומיד אין די פאַרלאָזענע דערפער, און לאָזן זיי אַרבעטן. איך בין אויסן, ראשית־כל, ערד־אַרבעט, אָבער אויך די מלאכות מיט וועלכע זיי זיינען באַהאַוונט. און קודם־כל — דאָס פאַרשטייט זיך פון זיך — דאַרף מען זיך אָפּגעבן מיט דער יוגנט. די תימנער יונגעלייט זיינען געניט ניט בלויז אין מלאכות; זיי קענען תורה און העברעאיש — מיט די קענטענישן צייכענען זיך אויס די עולים פון תימן פון אַלע אַנדערע עולים פון מזרח און מערב.

צום סוף נאָך אַ פּרט, וועלכן ס׳איז כדאי האָבן אין זינען. אַ סך פון די עולים ברענגען מיט זיך ספרים און ספרי־תורה. אין עדן פירט מען אַוועק זייערע זאַכן אין אַ געפּעק־ביוראָ. דאָרטן פּאַקט מען זיי איין אין קאַסטנס און מ׳לאָזט ליגן ביז ס׳וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט צו שיקן די אַלע זאַכן מיטאַמאָל, מיט אַ שיף, קיין ארץ־ישראל — פאַר די אַעראָפּלאַנען איז דאָס

צו אַ שווערע לאַסט. איך האָב געעפנט אַ פּאָר אַזעלכע קאַסטנס און געפונען אין זיי מערסטנס געדרוקטע ביכער; אָבער אויך האַנטשריפטן, קאָפּיעס פון געוויינלעכע סידורים און „דיוואַנעס״. מסתמא זיינען דאָ אויך זעלטענע האַנט־שריפטן און דאָקומענטן, קהלשע און פּריוואַטע, וועלכע האָבן אַ היסטאָרישע ווערדע. דעם גאַנצן באַגאַזש וועט מען ברענגען צו דער „סוכנות״ אין ירושלים און איבערגעבן דער אָפּטיילונג פון דער עליה. איז מיין פאָרשלאָג מ׳זאָל מאַכן אַ קאָמיסיע פון דער „סוכנות״ און פון דעם אינסטיטוט פאַר פאָרשן די יידישע קהילות אין מיטעלן מזרח, וועלכער געהערט צו אונזער אוניווערסיטעט אין ירושלים און שטייט אונטער מיין פאַרוואַלטונג. די קאָמיסיע וועט בודק זיין די האַנטשריפטן, און אויב מען וועט געפינען וויכטיקע מאַטעריאַלן וועט מען זעען קריגן אַ הסכמה פון די, צו וועמען זיי געהערן, אַז דער דערמאָנטער אינסטיטוט זאָל אויספאָרשן די מאַטעריאַלן און פּובליקירן דאָס וואָס ער וועט געפינען פאַר נויטיק. ווייטער מיין איך, אַז מ׳דאַרף איינזעצן נאָך אַ קאָמיסיע מיט דער באַטייליקונג פון פאָרטרעטער פון די תימנער. די קאָמיסיע וועט אָפּטיילן אַלע ספרים, וועלכע האָבן געהערט צו קהילות, ניט צו פּריוואַטע בעלי־בתים, און וועט זיי פאַרטיילן אין די דערפער פון די תימנער, אין די דאָרטיקע ביבליאָטעקן און שולן.

אין עדן

די שטאָט עדן האָט צוויי טיילן: די אַלטע שטאָט ליגט אין אַ קראַטער פון אַ ווולקאַן, און אַזוי רופט מען זי טאַקע — „קראַטער״, וואָס דאָס מיינט אויף גריכיש אַ בעכער; דער צווייטער טייל פון דער שטאָט, דער נייער, ליגט אויפן ברעג ים. דאָ זעען מיר די האַנדלס־גאַסן, דעם צענטראַל־האָטעל, דעם שטאָט־גאָרטן א. אַ. וו. די נייע שטאָט רופט מען „סטימער פּאָינט״, ד. ה. דער שיפן־פּונקט, דער פּאָרט. ביים אַריינגאַנג אין עדן שטייט אַ וואַך פון אַראַבישע סאָלדאַטן מיט אַן ענגלישן אָפיצער: זיי היטן אַז קיין „אומגע־ווינטשטע פּרעמדע״ זאָלן ניט אַריין אין שטאָט. דערמיט זיינען געמיינט, מסתמא, די מאַסן נעגערס פון סאָמאַלי, אינדיער און אַנדערע, וועלכע קומען אין פּאָרט מיט שיפן און זעגל־שיפלעך. פון דער אַנדערער זייט היט די וואַך אַז די עולים פון אונזער לאַגער זאָלן זיך ניט אַריינגנבענען אין שטאָט. איך

האָב קיין שווערקייטן ניט געהאַט ביים אַריינגיין אין שטאָט, ווייל תמיד בין איך געגאַנגען מיט מענטשן פון „דזשאָינט" אָדער פון „סוכנות", און זיי האָבן געהאַט אַ דערלויבעניש צו קומען און גיין צו יעדער צייט.

די יידישע שכונה ליגט אין „קראַטער". קומענדיק אַהין האָב איך זיך גלייך אַנגעשטויסן אויף אַ סך צעשטערטע און האַלב־צעשטערטע הייזער, צווישן זיי די גרויסע שולע, וועלכע די אַראַבישע כוליגאַנעס האָבן חרוב גע־מאַכט בעת דעם פּאָגראָם פון 1947. אויך די שול, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אין דער שכונה, האָבן זיי רואינירט. איך האָב באַזוכט דעם פאָר־שטייער פון דער קהילה, סעלים בעניז. ער האָט מיר באַוויזן סימנים פון די קוילן פון די פּאָגראָמשטשיקעס אין זיין הויז און דערציילט, אַז זיין פאָטער איז אויך געפאַלן אין יענעם פּאָגראָם. בסך־הכל זיינען דערהרגעט געוואָרן 80 יידן, און אַ סך פאַרוואונדעט. דער זכר פון דעם פּאָגראָם שוועבט ווי אַ כמאַרע איבער דער יידישער קהילה אין עדן.

איך בין געגאַנגען אין דער גרויסער שול און געהאַלטן דאָרטן אַ רעדע אויף העברעאיש. דער עולם האָט געהאָרכט און פאַרשטאַנען; קיין איבער־זעצער האָט מען ניט נויטיק געהאַט. צוערשט, פאַר דער רעדע, האָט מען מיך מכבד געווען מיט הדלקת נר חנוכה (דאָס פינפטע ליכטל) און דער גאַנצער עולם האָט געענטפערט אמן. נאָך מיין רעדע האָט מען געמאַכט אַ „מי שברך" דעם פּרעזידענט פון מדינת ישראל און געזאָגט אַ ספּעציעלע תפילה פאַר דעם וואויל פון אונזער מדינה. די שול איז געווען פול. נאָך דער תפילה זיינען אַ סך פון די פאַרזאַמלטע צוגעגאַנגען צו מיר און נאָכגעפרעגט זיך וועגן דער לאַגע ביי אונז אין לאַנד.

מיט סעלים בעניז, דעם פאָרשטייער פון דער קהילה, האָב איך געהאַט עטלעכע שמועסן. פון דער גרויסער יידישער קהילה, האָט ער געזאָגט, איז געבליבן ניט מער ווי אַ דריטל, 1300—1500 נפשות. די איבעריקע האָבן פאַרלאָזן עדן נאָך דעם פּאָגראָם; אַ טייל זיינען היינט אין מדינת ישראל, 700 בערך; נאָך אַ סך האָבן בדעה צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. די רייכע אָבער האָבן קיין חשק ניט צו רירן זיך פון אָרט: די עסקים האַלטן זיי.

עטלעכע מאָל האָט מיך בעניז געפרעגט, אויב מדינת ישראל דאַרף ניט האָבן קיין פאָרטרעטער אין עדן. ס'וועט דאָך קומען אַ סוף צו דער מלחמה (צווישן יידן און אַראַבער אין ארץ־ישראל), האָט ער געטענהט, און עדן איז אַ וויכטיקער האַנדלס־פּונקט צווישן אינדיע, סאָמאַלי און דרום־אַפריקע, פון

איין זייט, און דעם ים התיכון, פון דער אַנדערער זייט. אין דעם בין איך מיט אים מסכים געווען: מדינת ישראל וועט געוויס האָבן עקאָנאָמישע אינטע־רעסן אין ים־סוף און באַדאַרפן אַ פאַרטרעטונג אין עדן; אָבער ס׳איז נאָך ניט געקומען די צייט פאַר דעם. ווען די לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן, און די אומ־שטענדן וועלן צולאָזן, וועט מדינת ישראל מסתמא שיקן קיין עדן אַ ספּעציעלע, קאָמערציעלע און פּאָליטישע, פאַרטרעטונג; דעמאָלט וועט מען זיכער באַנוצן זיך מיט די קענטענישן און באַציאונגען פון די אָרטיקע יידן און משתף זיין זיי אין דער פאַרטרעטונג.

סעלים בענין האָט מיך אַרומגעפירט איבערן גרויסן פּאָרט פון עדן. איך האָב דאָרט געזען הונדערטער זעגל־שיפלעך פון סאָמאַלי און פון אַנדערע מזרח־אַפריקאַנישע לענדער. זיי ברענגען בהמות (בפרט אַ באַזונדערן מין ציגן), פּרוכטן, פעל און פאַרשידענע סמים. די אַרבעטער אויף די שיפן זיינען מערסטנס נעגערס פון אַפריקע, אינדיער און אינדאָנעזער. עדן, זייענדיק אַ פרייער פּאָרט, ציט צו אַ מאַסע שיפן. איך האָב געפרעגט בענינען, אויב יידן האָבן אַ חלק אין ים־מסחר, און אויב זיי האָבן אייגענע שיפן. אויף דער ערשטער שאלה האָט ער געענטפערט: יאָ; אויף דער אַנדערער: ניין. אין דעם פּאָרט פון עדן האָט מען געבויט גרויסע פאַבריקן און איינריכטונגען אויף צו פאַרריכטן שיפן, און אויך אויף צו בויען נייע שיפן.

אין עדן האָב איך זיך דערוואוסט פון די העצערייען און עלילות אויף יידן און אויף מדינת ישראל וואָס די אַראַבער, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון ארץ־ישראל, פאַרשפרייטן דאָ. פאַראַן פון זיי וועלכע באַטייליקן זיך אין דער היגער פּרעסע און דרוקן כסדר שקרים און גוזמאות וועגן דעם וואָס קומט פאַר אין אונזער לאַנד: די רעגירונג פון ישראל (שרייבן זיי) פירט פאַרהאַנד־לונגען מיט עבד־אללה פון עבר־הירדן, רודפט די פאַרבליבענע אַראַבער א. אַ. וו. די ענגלישע אַדמיניסטראַציע אין עדן האַלט זיך אין דער זייט, „ס׳איז ניט איר עסק״, און די יידן טוען גאָנץ ווייניק קעגן די דאָזיגע סיס־טעמאַטישע עלילות און בלבולים.

ווייטער האָב איך געהערט, אַז אייניקע פון די אַראַבישע פּליטים זיינען פאַרקראָכן ביז אין תימן און האָבן דאָרטן באַקומען שטעלעס אין דער פּאָליציי. זיי האָבן דאָס פאַרמסרט די יידן פון נאדשראַן פאַר איבן־סאַאודן. זיי לויערן אויף די יידן, וועלכע פאַרלאָזן תימן, און טוען זיי אָן צרות וויפיל זיי קענען. איך האַלט, אַז מיר דאַרפן פאַרשפרייטן ידיעות און אויפקלערונגען אויף

אַראַביש אויך. ס׳איז נויטיק צו פּובליקירן העפּטלעך מיט פֿאַקטן פֿון ארץ־ישראל; די אָנגעשטעלטע פֿון דער „סוכנות" וועלן זיי פֿאַרשפּרייטן אין עדן און אין תימן. ביז אַהער האָט מען נאָך גאָרנישט ניט געטאָן אין דעם ענין. מ׳טאָר ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די ליגנערישע אַגיטאַציע פֿון די אַראַבער. אַז מ׳קען יאָ וואָס מאַכן זעען מיר פֿון דעםביישפּיל פֿון דר. גאָגרין (אַן ענגלענדער, אַלט־איינגעזעסענער אין עדן). ער איז אַ יידן־פֿריינט, און שטייט אויך אין גוטע באַציאונגען מיט אַ גרויסן קרייז פֿון אַראַבער. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט באַזוכט מדינת ישראל און קומענדיק צוריק פֿאַרזאַמלט אַלע זיינע אַראַבישע פֿריינט, אָנגעזעענע פּאַרשוינען, און האָט זיי דערציילט וואָס ער האָט געזען דאָרטן, און ווי איז די באַציאונג פֿון דער רעגירונג צו די אַראַבער; בפרט, ווי מ׳היילט אַראַבישע קראַנקע אין די יידישע שפּיטאָלן. ער האָט אָפּגעלייקנט די עלילות אויף ישראל, וואָס מ׳פֿאַרשפּרייט אין עדן.

פינפטער טייל

לא יסור שבט מיהודה

„...אויב ס׳איז פֿאַראַן אַן אָרט אין גלות, וואו יידן האָבן אַ נחלה און אַ מלוכה, און מ׳דריקט זיי ניט און מ׳הערשט ניט איבער זיי; און אויב איך חייס אַז ס׳איז טאַקע אַן אמת, וואָלט איך מוותר געווען אויף מיין כבוד און אָפּגעזאָגט זיך פֿון מיין גרויסקייט און פֿאַרלאָזן מיין משפּחה, און וואָלט געגאַנגען איבער בערג און בערגלעך, מיטן ים און מיט דער יבשה, ביז איך קום אַהין וואו מיין האַר, דער קעניג, לאַגערט...

(חסדאי איבן שפּרוט אין זיין בריוו צו דעם קעניג פֿון די כאַזאָרן)

א.

נאָך דעם חורבן פֿון בית־המקדש און פֿון דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט איז די שטרעבונג צו אַ פּאָליטישן קיום ניט אויסגעלאָשן געוואָרן אין האַרצן ביי דעם צעזייטן און פֿאַרוואָגלטן פֿאָלק. אַ ראיה האָבן מיר פֿון זיין שטענדיקן טיפֿן לעכצן נאָכן פֿאָטערלאַנד, און פֿון זיין האָפֿן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין אַלע דורות, אומקערן זיך אַהין. ווייטער זאָגן עדות אויף דעם זיינע כסדרדיקע באַמיאונגען צו שאַפֿן זיך — וואו ס׳האָט זיך געלאָזן און ווי ווייט ס׳האָט זיך

געלאָזן — אַ פאָרם פון זעלבסטשטענדיקייט, אָבער — אָן אָפּזאָגן זיך פון שיבת ציון. אין פאַרשידענע לענדער און אין פאַרשידענע צייטן האָבן די יידן געמאַכט אָנשטרענגונגען — טיילוויז געלונגענע — צו בויען זיך אַן אומאָפּהענגיק לעבן אין גלות. און דאָס אַליין, וואָס אַזעלכע נסיונות האָבן זיך איבערגעחזרט אַ סך מאָל במשך פון דעם צוויי־טויזנט־יעריקן גלות, באַווייזט אַז דאָס זיינען געווען ניט קיין צופעליקע אויסברוכן, נאָר אַנטפּלעקונגען פון דעם פאָלקס־ווילן צו האָבן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

דאָ דאַרף איך מאַכן צוויי באַמערקונגען:

ערשטנס, ווי געזאָגט, די באַמיאונגען צו גרינדן יידישע מלוכות אין גלות האָבן קיינמאָל ניט געמיינט אַז מען איז מוותר אויף ארץ־ישראל. אדרבא, מיר האָבן געענוג באַווייזן, אַז אין די אויגן פונעם יידישן פאָלק זיינען די יידישע מדינות אין גלות־לענדער קיינמאָל ניט געווען קיין צוועק פאַר זיך, נאָר אַ וועג צו לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם; און די הערשער פון יענע מדינות האָבן אָפט דערקלערט זייער טיפע אמונה אַז שיבת ציון וועט פאַר־ווירקלעכט ווערן און די נבואות פון נביאי ישראל וועלן מקוים ווערן אין פולן. אַזוי בפירוש האָט געשריבן דער כאַזאַרישער קעניג יוסף צו חסדאי איבן שאַפּרוט; און אַזוי, אָן ספק, זיינען געווען די געפילן פון די קעניגן פון חמיר (כימיאַר) — מיר זעען דאָס באַשיינפּערלעך אין דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן זיך באַשטעלט קברים אין ארץ־ישראל, אין בית־שערים — אַ מהלך פון אַכציק קאַראַוואַנען־סטאַנציעס פון זייער לאַנד.

נאָך אַ זאַך דאַרפן מיר וויסן: אַלע נסיונות צו גרינדן יידישע מלוכות אין גלות — מעג דאָס זיין אויפן אַראַבישן האַלבאינזל אָדער אין אַביסיניע, אין כאַזאַריע אָדער אין צפון־אַפריקע, אין תחום פון די בערבערישע שבטים — האָבן תמיד אויפגעהויבן אַ נייע כוואַליע פון משיחישער התלהבות און שטאַר־קער אמונה אין אַ פולער גאולה, אין אַ זאַמלונג פון אַלע פאַרוואָגלטע ברידער אין דעם לאַנד פון זייערע אָבות. אָפט האָבן די משיחישע באַוועגונגען — אין נאָענטע און אין וויטע לענדער — אָנגענומען אַ מיסטישן כאַראַקטער; אָבער אַלעמאָל האָבן זיי געצויגן זייער כח פון דעם גלויבן אַז דער געדאַנק וועגן אַ יידישער אומאָפּהענגיקייט איז ניט קיין כימערע: זי מוז און וועט קומען.

צווייטנס, מ׳דאַרף אונטערשיידן צווישן אויפשטאַנדן און פאַרצווייפלטע אויסברוכן, אָנגעפירט פון פאַלשע משיחים — ווי למשל סירעני (270) אָדער עובדיה פון איספאַהאַן (750—754) און אַנדערע, משיחים, וועלכע האָבן געזוכט

צו שאַפֿן זיך אַן אָנהאַלטס־פּונקט אין גלות אום צו רעאַליזירן זייער טרוים פון קומען קיין ארץ־ישראל בדרך נס — און באַוועגונגען וועלכע האָבן באמת געפירט צו דער גרינדונג פון יידישע מלוכות אין גלות, ווי די פון וועלכע ס׳וועט זיין די רייד אין דעם קאַפּיטל.

די באַמיאונגען פון יידן צו דערגרייכן פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט אין גלות האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט; אָבער ס׳איז זיי ניט באַשערט געווען — ניט בשעת מעשה און ניט שפּעטער — צו האָבן היסטאָריקער, כראָניק־שרייבער, וועלכע זאָלן פאַרצייכענען זייער געשיכטע, ווי ס׳איז פאַר־צייכנט געוואָרן די געשיכטע פון אונזער פאָלק אין ארץ־ישראל אין צייט פון צווייטן בית־המקדש. און טאַקע, דאָס וואָס מיר ווייסן וועגן די יידישע מלוכות אין גלות זיינען נאָר ברעקלעך ידיעות, קורצע און צופעליקע באַמערקונגען אין אונזער אַלטער ליטעראַטור אָדער אין פרעמדע קוועלן. ממשותדיקע אַרכעאָלאָגישע רעשטן זיינען כמעט ניטאָ; און וואו מ׳האָט געפונען אַזעלכע רעשטן זיינען זיי גאַנץ ווייניק אויסגעפאָרשט געוואָרן. פון די גייסטיקע און רעליגיעזע שאַפונגען אין יענע מלוכות איז אויך כמעט גאָרנישט ניט געבליבן. אפשר וועלן זיך נאָך אָפּגעפינען באַהאַלטענע אוצרות, וועלכע וועלן באַרייכערן אונזערע קענטעניש. דערווייל קענען מיר נאָר איינצלנע פאַקטן, ספּאָראַדישע פונקען. דאָך די עקזיסטענץ פון יידישע מלוכות אין גלות, אין פאַרשידענע לענדער און עפּאָכעס, איז אַ באַקאַנטער און זיכערער פאַקט. ס׳איז צייט צוזאַמענצונעמען די שטיקלעך ידיעות, וואָס מיר פאַרמאָגן, און זען צו געווינען, ווי ווייט מעגלעך, אַ גאַנץ בילד.

אין דעם קאַפּיטל בין איך אויסן אָפּצושטעלן זיך אויף אייניקע בולטע פאַקטן, זוכן די פאַרבינדונג צווישן זיי, און אויפקלערן, ווי ווייט עס לאָזט זיך, דעם גאַנג פון דעם דורות־לאַנגן קאַמף פון אונזער פאָלק — אין זיין צעזייאונג — פאַר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

איך האָב געפונען צוועלף פאַרזוכן צו דערגרייכן אַ פּאָליטישן קיום אין גלות — אַ טייל פון זיי האָבן געפירט צום גרינדן פון יידישע מדינות, וועלכע האָבן געשפּילט אַ פּאָליטישע ראָלע. צוויי פון די מדינות זיינען געוואָרן גרויסע ממלכות, האָבן עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט און געוועלטיקט איבער אַ סך פעל־קער און לענדער.

צו דעם מין געהערט קודם־כל די יידישע פאַר־איסלאַמישע מדינה אין דרום־אַראַביע, די חימיאַרישע מלוכה אין תימן: מחמת דעם חורבן און די

פורעניות אין ארץ־ישראל האָבן מאַסן יידן אויסגעוואַנדערט קיין אַראַביע און אַזוי אַרום האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג אין תימן. אין חימיאַר האָבן געהערשט, לכל הפחות, צוויי קעניגלעכע דינאַסטיעס, וועלכע האָבן זיך מגייר געווען. און אין כעדזשאַז, אין צפון פון חימיאַר, זיינען אויס־געוואַקסן באַדייטנדיקע יידישע ישובים. זיי האָבן געהאַט אַ שטאַטישן צענטער אין מדינה און גוט־באַפעסטיקטע פונקטן אין און אַרום חיבר (חייבאַר). אין כעדזשאַז, אַרום די דאָזיקע צענטערס, האָבן זיך גרופירט אַ סך יידישע דערפער, האָבן געלאַגערט אָדער געוואַנדערט יידישע מדבר־שבטים, און אייניקע פון די נאָענטע אַראַבישע שבטים האָבן זיך מגייר געווען. די אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ פון די יידישע ישובים אין כעדזשאַז האָט אָנגעהאַלטן ביז מוחמדן, ד. ה. ביזן סוף פונעם ערשטן פערטל פון דעם 7טן יאָרהונדערט.

די צווייטע גרויסע מדינה — נאָך חימיאַר און די אומאָפּהענגיקע שבטים און ישובים אין כעדזשאַז — איז געווען די יידיש־כאַזאַרישע מלוכה. די מלוכה האָט זיך באַוויזן אויף דער היסטאָרישער אַרענע אין 7טן יאָרהונדערט; אין גיכן האָט זי זיך פאַרשפּרייט אין צפון פון קאַספּישן ים און פון קאַווקאַז, איבער די ווייטע סטעפּן, צווישן די טייכן דאָן און איטיל (וואָלגאַ). שפּעטער האָט זי זיך נאָך מער פאַרברייטערט אין מזרח־זייט און אין מערב־זייט, האָט אײַנקאָר־פּאָרירט דעם קרימער האַלבאינזל, דערגרייכט ביזן רוסישן קיעוו און ביז אין באַלקאַנישן האַלבאינזל און אַרויפגעלייגט די האַנט אויף הונגאַריע. דער גרויסער און קולטורעל־הויך־שטייענדיקער יידישער ישוב אין כאַזאַריע האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויפן פאָלק, און באַזונדערס אויף די אויבערשטע קלאַסן. אין מיטן פונעם 8טן יאָרהונדערט האָט זיך מגייר געווען די קעניג־לעכע פאַמיליע און מיט איר די האָרן, די מיליטער און אַ היפּשער טייל פון דער באַפעלקערונג. כאַזאַריע האָט עקזיסטירט ווי אַ מעכטיקע מלוכה, אין מזרח־דרום־זייט פון אייראָפּע, אַרום 250 יאָר, און אירע רעשטן, נאָך דעם ווי זי איז באַזיגט און צעשטערט געוואָרן פון די קיעווער רוסן, האָבן באַוואַרט זייער זעלבסטשטענדיקייט — לויט די נייע פאָרשונגען — נאָך אַ פּאָר הונדערט יאָר — בסך־הכל האָט דער פּאָליטישער קיום פון כאַזארישן יידנטום גע־דויערט ביי 500 יאָר (740 — 1240).

אין דער צווייטער קאַטעגאָריע, ד. ה. יידישע מדינות וועלכע האָבן געהאַט אַ קורצן קיום, קענען מיר צען פאַלן.

ראשית, אין אַביסיניע, בשכנות מיט תימן. אונטער דער השפּעה פון

די ידישע קעניגן אין חימיאר, וועלכע האבן א געוויסע צייט געוועלטיקט אין אביסיניע, האט זיך דער יידישער עלעמענט פארמערט דארטן, פריער ווי דאס קריסטנטום האט זיך באפעסטיקט (אין 3טן יארהונדערט). אין דער פארצייטיקער אביסיניע האט דאס יידנטום איבערגעלעבט גרויסע און פלוצלעכע ענדערונגען, צייטן פון גדולה און פון קאטאסטראפעס און ירידה. דריי רעליגיעס האבן זיך געראנגלט און געקעמפט פאר מאכט אין לאנד: „קריסטנטום, יידנטום און איסלאם. ס׳זיינען געווען צייטן ווען יידן האבן געוואונען די אויבערהאנט אין געוויסע וויכטיקע טיילן פון אביסיניע, ווי למשל צום סוף פון ערשטן יארטויזנט פון דער קריסטלעכער רעכענונג. שפעטער, אין 14טן יארהונדערט, איז ווידער אויפגעקומען א יידישע מלוכה אין צפון פון אביסיניע — די מלוכה פון די פאלאשאס. פון אלע זייטן איז זי געווען ארומגערינגלט פון פיינט — קריסטלעכע, מוסולמענישע און נעגערשע, געצנדינערישע, הערשער — און האט א לאנגע צייט געקעמפט פאר איר קיום. אין 17טן יארהונדערט האבן די קריסטן גובר געווען און חרוב געמאכט די זעלבסטשטענדיקייט פון די פאלאשאס[1].

די צווייטע מדינה, אין דער קאטעגאריע, איז אדיאבענע (חדייב). די קעניגן פון אדיאבענע האבן זיך מגייר געווען אין ערשטן יארהונדערט לויט דער קריסטלעכער רעכענונג. באקאנט זיינען די נעמען פון דער קעניגין העלענע און אירע זין. זייערע קברים אין ירושלים עקזיסטירן ביז היינט. דאס זיינען די „קברי מלכים״ — פריער איז געווען א מיינונג אז דאס איז דער קבר פון „כלבא שבוע״.

די דריטע איז ארויסגעקומען פון דעם אויפשטאנד פון די ברידער חסינאי און חנילאי — א קליינע מדינה אין דרום־בבל, וועלכע האט געהאט א קורצן לעבנס־דויער. אונטער דער אנפירונג פון די צוויי ברידער האבן די יידן אין יענער געגנט אראפגעווארפן פון זיך די אויבערהערשאפט פון דעם פארטישן קעניג ארטאבאן. זייער אומאפהענגיקייט האט אנגעהאלטן בלויז א יאר זעכצן.

דער פערטער פאל איז פארבונדן מיטן נאמען פון זינאביא, די קעניגין פון תדמור (פאלמירא). זי האט זיך מגייר געווען אין יאר 264. וועגן איר וועט נאך שפעטער זיין די רייד.

די פינפטע איז געווען א קליינע מדינה אויפן אינזל יטבה (יאטוא) אדער

1) זע „מלחמת שרץ דנגל (סארץ דענגעל) עם הפלשא״, העברעאיש: י. הלוי, פאריס, 1907.

יטבתה, ביים אַריינגאַנג פון ים־סוף אין דעם ים־בוזים פון אילת (איילאַט). אין 6טן יאָרהונדערט האָט זי נאָך עקזיסטירט. דער ביזאַנטישער היסטאָריקער פּראָקאָפּיאָס דערציילט ווי דער ביזאַנטישער קיסר יוסטיניאַנאָס (527—565) האָט זי חרב געמאַכט.

דער זעקסטער נסיון איז ווידער אין בבל: מר זוטרא, דער ראש הגולה, האָט מורד געווען אין דעם פּערסישן קעניג קובאַד (520).

די זיבעטע מדינה האָט געגרינדעט יוסף רבן (ראַבאַן) אין 4טן יאָרהונ־דערט, אין מאַלאַבאַר, אויפן מערב־ברעג פונעם אינדישן האַלבאינזל. זי האָט עקזיסטירט אַ יאָר טויזנט. פון איר שטאַמט די איצטיקע יידישע קהילה אין קאָטשין (היינט, אין 1962, זיינען שוין כמעט אַלע קאָטשינער יידן אין מדינת ישראל).

אין דער אַכטער — אַ יידיש־בערבערישע מדינה אין צפון־אַפריקע אין 7טן יאָרהונדערט — איז היסטאָריש־באַקאַנט די קעניגין כאַהינאַ אַ־דאהיה.

די ניינטע, אויך אין צפון־אַפריקע, אין וואַדי דרעה (דאַראַא), האָט עקזיס־טירט אין 11טן יאָרהונדערט.

די צענטע, אויטאָנאָמע יידישע קאָלאָניעס אין אורוואַלד פון סורינאַם (האָלענדישע גוויאַנאַ), האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע דורות אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט.

ב.

די ערשטע סימנים פון יידישע באַמיאונגען צו געווינען פּאָליטישע זעלב־שטענדיקייט אין גלות מערקט מען שוין ביי די גולים פון שומרון. פון תנ״ך ווייסן מיר נאָר דעם פאַקט, אַז זיי זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן קיין חלח, חבור, גוזן און אין די שטעט פון מדי. וואָס מיט זיי איז דערנאָך געשען, שטייט דאָרטן ניט. פון דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור, פון די אַפּאָקריפן, פון תלמוד און מדרשים, איז אונז באַקאַנט די עקזיסטענץ פון באַדייטנדיקע יידישע ישובים אין יענע קאַנטן. זיי האָבן געשטאַמט פון די פאַרוואָגלטע עשרת השבטים. אָבער פון זייער פּאָליטישער לאַגע ווייסן מיר גאָרנישט ניט. ערשט פון דער עפּאָכע פון די גאונים האָבן מיר אַביסל צופעליקע ידיעות — על פי רוב פאַנטאַסטישע — וועגן אַ יידישער מלוכה אָדער וועגן פרייע יידישע שבטים „אויף יענער זייט פון סמבטיון״, אין די בערג פון קאַווקאַז א. אַ. וו.

(אלדד הדני); און נאָך שפּעטער — רייעלערע ידיעות פון פּתחיה מרעגענסבורג און פון בנימין מטודעלאַ וועגן דעם אויפשטאַנד פון דוד אלראָי אין קורדיסטאַן און אַנדערע געשעענישן.

פון די קאַווקאַזישע יידן איז שוין געווען די רייד. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז זיי שטאַמען פון אַמאָליקע יידישע שבטים, וועלכע האָבן געפירט אַ פריי און זעלבסטשטענדיק לעבן אין די בערג פון קאַווקאַז. על כל פנים אַזוי זאָגן די טראַדיציעס פון די גרוזינישע און דאַגעסטאַנער יידן; און ראיות דערצו געפינט מען אויך אין אַלטע אַרמענישע און גרוזישע כראָניקעס. אָבער קיין קלאָרע ידיעות מכוח די פּאַרצייטיקע יידישע שבטים אין קאַווקאַז האָבן מיר ניט; מיר מוזן באַגנוגענען זיך מיט דעם ביסל וואָס איז געזאָגט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל („די בערג־יידן פון קאַווקאַז").

לאָמיר אַנהויבן פון מצרים. אין תנ"ך געפינען מיר עטלעכע באַמערקונגען, וועלכע דייטן אָן גאַנץ קלאָר אויף אַ יידישן ישוב אין מצרים אין צייט פון ערשטן בית־המקדש. ישעיהו הנביא זאָגט: „אין יענעם טאָג וועלן פינף שטעט — אין לאַנד פון מצרים — רעדן דעם לשון פון כנען (העברעאיש) און שווערן זיך ביי ה' צבאות" (י"ט, 18). מסתמא זיינען געמיינט דערמיט די יידישע באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן געדינט די קעניגן פון מצרים און פון פּערסיע (ווען די פּערסן האָבן געהערשט אין מצרים), ווי ס'איז באַקאַנט געוואָרן פון די פּאַפּירוסן, וואָס מ'האָט געפונען אין יב (יעוו, עלעפאַנטינע) און אין סונה (סווענע, היינט אַסואַן), אין אויבערשטן מצרים. ס'איז אַ סברה, אַז די היינטיקע פאַלאַשאַס זיינען קינדס־קינדער פון יענע יידישע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען, מיט דער צייט, צו פאַרלאָזן מצרים און אויסוואַנדערן קיין אַביסיניע. דאָרטן האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיט אַפריקאַנישע עלעמענטן און מיט צוגעקומענע יידן און גרים פון תימן.

ווייטערדיקע ידיעות וועגן יידישע ישובים אין מצרים געפינען מיר אין דער העלעניסטישער ליטעראַטור. פון דעם באַקאַנטן בריוו פון אַריסטעאַס ווייסן מיר, אַז יידן האָבן געדינט אין דער אַרמיי פון פרעה פּסאַמתיך ב' (593—588 פאַר דער קריסטלעכער רעכענונג) און באַטייליקט זיך אין זיין מלחמה מיט די נוביער. אין דעם בריוו שטייט אויך, אַז יידן זיינען געקומען קיין מצרים מיט די פּערסן. און די פּאַפּירוסן פון יב מאַכן קלאָר, אַז אַ יידישער ישוב האָט עקזיסטירט לעבן דער דרומדיקער גרענעץ פון מצרים נאָך איידער די פּערסן האָבן איינגענומען דאָס לאַנד; און דאַן — אין דער צייט פון דער

פערסישער הערשאַפט. אונטער דער פּטאָלאָמעאישער דינאַסטיע האָט זיך דער יידישער ישוב אין מצרים גיך פאַרמערט. דער בריוו פון אַריסטעאַס זאָגט, אַז פּטאָלאָמעאָס א׳ סאָטער, האָט געבראַכט קיין מצרים (אין יאָר 320 פאַר דער קריסטלעכער רעכענונג) 100,000 געפאַנגענע יידן; און זיין זון, פּטאָלאָמעאָס ב׳ פילאַדעלפאָס, האָט זיי געגעבן די פרייהייט.

אויב דאָס איז אַ פּינקטלעכע צאָל אָדער ניט, זיכער איז, אַז אַ היפשער יידישער, מיליטעריש־אַגראַרער ישוב האָט עקזיסטירט אַ סך דורות אין דרום פון מצרים און האָט געהאַט אַ מין לאָקאַלע אויטאָנאָמיע. דער טעם פון זיין זיין דאָרטן, און דער מקור פון זיין קיום, זיינען געווען מיליטער־דינסט און ערד־אַרבעט: די יידישע מיליטער האָט געהאַט אַ וויכטיקע פונקציע אין פאַר־טיידיקן די גרענעצן פון מצרים. שפּעטער איז געקומען אַ צייט פון צוזאַמענ־שטויסן מיט די מצרים, פון רדיפות. די יידן האָבן גענומען אויסוואַנדערן ווייטער אין דרום־זייט, קיין נוביע. ס׳זעט אויס, אַז זיי זיינען געווען די ערשטע שיכט פון דער גרויסער יידישער באַפעלקערונג אין אַביסיניע, פון וועלכער ס׳איז היינט געבליבן אַ קליין רעשטל — די פאַלאַשאַס.

פון די ברעגן פון נילוס מאַכן מיר אַ שפּרונג צו די ברעגן פון פרת און חידקל. אין דער עפּאָכע פון דער פּאַרטישער אימפּעריע האָבן די יידן, צייטנ־וויז, געוואונען פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט אין אייניקע טיילן פון מעסאָ־פּאָטאַמיע. אויבן האָב איך שוין באַמערקט, אַז אין ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער רעכענונג האָבן זיך די קעניגן פון אַדיאַבענע (אַ פּאַרטישע מדינה אין צפון פון בבל, אויפן טייך זאַב, וועלכער פאַלט אַריין אין פרת) מגייר געווען אונטער דער השפעה פון חכמי ישראל: די קעניגין העלענע (געשטאָרבן אין יאָר 45 קריס. רעכ.) מיט אירע צוויי זין, זוטוס (איזאַטאָס) און מאָנבאַז, און מיט אַ סך פון זייערע האַרן [2].

2) אין תלמוד שטייט מכוח דעם גיור אין יענע קאַנטן: „און מ׳נעמט אַריין גרים פון די קרדויים (מסתמא קורדן) און פון די פּאַלמירער" (יבמות, ט"ז, ב). אַדיאַבענע איז נאָענט צו די בערג פון קאַרדוי, און תרגום יונתן צו ירמיהו (נ"א, כ"ז) זאָגט: „זיי וועלן טראָגן אַ פאָן אין לאַנד... מלוכות פון אַררט, מני און אַשכנז: מלוכות פון לאַנד קאַרדו משרית הורמיני (אַרמעניע) און אדיאַבענע". יעקב אבערמייער האָט געשריבן, ציטירנדיק פּ. ריטער „די לאַנדשאַפט באַבילאָניענס" אין „צייטאַלטער דעס תלמודס", פראַנק־פורט (1929), „קאָן זיין אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרמערט אַדאַנק דער שוץ פון די אַדיאַבענער קעניגן... אָבער (שפּעטער) — מחמת דער פּראָפּאַגאַנדע פון קריסטלעכע מיסיאָנערן, וועלכע האָט זיך דאָרטן פאַרשפּרייט, האָבן יידן אָנגעהויבן שמדן זיך און צושטיין צו דער סוריאַנישער קירכע, ווי, למשל, אין עדעסא (אורפא)

צוויי אָדער דריי דורות האָט די יידישע רעליגיע געהאַט אַ הערשנדיקע פּאָזיציע אין אַדיאַבענע, און די באַפעלקערונג האָט געהערט תורה פון מויל פון יידישע געלערנטע. די מיטגלידער פון דער קעניגלעכער פאַמיליע זיינען זיך נוהג געווען עולה־רגל־זיין קיין ירושלים מיט מתנות פאַרן בית־המקדש, וואו זיי פלעגן פאַרבלייבן אַ געוויסע צייט בכדי צו לערנען תורה; זיי פלעגן אויך ברענגען די ביינער פון זייערע אבות צו קבורה אין ירושלים. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז זיי האָבן אויסגעבויט אין ירושלים גרויסאַרטיקע קברים, וועלכע עקזיסטירן ביז היינט און מ׳רופט זיי „קברי מלכים״. בעת דער מלחמה מיט רוים (68־69 לויט דער קריסטלעכער רעכענונג) האָבן אַדיאַבענער פּרינצן, מיט זייערע מענטשן, אַקטיוו באַטייליקט זיך אין דער פאַרטיידיקונג פון ירו־שלים. אָבער פון נאָכן חורבן האָבן מיר ניט קיין ידיעות וועגן זיי [3].

אין דרום פון מעסאָפּאָטאַמיע, ביים גרענעץ פון פּרס און בבל, האָט די יידישע באַפעלקערונג געשטרעבט צו באַפרייען זיך פון דער פּאַרטישער הער־שאַפט. דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן אין דער צייט פון דעם פּאַרטישן קעניג אַרטאַבאַן ב׳ (10—40 לויט דער קריס. רעכ.). די אָנפירער זיינען געווען צוויי ברידער, חסינאי און חנילאי. נאָך אונזערע קוועלן האָבן זיי באַוואָרט די זעלבסטשטענדיקייט פון יענער געגנט אַ יאָר זעכצן. אין יאָר 36 בערך זיינען זיי באַזיגט געוואָרן פון מיטרידיאַטן, דעם איידעם פון אַרטאַבאַן, און ס׳איז געקומען אַ סוף צו זייער מדינה און אַ חורבן אויפן דאָרטיקן יידישן ישוב. די רעשטן פון די יידישע קעמפער האָבן זיך צעזייט; אַ טייל איז אַנטלאָפן קיין סעלעווקיע, ניט ווייט פונעם אָרט וואו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען די שטאָט בבל, אַנדערע קיין נהרדעא און נציבין, די באַרימטע צענטערס פון יידישן לערנען. אייניקע פון זייערע קינדער האָבן געלערנט אין די דאָרטיקע ישיבות און ס׳זיינען אַרויסגעקומען פון זיי באַקאַנטע תלמידי־חכמים.

און בי־זבדא, און דער יידישער ישוב איז קלענער געוואָרן און כמעט אין גאַנצן פאַר־שוואונדן״. אין מסכתא „יבמות אַמפּערט מען זיך וועגן די גרים — אויב מ׳מעג, אָדער מ׳טאָר ניט אַרייננעמען גרים פון קאַרדו (לעבן אַדיאַבענע) און תרמודיים (תדמורים, פּאַלער־מיער). כאַראַקטעריסטיש איז דאָס גלייכן פון די אַדיאַבענער פון פּאַלמירער גרים. דאָ און דאָרט זיינען געווען אַ סך גרים און קינדער פון יידן מיט גרים. די תדמורים האָבן זיך מתיחס געווען צו די „קנעכט פון שלמה המלך״, וועלכע האָבן גענומען יידישע ווייבער, און אויך צו פּאַלמירישע סאָלדאַטן, ניט־יידן, וועלכע האָבן גענומען מיט געוואַלד יידישע טעכטער פון ירושלים, בעתן הורבן (יבמות, ט״ז, א).

3) יוסף פלאַוויוס, „אַלטערטימער״, בוך 20, 2; דר. מ. כהן, „קברי המלכים״, די מצבה פון די אַדיאַבענער קעניגן, תל־אביב, תש״א (1940).

דאָ איז דער אָרט צו דערמאָנען זינוביה המלכה, די קעניגין פון פּאַלמירא, די פרוי פון פּפּא בר־נצר (אָדינאַט — אין די רוימישע כראָניקעס) [4]. נאָכן טויט פון איר מאַן האָט זי געהערשט זעלבסטשטענדיק, אין נאָמען פון איר זון, און געפירט גרויסע מלחמות. זי האָט איינגענומען סיריע און מעסאָפּאָ־טאַמיע און פאַרשפּרייט איר הערשאַפט פון קאַפּאַדאָקיע ביז מצרים. זי האָט געשטאַמט פון אַן אַראַבישן שבט. פון זיכערע קריסטלעכע קוועלן איז באַקאַנט, אַז זי האָט זיך מגייר געווען. די יידישע קוועלן ברענגען ניט קיין קלאָרע ידיעות וועגן איר. אין תלמוד איז דאָ אַ רייד פון אַ פּאָליטישער מחלוקת צווישן איר און תלמידי־חכמים. אייניקע פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַן אויפשטאַנד קעגן איר. איינער, עולא בר־קושר, איז אַנטלאָפן קיין לוד און האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין הויז פון ר׳ יהושע בן־לוי. צולעצט האָט דער רוימישער קיסר אורעליאַנוס באַזיגט אין אַ גרויסער מלחמה די קעניגין זינוביה, איינגענומען איר הויפּטשטאָט און אָוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט זי אַליין. זי איז געשטאָרבן אין רוים אין יאָר 272 בערך. ווייזט אויס, אַז דעמאָלט, נאָך פאַר זינוביה — און אין איר צייט — איז געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג פון גיור אין פּאַלמירא.

אין תלמוד דערציילט זיך פון אבא אריכא (אַ באַרימטער אמורא פון דריטן יאָרהונדערט; דער גרינדער פון דער ישיבה אין סורא), אַז ער איז געווען זייער באַפריינדעט מיט דעם לעצטן קעניג פון דער ארשאקישער (פּאַרטישער) דינאַסטיע, אַרטאַבאַן ה׳ (213—227).

ס׳איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז אין דער פּאַרטישער אימפּעריע, אין יענער עפּאָכע, האָבן די בבלישע יידן געהאַט אַ געווויסע אויטאָנאָמיע, מיט אַן אייגע־נעם „קעניג״ — דעם „ריש גלותא״, וועלכער האָט זיך מתיחס געווען צום הויז פון דוד המלך. דער ריש גלותא האָט געהאַט דאָס רעכט צו משפטן אַלע יידן און אַרויפלייגן שטייערן אויף אַלע יידן. די דאָזיקע פּאָזיציע פון ראש

4) ר׳ בנימין זאָגט, אַז אין תדמור, וועלכע שלמה המלך האָט באַטעסטיקט מיט אַ מויער, זיינען געווען, אין זיין צייט (אין 12טן יאָרהונדערט), „צוויי טויזנט יידישע גבורים, וואָס האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די בני אדום (קריסטן) און מיט בני ערב, אונטערטאַנען פון נור־א־דין; און זיי העלפן זייערע שכנים, די ישמעאלים (אפשר איז דאָ געמיינט די סעקטע פון די איסמעאיליים ?). און בראש (פון די יידן) שטייען רבי יצחק היווני און רבי נתן און רבי עוזיאל״. ס׳זעט אויס, אַז דער יידישער ישוב אין פּאַלמירא איז דעמאָלט געווען אומאָפּהענגיק סיי פון די קריסטן (אדום), סיי פון די סוניטישע מוסולמענער (די אַראַבער).

הגולה האָבן אָנערקענט אַלע דינאַסטיעס פון פּערסיע — די אַכעמענידן, די ארשאקידן, די סאסאנידן. די ראשי הגולה האָבן באַוואָרט זייער אויטאָריטעט ביז אין דער אַראַבישער צייט, און ווייטער אויך, הונדערטער יאָרן — ביז דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע. אַ שיאַיטישער שרייבער פון יענע יאָרן, איינער אַבו אַלאַסוד א־דאלי, גיט איבער זיין שמועס מיט אַ ראש הגולה. „איינמאָל האָב איך באַגעגנט דעם ראש הגולה, האָט ער מיר געזאָגט: ‚זע, פון דוידן ביז מיר זיינען אַריבער זיבעציק דורות. פון דעסטוועגן, ווען זיי (די יידן) זעען מיך גיבן זיי מיר אָפּ כבוד, זיינען מודה אין מיין זכות און באַשטעטיקן מיין ווערדע. און איר (די מוסולמענער) — צווישן אייך און אייער נביא איז אַריבער נאָר איין דור, און שוין האָט איר דערהרגעט זיין זון‘‟ (חוסיין, אַן אייניקל פון מוחמד) [10]).

פאַרשטייט זיך, די הערשאַפט פון ראש הגולה איז ניט געווען קיין מלוכה, אָבער דאָך אַ פעסטער כוח וואָס האָט געקענט, אין געוויסע אומשטענדן, פירן צו פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט; בפרט דאַרף מען מערקן דאָס אויפ־קומען פון יידישע מיליטערישע עלעמענטן אין פּערסיע.

איך וועל דאָ בלויז דערמאָנען צוויי פאַקטן: דעם גרויסן יידישן אויפשטאַנד (755—756; און לויט דעם חשבון פון הרכבי: 745—755) אין דער צייט פונעם כאַליף מאַרוואַן ב׳, הונדערט יאָר נאָך דעם ווי די מוסולמענער האָבן באַהערשט פּערסיע. דער אָנפירער פון יענעם אויסברוך איז געווען דער „פאַלשער משיח‟ עובדיה, אַנדערש אַבו עיסא דער איספאַהאַנער: ער איז אַרויס מיט אַ מחנה פון צען טויזנט מאַן. דער צווייטער פאַקט — דער אויפשטאַנד פון דויד אַלראָאי אין קורדיסטאַן, אין צוועלפטן יאָרהונדערט, וועגן וועלכן מיר וויסן פון דעם באַרימטן יידישן פאַרער, ר׳ בנימין מטודילא. ס׳איז דאָ אַ סברה, אַז דויד אַלראָאי איז געקומען קיין קורדיסטאַן פון כאַזאַריע. על כל פנים, ס׳איז קלאָר, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין פּערסיע און מעסאָפּאָטאַמיע האָט געהאַט אין זיך עלעמענטן, וועלכע זיינען געווען פיאיק צו קעמפן פאַר פּאָליטישע זעלבסט־שטענדיקייט.

איצט וועל איך ברענגען אַ פּאָר ידיעות מכוח דער פּאָליטישער און רעליגיעז־קולטורעלער השפעה פון יידן אין די קעניגלעכע הויפן, אין אַ פריערדיקער עפּאָכע.

5) זע הירשבערג, „בצל האיסלאם‟ (אין שאָטן פון איסלאַם), ז. 42.

די ארשאקישע דינאַסטיע איז געפאַלן אין יאָר 224 בערך, און אויפן טראָן איז אַרויף דער גרינדער פון דער סאסאנישער דינאַסטיע, ארדאַשיר א׳ (226—241), דער זון פון פאפאק. ער האָט ווידער איינגענומען אַ סך פון די לענדער, וועלכע זיינען געווען אונטער דער הערשאַפט פון פערסיע אין דער צייט פון די אַכעמענידן, האָט אָפּגעשלאָגן די אַטאַקע פון דעם רוימישן קיסר, אַלעקסאַנדער סעווערוס, האָט אויפגעלעבט די אַלטע פערסישע רעליגיע פון זאראטוסטרא און גערודפט די „ניט־גלויביקע״, אין דעם אויך די יידן. אָבער שפּעטער הערן מיר פון אַ יידישער השפעה אין הויז פון די סאסאנישע מלכים. דער זון פון ארדאשיר א׳, שאַפּור א׳ (שבור מלכא אין גמרא) איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם באַרימטן אמורא, מר שמואל, און האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן אמתער אוהב ישראל (ב״מ, ע; ע״ז, ע״ז; חולין, ס״ב). אפרא הורמיז, די מוטער פון שבור מלכא ב׳ (שאַפּור דער גרויסער, 309—379) איז, ווייזט אויס, געווען אַ גיורת אָדער נאָענט צו יידישקייט. אין תלמוד שטייט פון איר, אַז זי האָט מקיים געווען אַ סך יידישע מנהגים (נידה, דף כ׳, ע״ב). איר זון, שבור ב׳, האָט געפּלאָגט די יידן מיט צינזן און מיט אַלערליי גזירות. ער האָט אַריבערגעפירט טויזנטער יידן פון אַרמעניע אין איספּאַהאַן און אין אַנדערע פערסישע שטעט. זיין מוטער האָט זיך באַמיט צו העלפן די פאַרפאָלגטע יידן און לינדערן זייער לאַגע. די פערסישע מלכים, וועלכע האָבן געקיניגט נאָך שבור ב׳ — שבור ג׳ (383—388) און יאזדיגארד א׳ (399—420) — זיינען ווידער געווען גוט צו די יידן — רב אשי, מר זוטרא, אמימר און הונא בר־נתן, זיינען געווען פון זייערע נאָענטע פריינט.

יאזדיגארד האָט גענומען פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון אַ ראש הגולה אָדער פון אַ גרויסן תלמיד־חכם; זי איז באַקאַנט אונטערן נאָמען שושנדוכט (שושאַנדאָכט). שושנדוכט האָט געגרינדעט די יידישע קהילה אין איספּאַהאַן, און איר זון, נארסה, איז געווען פון די גרינדער פון דער שטאָט כוואַרעזם. אין 425 האָבן די עפטאַליטן (די „ווייסע הונען״) אַטאַקירט כאַראַסאַן. קעגן זיי האָט זיך געשטעלט בר־אהרן, אַנדערש: באַכראַם־גור (420־438), דער זון פון יאזדיגארד א׳ און שושנדוכט. די מלחמות מיט די „ווייסע הונען״ האָבן געדויערט דעם גרעסטן טייל פון דעם 5טן יאָרהונדערט. יאזדיגארד ב׳ (438—457) האָט ווייטער געפירט דעם קאַמף, און נאָך אים — פירוז (459—484). פירוז האָט געליטן מפּלות און צום סוף געפאַלן אין קריג.

אין די טעג פון דעם פערסישן קעניג קאַבאַד א׳ (488—531) האָבן די יידן

פון בבל ווידער געפּרוּווט אָראָפּוואַרפן פון זיך דעם פּערסישן יאָך. מר זוטרא, דער ראש הגולה, האָט אָנגעפירט דעם אויפשטאַנד. מיט פיר הונדערט מאַן האָט ער גובר געווען די מאזדאקן (חסידים פון זאראַטוסטרא), פאַרטריבן זיי פון מחוזא (אויפן ברעג פון חידקל, דרומדיק פון קטעסיפאָן) און איינגעפירט אַ יידישע פאַרוואַלטונג. די זעלבסטשטענדיקייט פון מחוזא האָט געדויערט בלויז אַ יאָר זיבן.

אונזער ידיעה פון דעם אויפשטאַנד — אין „סדר עולם זוטא" — איז צוגעפּראַוועט מיט ניסים: „איתחזי ליה עמודא דנורא ונפקון בהדי ארבע מאות גברין ועבדו קרבא על פרסאי ואורית מלכותא וגבי בוזיאתא ז׳ שנין" (אים האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פייערדיקער זייל און ס׳זיינען אַרויס פיר הונדערט מאַן און זיי האָבן געמאַכט מלחמה מיט די פּערסן און די קעניגלעכע געזעצן, און האָבן גענומען צינזן זיבן יאָר). דער צענטער פונעם אויפשטאַנד איז געווען אין מחוזא, וואו די מערהייט פון דער באַפעלקערונג זיינען געווען יידן. ווען די פּערסישע מאַכט האָט געבראָכן דעם אויפשטאַנד איז חרוב געוואָרן דער יידישער ישוב אין מחוזא צוזאַמען מיט זיינע ישיבות; נייע צענטערס פון יידישן לערנען זיינען שפּעטער אויפגעקומען ווייט אין צפון, אויפן טייך זאב. פון דאַנען ווייסן מיר, אַז דעמאָלט האָט נאָך עקזיסטירט אַ באַדייטנדיקער יידישער ישוב אין דער געגנט פון אַדיאַבענע. קען זיין, אַז דאָס איז די לעצטע ידיעה אונזערע וועגן די קינדס־קינדער פון די אַדיאַבענער יידן.

גלייכצייטיק האָט זיך געגרינדעט אַ יידישע מדינה העט־ווייט, אין מערב־אינדיע, אויפן ברעג פון מאלאבאר. דער אָנהויב פון יענער מדינה איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון יוסף רבן — ער איז געקומען קיין מאלאבאר אין יאָר 379 לויט דער קריסטלעכער רעכענונג. אין קאָטשין, אין דער שול, געפינען זיך נאָך היינט אַלטע מעשענע לוחות מיט אַן אויפשריפט אויף טאַמיליש (אַ שפּראַך פון דער דראַווידישער פאַמיליע), וועלכע זאָגט עדות, אַז יוסף רבן האָט באַקומען אַ פּאָליטישע אויטאָנאָמיע פון דעם בראַהמאַנישן קעניג אירבי פאַרקוראַן אירַאווי וואַנמאַר אין דער שטאָט אַנדשאַוואַנאַם, אַצינד — שינגלי אָדער קראַנגאַנאָר. אין דער אויפשריפט ווערן אויסגערעכנט די אויטאָנאָמישע רעכט און סימבאָלן, וועלכע יענער קעניג האָט געגעבן יוסף רבנען און זיין פאָלק. נאָך דעם איז די מדינה געווען זעלבסטשטענדיק גלייך ווי אַנדערע אינדישע פירשטנטימער. זי האָט עקזיסטירט בערך טויזנט יאָר און איז חרוב געוואָרן

אין יאר 1471. די רעשטן פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג זיינען אַריבער — ווילנדיק אָדער ניט־ווילנדיק — קיין קאָטשין. פון 1565 ביז אונזער צייט איז קאָטשין געווען זייער היים. במשך פון דעם קיום פון זייער מדינה אין מאלאבאר האָבן אין איר געקיניגט 50 יידישע מלכים, איינער נאָכן אַנדערן, אַלע פון דעם הויז פון יוסף רבן. און היינט האָבן מיר זוכה געווען צו זעען די עליה פון די קאָטשינער יידן, פוןביידע קהילות — די „ווייסע" און די „באַפרייטע" (אַמאַליקע קנעכט) — קיין ארץ־ישראל.

ג.

אַרום דער צייט ווען אין קראַנגאַנאָר, אויפן מערב־ברעג פון דעם אינדישן האַלבאינזל, האָט זיך געגרינדעט אַ קליינע יידישע מדינה, איז געבוירן געוואָרן אַ גרעסערע יידישע מדינה אין אַן אַנדער גלות־לאַנד, אויפן דרום־מערבדיקן ברעג פונעם אַראַבישן האַלבאינזל — חימיאַר אין תימן. פון „כתבא דחמיר" און פון אויפשריפטן אויף מאָנומענטן, וועלכע מ'האָט דעשיפרירט אין דער לעצטער צייט, ווייסן מיר אַז די יידישע אמונה איז געווען פאַרשפּרייט אין תימן שוין אין דריטן יאָרהונדערט לויטן קריסטלעכן לוח, און אפשר נאָך פריער — אויף דעם דייטן די קברים פון די חימיאַרישע פירשטן („קול־חמיר", אויף זייער לשון) אין די קברים־מערות פון בית שערים; און ס'איז גאַנץ מעגלעך אַז זיי זיינען געווען יידן אָדער גרים. שפּעטער האָט מען געפונען אין תימן אַ סך נעמען פון חימיאַרישע מלכים און פון פירשטן פון תיהאמא (דאָס ברעג־לאַנד פון תימן), וועלכע האָבן זיך מגייר געווען.

באַזונדערס זיינען אונז באַקאַנט די קעניגן פון חימיאַר, וועלכע האָבן געטראָגן דעם טיטל „תובעה": זיי האָבן געפירט מלחמות מיט די קריסטלעכע קעניגן פון אקסום, די הויפּטשטאָט פון אַביסיניע אין יענער צייט. די „תובעהס" האָבן געקיניגט אין חימיאַר מער ווי הונדערט יאָר — פונעם סוף פון דעם פערטן קריסטלעכן יאָרהונדערט ביזן אָנהויב פון דעם זעקסטן. אין דער עפּאָכע האָט דאָס יידנטום געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין לאַנד און שטאַרק פאַרשפּרייט זיך דאָרטן. די נעמען פון די מלכים, וועלכע האָבן זיך מגייר געווען און געקיניגט אין תימן פאַר דער דינאַסטיע פון בני־כריבא (די

„תובעהס"), זיינען — לויט דעם בעלגישן פּראָפעסאָר, פּראָפ. ראָטיינס (באַנד 1, ז. 89—91) — די [6]:

1. ישיר יוהנעם אָדער יצירום יוהרעם, דער קעניג פון שבא און ד׳ו־רידאַן, האָט זיך מגייר געווען אין יאָר 270.

2. שמר יהרעש, זיין זון, קעניג פון שבא און ד׳ו־רידאַן און חצרמות און תימן (281—300).

3. חסן תובעה, האָט זיך מגייר געווען; געקיניגט 320—325; מלחמה געהאַלטן מיט דעם ביזאַנטישן קיסר קאָנסטאַנטין.

4. עמר־שלמה, 325—330, זיין פאָטער האָט געהייסן דויד; זיין זיידע איז געווען אסעד א׳. זיין פאָטער איז געשטאָרבן ווען ער איז געווען אַ קינד. ער איז אויך געשטאָרבן יונגערהייט.

5. זיין אלמנה, בלקיס אָדער מקדה, איז געווען די טאָכטער פון קודקוד הדהד, אַ פירשט פון תיהאמא און חמדן. הודהוד אָדער אדר איז דער פאָטער פון אַ נייער דינאַסטיע: כריבא־יוהנעים. יוהאמן, דער ערשטער קעניג פון הויז כריבא, איז — הייסט דאָס — געווען אַ ברודער פון מקדה.

אַן אַנדער ווערסיע

1. יאצירום יוהנעם — ד׳ו־אל־קרנין, אַנדערש — אסעד, האָט איינגענומען יתרב (די שפּעטערדיקע שטאָט מדינה) און דעם גאַנצן מערב־טייל פונעם אַראַבישן האַלבאינזל, ווי אויך אַקסום אין אַביסיניע (אין יאָר 270). אין זיין צייט איז דאָס יידנטום געווען די הערשנדיקע רעליגיע אויף ביידע זייטן פון ים סוף. ער איז געשטאָרבן אין 275.

2. שמר יוהרעיש, זיין זון, קעניג פון שבא און ד׳ו־רידאַן, איז געשטאָרבן אין 300. אין דער צייט פון זינוביה, די קעניגין פון פּאַלמירא, האָט ער פאַרברייטערט זיין הערשאַפט אין צפון פון אַראַביע און איז געשטאַנען אויף דער זייט פון זינוביה בעת איר מלחמה מיט רוים (272). אין דרום האָט ער באַהערשט דעם ווירעד־וועג ביז חצרמות.

6) חימיאַרישע אויפשריפטן, ווי העברעאישע און אַנדערע אַלטע סעמיטישע, האָבן ניט קיין נקודות און מ׳ווייס ניט אויף זיכער ווי זיי צו לייענען; דעריבער ברענגען מיר די נעמען פון די קעניגן ווי זיי שטייען געשריבן אויף העברעאיש, אָן צו פּרואוון וואָקאַליזירן זיי.

3. חסאן תובעה, פון שמרס קינדער, 320—325; ער האָט מלחמה גע־האַלטן מיט קאָנסטאַנטינען.
4. עמר, אַנדערש — שלמה בן דויד, אַן אייניקל פון אסעד א׳, אַ ייד.

נעמען פון די קעניגן פון הויז כריבא

1. יוהאמן, 373—385. דער ערשטער פון הויז כריבא, וואָס האָט זיך מגייר געווען; מיט אים האָבן זיך מגייר געווען זיינע זין.
2. אבו כריבא אסעד (אָדער אשעד) כמאל, אַנדערש — אסעד כריבא, האָט זיך אויך מגייר געווען. געקיניגט 385—420.
3. דיראַי אמרה אימן, 420. הירשבערג (ז. 60) שרייבט זיין נאָמען: דריאמו אימן.
4. שרחבל יעפור, אַ ברודער פון דיראַי, 420—455.
5. עבד־כולאלס, 455—460, אַנגענומען קריסטנטום.
6. שורחבל יכוף, 460—470.
7. מעד כרבה ינעם.
8. לוחיעת ינוף ברידער, 470־495.
9. מרתד אילן, 495—515, האָט זיך מגייר געווען.
10. יוסף ד׳ו־נואס, 515—525, אַ ייד.

ווי געזאָגט, אויף די ווענט פון די מערות פון בית־שערים האָבן מיר אַ זכר פון די הערשער פון הימיאַר („קול חמיר״) פון דריטן יאָרהונדערט.

די חימיאַרישע מלכים מיטן טיטל „תובעה״ האָבן געפירט אַ הונדערט־יעריקע מלחמה מיט די אַגרעסיווע קריסטלעכע קעניגן פון אקסום, פאַרטיי־דיקנדיק זייער יידישן גלויבן און די פרייהייט פון זייער פאָלק. באַקאַנט איז דער העלדישער קאַמף און טראַגישער סוף פון דעם „תובעה״, דעם קעניג יוסף ד׳ו־נוואס. צוגלייך, און שוין מיט אַ סך דורות פריער, זעען מיר אין צפון־אַראַביע פרייע יידישע שבטים — אין יתרב און איר סביבה: בני נצ׳יר (נאַדיר), בני קריט׳ה (קורייזה) און אַנדערע, און אין דער געגנט פון חיבר (חייבאַר).

די יידישע מלוכה אין חימיאַר האָט געהאַט איר קיום אַ פּאָר הונדערט

יאָר; אָבער פרייע יידישע שבטים זיינען געווען — סיי אין כעדשאַז, סיי אין תימן — שוין פאַר דעם, און האָבן עקזיסטירט הונדערטער יאָרן נאָך דעם ווי חימיאַר איז חרב געוואָרן [7].

מיר ווייסן, אַז אין מיטן פון זעקסטן יאָרהונדערט האָט געהערשט אין יתרב אַ יידישער פירשט מיטן נאָמען פיתיאָן א־שריף — מענטשן פון דעם שבט בני קילה האָבן אים דערהרגעט הינטערוויילעך. באַרימט איז דער יידיש־אַראַבישער פּאָעט שמואל בן־עדיה (560): ער האָט געהאַט זיין אייגענע פעסטונג אין תימא און איז געווען אַן אומאָפּהענגיקער הערשער.

איך האָב שוין דערמאָנט דעם קליינעם, זעלבסטשטענדיקן, יידישן ישוב אויפן אינזל יטבה (היינט — טיראַן),ביים איינגאַנג פון ים־סוף אין ים־בוזים פון אילת (איילאַט). צום באַדויערן האָבן מיר ניט קיין שום ידיעות וועגן יטבה אויסער דער באַמערקונג ביי פּראָקאָפּיוס [8]. נאָר דאָס ווייסן מיר, אַז ביז יוסטיניאַנוס (ערשטע העלפט פון 6טן יאָרהונדערט) איז יטבה געווען אַ פרייער יידישער ישוב. מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער האָט דער אַראַבישער היסטאָריקער מאַקריזי (1364—1442) דערמאָנט אַן אינזל פון שומרונים אין ים־סוף, אַוואו די שומרונים זיינען אַנטלאָפן פון מצרים בעת די אַראַבער האָבן איינגענומען דאָס לאַנד; אַ סברה אַז מיט דעם „אינזל פון די שומרונים" האָט מאַקריזי געמיינט יטבה [9].

די אַביסינישע יידן, וועלכע מ'רופט „פאַלאַשאַ", און זיי רופן זיך בית ישראל, זיינען געווען אָפּגעריסן פון די צענטערס פון יידנטום ביזן סוף פון דעם 19טן יאָרהונדערט. דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר י. נ. פייטלאָוויץ האָט אָוועקגעלייגט זיינע כוחות אויף אויסצופאָרשן זייער לעבן און זייערע שריפטן, און אויף צו באַנייען די פאַרבינדונג צווישן זיי און דעם יידנטום אין די מערב־לענדער. די אָפּשטאַמונג פון די פאַלאַשאַס איז נאָך ווייט ניט אויפגעקלערט. לויט זייער טראַדיציע שטאַמען זיי פון די יידן, וועלכע שלמה המלך האָט געשיקט צו באַגלייטן מלכת שבא אויף איר נסיעה צוריק פון ירושלים אַהיים: זיי זיינען געפאָרן מיט איר און געבליבן אין אַביסיניע. ווידער איז

7) גרעץ, 3ער באַנד, ז. 91—92. — „כתבא דחמיר", ז. 50—52. — The Book of the Homarites, by Moberg, London, 1924, p. 80-91. — ח. ז. הירשבערג: „ישראל בערב", הוצ. מוסד ביאליק, תל־אביב, 1941. — ישראל בן זאב: „היהודים בערב". — Rathiers, Sabaleiia, 1, Hamburg, 1953.

8) Procopii de Bello Persico. זע אויך י. בן־צבי, „שאר ישוב", באַנד 2, ז. 30־31.

9) י. בן־צבי, „ספר השומרונים", ז. 126.

דאָ אַ מיינונג, אַז די פּאַלאַשאַס קומען אַרויס פון דעם יידישן חיל, וועלכער איז איינגעשטאַנען אין יב (יעוו) און אין סונה (סוועגע, היינט — אַסואַן) און האָט באַשיצט די דרום־גרענעצן פון מצרים: אין 5טן יאָרהונדערט (פאַר דער קריסטלעכער רעכענונג) האָבן די יידישע סאָלדאַטן עמיגרירט אין דרום־זייט, באַזעצט זיך אין צפון־אַביסיניע, אין די בערג, און געפירט דאָרט אַ זעלבסט־שטענדיק לעבן. אַן אַנדער השערה זאָגט, אַז זייער מקור איז פון אַראַבישע יידן, וועלכע האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אַביסיניע נאָך דעם חורבן פון זייער מלוכה אין חימיאַר (אין 6טן יאָרהונדערט קריס. רעכ.). איך בין נוטה צו דער מיינונג, אַז דעם אָנהויב פון אַ יידישן ישוב אין אַביסיניע האָבן געמאַכט די יידישע סאָלדאַטן פון מצרים — פון דאָרטן האָבן זיי געבראַכט די כתבי קודש אויף העברעאיש און אויף גריכיש. אַ ראיה האָבן מיר פון דעם תנ״ך פון די פּאַלאַשאַס. דער תנ״ך איז ביי זיי געבליבן בלויז אין דער אַלטער אַביסינישער שפּראַך (געז), און ער שטימט דווקא מיט דער גריכישער איבער־זעצונג (סעפּטואַגינטאַ, תרגום השבעים), וואָס איר מקור איז געווען אין מצרים; און די יידן פון חימיאַר, און בכלל פון תימן, האָבן געהאַט דעם טראַדיציאָנעלן העברעאישן תנ״ך פון ארץ־ישראל — זיי האָבן זיך ניט גענוציקט אין אַ גריכישער איבערזעצונג און ניט געקענט באַנוצן זיך מיט איר. פאַרשטייט זיך, צו דער ערשטער שיכט זיינען שפּעטער צוגעקומען עלעמענטן פון אַלע אַנדערע, אויבנדערמאָנטע, קוועלן.

זיכער איז, אַז אין די אַביסינישע בערג האָט עקזיסטירט אַ יידישע מלוכה (אָדער עטלעכע מלוכות). זי איז חרוב געוואָרן אין 17טן יאָרהונדערט. אונזערע מאָגערע ידיעות פון איר עבר גרייכן ניט ווייטער ווי ביז צום 14טן יאָרהונדערט. ס'איז קלאָר, אַז די יידישע מלוכה אין אַביסיניע איז ניט געבוירן געוואָרן פּלוצלונג, יש מאין, אין 14טן יאָרהונדערט; געוויס האָט זי געהאַט אַ קיום — מיט הפסקות — פון אַלטע צייטן, פון פאַר דער קריסטלעכער עפּאָכע. קען זיין, אַז אין 14טן יאָרהונדערט איז זי שטאַרקער געוואָרן ווי פריער — על כל פנים, דער פאַקט איז אַז זי האָט געהאַט כוח צו ראַנגלען זיך דריי הונדערט יאָר מיט דער וואַקסנדיקער מאַכט פון די קריסטלעכע קעניגן.

באַקאַנט איז דער נאָמען פון אַ קעניגין — גודית־יהודית. זי האָט געקי־ניגט 40 יאָר, און נאָך איר — אירע קינדער און קינדס־קינדער; אמת, ניט אַלע פון זיי זיינען געבליבן יידן. מ'קען נאָך אַ מלכה פון דער דינאַסטיע — אסתה (אסתר); ס'איז אַ סברה אַז זי איז אויך געווען אַ יידישע. פון אירע

מעשים איז געבליבן אין זכרון פון די דורות נאָר איין זאַך: זי האָט אויסגעראָטן אַלע מיטגלידער פון דער קעניגלעכער אַביסיניִשער פאַמיליע — בלויז איין פרינץ איז געבליבן לעבן.

אין דער צייט פון דעם אַביסיניִשן (קריסטלעכן) קעניג זרע־יעקב (1438—1468), האָבן עטלעכע פירשטן, הערשער פון די פּראָווינצן סאַלאַמאַט און סאַמין, מגייר געווען זיך. קריסטלעכע אַביסיניִשע כראָניקעס דערציילן, אַז די פאַלאַשאַס האָבן דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן נצחון איבער דער אַרמיי פון דעם נגוש (נעגוס); זיי האָבן פאַרניכטעט אַ סך אַמהאַרער (קריסטלעכע אַביסינער) און צעשטערט זייערע קלויסטערס.

נאָך זרע־יעקב איז אַרויף אויפן אַביסיניִשן טראָן לעבנא דענגאַל. ער האָט באַזיגט און אונטערייַאָכט די פאַלאַשאַס. זיי האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט אַ מוסולמענישן אָנפירער, אַחמד בן־אַבראַהים. מיט זייער הילף האָט ער זיך אַרייַנגעריסן אין צפון־אַביסיניע (1536). אָבער באַלד ווי ער האָט זיך דערפילט גענוג שטאַרק צו האַלטן דאָס וואָס ער האָט פאַרכאַפּט, אַליין, אָן שותפים, האָט ער געבראָכן זיין וואָרט און געוואָרן רודפן די יידן. דאַן האָבן די פאַלאַשאַס געזוכט הילף ביי די פּאָרטוגעזן.

די מלחמות און אויפשטאַנדן פון די פאַלאַשאַס האָבן געדויערט אַ סך דורות; אָבער מיר האָבן מער נישט ווי ברעקלעך ידיעות פון דעם וואָס איז פאָרגעקומען אין יענער עפּאָכע. בלויז נעמען פון עטלעכע יידישע פירער זיינען צו אונדז דערגאַנגען: רדאי און זיין ברודער כלב, גושן און אַנדערע. דער באַרימטסטער פון זיי, וואָס דער זכר פון זיין גבורה לעבט אין הארצן ביי די פאַלאַשאַס, איז געווען גדעון: ער האָט געשלאָסן אַ בונד מיט עטלעכע לאָקאַלע פירשטן און אָנגעפירט דעם אויפשטאַנד קעגן דעם נעגוס „סאַציניוס" (סגד א'), וועלכער איז געוואָרן אַ קאַטאָליק.

די מלחמות פון די פאַלאַשאַס מיט די קריסטלעכע אַביסינער זיינען פול מיט אַקטן פון יידישער גבורה, וועלכע ברענגען אויפן זינען דעם קאַמף מיט רוים אין דער צייט פון חורבן בית שני און פון ביתר. גדעון, דער לעצטער קעניג פון די פאַלאַשאַס, איז געפאַלן אין קאַמף, אין 1624, אָבער זיין נאָמען לעבט אין זכרון פון זייערע דורות אַזוי ווי דער נאָמען פון בר־כוכבא [11]).

10) פייטלאָוויץ: „קווער דורך אַביסיניען", בערלין, 1909. — אשכולי:
Falasha Anthropology, Introduced by Folf Laslan, Brandeis University.

מיט אַ יאָרטויזנט פריער האָט זיך קריסטאַליזירט אַ יידישער פּאָליטישער קיום אין אַן אַנדער עק פון אַפריקע, צווישן בערבערישע שבטים — די יידישע קעניגין, דאהיה אל־כאהינא, האָט אָנגעפירט דעם קאַמף פון די יידיש־בער־בערישע שבטים קעגן דער אַראַביש־מוסולמענישער אינוואַזיע. אין דער פאַר־טיידיקונגס־מלחמה האָט זי פאַראייניקט יידן, קריסטן און בערבערן; אָבער די מוסולמענער האָבן געהאַט גרעסערע כוחות און האָבן גובר געווען. דאהיה איז געפאַלן אין שלאַכט אין יאָר 700 בערך. פּראָפ. נחום סלושץ האַלט — שטיצנדיק זיך אויף אלדד הדני — אַז אין 9טן און 10טן יאָרהונדערטער האָט נאָך עקזיסטירט אין אַפריקע, אין דער ברייט פונעם קאָנטינענט — פון אַבי־סיניע דורך סודאַן ביזן אַטלאַנטישן אָקעאַן — אַ געמישטע נעגערשע מלוכה, אין וועלכער ס'האָט געהערשט אַ רייטער־קלאַס פון יידישע שבטים [11].

אַן אַנדערע יידיש־בערבערישע מדינה האָט עקזיסטירט אין צפון־אַפריקע אין 10טן—11טן יאָרהונדערטער. די קליינע מדינה אין וואַדי דרעה, אין מערב־זייט פון מדבר סאַכאַראַ, האָט מסתמא געהאַט אַן עבר, און אפשר אַ לאַנגן עבר. לויט דער מיינונג פונעם רב יעקב משה טולידאַנו ז״ל („נר המערב״, ירושלים, תרע״א /1911/, ז. 20—22; 28—32 א. וו.) איז דער יידישער ישוב אין וואַדי דרעה געווען זעלבסטשטענדיק פון אַלטע צייטן, קען זיין פון דער צייט פון די רוימער, ביזאַנטער און וואַנדאַלן. אַפילו אידריס, דער פאַטימידישער (אַראַבישער) אַגרעסאָר, האָט ניט דערגרייכט ביז דרעה. אָבער קיין זיכערע ידיעות פון דער פאַרגעשיכטע פון יענער געגנט האָבן מיר ניט. ערשט פון 10טן יאָרהונדערט ווערן באַקאַנט אייניקע נעפלדיקע פאַקטן: דער דעמאָלטיקער יידישער הערשער האָט געהייסן יוסף. די דאָרטיקע קריסטן האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד; זיי האָבן פאַרלאַנגט פרייהייט אָדער פולע רעכט — על כל פּנים, דאָס איז געווען אַ באַוועגונג קעגן דער יידישער הערשאַפט. יוסף האָט געקעמפט מיט זיי; אָבער ער איז אין גיכן געשטאָרבן. זיינע יורשים — יעקב, זיין ברודער, און שמואל, יעקבס זון — האָבן שלום געמאַכט מיט די קריסטן און איינגעטיילט זיך מיט זיי: די קריסטן האָבן געקראָגן דעם מזרח־טייל פונעם לאַנד, און די יידן האָבן זיך גענומען דעם מערב־טייל, וועלכער האָט צוערשט געהייסן וואַדי זייתון און דערנאָך — וואַדי

11) נ. סלושץ: „נפוצות ישראל באפריקה הצפונית״ (יידישע דיאספּאָרא אין צפון־אַפריקע), ספרית קו־לקו, ירושלים, ז. 11, 41, 47.

דרעה. ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט ביז די קריסטן האָבן ווייטער אָנגעהויבן אַ מלחמה. נאָך עטלעכע בלוטיקע שלאַכטן האָבן זיי געליטן אַ ריכטיקע מפלה און זייער גאַנצער ישוב איז חרוב געוואָרן. די רעשטן האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אויף זייער אָרט זיינען געקומען מוסולמענער. זיי האָבן אָנערקענט די יידישע רעגירונג און געזעצן רואיק אַ יאָר הונדערט, ביזן אָנהויב פון 12טן יאָרהונדערט. הרב טולידאַנו האָט פובליקירט אַ דאָקומענט, פון וועלכן מיר זעען, אַז צום סוף האָבן די מוסולמענער בוגד געווען און אָנגעפאַלן אויפן יידישן ישוב אומגעריכט, אין אַ שבתדיקן טאָג, און אומגעבראַכט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. אבן־עזרא, אין זיין קינה אויף די קרבנות פון די מוסולמענישע פאַנאַטיקער, די „מוואכאדין״, דערמאָנט אויך דרעה:

„וסות אקרעה עלי דרעה אשר לפנים נתפשה,
וביום שבת, ובן עם בת — שפכו דמם כמים...״

(און איך וועל רייסן קריעה אויף דרעה, וועלכע מ׳האָט איינגענומען אום שבת; [אומגעבראַכט] זין און טעכטער — זייער בלוט פאַרגאָסן ווי וואַסער).

פון דאַנען מאַכן מיר אַ שפרונג אויף צוריק — פון אַפריקע קיין איראָפּע. פון אַלע היסטאָרישע נסיונות צו בילדן אַ יידישע מדינה אין גלות איז דער וויכטיקסטער געווען, אָן אַ ספק, די כאַזאַרישע מלוכה, אין וועלכער די יידישע אמונה האָט געוואונען אַ הערשנדיקע פּאָזיציע און האָט זי באַוואָרט הונדערטער יאָרן. די רוסישע היסטאָריקער פון פאַר דער רעוואָלוציע האָבן געמאַכט אַ רעכענונג, אַז די יידישע כאַזאַרישע מלוכה האָט עקזיסטירט 230 יאָר בערך, פון בולאַנען אָן — ביז סוויאַטאָסלאַוו, אַ קיעווער פירשט (957—972), האָט געשלאָגן די כאַזאַרן, איינגענומען זייער הויפּטשטאָט און געמאַכט אַ סוף צו זייער מלוכה.

נייע היסטאָריקער האָבן געפונען אַז די כאַזאַרישע מלוכה האָט געהאַט אַ לענגערע געשיכטע. ס. א. טאָלסטאָוו זוכט די וואָרצלען פון כאַזאַרישן יידנטום אין כוואַרעזם, די שפּעטערדיקע כיווע. א. נ. פּאָלאַק האָט דערוויזן אין זיין בוך („כוזריה. — תולדות ממלכה יהודית באירופה״ /די געשיכטע פון אַ יידישער מלוכה אין איראָפּע/, תל־אביב, 1943), אויפן סמך פון אַראַבישע און יידישע קוועלן, וועלכע די רוסישע פאָרשער האָבן פאַרזען, אַז די יידיש־כאַזאַרישע מלוכה האָט ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירן נאָך סוויאַטאָ־

סלאָוון — אירע רעשטן זיינען געבליבן זעלבסטשטענדיק און האָבן ווייטער געלעבט ווי אַ יידישע מדינה. דער לעצטער חורבן איז געקומען אויף די כאַזאַרן פון די הענט פון די מאָנגאָלן אין 1224. די כאַזאַרישע מלוכה האָט עקזיסטירט קרוב צו אַ האַלבן יאָרטויזנט. נאָך די מאָנגאָלן זיינען געבליבן אין, און אַרום קאַווקאַז צעזייטע הייפלעך פון כאַזאַרישע יידן און גרים. ביי די איינוואוינער פון יענע קאַנטן גייען אַרום ביז היינט טראַדיציעס פון כאַזאַרישער אָפּשטאַמונג. פון די דאָרטיקע רוסישע גרים, די „סובאָטניקעס״, זיינען פאַראַן וועלכע האַלטן, אַז זיי שטאַמען פון די כאַזאַרן.

אויפן סמך פון דעם בריוו פונעם כאַזאַרישן קעניג יוסף (אין זיין קורצן, און אין זיין פולן, נוסח) און פון דער קעמברידזשער האַנטשריפט (קעמברידזש ג) — דער רוסישער פאָרשער קאָקאָווצעוו האָט פובליקירט די אַלע מאַטעריאַלן — איז מעגלעך געווען צונויפצושטעלן אַ ליסט פון אַלע כאַזאַרישע קעניגן, ביז יוסף, דעם שרייבער פון דעם בריוו צו חסדאי איבן שאַפּרוט.

פון דעם קעמברידזשער דאָקומענט קענען מיר פיר געמען:

סבריאל
בנימין
אהרן
יוסף

אין דעם פולן נוסח געפינען מיר דרייצן נעמען:

א) סבריאל — ער איז מסתמא אידענטיש מיט בולאַנען אָדער מיט עובדיהן.
ב) חזקיה, זיין זון
ג) מנשה, זיין אייניקל
ד) חנוכה, אַ ברודער פון עובדיה, האָט געקיניגט נאָך מנשה
ה) יצחק, זיין זון
ו) זבולון, זיין אייניקל
ז) משה (אין דעם קורצן נוסח איז זיין נאָמען מנשה ב׳)
ח) נסי
ט) אהרן א׳
י) מנחם
י״א) בנימין
י״ב) אהרן ב׳
י״ג) יוסף — ער האָט גענומען אַ טאָכטער פון דעם קעניג פון די אַלאַנען.

מ׳דאַרף וויסן, אַז דער גיור פון די כאַזאַרן איז ניט געווען קיין איינצלנער און צופעליקער עפּיזאָד אין יענע קאַנטן: דאָס יידנטום איז דעמאָלט געווען פאַרשפּרייט אויך צווישן אַנדערע פעלקער, ווי למשל ביי די גרוזינער און

אַרמענער אין קאַווקאַז. אַ גאַנצער טאַטערישער שבט, די קומיקן, האַלט אַז ער שטאַמט פון יידן. נאָך אַ פאַקט, וואָס איז כדאי צו פאַרצייכענען, איז דער גיור פון אַלאַנישע און קיפּטשאַקישע קעניגן (די אַלאַנען זיינען געווען אַן איראַניש פאָלק פון דער סאַרמאַטישער פעלקער־גרופּע און די קיפּטשאַקן — אַ טאַטעריש פאָלק).

די אַלאַנען זיינען דעמאָלט געזעצן אין צפון־קאַווקאַז און אין די סטעפּן, וועלכע ציען זיך אין מערב־זייט פון דרום־אוראַל. ס'איז באַקאַנט, אַז אין 8טן און אין 9טן יאָרהונדערט זיינען די אַלאַנען געווען אונטערטעניק צו די כאַזאַרן. די היינטיקע אָסעטינען שטאַמען פון די אַלאַנען.

לויט דעם קעמברידזשער דאָקומענט האָבן די אַרומיקע קעניגן מלחמה געהאַלטן מיטן כאַזאַרישן קעניג בנימין, דעם פאָטער פון אהרן ב׳, און נאָר די אַלאַנען זיינען אים געקומען צו הילף, „ווייל אַ טייל פון זיי האָבן אָנגענומען די יידישע תורה״. ווייטער שטייט דאָרטן: „און דער קעניג פון די אַלאַנען איז געגאַנגען אויף זייער לאַנד און האָט זיי געשלאָגן און צעבראָכן; און מיט גאָטס הילף האָבן זיי געליטן אַ מפּלה פון די הענט פון דעם קעניג בנימין״. שפּעטער, זאָגט די האַנטשריפט, האָט דער קעניג פון די גרעקן (ד. ה. פון ביזאַנטיע) איינגערעדט דעם אַלאַנישן קעניג צו מאַכן אַ מלחמה מיט אהרנען, דעם קעניג פון די כאַזאַרן. אהרן האָט אים באַזיגט און געפאַנגען, אָבער באַהאַנדלט מיט כבוד און גענומען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב פאַר זיין זון, יוסף. יוסף, דער אויטאָר פונעם באַוואוסטן בריוו צו חסדאי איבן שאַפּרוט, איז געווען אַ געטרייער ייד; און ס'איז אַ סברה — אויפן סמך פון דעם וואָס ס'שטייט אין אונזער דאָקומענט מכוח דער פאַרשפּרייטונג פון יידישקייט צווישן די אַלאַנען — אַז דער קעניג זייערער איז אויך געווען אַ ייד אָדער אַ גר[12]).

12) וועגן די אַלאַנען הערן מיר אויך פון ר׳ בנימין מטודילא: ער דערמאָנט די עקזיסטענץ פון יידישע קהילות אין זייער לאַנד (אין דער צווייטער העלפט פון 12טן יאָר־הונדערט). אויך ביי די אָסעטינען, וועלכע שטאַמען דירעקט פון די אַלאַנען, געפינען מיר אייניקע יידישע מנהגים, ווי למשל יבום; און זיי מאַכן אַן אונטערשיד צווישן די זין פון אַ ווייב און די זין פון אַ קעבסווייב — וואָס דאָס איז קעגן די געזעצן פון איסלאַם. די קברים, וואָס מ'האָט אויסגעגראָבן אין ווערכנעיע סאַלטאָוואָ — פון אַלאַנען און אַסן אָדער יאַסן, טיפּיש־כאַזאַרישע קברים — זיינען אַ באַווייז פון קרובהשאַפט צווישן די אַלאַנען און די כאַזאַרן. לאַנג פאַר דעם ווי דער קעמברידזשער דאָקומענט איז באַקאַנט געוואָרן, האָט דער פאָרשער פּפאַץ משער געווען, אַז אין קאַווקאַז איז פאַרצייטנס פאָרגעקומען אַ יידיש־איראַנישע מישונג. די סוואַנעטן, אַ שבט וואָס זיצט הויך אין די בערג פון קאַווקאַז

יידן האָבן געפּרואווט שאַפן זיך אַן אויטאָנאָמען ישוב אויך אין דער נייער וועלט. צום סוף פון 17טן יאָרהונדערט האָבן יידישע עמיגראַנטן פון האָלאַנד (צווישן זיי אַ סך פּאָרטוגעזישע אנוסים), און צום טייל אויך פון ענגלאַנד, געגרינדעט קאָלאָניעס אין דעם אורוואַלד פון סורינאַם (די האָלענדישע גוויאַנאַ)[13]. די גרינדער זיינען אַרויס פון דער יידישער קהילה אין פּאַראַמאַריבאָ, די הויפּטשטאָט פון סורינאַם. זיי האָבן געבויט אַ שטאָט (1670) טיף אין וואַלד, ווייט פון ברעג־ים, וואו דער אייראָפּעאישער ישוב האָט זיך קאָנצענטרירט; האָבן זי באַפעסטיקט, און אין דער סביבה געהאַט נאָך עטלעכע דערפלעך — און האָבן געשאַפן אַ מין אויטאָנאָמיע, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן קרוב צו הונדערט יאָר. זיי האָבן אויסגעהאַקט וועלדער, געמאַכט זיך פעלדער פאַר תבואות און פּלאַנטאַציעס, געאַקערט, געזייט און געפלאַנצט, און דורכגעלייגט וועגן אין דעם דזשונגל. דער עקאָנאָמישער באַזיס פון דער קאָלאָניע זיינען געווען פּלאַנטאַציעס, עקספּלואַטאַציע פון די וועלדער און מסחר. זייער ישוב האָט געבליט און איז געוואַקסן; אין 1719 האָט ער שוין געציילט אַ באַפעלקערונג פון 10,000 נפשות. אָבער זיין ווירטשאַפט, אַזוי ווי די ווירטשאַפט פון די האָלענדער, פראַנצויזן און ענגלענדער, אין גוויאַנאַ און בכלל אין זייערע אַמעריקאַנער קאָלאָניעס, איז געשטאַנען אויף קנעכט־אַרבעט. די קנעכט זיינען געווען נעגער, וועלכע אייראָפּעאישע קנעכט־הענדלער פלעגן פאַנגען אין אַפריקע און פאַרקויפן אויפן מאַרק אין אַמעריקע. אין גוויאַנאַ פלעגן די נעגער, ביי יעדער געלעגנהייט, אַנטלויפן אין די טיפענישן פון אורוואַלד — דאָס רוב זיינען זיי נאָך פון דער היים געווען געוואוינט צום וואַלד־לעבן. אין די וועלדער פלעגן זיי זיך פאַראייניקן אין באַנדעס און

און רעדט אַ שפּראַך, וועלכע איז נאָענט צו דער גרוזישער, היטן אָפּ שבת, כאָטש זיי געהערן היינט צו דער קריסטלעכער קירכע.

איבן רוסתה דערציילט פון דעם הערשער פון כיזאַן, אָדער דזשידאַן, אַז ער פלעגט דאַוונען מיט די גלויביקע פון דריי רעליגיעס — פרייטיק, שבת און זונטיק — כדי יוצא זיין פאַר אַלעמען, ווייל ער ווייס ניט, האָט ער געזאָגט, וועלכע איז די אמתע אמונה; און מסעודי דערמאָנט גרים אין אַ דאַגעסטאַנער שבט פון שמידן, מיטן נאָמען זערעגראַן (זע אין פּאָלאַקס בוך, ז. 153—154).

דער מקור פון די אָסעטינען איז אין צפון־קאַווקאַז, אין באַסיין פון דעם טייך טערעק; דאָרט זיצט ביז היינט די מערהייט פונעם שבט. אָבער אַ קלענערער טייל האָט אויסגעוואַנדערט, במשך פון 16טן—18טן יאָרהונדערטער, קיין דרום־קאַווקאַז. זייער שפּראַך איז, אין גרונד גענומען, די שפּראַך פון די אַמאָליקע אלאנען. די צאָל פון די אָסעטינען איז אַצינד 350,000 נפשות. זייערע שכנים — די אַזאַרביידזשאַנער, נאָגאַייער און קומיקן — רעדן טערקישע דיאַלעקטן.

גנבנען זיך, אין די נעכט, צו די איינזאַמע יידישע פּלאַנטאַציעס און הייזער מיט אַ כוונה צו רויבן און מאָרדן.

אויפן אָרט פון די אַנטלאָפענע פלעגן די קאָלאָניסטן — יידן גלייך ווי די קריסטלעכע פּלאַנטאַטאָרן — קויפן נייע קנעכט; אָבער די פלעגן אויך אַנטלויפן. וואָס מער מ'האָט געבראַכט קנעכט פון אַפריקע, זיינען אַלץ גרעסער געוואָרן די באַנדעס פון די נעגער אין וואַלד. דער יידישער ישוב איז געווען ווייט פון ברעג ים, וואו די האָלענדער האָבן געהאַט זייער מיליטער און אַדמיניסטראַציע, און געגוג כוח צו באַשיצן זיך און פאַריאָגן די ווילדע וואַלד־באַנדעס; ער האָט זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף זיך אַליין. די יידן האָבן אַ לאַנגע צייט אויסגעהאַלטן דעם קאַמף מיט די תמיד־וואַקסנדיקע מחנות פון רויבער און מערדער, וועלכע האָבן זיי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און געלויערט אויף זיי פון זייערע באַהעלטענישן בייטאָג און ביינאַכט.

די יידן האָבן מלחמה געהאַלטן מיט גבורה, אַ מלחמה אויף לעבן און אויף טויט. זיי האָבן געבויט קליינע באַפעסטיקונגען, געשטאַנען אויף דער וואַך טאָג און נאַכט, אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס און געיאָגט די אָנפאַלער — יענע זיינען ניט געווען פייאיק אויסצוהאַלטן אַן אָפענעם קאַמף מיט די פאַר־טיידיקער. אָבער זיי האָבן זיך פאַרמערט אָן אַ צאָל; און דער יידישער ישוב — פאַרקערט — איז תמיד איינגעפאַלן מחמת אויסגעמאַטערטקייט, קדחת און שטענדיקע פאַרלוסטן. קיין נייע כוחות זיינען ניט געקומען. די האָפענונג אויף אַ צוקונפט איז פאַרשוואונדן. אייניקע האָבן געגומען פאַרלאָזן דעם אָרט. די געבליבענע האָבן געקעמפט מיט די לעצטע כוחות. דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט זיינען שוין די קאָלאָניעס געשטאַנען וויסט און חרוב — קיין לעבעדיק נפש איז דאָרט ניט געווען. די נעגער האָבן צעשלעפּט וואָס זיי האָבן געקענט שלעפּן, צעבראָכן וואָס זיי האָבן געקענט צעברעכן, צעשטערט די געביידעס און אַוועק ווייטער און טיפער אין זייער דזשונגל. דאָס איבעריקע האָט געטאָן דער וואַלד: ער האָט אַלץ פאַרשלונגען. נאָר די חורבות פון הייזער און מצבות אויפן בית־עולם מיט העבראַישע אויפשריפטן קענען דערציילן דעם פאַרשער, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ בליענדיקער, אויטאָנאָמער יידישער ישוב.

13) זע „מנורה", אַ יידיש־ענגלישער זשורנאַל; מאַרס, 1928. — א. ראובני: „עיר־מדינה יהודית בגויאנה" (אַ יידישע שטאָט־מדינה אין גוויאַנאַ), בוסתנאי, 1932. — א. לאַזאַר: „גלות המתחסלת מאליה" (אַ גלות וואָס ליקווידירט זיך פון זיך אַליין), הבקר; 14.9.1951.

ד.

יידן האָבן געשאַפן — אָדער געפּרואווט שאַפן — אַן אייגענעם פּאָליטישן קיום אין גלות אויף צוויי אופנים: א) מיט דער הילף פון אַ גייסטיקער, רעליגיעזער און מאָראַלישער השפּעה אויף די העכערע קלאַסן פון אַ באַפעל־קערונג. אַ השפּעה וועלכע האָט — אין אייניקע פאַלן — געפירט צו זייער גיור; ב) אַדאַנק דער קאָנצענטראַציע פון מאַסן יידן אין איין געגנט, וואָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט, אין געוויסע אומשטענדן, אַרויסצוטרעטן ווי אַ זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער פאַקטאָר.

אין ערשטן פאַל, ווי מיר האָבן געזעען, פלעגן זיך מגייר זיין מיטגלידער פון אַ קעניגלעכער משפחה אָדער מיליטערישע פירער און טיילן פון די אויבערשטע קלאַסן; און נאָך זיי — אַ סך פון פּראָסטן פאָלק. יידישע עלע־מענטן פלעגן שטאַרקן און באַפעסטיקן דעם דאָזיקן פּראָצעס. באַקאַנטע היסטאָרישע ביישפּילן האָבן מיר געטראָפן אין אַדיאַבענע, אין חימיאַר, אין כאַזאַריע. ביישפּילן פון דעם צווייטן סאָרט קענען מיר אַ סך, אָבער אונזערע ידיעות זיינען קאַרג, צופעליק, נעפּלדיק. מיר ווייסן, אַז ס'זיינען פאָרגעקומען יידישע אויפשטאַנדן אין תחום פון דער אַמאָליקער פּערסישער אימפּעריע, אָנגעפירט פון די ברידער חסינאי און חנילאי, פון מר זוטרא, פון עובדיה אבו־עיסא; אַז זעלבסטשטענדיקע יידישע ישובים און שבטים האָבן עקזיסטירט אין דרום־און־צפון־אַראַביע, אין אַביסיניע, אין צפון־אַפריקע; אַ יידישע מדינה אין קראַנגאַנאַר, אויפן מערב־ברעג פון דעם אינדישן האַלבאינזל; און צולעצט, אין 17טן—18טן יאָרהונדערט — אַן אויטאָנאָמע יידישע קאָלאָניע אין סורינאַם.

מיר האָבן געזעען, אַז אין די טויזנטער יאָרן פון גלות, האָט זיך געמאַכט — אין פאַרשידענע לענדער און ציַיטן — אַז יידן האָבן געוואונען פּאָליטישע מאַכט. צייטנווייז פלעגט זיך אַנטוויקלען אין אַזעלכע לענדער אַ באַדייטנדיקע באַוועגונג פון גיור. אָבער אויך צוזאַמען מיט די גרים זיינען די יידן תמיד געבליבן אַ מיעוט.

דער איינציקער בינדונגס־עלעמענט אין אַזאַ מדינה איז געווען די רעליגיע — ניט ראַסע און ניט שפּראַך. דער גיור האָט געלאָזט אַלע ראַסן און פעלקער פאַראייניקן זיך מיטן יידנטום: אין אַדיאַבענע האָבן זיך מגייר געווען פּאַרטן, קורדן און פּערסן; אין פּאַלמיראַ — אַראַבישע שבטים; אין כאַזאַריע — כאַזאַרן, סלאַוון, מאַנגאָלן; אין חייבאַר — בעדואינער; אין אַביסיניע — נעגער

און אַביסינער; אין מאַלאַבאַר — אינדיער; אין צפון־אַפריקע — נעגער און בערבערן; אין סורינאַם — קנעכט פון אַפריקע. די אַלע זיינען געבליבן ביי זייערע שפּראַכן און ראַסן אויך נאָכן גיור. העברעאיש האָבן ניט פילע געקענט.

די יידן זיינען געווען אַ מיעוט און געפאַלן אונטער דער סאָציאַלער און גייסטיקער השפעה פון די אָרטיקע גרים. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך דערווייטערט פון כלל־ישראל און האָבן ניט באַוויזן מקרב צו זיין די מאַסן גרים צום יידנטום, צו די יידישע צענטערס אין אַנדערע לענדער. דאָס האָט געפירט, פריער אָדער שפּעטער, צום אונטערגאַנג פון דער יידישער פּאָליטישער מאַכט אין אַזאַ לאַנד. דער רעזולטאַט פונעם ריס צווישן דער אויבערשטער, יידישער אָדער פאַריידישטער שיכט און דער אָפּט־פיינטלעכער מערהייט פון דער באַפעלקערונג, פון איין זייט, און פון דער אָפּגעזונדערטקייט פון אַלוועלטלעכן יידנטום, פון דער אַנדערער זייט, איז געווען אַז די יידישע מדינה, אין צייט פון אַ מלחמה, איז געשטאַנען איינזאַם און פאַרלאָזן — „ווי אַ סוכה אין אַ פעלד, ווי אַ באַלאַגערטע שטאָט". אַזוי איז אויסגעפאַלן דער גורל פון שטאַרקע יידישע מדינות אין אַראַביע, ווי חימיאַר און חייבאַר, פון זעלבסטשטענדיקע יידיש־בערבערישע שבטים אין צפון־אַפריקע, פון מלוכות פון די כאַזאַרן אין מזרח־אייראָפּע און פון די פאַלאַשאַס אין אַביסיניע. אין אַנדערע פאַלן האָט די ניט־יידישע מערהייט אויפגעהויבן זיך קעגן דער הערשאַפט פון דעם יידישן מיעוט — אין סורינאַם, אין צפון־אַפריקע; און מסתמא איז אַזוי געשען, אין די אַלטע צייטן, אויך אין אַדיאַבענע. ניי בלויז איז ניט אַריינגעפאַלן, פרישע יידישע עלעמענטן זיינען ניט געקומען. דעריבער, בעת אַ פּורענות, האָבן די יידישע הערשנדיקע קלאַסן אַרויסגעוויזן וויניק פעסטקייט: ס'פלעגט ווערן אַ בהלה און אַן אַנטלויפעניש פון לאַנד.

אין אייניקע ערטער זיינען געבליבן נעפלדיקע זכרונות פון אַן אַמאָליקן יידישן עבר, למשל, ביי די רוסישע סובאָטניקעס אין קאַווקאַז און אין דער געגנט פון וואָלגאַ — זיי זיינען זיך מתיחס צו די כאַזאַרן. סמוטנע זכרונות פון יידישער אָפּשטאַמונג גייען אַרום ביי געוויסע בעדואינישע שבטים אין דער סביבה פון חייבאַר, אין עבר־הירדן און אין ארץ־ישראל. דאָס זעלביקע געפינען מיר ביי אַ סך אַפגאַנישע און קורדישע שבטים אין זייערע בערג. אָבער אין אונזער אַלטער ליטעראַטור איז ניטאָ כמעט קיין זכר — און זייער וויניק אויטענטישע דאָקומענטן — וועגן דעם העלדישן קאַמף פאַר אַ פרייען יידישן לעבן אין גלות, אַ קאַמף וואָס האָט זיך כסדר באַנייט במשך פון די

לאַנגע דורות פון אונזער צעזייאונג. ווען ניט פרעמדע קוועלן, ווי ברייו פון קריסטלעכע גלחים און שטיקלעך פון אַלטע כתבים, ווי „כתבא דחמיר״, וואָס מ׳האָט געפונען ניט לאַנג, און נאָך אַזעלכע צופעליקע מאַטעריאַלן, וואָלט דאָס ביסל עפּיזאָדן פון דעם טויזנטער־יאָריקן ספּאַראַדישן קאַמף, וועלכע ווערן פאַרצייכנט אין דעם בוך, געבליבן היינט אויך אומבאַקאַנט.

אַ הוספה

ס׳איז כדאי צו ברענגען דאָ אַן אויסצוג פון א. א. הרכבים בוך „היהודים ושפת הסלאווים״ (יידן און די שפּראַך פון די סלאַוון, ווילנע, תרכ״ד /1864/, קאַפּיטל 6, ז. 132), אין וועלכן די רייד איז פון אַ פאָלק חאַליזים, וואָס האָט געהאַלטן פון תורת משה.

„אַ ביזאַנטישער היסטאָריקער, יאָהאַנעס קינאַמאָס, באַשרייבנדיק די מלחמה צווישן דעם גריכישן (ביזאַנטישן) קיסר עמנואל קאָמנענאָס און דעם דאַלמאַטישן פאָלק, אין יאָר 1154, דערציילט אַז איינציקע גריכישע אויסקוקער און שפּיאָנען האָבן מודיע געווען דעם קיסר עמנואל, אַז די דאַלמאַטן קומען און דערנעענטערן זיך מיט אַ גרויסער מחנה; דערצו האָבן זיי מוסיף געווען: ׳(די מחנה)[1] באַשטייט ניט בלויז פון די דאַרטיקע איינוואוינער; מיט זיי גייען אַ מאַסע שבטים, זייערע בונד־פריינט, רייטער פון די האונים (הונען — אַזוי האָט מען גערופן די הונגאַרן אין ביזאַנטיע) און פון די וועלכע זיצן אין זייער מיט — מענטשן פון אַן אַנדער גלויבן — פון די חאַליזים; די הונען האַלטן פון דעם קריסטלעכן געזעץ, אָבער יענע (די חאַליזים) היטן די מצוות פון משה און אַנדערע געזעצן, און שיידן זיך אָפּ פון זיי (פון די הונען) ביזקל היינטיקן טאָג׳ [1].

„ווער זיינען דאָס די חאַליזים, וועלכע האָבן געהיט תורת משה אין 12טן יאָרהונדערט און פון וואַנען זיינען זיי געקומען אין לאַנד פון

1) אין זיין בוך: Joanni Cinnami Historiarum, Lib. III, ed. Bonn, p. 107. אַנדערשוואו (דאָרט, ז. 257) זאָגט ער, אַז די געזעצן פון די חאַליזים זיינען ווי פון די פּערסן. אָבער ס׳איז קלאָר, אַז דאָס איז אַ טעות פון איבערשרייבער: אַנשטאָט EBPAIOI (העברעיער) האָבן זיי געשריבן ΠΕΡΞΑΙ (פּערסן).

די הונגאַרן? דער היסטאָריקער שלאָסער זאָגט: ס'איז אַ סברה אַז זיי זיינען די כוואַליסן פון דעם רוסישן כראָניק־שרייבער נעסטאָר; און פון זייער אמונה זאָגט ער: 'מסתמא האָט ער, צינאַמאָס (קינאַמאָס) ניט געוואוסט פון מוחמדס אמונה' [2]). אָבער קיין ערלעך־דענקנדיקער מענטש וועט מיט דעם ניט מסכים זיין, ווייל דער דאָזיקער קינאַמאָס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער מענטש, אַ נאָטאַריוס אין ביזאַנטיע, און ס'לייגט זיך ניט אויפן שכל אַז אָט־דער היסטאָריקער זאָל ניט וויסן פון מוחמדס רעליגיע, און זאָל זי פאַרבייטן מיט דער יידישער אמונה, נאָך דעם ווי ביזאַנטער האָבן געפירט מלחמות מיט די ישמעאלים (מוסולמענער) זעקס הונדערט יאָר, און במשך פון דער צייט געהאַט אַ סך פאַרהאַנד־לונגען מיט זיי (קינאַמאָס האָט געשריבן זיין בוך בערך אין יאָר 1180); און מיר וויסן דאָך פון דעם פאָרער, ר' בנימין פון טודעלא, אַז אין ביזאַנטיע זיינען אין יענער צייט געווען יידן. דאָס פאַרשטייט זיך פון זיינע ווערטער: 'און פון דאָרטן דריי טעג ביז טעבעס, אַ גרויסע שטאָט, אין וועלכער זיינען דאָ ביי אַ צוויי טויזנט יידן... און ס'איז ניטאָ אַזוי פיל אין גאַנץ גריכנלאַנד, אויסער דער שטאָט קושטנטינופלי' (קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל) [3]).

„דעריבער האַלטן מיר, אַז די ידיעה פון דעם שרייבער קינאַמאָס איז גוט באַגרינדעט: ער האָט געזען מיט זיינע אויגן און געהערט מיט זיינע אויערן דאָס וואָס ער דערציילט פון יענער מלחמה [4]). דען פון איין זייט איז באַקאַנט, אַז די חאליזים זיינען געזעסן אויפן ברעג פון קאַספּישן ים, אין תחום פון דער כאַזאַרישער מלוכה, און דעריבער רופט נעסטאָר דעם קאַספּישן ים: כוואַליסער ים. פון דער אַנדערער זייט, ווייסן מיר, אַז די כאַזאַרן זיינען געווען קרובים פון די הונגאַרן: די צוויי פעלקער האָבן ביידע געשטאַמט פון דער פינישער ראַסן־גרופּע. אַזוי איז די מיינונג פון דאָס רוב פאָרשער. על כל פנים, אַלע גיבן צו, אַז צווישן די פילע פעלקער, וועלכע האָבן זיך אַסימילירט מיט די כאַזאַרן — פון 6טן ביזקל 10טן יאָרהונדערט — זיינען געווען אַ סך פינען. לויט דעם קיסר קאָנסטאַנטין פּאָרפיראָגענעטאָס און אַנדערע ביזאַנטישע

2) „זאַמלונגען צור געשיכטע דער דויטשען אין זיבענבירגען", געטינגען, 1795, ז. 186, אַנמערקונג 33.

3) „מסעות רבי בנימין", לאָנדאָנער אויסגאַבע, ז. 16־17.

שרייבער זיינען די הונגאַרן געווען אונטערטעניק די כאַזאַרן אין מיטן פון 10טן יאָרהונדערט; און אויך שפּעטער, בעת די ערשטע (די הונ־גאַרן) זיינען אַריינגעדרונגען אין דאַקיאַ און אין פּאַנאָניאַ, האָבן די קאַבאַרן, אַ כאַזאַרישער שבט, פאַרנומען ביי זיי אַ הערשנדיקע פּאָזיציע [5].

„און נאָך דעם ווי די כאַזאַרן האָבן געליטן אַ גרויסע מפלה פון די הענט פון די רוסן, אין מיטן פון 10טן יאָרהונדערט און שפּעטער, האָבן זיי זיך געלאָזט וואַנדערן און האָבן זיך צעזייט אין פאַרשידענע וייטע לענדער, אַזוי אַז דער ראב״ד (ר׳ אברהם בן דוד הלוי, 1110 בערך — 1180) האָט געקענט זאָגן אין זיין „ספר הקבלה״: ׳און מיר האָבן געזען אין טולטילה (טאָלעדאָ) איניקע פון זייערע (די כאַזאַ־רישע) קינדס־קינדער׳. און ס׳איז דאָך גאַנץ גרינג געווען פאַר אַ טייל פון זיי צו גיין קיין פּאַנאָניע (זי האָט געביטן איר נאָמען אויף הונ־גאַריע), וועלכע איז נאָענט צו זיי, און זוכן אַ רעטונג ביי זייערע ברידער, זייערע פיזישע קרובים, אויב אַפילו ניט קרובים אין גייסט.

„מיר האָבן נאָך צו באַמערקן, אַז דער באַוואוסטער פּוילישער שרייבער, אויגוסט ביעלאָווסקי, זאָגט אויך, אין זיין נייעם בוך [6], אַז נעסטאָרס כוואַליסן זיינען די האליזים פון קינאַמאָס. אין דעם ענין האָבן מיר נאָך וואָס צו זאָגן, און מיר וועלן דאָס טאָן ווען ס׳וועט קומען די צייט״.

4) ער אַליין האָט זיך אין איר באַטייליקט. זע זיין ביאָגראַפיע אין דער הקדמה צו זיין בוך, אין דער דערמאָנטער אויסגאַבע.

5) די ידיעות פון די גריכישע שרייבער וועסטו געפינען ביים שרייבער סטריטער, אין זיין בוך: Strittery Memorial Populorum qui olim ad Dannbium, T. III, Hungarica et Chazarica.

6) זע זיין בוך: Monumenta Historiae Polonica, T. I, Leopoli, 1864, p. 578.

באַמערקונגען

אַדיאַבענע (העברעאיש: חדייב) — אין מעסאָפּאָטאַמיע, צווישן צוויי טייכן: דעם אויבערשטן און דעם אונטערשטן זאב. אַרבאַל (היינט — אירביל) איז געווען די הויפּט־שטאָט פון אַדיאַבענע. די קעניגין העלענע מיט אירע זין און אַ טייל פון דער באַפעל־קערונג האָבן זיך מגייר געווען אין דער 1טער העלפט פון דעם 1טן קריסטלעכן יאָר־הונדערט און האָבן זיך באַטייליקט אין דער יידישער מלחמה מיט רוים (65—73 קריס. רעכ).

איטיל — דער טייך וואָלגאַ אין דער צייט פון די כאַזאַרן.

אימאַם — אַ פירער אויף אַראַביש. די שיאיטן און סעקטעס וועלכע האָבן זיך אָפּגעצווייגט פון זיי, גלויבן אין אימאַמעס, מיני באַהאַלטענע משיחים. די דאָזיקע אימאַמעס שטאַמען פון עלי (אַלי), דעם איידעם פון מוחמד. ווען ס׳וועט קומען די צייט, גלויבן זיי, וועט זיך דער אימאַם אַנטפּלעקן — אַ זיבעטער אָדער צוועלפטער דור פון עלי — און וועט מחדש זיין דעם אמתן כאַליפאַט.

איסמאַעליטן — איינע פון די סעקטעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשיידט פון שיאיזם אין 10טן יאָרהונדערט. זיי הייסן אויך אַלאַוויטן (אויפן נאָמען פון עלי) און נוסייריטן. זיי פאַרגעטערן אַן אימאַם מיטן נאָמען איסמאַעיל. די כאַליפן פון דער פאַטימישער דינאַסטיע, וועלכע האָט געהערשט אין מצרים מער ווי 200 יאָר (969—1171) האָבן געהערט צו דער סעקטע, און דאָס איז די צייט פון איר גדולה. דער צענטער פון דער סעקטע איז היינט אויפן ברעג פון ים־התיכון, צווישן דעם ים און דעם טייך נהר אל־כביר.

אשתורי הפרחי — אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ באַרימטער פאָרשער פון ארץ־ישראל און אירע אַלטערטימער (1282—1357). געבוירן אין אַנדאַלוזיע, היספּאַניע.

אכעמענידן — די ערשטע דינאַסטיע פון דער פּערסישער אימפּעריע (550—330 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג), געגרינדעט פון כורש (געשטאָרבן 529).

אַלרואי, דוד — דער אָנפירער פון דעם יידישן אויפשטאַנד (1160) אין קורדיסטאַן, אין דער געגנט פון אַמאַדיע, זיין געבורטסאָרט. דער סעלודשוקישער הערשער פון יענער געגנט האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד. די פּרטים זיינען ניט באַקאַנט.

אָמאַיאַדן — אַ דינאַסטיע פון אַראַבישע כאַליפן, וועלכע האָט געהערשט 90 יאָר: 661—750. דאָס אויפקומען פון דער דינאַסטיע האָט געפירט צו מלחמות צווישן די מאַכמעדאַנער און צו דער שפּאַלטונג פון איסלאַם אין צוויי טיילן: סוניטן און שיאיטן.

אריסטעאַס — אין דעם בריוו פון אַריסטעאַס ווערט דערציילט די מעשה פון דער איבערזעצונג פון תנ״ך אויף גריכיש. די איבערזעצונג איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „סעפּטואַגינטאַ״, אויף העברעאיש: „תרגום השבעים״ (די איבערזעצונג פון די זיבעציק). דעם בריוו האָט מען מחבר געווען, ווייזט אויס, אין 3טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער רעכענונג.

אַרשאַק — דער גרינדער פון דער פּאַרטישער אימפּעריע, וועלכע האָט גע׳ירשנט די אימפּעריע פון כורש. די פּאַרטישע הערשאַפט האָט אָנגעהאַלטן קרוב צו 500 יאָר (250 פאַר דער קריס. רעכ. — 226 נאָך דער קריס רעכ.).

באהאיער — אַ סעקטע, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין פּערסיע אין פאַריקן יאָרהונדערט. איר גרינדער איז געווען איינער באהא־אוללא. אין 1862 האָט ער מודיע געווען אַז ער איז די פאַרקערפּערונג פון גאָט. די מיטגלידער פון דער סעקטע האָבן געמוזט אַנטלויפן פון פּערסיע און האָבן זיך באַזעצט אין עכו. מיט דער צייט האָבן זיי אויסגעטייטשט זייער אמונה ווי אַ מין קאָמפּראָמיס צווישן איסלאַם און קריסטנטום און אַזוי אַרום געוואונען אַנהענגער אין אַמעריקע. זייער צענטער איז געבליבן אין עכו און אין חיפה.

בנימין פון טודעלאַ — אַ באַרימטער יידישער פאָרער און פאָרשער פון יידישע ישובים אין די מזרח־לענדער, אין צוועלפטן יאָרהונדערט. זיינע נסיעות האָבן געדויערט 13 יאָר: 1160—1173.

בנימין השני — אַ פאָרער און פאָרשער פון יידישן לעבן אין אַזיע, אין 19טן יאָרהונדערט. געבוירן אין מאָלדאַוויע אין 1818, געשטאָרבן אין לאָנדאָן אין 1864. אָנהויב 1845 האָט ער זיך געלאָזט אין וועג זוכן די עשרת השבטים. ער איז דורכגעפאָרן ארץ־ישראל, סיריע, מעסאָפּאָטאַמיע, פּערסיע, אַפגאַניסטאַן און אינדיע. וואָס ער האָט געזעען האָט ער באַשריבן אין אַ בוך, וואָס איז צוערשט אַרויס אויף פראַנצויזיש (אין 1856): „פינף יאָר אין מזרח: 1846־1851", און שפּעטער אויך אויף אַנדערע שפּראַכן.

דרוזן — אַ סעקטע, וועלכע האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער איסמאַעליטישער און געוואָרן אַ רעליגיע פאַר זיך. די דרוזן גלויבן אין דער געטלעכקייט פון דעם 6טן פאַטימישן כאַליף, חאַכים (11טער יאָרהונדערט). זייער צענטער איז היינט אין די בערג פון חורן (כאַראַן). אַ טייל פון זיי געפינען זיך אין לבנון, און עטלעכע דערפער זיינען פאַראַן אין מדינת ישראל. די דרוזן רעדן אַראַביש, אָבער זיי האַלטן זיך אָפּגעזונדערט פון די אַראַבער און בילדן אַ זעלבסשטענדיקע געמיינדע, וואָס מישט זיך ניט אויס מיט די מוסולמענער און אויך נישט מיט די קריסטן. אין דער מלחמה פאַר יידישער זעלבשטענדיקייט אין ארץ־ישראל האָט אַ טייל פון זיי געקעמפט אויף דער זייט פון די יידן, אויך היינט דינען זיי אין דער יידישער אַרמיי (צה"ל).

האי גאון — (939—1038). אב בית־דין פון דער באַרימטער ישיבה פון פומבדיתא. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין חכמה און גלייכן פאַרשטאַנד, ווי מ'זעט פון זיינע תשובות (ביי אַ טויזנט תשובות) אויף יורידישע און אַנדערע שאלות. פון „חכמת הקבלה" האָט ער ניט געהאַלטן. אויף אים האָט מען געזאָגט: „דער לעצטער פון די גאונים אין צייט און דער ערשטער אין גרויסקייט".

הורמיז — אהורא־מאַזדא אויף אַלט פּערסיש, אָרמוזד אויף איראַפּעאישע שפּראַכן, דער אויבערשטער גאָט אין דער רעליגיע פון זאַראַטוסטראַ (6טער יאָרהונדערט פאַר דער קריס. רעכ.). ער איז דער גאָט פון גוטס און פירט אַן אייביקע מלחמה מיט אַהרימאַן (אַנגראַ־מאַאיניוס אויף איראַניש), דער גאָט פון שלעכטס. לסוף וועט ער אים מנצח זיין. דעמאָלט וועט קומען דער משיח (מיטן נאָמען סאַאשיאַנט) און וועט אויסגלייכן אַלץ וואָס איז קרום אויף דער וועלט און די וועלט וועט שוין אייביק זיין גוט.

זיידים — די הערשנדיקע סעקטע אין תימן; געהערט צו די שיאיטישע ריכטונגען. די זיידים גלויבן אַז נאָר עלי, דער איידעם פון מוחמד, האָט געהאַט דאָס רעכט צו זיין אַ כאַליף. דאָס קעניגלעכע הויז פירט איר אָפּשטאַמונג פון יענעם עלי (אַלי).

חסדאי בן־שפרוט — (10טער יאָרהונדערט), אַ דאָקטאָר און יועץ אין פּאָליטישע און פינאַנציעלע ענינים ביי דעם אַראַבישן כאַליף פון קאָרדאָווא, אַבד אַ־רחמן ג׳ (961—912). האָט פיל געטאָן לטובת פון די יידן אין די מזרח לענדער. האָט זיך איבערגעשריבן מיט דעם קעניג פון די כאַזאַרן.

חצרמות (אין אַראַביש : חצ׳ראמאות) — אַ קליין לאַנד אין דרום־אַראַביע, אין מזרח־זייט פון אַדען, אויפן ברעג ים. אַן ענגלישער פּראָטעקטאָראַט.

טאָרקוועמאָדאַ — (1420—1498), דער סאַדיסטישער אינקוויזיטאָר. ער האָט געהאַט אַ השפעה אויף דער קעניגין פון היספּאַניע, די פּסיכאָפּאַטישע איזאַבעלאַ, און דורך איר אויף איר געהאָרכיקן מאַן, פערדינאַנד, און האָט ביי זיי געפּועלט מ׳זאָל אַרויסטרייבן אַלע יידן פון היספּאַניע.

כעבה (קאַאַבאַ) — אַ שוואַרצער שטיין אין דער מאָסק פון מעקאַ, די גרעסטע הייליקייט פון די מאַכמעדאַנער. יעדן יאָר קומען מאַסן מוסולמענער פון אַ סך לענדער קיין מדינה, צום קבר פון מוחמד, און קיין מעקאַ — צו קושן דעם הייליקן שטיין.

קערבעלאַ — אַ שטאָט אין דרום־מערב פון איראַק, אויף דער גרענעץ פון סירישן מדבר. דאָרטן איז דער קבר פון חוסיין (דעם זון פון עלי און פאַטמה, די טאָכטער פון מוחמד), וועלכער האָט זיך געפּרוּווט אַנטקעגנשטעלן די אָמאַיאַדן און זיי האָבן אים דערהרגעט (680). ער איז אַ קדוש ביי די שיאיטן, און עולה־רגל זיין קיין קערבעלאַ איז ביי זיי אַ גרויסע מצוה.

מאַמלוקן — (ממלוכ — אַ קנעכט אויף אַראַביש). די פאַטימידישע כאַליפן פון מצרים האָבן זיך אויפגעשטעלט אַן אַרמיי פון פרעמדע, געקויפטע קנעכט. אין 1250 האָט איינער פון די מאַמלוקישע פירער דערהרגעט דעם דעמאָלטיקן מצרישן סולטאַן און געירשנט זיין טראָן. די הערשאַפט פון די מאַמלוקן האָט אָנגעהאַלטן אין מצרים ביז די טערקן האָבן איינגענומען דאָס לאַנד (1517).

מאַראַבוטן — אַ מוסולמענישע, פּוריטאַנישע, פאַנאַטישע סעקטע פון בערבערן ; האָבן באַהערשט מאַראָקאָ און היספּאַניע אין 11טן און 12טן יאָרהונדערט.

מאַראָווידן — אַ נייע פּוריטאַנישע באַוועגונג אין צפון־אַפריקע. זיי זיינען געקומען אויפן אָרט פון די מאַראַבוטן און באַוועלטיקט די זעלביקע לענדער אין 12טן און 13טן יאָרהונדערט.

מאַראָניטן — אַ קריסטלעכע סעקטע אין לבנון, באַקאַנט פון 7טן יאָרהונדערט. פון 16טן יאָרהונדערט אָן שטייט זי אין אַ געוויסער פאַרבינדונג מיט דער קאַטאָלישער קירכע. זייער לשון איז אַראַביש, זייערע תפילות אויף אַראַמעאיש. זיי זיינען אַ קאָמפּאַקטע, אָפּגעזונדערטע גרופּע אין לבנון און מאַכן אויס בערך אַ פערטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

מעטואַלן (מתואלים) — אַראַבישע שיאיטן אין דרום פון דער לבנונישער מדינה, אויף דער גרעניץ פון מדינת ישראל.

נעסטאָר — דער עלטסטער רוסישער כראָניק־שרייבער ; אַ קיעווער מאָנאַך. געשטאָרבן אין יאָר 1115.

סאַסאַנידן — די לעצטע פּערסישע דינאַסטיע ; געהערשט פון 226 ביז 640, ווען די אַראַבער האָבן איינגענומען דאָס לאַנד און איסלאַמיזירט גאַנץ מיטל־אַזיע.

סובאָטניקעס — הייפלעך פון רוסישע גרים אין צפון־קאַווקאַז און אין דער סביבה פון די טייכן וואָלגאַ און דאָן, דאָרט וואו אַמאָל איז געווען דער צענטער פון די כאַזאַרן. לויט זייערע אַ טראַדיציע שטאַמען זיי פון די כאַזאַרן און דאָס איז דער מקור פון זייער יידישקייט.

סוניטן — די מוסולמענישע אָרטאָדאָקסיע. זיי האַלטן אַז די פיר ערשטע כאַליפן זיינען געווען באַרעכטיקטע יורשים פון מוחמדן און נעמען אָן די פירושים אויפן קוראַן פון די ערשטע מפרשים. זיי זיינען די מערהייט אין איסלאַם. דאָס רוב אַראַבער, טערקן, אַפגאַנער און אַנדערע זיינען סוניטן.

סיבילע — די סיבילעס זיינען געווען לעגענדאַרע נביאות ביי די גריכן און רוימער. איינע פון די סיבילעס האָט געהייסן „די יידישע סיבילע". די מגילה מיט אירע זעאונגען און נבואות איז אומגעגאַנגען אין פטאָלאָמעאישן מצרים. אַ סברה אַז אַן אַלעקסאַנדריניִשער ייד האָט זי מחבר געווען.

סעלעווקידן — די סעלעווקישע קעניגן, יורשים פון אַלעקסאַנדער מוקדון אין מיטלען מזרח, בעיקר אין סיריע און אין מזרח־קליינאַזיע, האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די פטאָלאָמייער פון מצרים וועגן ארץ־ישראל צווישן 218 און 198 פאַר דער קריס. רעכ. זיי האָבן גובר געווען אין 198 און באַהערשט דאָס לאַנד ביז די יידן האָבן זיך באַפרייט פון זייער יאָך אונטער דער פירונג פון די חשמונאים (167).

סעלדזשוקן — אַ טערקיש פאָלק, וואָס האָט איינגענומען, אין 11טן יאָרהונדערט, פערסיע, מעסאָפּאָטאַמיע און אַ טייל פון קליינאַזיע. אין 12טן יאָרהונדערט איז זייער מלוכה צעפאַלן און אויפגעהערט צו זיין.

סעפּטואַגינטאַ — די איבערזעצונג פון תנ"ך אויף גריכיש אין דריטן יאָרהונדערט פאַר דער קריס. רעכ. זע אַריסטעאַס.

עווסעביוס — (263—339 בע'), אַ בישאָף אין קסריה. דער מחבר פון אַ כראָניקאַלישער געשיכטע פון אַלטע פעלקער און פון אַנדערע היסטאָרישע און טעאָלאָגישע ווערק.

עלעפאַנטינע (יב) — אַן אינזל אין מצרים, לעבן דער שטאָט אַסואַן (העברעאיש: סונה). אין 5טן יאָרהונדערט פאַר דער קריס. רעכ., אין דער צייט פון דער פערסי־שער הערשאַפט אין מצרים, איז דאָרטן געווען אַ יידישע קאָלאָניע און אַ יידישער גאַרניזאָן. די דאָקומענטן פון עלעפאַנטינע פון יענער צייט זיינען געשריבן אויף אַראַמעאיש.

פּאַרטן — אַ סקיטיש־איראַניש פאָלק. אין יאָר 250 פאַר דער קריס. רעכ. האָבן זיי פאַר־יאָגט די סעלעווקידן פון פערסיע און מעסאָפּאָטאַמיע. זייער אימפּעריע האָט עקזיס־טירט ביז 226 קריס. צייט. די פערסישע דינאַסטיע פון די סאַסאַנידן האָט געירשנט די אימפּעריע פון די פּאַרטן.

פּונען — אַזוי האָבן די רוימער גערופן די פעניקער פון קאַרטאַגען און בכלל פון צפון־אַפריקע.

פּושטו — די שפּראַך פון די פאַטאַנען אין צפון פון פּאַקיסטאַן און פון די נאָענטע אַפגאַנישע שבטים אין אַפגאַניסטאַן.

פּתחיה פון רעגענסבורג, איז אין די מזרח־לענדער געפאָרן אַ קורצע צייט נאָך דעם אומקער פון ר' בנימין מטודעלא. ער האָט געמאַכט דעם וועג דורך קיעוו און

קרים, געקומען קיין אַרמעניע און פון דאָרטן קיין בבל, וואו ער האָט געוויילט אַ לענגערע צייט. אויפן וועג צוריק איז ער דורכגעפאָרן סיריע און ארץ־ישראל. פון אים איז ניט געבליבן קיין אייגענער באַריכט. אַנדערע האָבן פאַרשריבן וואָס ער האָט דערציילט. די דאָזיקע שטיקלעך ידיעות זיינען פובליקירט געוואָרן מיט 300 יאָר שפּעטער, אין 1595, מיטן נאָמען: „סיבוב העולם" (אַ נסיעה אַרום דער וועלט).

פאַלאַשאַ — די יידן אין אַביסיניע (עטיאָפּיע), וועלכע וואוינען דאָרטן שוין וויניקסטנס 2,500 יאָר. זייער הויט איז טונקל און זיי זיינען ענלעך צו די אַביסיניער — מעג־לעך פון פון געמישטער אָפּשטאַמונג. זיי האַלטן זיך פאַר יידן לויט זייער רעליגיע,

אויך לויט זייער נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין — און אַזוי זיינען זיי אויך באַקאַנט אַלס יידן ביי די קריסטן און ביי די מוסולמענער.

קאַי־פענג־פו — איז היינט די הויפּט־שטאָט פון דער האָנאַנער פּראָווינץ. צווישן 960 און 1126 איז זי געווען די רעזידענץ פון דער כינעזישער דינאַסטיע סונג. פון יענער צייט איז דאָרטן באַקאַנט אַ יידישער ישוב. אין די לעצטע דורות האָט די אַלטע קהילה — מחמת איר לאַנגער אָפּגעריסנקייט פון דער יידישער וועלט — פאַרגעסן די יידישע זכרונות און טראַדיציעס און צעגאַנגען געוואָרן אין דער מאַסע פון דער כינעזישער באַפעלקערונג.

קרים — די רוסן האָבן איינגענומען קרים אין 18טן יאָרהונדערט. ביז דאַן, במשך פון הונדערטער יאָרן, האָבן געהערשט אין דעם האַלב־אינזל טאַטערישע כאַנעס. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך די באַלשעוויקעס אָפּגערעכנט מיט די טאַטערן פאַר זייער בגידה (בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן די טאַטערן געהאַלטן מיט די דייטשן): מען האָט ריין געמאַכט קרים פון טאַטערן און באַזעצט אויף זייער אָרט רוסן.

ראַדשפּוטן — אַן אַריש־אינדיש פאָלק, אין מזרח־זייט פון פּאַקיסטאַן. זיי האָבן זיך באַזעצט אין דער געגנט אין 7טן קריסטלעכן יאָרהונדערט. זיי זיינען דאָס איינציקע אינדיש־אַרישע פאָלק וואָס האָט באַוויזן ווידערשטיין די אינוואַזיעס פון די צפונ־דיקע מאַכמעדאַנישע פעלקער, וועלכע האָבן איינגענומען כמעט גאַנץ אינדיע.

שיאיטן — די צווייטע גרויסע ריכטונג אין איסלאַם. זיי זיינען קעגנער פון די סוניטן. זיי האַלטן אַז דער פערטער כאַליף, עלי, האָט געזאָלט זיין דער ערשטער כאַליף. אין פּערסיע איז שיאיזם די הערשנדיקע רעליגיע. אַ היפּשער טייל פון דער איראַ־קישער באַפעלקערונג זיינען שיאיטן. אַ קליינע, אָבער קאָמפּאַקטע שיאיטישע באַ־פעלקערונג געפינט זיך אין לבנון (די מעטואַלן). ביסלעך שיאיטן זיינען דאָ אין אינדיע און אין אַנדערע לענדער.

שרירא גאון — דער פאָטער פון האי גאון. די פאַמיליע האָט זיך מתייחס געווען צו זרובבל, און דורך אים צו דוד המלך. שרירא גאון איז געווען אב בית־דין און ראש ישיבה אין פּומבדיתא אין 10טן יאָרהונדערט, פאַר זיין זון. באַקאַנט איז זיין בריוו צו דער קהילה פון קיירואַן אין צפון־אַפריקע: ער קלערט אויף די יסודות פון דער תורה שבעל־פה און רעכנט אויס די דורות פון די תנאים און אמוראים.

תרגום אונקלוס — אַן איבערזעצונג פון דער תורה אויף אַראַמעאיש, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן, ווי מען רעכנט, אין 2טן־3טן קריסטלעכן יאָרהונדערט.

טיפּן
פון
פּאַרוואָרפענע
אידישע
שבטים

אידישע טיפן פון תימן

תימנער תלמידים אין יפו



תימנער גייען פון שול



אַ תימנער טרעגער אין תל־אביב

אַ תימנער משפחה — געפלויגן מיטן „וואונדער־טעפּיך"



אַ תימנער רב



אַן עולה פון עדן (אַדען)

תימנערקעס

כאַבאַנער פליען קיין ארץ־ישראל

אַ תימנער באָבע

אַ תימנער מיידל

אַ תימנער מיידל ביים אויסנייען

אַ תימנער



אַ תימנער אַרבעטער



אַ יונגער איד אין תימן טראָגט אַ שליסל איבערן אַקסל, ווי אַ סימבאָל פון זיין אַדעליקן אָפּשטאַם

כאַבאַנער אויפן וועג קיין מדינת ישראל



אַ תימנער רב

אַ תימנער ערדאַרבעטער

כאַבאַנער יידן

אַ תימנער פֿאַמיליע אין דער היים

אַ תימנער מוטער מיט איר קינד

אַ תימנער פֿרוי



כאַבאַנער מיט זייער ספר־תורה

תימנער ווייבער

אַ תימנער לערנט זיך פלאַנצן אַ בוים

אַ תימנ׳ער חדר : דער רבי מיט
זיינע תלמידים

אַ תימנער איד אין ירושלים

אַ תימנער חתונה

אַ ייד פון חצרמות



אַ תימנער

תימנער בלאָזן שופר



דער קבר פון אסתר און מרדכי אין האמאדאן

אַלטע יידישע אויפשריפטן אויף מצבות
פון דעם בית־עולם אין פערסישן „גלעד"

דער מחבר מיט אַ יידישן „רופא"
(אַ הונדערט־יאָריקער זקן) אין דעמאַוועונד

אַ יידישע פרי פון פערסיע



אַ פערסישער ייד וועבט אַ טעפיך

אַ פאַמיליע פון פערסישע אנוסים



אַ גרוזינישער איד אין ירושלים

אַ קאַווקאַזער ייד



אַן אַלזשירער ייד



אַ טוניסער ייד

אַ רב אין מאַראָקאָ

יידישע פרויען פון לוב (טריפּאָליטאַניע)



אַ ייד פון לוב

אַ פרוי פון לוב וועבט אַ טעפּיך

עולים פון צפון־אַפריקע

אַ מאַראָקאַנער מוטער מיט קינדער

ע פרויען אין מאַראָקאָ

אַ מאַראָקאַנער ייד פון פּאַריז

אַ מאַראָקאַנער „חכם" (רב)



אַ מאַראָקאַנער ייד

אַ מאַראָקאַנער מיידל



אַ מאַראָקאַנער זיידע מיט אייניקלעך

אַ בוכאַרישע פרוי



אַ בוכאַרישער ייד



בוכאַרער „חכמים"

בוכאַרער לומדים

אַ בוכאַרער חתונה

בוכאַרער פרויען

בוכאַרישע פרויען ביי אַ שמחה

אַ יידישער האַר ביים אַפגאַנישן כאַן

אַן אַפגאַנער ייד

אַ קורדישער ייד אין מבטחים (אַ מושב־עובדים)

אַ שמש אין סאַנדאַר (קורדיסטאַן)

קורדן (ניט־יידן) — בנימיניטן

אַ קורדישע פרוי



אַ קורדישער ייד

עולים פון קורדיסטאַן

ישמעאל אגא

אַ קורדישער ייד פלאַנצט אַ בוים אין די בערג פון ירושלי



אַ קורדישער ייד לאָזט זיך פאָטאָגראַפירן

אַ אידיש מיידעלע פון קורדיסטאַן

אַ קורדישער ייד



אַ קורדישער מיוחס

קורדישע יידן
לערנען העברעאיש

קורדישע יידן — ערשט געקומען קיין מדינת ישראל

אַ קורדישע משפחה

קורדישע יידן גייען אַראָפּ פון עראָפּלאַנען אין מדינת ישראל